STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10295

A VELT VOS IZ FARBAY

Henry Shoskes

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ח. שאָשקעס

א וועלט וואָס איז פאַרביי...

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

45

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

ד״ר ח. שאָשקעס

א וועלט וואָס איז פאַרביי...

קאַפּיטלעך זכרונות

★

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל - פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס, 1949

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
Dr. H. Shoskies, New York

Dr. H. SHOSKIES

A WELT WOS IZ FARBAI...

(UN MUNDO QUE DESAPARECIO)

Este libro fué terminado el 31 de
Marzo de 1949 en los Talleres
Gráficos de Zlotopioro Hnos.
Gascón 1231
Buenos Aires

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

אינהאַלט

קאַפּ.		זייט
1	אונדזער נעכטן און אונדזער היינט	9
2	איך פאַרלאָז מיין טאַטנס היים	17
3	שבת אינדערוואָכן	24
4	דער בעל־מופת ר׳ מרדכי׳לע	35
5	חברטע ליזא מאַכט א קאַריערע	45
6	אין ביאַלאָוועזשער וואַלד	57
7	מען מסרט די שמחה	67
8	דער מגיד ר׳ אליקום געצל	78
9	אין פעסטונג נאָוואָגעאָרגיעווסק	87
10	מיין געפערלעכער ראָמאַן	97
11	די רוסן אין פרייסן אין יאָר 1914	110
12	אויפן פרייסישן פראָנט	119
13	גערעטעוועטע ספרי־תורות	130
14	א קו אלס שדכנטע	141
15	סאָניע שמדט זיך	151
16	ראָמאַנטישע פעטש אין סוויסלאָטש	162
17	מיט אַ דיפּלאָמאַטישן וואָגן קיין מאָסקווע	172
18	פסח אונטער מאַכנאָס באַנדעס	183
19	אין אַרעסט ביי די דעניקינצעס	195
20	דער צווייטער אַרעסט	208
21	דער ווידוי פון אַן עקספּערט אין ביילים פּראָצעס	219
22	דאָס לומדישע שטעטל אמדור	230
23	גראָדנער רבנים און פאָלקס־מענטשן	240
24	אַ גענעראַלשע לאָזט א ירושה דעם רב	249

25 אמעריקע אָדער ארץ ישראל — מיט 50 יאָר צוריק — — — 261
26 די מוסרניקעס פון זשאסלע — — — — — — — — — — 270
27 אין פינטשעוו טאָגט שוין — — — — — — — — — — 279
28 א שטעטל אין די פינסקער בלאָטעס — — — — — — — 286
29 די נאָוואָראָדאָמסקער דינאַסטיע — — — — — — — — 296
30 מעזריטשער געשטאַלטן — — — — — — — — — — — 305
31 יום־כפור אונטער באָמבעס — — — — — — — — — — 313
32 סוכות אונטער די נאַצים — — — — — — — — — — 321
33 די באפרייאונג פון גערער רבין — — — — — — — — 328
34 חבר ברוך פאלט אין קאמף — — — — — — — — — 338
35 מיינע זשורנאַליסטישע גלגולים — — — — — — — — 351
ביכער־רשימה — — — — — — — — — — — — — 362
פרעסע־שטימען — — — — — — — — — — — — — — 364

געווידמעט דעם אָנדענק פון
אונדזערע פאַרשווונדענע
שטעט און שטעטלעך.

I.

אונדזער נעכטן און אונדזער היינט

איך בין ווידער אַמאָל געווען אין אייראָפּע און איצט געקומען צוריק צו די געבענטשטע גאַסן פון ניו יאָרק.

וואָס זוך איך דאָרט אין יענע ווייטע, אָבער אַזוי טיף אין האַרצן איינגעבאַקענע לענדער און שטעט פון אַלטן קאָנטינענט? צי איז דאָס נישט אַמאָל דער דאָסטאָיעווסקי־קאָמפּלעקס אין אַ פאַרקערטער פאָרעם: נישט נאָר דעם גזלן ציט צוריק צום פּלאַץ פון זיין פאַרברעכן, נאָר אויך דעם קרבן צו די מקומות, וווּ דאָס פאַרברעכן איז געשען... אָט, דוכט זיך, ווילט זיך די פאַרגאַנגענהייט אַרויסרייסן פון זכרון און שטורעמען די איבערגעבליבענע יאָרן אין די נייע וועלטן און אומשטענדן, וואָס זענען מיר געגעבן געוואָרן... נאָר ניין! עפּעס אַ מאַגנעט, שטאַרקער ווי מיין ווילן, ווי מיינע איבערלעבונגען, ציט מיך קיין אייראָפּע צו די ברי־דער און שוועסטער מיינע, וואָס וואָגלען און וואַנדערן, וואָס בויען ווידער און לאָזן וואָרצלען אין נייע און אַלטע היימען.

איך וויל זיי אָנקוקן, זיך צוכאַפּן צו די אַמאָליקע קוואַלן פון דענקען און ליידן, פון וואָכעדיקייט און פריידן — זיך צונויפמישן מיט יענע יידן, מיט וואָס מער לעבעדיקע יידן — אין דער האָפענונג, אַז דאָס וועט אפשר פאַרלייכטערן די אומדערטרעגלעכע, אַזוי ווייטיקדיקע בענקשאַפט פאַרן אַמאָליקן לעבן, וואָס איז, דוכט זיך, אין גאַנצן צערונען געוואָרן אין בלוטיקן קאָשמאַר. און אמגרעסטן איז מיין אינערלעכע באַפרידי־קונג, ווען איך געפין זיך פּלוצלינג צווישן טויזנטער יידן, צווישן אַ

גרויסער געדיכטער יידישער מאַסע, וואָס באַשאַפט די אילוזיע, אַז אַט לעבן מיר דאָך און נאָך נישט פאַרניכטעט האָט מען אונדז...

איך וועל אפשר ארויסזאָגן אַן אפּיקורסישן געדאַנק, אַז בעת מיין זיין אין באַזעל — אויפן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס — האָט מיך דער קאָנגרעס גופא, זיינע פאַרהאַנדלונגען, זיין טריבונע, די אינערלעכע קאַמפן צווישן די פראַקציעס, גאַנץ ווייניק אינטערעסירט און גערירט. איך האָב עס שוין געזען אין יענע יאָרן פאַרן חורבן אין ווין, אין פּראָג, אין צוריך און טאָקע אין דעם זעלבן באַזעל גופא...

אָבער ווען די טויזנט־קעפּיקע מאַסע פון פּירער, פון דעלעגאַטן, פון געסט און גלאַט נייגעריקע, פלעגט זיך אַרויסלאָזן צו די אויסגאַנגען, בעת אַן הפסקה אין די אונטערהאַנדלונגען, האָב איך דעמאָלט אויפגע־לעבט. עפּעס אַזוי ווי אַ פרייַדיקער ציטער פלעגט מיך אַרומכאַפּן, ווען איך האָב דערזען די דוכט זיך אומענדלעכע שטראָמען פון יידן, באַוועג־נדיק זיך לאַנגזאַם פון די טרעפּ, באַדעקנדיק מיט אַ פּיל־פאַרביקן טעפּיך די מאַרמאָרנע זאַלן און דורכגענג — רעדנדיק, לאַכנדיק, צונויפגעמישט אין איין קנויל פון ברידערלעכן כנסת ישראל. אָט זעגט איר דאָך, אָט לעבט איר דאָך צווישן יידן פון פּוילן, שפּרייזנדיק אַזוי ענג, אַזוי נאָענט נעאָרעמט מיט די יונגע און אַלטע געסט פון ארץ ישראל, פון אויסטראַ־ליע, פון דער פאַריתומטער ליטע, פון דער זוניקער קאַליפאָרניע און פון אַזוי קאַלטן וויניפּעג.

איך פלעג לאַנג־לאַנג שטיין ערגעץ אין אַ ווינקל ביים אַרויסגאַנג פון דער געביידע און דורכלאָזן ווי אַ פילם טעג און נעכט און יאָרן — און אפשר דורות גאַנצע פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע האָט דאָ אַזוי משונהדיק אויפגעלעבט, אויפגעוואַכט און זיך ווידער פאַראייניקט אין איין מעכטיקן „שלום עליכם״, פיל שטאַרקער, ווי די פראַקציאָנעלע קריגערייען, וואָס, דוכט זיך, צעטיילט זיי אַלעמען אין באַזונדערע גרופּן.

אָט שטופּט זיך אין ענגשאַפט, געפירט ביים האַנט דורך אַ יונגן מזרחי־חבר, דער אַמאָליקער וואַרשעווער לאַנגיעריקער ראש־הקהל ר׳ העשל פאַרבשטיין... איך געדענק אים אין די צייטן פון זיין גלאַנץ, ווען ער האָט „געטרייסלט״ מיט דער גרעסטער יידישער קהלה אין אייראָפּע.

איצט איז ער אין די אַכציקער און די אומרחמנותדיקע אַלטקייט טרייסלט מיט אים. אָבער עס איז געגוג, איך זאָל אים באַמערקן צווישן עולם און אַ שאַרפער נאָדל־שטאָך רירט אָן מיין האַרץ: געדענקסט, אַלטיטשקער מנהיג, ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָסטו געפירט אַ מאַניפעסטאַציע פון הונדערט טויזנט וואָרשעווער יידן צום ענגלישן קאָנסולאַט פּראָטעס־טירן... אָ, יענע מאַסע שפּרודלדיקע יידן אין קאָפּעליושן און אין חסידישע היטעלעך און קאַפּאָטעס — זי איז נישטאָ, זי איז אָפּגעווישט... איצט טרייסלען מיר זיך ביידע: דו פון אַלטקייט און איך פון וויטיקלעכע זכרונות.

נעבן אים באַמערק איך אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַן ענערגיש געזיכט, דורכגעאַקערט מיט טיפע קנייטשן. אין דער וואַרשע פון אַמאָל האָבן זייער ווייניק מענטשן געקאָנט דעם סוחר שמואל רייזמאַן. ער האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט; מען האָט אים נישט געוויילט אין די שטאָט־ראַטן און אין די קהלות; געוויס האָט מען אים קיין באַנקעטן נישט געמאַכט און פאַלשע שבחים נאָכגעזאָגט. ר׳ שמואל רייזמאַן איז געווען דער דורכשניטלעכער אומבאַקאַנטער ייד. אָבער, איר פירער, יונגע און אַלטע, וואָס שטופּן זיך צוזאַמען מיט אים צום ארויסגאַנג, איר קאָנט אים נישט, איך ווייס עס געגוי, אָבער פונדעסטוועגן מאַכט אַ וואָרע: דאָס איז דאָך רייזמאַן, וואָס האָט אָנגעפירט דעם אויפשטאַנד אין טרעבלינקע, דאָס איז דאָך איינער פון די ווייניקע לעבן־געבליבענע יידן, וואָס האָבן אויף לאַנגע יאָרהונדערטער אָנגעגרייט דעם „צדה לדרך” פאַר לידער און לעגענדן, פאַרן געזאַנג פון דער נייער יידישער גבורה, וואָס האָט זיך אָפּגערופן נאָך טויזנטער יאָרן אין די געטאָס און טויט־לאַגערן. ערשט נעכטן האָב איך פאַרבראַכט אַן אָוונט מיט ר׳ שמואל רייזמאַן און איך ווייס, ווי מען דאַרף בויגן דעם קאָפּ פאַר דער ווונדערפולער גרופּע פון אומבאַקאַנטע יידישע זעלנער, דירעקטע יורשים פון די חשמונאים און בר כוכבא, וואָס האָבן אין אונזער צייט דעם באַנייטן חנוכה־לאָמפּ אָנגעצונדן.

אָבער איצט לאָז איך אים דורך, ווייל אָט גייען צוויי יונגע מייד־לעך, צוויי לאַנג־יעריקע חברטעס, איינע מיט העל־בלאָנדע און די צווייטע

מיט פעך־שוואַרצע האָר. אַמאָל זענען זיי צוזאַמען געזעסן אויף איין באַנק אין דער העברעאישער גימנאַזיע פון ביאַליסטאָק, יונג־מיידלשע חלומות געוועבט און וועגן ארץ ישראל געטרוימט. איך קען זיי ביידע, אָבער איינע פון זיי, די בלאָנדע מיטן גויאישן נעזל, קענט איר אַלע: זי איז חיהלע גראָסמאַן, די העלדין פון ביאַליסטאָקער געטאָ־אויפשטאַנד און פאַרבינדונגס־אָפיציר פון דער אונטערערדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, און די צווייטע איז די פירערין פון דער יידישער יוגנט אין פאַרוואָרפענעם הינטער די הרי־חושך סאַנטיאַגאָ־דע טשילע. ווי אַזוי די בלאָנדע יונגע חיהלע מיט דעם איינגעהאַלטענעם פייער אין אירע סאַפיר אויגן האָט די טייערע שומרים־יוגנט פון ביאַליסטאָק צום קאַמף געפירט, האָט זי אייך דערציילט פון די גרויסע וועלט־טריבונעס אַראָפּ און אויך מיר פריוואַט אין אונזער שווייצאַרישער באַגעגעניש, אָדער ווי אַזוי איר חברטע רחלע געלערשטיין האָט הונדערטער יונגע קינדער מיט יידישקייט און יידישע אידעאַלן אָנגעשטעקט אין ווייטן סאַנטיאַגאָ, בין איך אַליין געוועזן אַן עדות בעתן מאַרש פון די גליקלעכע יוגנטלעכע אין דאָרטיקן טעאַטער אונטער די בלוי־ווייסע פאָנען און שפּעטער אין הכשרה־קיבוץ אין שאָטן פון די קאָרדיליערן בערג. אין סאָוועט־רוסלאַנד וואָלט אַזאַ רחלע געהייסן אַ טרייע סטאַכאַנאָווקע און באַלוינט געוואָרן מיטן גרויסן אָרדן, אָבער די טשילענער יידן האָבן די יונגע פאַרוואָגלטע צו זיי ביאַליסטאָקער מיידל באַערט מיט אויסקלייבן זי אַלס זייער איינציקע דעלעגאַטין צום באַזעלער קאָנגרעס. צוויי קינדער, צוויי חברטעס, אָבער ווי שנעל האָבן זיי די שטורמישע געשיכטלעכע כוואַליעס אַרויפגעטראָגן אויף זייערע קאַפּריזנע הויכן.

און ווו איילט זיך די דאַרינקע, באַשיידענע יונגע פרוי, דער פּראָ־דוקט פון יידישער ברוויזנדער יוגנט אין פּאָלעסיער שטעטעלע ביטען נעבן סלאָנים. אָט זעט נאָר, ווי קליין זי איז, ווי אומבאַמערקבאַר זי וויל זיך שנעל אַרויסכאַפּן עפּעס איבערבייסן, כדי קומען צוריק אין זיצונגס־זאַל און איבערנעמען דעם פּאַרזיץ פון יידישן וועלט־פּאַרלאַמענט, פון קאָנגרעס... דאָס איז דאָך צביה לובעטקין, וועלכע טראָגט דעם העכסטן טיטל וואָס אַ פאָלק קען געבן אירער אַ טאָכטער: „צביה די מאַמע״, די מוטער פון די געטאָס... דאָס האָט זי דאָך געטראָגן פרייד און לידער,

רפֿואות, געלט און געװוער דורך די פֿאַרשאָלטענע װענט פֿון די געטאָס צװישן װילנע־װאַרשע־טשענסטאָכאָװ.

מיט איר אָנגענעמער, אביסל הײזעריקער שטימע דערצײלט זי מיר װעגן יענע טעג, װען זי אַלײן האָט געמוזט קעמפֿן מיט געװער אין די הענט און אױך שיקן אַנדערע צו העלדישקײט און טױט און דאָס אָפֿטמאָל נישט נאָר קעגן די נאַצישע מערדער, נאָר אױך קעגן יידישע פֿאַררעטער... צביהס אױגן װערן האַלבגעשלאָסן און טרױעריק, װען זי דערצײלט מיר, װי זי איז געװוען געצװוּנגען צו פֿאַרמשפּטן צום טױט דעם דר. אַלפֿרעד נאָסיג, אַמאָליקן באַדײטנדן ציוניסט און דיכטער און שפּעטערדיקן היטלער־אַגענט אין דער װאַרשעװער געטאָ. זי זאָגט:

„װען די צװײ חברים, װאָס האָבן אױסגעפֿירט דעם טױט־אורטײל איבער דר. נאָסיג, זענען צוריקגעקומען צו אונדז אין געהײמען שטאַב, האָבן זײ געבראַכט זײן פֿאַרבלוטיקטע געשטאַפּאָ־קאַרטע מיט דער אױפֿשריפֿט, אַז ער דינט אין דער „געהײמער שטאַטס־פּאָליצײ" און איז אומבאַריר־לעך... די לעצטע װערטער זײנע זענען געװען, װען מען האָט אים מיטגעטײלט דעם אורטײל פֿון יידישן קאַמפֿס־קאָמיטעט: „בראַנדט װעט נוקם זײן מײן בלוט"... און װי איר װײסט, איז דאָך בראַנדט געװען דער געשטאַפּאָ־שעף, פֿאַראַנטװאָרטלעך פֿאַרן בלוט פֿון אַ האַלבן מיליאָן װאַרשעװער יידן..."

אין האַלב־שפּאַס בעט איך בײ צביהן מחילה, װאָס אין אײנעם פֿון מײנע אַרטיקלען, װעלכע איך האָב פֿאַרעפֿנטלעכט אין „מאָרגן זשורנאַל" גלײך נאָכן װאַרשעװער געטאָ־אױפֿשטאַנד, האָב איך זי — צביהן — געטױט מיט אַ דײטשער קויל...

צביה לאַכט: „יאָ, איך װײס עס; מיר האָבן דעמאָלט אומישנע אַזאַ ידיעה איבערגעגעבן דורכן אונטערגרונט־ראַדיאָ, כדי מען זאָל מיך אַזױ שטאַרק נישט זוכן..."

װײטער, װײטער! די מענטשן מאָסע, די איבער דרײ טױזנט יידן שטראָמען נאָך אַלץ צום אַרױסגאַנג. אָט גײט דער שטענדיק גוטמוטיק שמײכלענדיקער פּראָפֿעסאָר בראָדעצקי, געאַרעמט מיט זײן ענטוזיאַסטיש װוּנדערבאַרער פֿרױ מאַניע, װעלכע באַלױכט, דוכט זיך, דעם זאַל מיט אירע אָריענטאַליש־שװאַרצע אױגן. אָ, זײ נישט אײפֿערזיכטיק, טײערער

פּראָפעסאָר, וואָס דיין הארציקע מאַניע קושט זיך מיט אַ קינדהייט־פּריינט, וועלכער איז געווען ווי אַן אייגענער אין דער ווארעם־פריינט־לעכער שטוב פון אירע עלטערן, די בערענבלומס אויף גומיענער גאַס אין ביאַליסטאָק...

ווידער באַווייזט זיך אַ פריינט, וועלכן איך האָב מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק באַגעגנט אין זיין היימיש פּויליש שטעטל ראַדזין, צווישן שידלעץ און קאָצק. איך געדענק: עס איז געווען אַ קאַלטער אָוונט, ווען איך בין פאַרפאָרן דאָן אַ דערפּרווירענער אויף דער „דראַנגאַוועג״ פור, אַרומגעלייגט מיט שטרוי און זעק און געשלעפּט פון אַ יידיש־בעל־עגלהש געפּגרט פערדל. געקומען בין איך פון קאָצק קיין ראַדזין צום פאַרזיצער פון דער פאָלקס־באַנק, צום פאַרמעגלעכן אייזן־סוחר און משכיל ר׳ דוד קליינבוים. ביי אים אין שטוב האָב איך פאַרבראַכט דעם אָוונט, דערציילט דעם באַלעבאָס און זיין פאַמיליע וועגן מיין באַזוך אין אוהל פון „אַלטן קאָצקער״, וועגן פאַרגעלטע טויזנטער „קוויטלעך״, וועלכע זעען מיר אוים ווי פאַרגליווערטע בלומען־טרערן, אָנגעזאַמלטע דאָרט אין משך פון דורות. און נאָך האָב איך דערציילט, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף מיר געמאַכט די מצבה אויפן קבר פון יידיש־פּוילישן פּאָלקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטש, וועלכער איז געפאַלן אויפן וועג קיין קאָצק און דאָרט באַגראָבן געוואָרן. דער פּוילישער גראַף זשולטאָווסקי, אויף וועמענס ערד דער קבר געפינט זיך, האָט געהייסן אויסקריצן אויפן שטיין פון געפאַלענעם העלד:

„דו האָסט דיין רום דערגרייכט נישט דורך שאַבער־מאַכער, נאָר דורך קאַמף פאַרן פּוילישן פאַטערלאַנד...״ א. אַ. וו. דאָס איז געווען דער וועג פון קאָמפּלימענטירן אַ יידישן פּאָלקאָווניק... און ווען איך רעד אזוי מיט ביטערניש וועגן גורל פון אַזעלכע בערעק יאָסעלעוויטשעס, רופט זיך אָן דער יונגער זון פון קליינבוימען, דער גימנאַזיסט משה: „יאָ! יאָ! דאָס איז דער טרויעריקער מזל פון העלדן, וואָס דינען פרעמדע געטער: איך וואָלט שוין בעסער געוואָלט זיין אַ פּאָלקאָווניק אין אַ יידישער אַרמיי...״

און ער איז דאָס געוואָרן! נישט נאָר אַ פּאָלקאָווניק, נאָר כמעט אַ גענעראַל, דער פירער פון דער „הגנה״ אין ארץ ישראל, דר. משה סנה.

אָט אין יענעם פּינצטערן פּוילישן שטעטל, אין דער ליכטיקער שטוב פון משכיל און סוחר קליינבוים איז אויפגעוואקסן דער יונגער פריינט מיינער און שפּעטערדיקער קאָלעגע אין וואַרשעווער „היינט", דר. קליינבוים־סנה.

איצט שמייכלט ער אַנטקעגן מיר, כמעט נישט געענדערט אין זיין אויסזען נאָך פון די גימנאַזיסטישע יאָרן, ווי איצט אזוי ווי דעמאָלסט זע איך אים ערנסט, ענערגיש, צו אַכצן יאָר שוין אַ פּאַרטיקער מיושבדי־קער פּאָרזיצער, ווי צו 38 יאָר אַ ווייטזעענדיקער פּאָליטיקער און ענערגישער מיליטער־פירער.

ביי דער געלעגנהייט קומט מיר אויפן זינען אַן אַנדער ענלעכע דעראינערונג: דאָס איז געווען אין בריסק דליטא אין 1923 יאָר אין אַ הערלעכן ל"ג בעומר טאָג.

אויפן הילצערנעם מיט גרינס באַצירטן גאַניק פון בריסקער ציוניסטן־מנהיג ר' לוי וויניקאָוו, מיט זיין כאַראַקטעריסטישע הערצל־באָרד האָט זיך געפירט אַ הייסע דיסקוסיע וועגן יידישע ענינים. מער פאַר אַלע האָט זיך געהיצט דער טעמפּעראַמענטפולער קהלה־סעקרעטאַר בייגין; אָבער פּלוצלינג האָבן זיך באַוויזן די קינדער פון וויניקאָוו און דער זון פון בייגינען אין זייערע שומרים־בלוזן, נאָרוואָס צוריק פון אַ ל"ג־בעומר שפּאַציר איבערן צעגאָסענעם טייך בוג. דער היציקער בייגין צעבייזערט זיך עפּעס אויף זיין דאַרן פאַרחלומטן יינגל און גיט אַ געשריי: „קום נאָר אַהער, דו פלאָקן־שיסער (אַן אילוזיע צום פייל־און־בויגן פון ל"ג־בעומר).

ענטפערט אים זיין זון מנחם:

„לאָך נישט, טאַטע, אַז מען וועט דאַרפן, וועט מען שיסן נישט נאָר פון פלעקענער".

און ער שיסט טאַקע, מנחם בייגין, דער איצט שוין האַלב־לעגענדאַרער שעף פון „אירגון צבאי לאומי", ער האַלט זיין צוזאָג, וועלכן ער האָט אויסגעשריען צו אונז אין יענעם זוניקן פרילינגס־טאָג ביים צעגאָסענעם טייך בוג...

דריי זיך, דריי זיך ווייטער, פילם פון מיינע זכרונות... באַלייכט די איבערגעבליבענע, דערמאָן די פאַרשטאָרבענע, די שטעטלעך, פון וואַנען

מיר שטאַמען אַלע, די עלטערן, די זיידעס, וואָס האָבן אונז לעבן געגעבן; די גאַסן, די טייכן, די וועלדער, וואָס האָבן אונז איינגעדריקן און יניקה געגעבן און אַרויסגעבראַכט די בני תורה און אויך די גרויע העלדן, די מלמדים און לערער, וואָס האָבן דערמעגלעכט אונז צו לעבן און צו שטאַרבן, און וואָס איז דאָס וויכטיקסטע — ד אָ ס א י ב ע ר ל ע ב ן , ד אָ ס צ י ע ן ד ע ם ה מ ש ך , ד אָ ס ש אַ פ ן א ו י פ ־ ס נ יי .

איך שטיי נאָך אַלץ און קוק דורשטיק אָן די דורכגייענדיקע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע יידן פון אַלע ריכטונגען און קלאַסן, די שארית הפליטה. אָט גייט אַ גרופּע פון די „פליטת סופרינו", פון די, איבער וועלכע מיר בעטן בלחש אין שמונה עשרה, „על הצדיקים, ועל החסידים... ועל פליטת סופריהם... יהמו נא רחמיך" — זאָלסט גאָט, זיך אויף זיי מרחם זיין, וויפל דען זענען דאָס געבליבן פון דער רייכער, זאַפטיקער שרייבער־פאַמיליע פון דער אַלטער היים.

אָט זע איך אין דער גרופּע חבר אברהם סוצקעווער, דעם פּאָעט דודך טרערן, און לעאַ פינקעלשטיין, דעם בונדיסט, און בערל מארק, דעם קאָמוניסט... וואָס אַרט מיך, צו וועלכער פּאַרטיי זיי געהערן? יידישע דיכטער, פּובליציסטן, שרייבער — דאָס ביסל איבערגעבליבענע פון דער גרויסער שחיטה, זאָל גאָט אויף זיי, אויף אונז אַלעמען זיך מרחם זיין.

און טאַקע דאָ, אויף די טרעפּ פון גרויסן זאַמל־פּונקט, אין באַזעל, ווערט ביי מיר געבוירן דער געדאַנק צוריק אַרויסצודרינגען פון אַרכיוו פון מיין זכרון, אָדער נאָך בעסער: פון דער נשמה פון מיין בלוט — דאָס לעבן פון די שטעט און שטעטלעך, ווי איך געדענק זיי, די יידן דאָרטן, ווי זיי זענען איינגעבאַקן אין מיין הארצן, דאָס ליכט, דאָס העלע, וואָס האָט אַרויסגעלייכט פון אונזערע אָרימע, אָבער אַזוי שבת־יום־טוב־דיקע טאַטעס און מאַמעס.

די הויפּט־גאַס אין סלאָנים

(פאָטאָ ר. ווישניאַק)

II

איך פאַרלאָז מיין טאַטנס היים

פון די פיל הונדערטער שטעט און שטעטלעך מיט אן אייגנאַרטיקן, פאָלקלאָטיקן יידישן לעבנס־שטייגער, וועלכע איך האָב באַזוכט אין מיינע וואַנדערונגען — האָט זיך מיר טיף אין האַרצן איינגעקריצט די שטאָט סלאָנים, אַמאָל אין גראָדנער גובערניע.

אין יענער שטאָט, אויף דער גרענעץ פון פּאָלעסיע, וועלכע האָט דאַן געציילט אַרום 15 טויזנט איינוווינער, פון וועלכע אַכציק פּראָצענט זענען געווען יידן, האָב איך פאַרבראַכט דריי יונגע יאָרן אלס שילער פון דער דאָרטיקער רעאַל־שולע.

אויך מיין געבורטסשטאָט ביאַליסטאָק האָט פאַרמאָגט אַ רעאַל־שולע, ווו עס האָט זיך געלערנט אַ הייפל יידישע קינדער, קוים צען פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל גויאישע שילער. אָבער איך בין שוין געווען א פופצן יעריקער בחורל, געקליבן זיך אָנקומען גלייך אין פינפטן קלאַס, און די פּראָצענט־נאָרמע פאַר יידישע שילער פלעגט שוין אויס־געפילט ווערן נאָך אין ערשטן קלאַס דורך יידישע „וווּנדער־קינדער", וואָס פלעגן דורכברעכן די אַנטי־יידישע וואַנט מיט קיילעכדיקע „פינפן" ביים איינטריטס־עקזאַמען. עס איז געווען דעריבער העכסט אומוואַרשיינ־לעך, אז איך זאָל דורכגיין דורך די קאָמפּליצירטע עקזאַמענס פון אַ העכערן קלאַס מיט אַלע אויסצייכענונגען, וועלכע זענען נויטיק, כדי דורכקלעטערן דורך די יידישע באַגרענעצונגען. עס איז געווען קלאָר, אַז ערגעץ ווו צווישן די פופצן עקזאַמענס וועט מיך אַן אַנטיסעמיטישער לערער כאַפּן ביי אַ פעלער און דאַן איז מיין גאַנצע האָרעוואַניע פאַרלאָרן. איך האָב דעריבער אויסגעקליבן די סלאָנימער רעאַל־גימנאַזיע, וועלכע

איז געווען נאָך אַ נייע און נישט געשטעלט אַזעלכע פאָדערונגען צו יידן ביי די איינטריטס־עקזאַמענס.

ווען מיין באַשלוס צו פאַרלאָזן די היים און אַוועקפאָרן לערנען זיך אין אַ פרעמדער שטאָט האָב איך דערוויל קיינעם נישט דערציילט. מיין פאָטער ע״ה האָט פאַר מיר געהאַט אַנדערע פּלענער: ער האָט געשטרעבט דערצו, אַז זיין בן־יחיד זאָל זיך אויסבילדן ביי פּריוואַטע לערערס און גוטע גמרא־מלמדים, זאָל גלייכצייטיק זיך ביסלעכווייז אַריינציען אין די מאַנופאַקטור־געשעפטן פון טאַטן און זיידן און זאָל ווערן מיט דער צייט אַ מיטגליד פון יענעם קלאַס טיפּישע „באַלעבאַטים״, וועלכע האָבן פאַראייניקט אין זיך תורה און דרך ארץ און געבילדעט דעם רוקן־ביין פון דער יידישער פירענדער געזעלשאַפט אין דער איבערברוך־עפּאָכע צווישן 19טן און 20טן יאָרהונדערט.

אָבער מיך, ווי פיל, פיל אַנדערע קינדער פון מיין שטאַנד, האָט שוין געצויגן צו דער גרויסער אויסערלעכער וועלט; מיר האָבן פאַראַכטעט דאָס רוטין־לעבן אין דער פריווויליקער געטאָ, וועלכע אונזערע עלטערן האָבן יאָרהונדערטער אויסגעפורעמט מיט אַזויפיל געדולד און שכל, מיר האָבן געשטורעמט קעגן דער „קרעמערישער״ פּסיכאָלאָגיע פון יידישן באַלעבאָס, וועלכער האָט זיך „פאַרמאַרינירט״ צווישן בית המדרש און קלייט, און מיר האָבן זיך דווקא געריסן אין די נאָך אומבאַקאַנטע גויאישע וועלטן, וועלכע האָבן געלאָקט מיט זייער „אַנדערשקייט״.

איך האָב דעריבער באַשלאָסן אַרויספליען ביי דער ערשטער געלעגנהייט פון דער וואַרימער פאַמיליען־נעסט און זיך סיסטעמאַטיש פאָרבאַרייטן צום עקזאַמען אין דער פרעמדער שטאָט אַלס דעם ערשטן שריט פון אַ נייעם לעבנס־שטייגער, צו וועלכן איך האָב געשטרעבט.

אָבער אין מיר אַליין האָבן דאַן געקעמפט צוויי נשמות: אונטער דער ווירקונג פון מיין פאָטער, וועלכער האָט אַזוי עקשנותדיק און אויפריכטיק געלעבט דאָס לעבן פון אַן ערלעכן פרומען ייד, כאָטש זיין וועלטלעכע בילדונג איז געווען פיל העכער, ווי דער דורכשניט, האָב איך אויך זיך צוגעבונדן צום בית־מדרש, צו אונדזער לומדישן יחיאל־נעכעס בית־מדרש, וועלכער איז געוואָרן אַ באַשטאַנד־טייל פון מיין טאָג־טעגלעכן לעבן.

אַ וועלט וואָס איז פאַרבײַ...

גאַנץ פרי, גלייך נאָכן ערשטן מנין, נאָך איידער דער פאָטער איז געלאָפן עפענען דאָס געשעפט, פלעגט ער מיך מהנה זיין מיט אַ „שטיקל" מלבים, מיט יענעם זאַפטיקן פירוש אויף דער תורה און אויך אויף דער מכילתא, וועלכע האָט לייכט און גראַציעז פּאָפּולאַריזירט די פאַרפּלאָנטערטסטע, דוכט זיך, פּראָבלעמען. נאָכהער איז שוין אין שטוב געקומען מיין גמרא־מלמד ר' שלמהלע, וועלכער האָט מיך און מיין גאונישן חבר ברוך ראָזענטאַל (שפּעטער אין פאַריז, דעם אַלטן ראָטשילדס מיטאַרבעטער אין זיינע פּאַלעסטינער פּראָיעקטן) צוויי שעה נאָכאַנאַנד געפירט דורך די שטרויכלענדיקע פּלפּולים פון „נזיקים" אָדער „נשים", פון וואַנען מיר זענען נישט אַלעמאָל אַרויסגעקומען מיט קלאָרע קעפּ. דאָס איז געווען דאַן, ווען מיר האָבן שוין „געהאַנדלט" מיט אויסלענדישע פּאָסט־מאַרקעס און בעתן לערנען געביטן אונטערן טיש אַ פּאָפּוגאַאישע „גוואַטאַמאַלאַ" אויף אַ דריי־פערדיקן „באַרבאַדאָס", פאַרבייסנדיק די טראַנזאַקציע מיט אַ קלינגענדיקן „תנו־רבנן"...

שפּעטער איז געקומען דער אַלטער ליפּשיץ, מיין אַריסטאָקראַטישער לערער פון דער דייטשער ליטעראַטור. מיט אים לייען איך „ווילהעלם טעלל". ער שאַרפט מיין אויסשפּראַך אין שילערס „דאָס ליד פון דער גלאָקע".

און נאָכמיטאָג איז געווען דער שווערסטער טייל פון מיין שטודיום: מיין לערער פון אַלגעמיינע לימודים, דער סטודענט דאָלגאַנאָוו, האָט מיך געלערנט די מוזיקאַלישע פערזן פון פּושקינען און לערמאָנטאָוון; די היסטאָריע ווי אַזוי „אונדזערע עלטערן" — די סלאַוון — האָבן געבויט די רוסישע אימפּעריע, די באָבע־מעשיות פון אַנטיסעמיטישן און רעאַקציאָנערן אילאָוואַיסקין איבער דער אַנטוויקלונג פון דער וועלט־געשיכטע... איך, שוין דאַן אַ באַלעזענער אין דער אויסלענדישער ליטעראַטור, פלעג לאַכן פון דעם פאַרפוילטן שטרוי, מיט וועלכן מען האָט געשפּייזט די שילער פון דער רוסישער מיטל־שול, אָבער דאָ האָבן קיין חכמות נישט געהאָלפן: צום „קאַזיאָנעם" רעגירונגס־עקזאַמען האָט מען געדאַרפט מיטברענגען דעם באַגאַזש פון „וויסן" לויט די פאָרשריפטן פון די בילדונגס־מיניסטאָרן באָגאָליעפּאָוו און קאַססאָ...

יאָ! און אַלגעבראַ, געאָמעטריע! מיין פאַרחלומטער מוח האָט ניט שטענדיק באַנומען די שטרענג־מאַטעמאַטישע אויספירונגען, וועלכע פאָדערן אַ דיסציפּלינירטע קאָנצענטראַציע.. פלעג איך דאַן גיין אין געשעפט צו מיין פאָטער, און ער מיט זיין קלאָרן, לאָגישן שכל, אויסגעשליפט דורך די אַקאַדעמישע מעטאָדן פון אביי און רבא, האָט מיר מסביר געווען די טעאָרעמעס פון פּיטאַגאָרען פיל בעסער, ווי דאָס האָט געטון דער גוי דאַלגאַנאָוו.

מיין פאָטער האָט אַלץ געמיינט, אַז איך וועל זיך באַנוגענען מיטן אָפּגעבן אַ פיר־קלאַסיקן „עקסטערן״־עקזאַמען און נישט וועלן אַריינטרעטן אין גימנאַזיע אַלס אַ שטענדיקער שילער, אָבער מיינע פּלענער זענען פאַרטראַכט געווען אין אַן אַנדער ריכטונג.

איך האָב שטילערהייט אָנגעהויבן מאַטערן מיין מוטער, אַז זי זאָל מסכים זיין אויף מיין אַרויספאָרן זיך לערנען אין דער סלאָנימער רעאַל־גימנאַזיע; אַז עס איז דאָך אין גאַנצן איייניקע שעה רייזע פון דער היים; אַז איך וועל דאָך אין סלאָנים וווינען ביי אונדזער קרוב ר׳ הערשל פּעקאַרסקין, אַ פרומער, כשרער ייד, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט קומען איינקויפן סחורה ביי מיין פאָטער און זיידן... אויך מיין זיידע עליו השלום, ר׳ לייזער ליפשיץ, וועלכער איז געווען פיל וועלטלעכער און ניט אַזוי פרום ווי מיין פאָטער, איז דורך מיר באַארבעט געוואָרן. ר׳ לייזער, וועלכער איז שוין מיט פופציק יאָר צוריק געפאָרן אין די „בעדער״ פון קאַרלסבאַד און מאַריענבאַד און אויך באַזוכט צוויי מאָל אַ יאָר מאָסקווע אַלס אַ גילדע־סוחר, האָט תחילת זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן, ער האָט אַליין חשק געהאַט, אַז דער זון פון זיין אייינציקער טאָכטער זאָל באַקומען אַן אוניווערסיטעט־בילדונג, און ווער ווייסט, אפשר גאָר ווערן אַ דאָקטאָר, אָדער אַן אַפּטייקער, ווי די קינדער פון זיין ברודער אליהו אין ליבוי און קעניגסבערג... אָבער די אויטאָריטעט פון מיין פאָטער איז געווען צו גרויס אין זיידנס אויגן, ער זאָל וואַגן דיסקוטירן וועגן דעם מיט זיין פרום־געבילדעטן איידעם... האָט זיך דאָס אַזוי געצויגן: איך האָב געלערנט פלייסיק דעם פיר־קלאַסיקן קורס און מיין פאָטער האָט זיך כלומרשט געלאָזן אָפּנאַרן, אַז דאָס מיין איך נאָר לשמה, צוליב בילדונג וועגן, אָבער

עס וועט נישט דערפירן חלילה צו פארלאָזן די פאמיליע און אוועקגיין אין דער פרעמד.

און דאָ איז געקומען דער פרילינג, איך דאַרף באַלד פאָרן אָפּגעבן דעם איינטריט־עקזאמען.

צי דאָס איז געווען די אינסטינקטיווע מורא פארן איבערברוך אין מיין גאנצן לעבן, צי די פשוטע שרעק פאר נישט אויסהאַלטן דעם עקזאמען און אויף אזא אופן דורכלאָזן דעם איינציקן שאנס פון אן אנדער קאַריערע, אָבער איך בין דאַן געוואָרן מיסטיש־פרום געשטימט. געדאַוונט מיט דביקות; זיך אריינגעטראַכט און ווידערהאָלט דעם פירוש־המילות פון די מיט צרות דורכגעזאַפּטע קאַפּיטלעך תהילים. איך דערמאָן זיך אפילו, אז איך האָב דאַן געציילט „ספירה" יעדן טאָג מיט א ברכה, א סימן, אז צווישן פסח און שבועות האָב איך קיין איין מעריב נישט דורכגעלאָזן צו דאַוונען בציבור...

מיין גרעסטע שוואַכקייט איז געווען דער עקזאמען פון צייכענען: אין א רעאַל גימנאַזיע געהערט דער געגנשטאַנד פון צייכענען צו די וויכ־טיקסטע, און גראַד פעלט מיר נאָך עד היום א שטיקל טאַלאַנט פון מאָלן. און עס פאָדערט זיך דאָך, אז איך זאָל לכל־הפחות קענען אָפּקאָפּירן פון נאַטור א יאַנישע אָדער קאָרינטישע קאָלאָנע פון א גריכישן טעמפּל, אָדער א שפּיציקן טורעם פון א גאָטישער קירכע... אפילו מיין טאַטע האָט שוין אין מיר דעם דאָזיקן פעלער נישט געקאָנט פאַרריכטן.

עס איז ענדלעך געקומען דער דערוואַרטער טאָג: מאָרגן גאַנץ פרי פאָר איך אָפּ קיין סלאָנים צו די עקזאמענעס; אויך מיין פאָטער איז שווייגנדיק מסכים דערצו, כאָטש דאָס וואָרט, אז איך פאָר דאָרט פאַרבלייבן אויף א פאָר יאָר, מיט קליינע הפסקות, איז נאָך נישט געזאָגט געוואָרן.

אין דער פרי נאָכן דאַוונען עפנט דער טאַטע נישט דעם מלבים־פירוש, ווי שטענדיק, נאָר דעם רמב"מס „מורה נבוכים". מיין פאָטער אַליין פלעגט אין דאָזיקן פילאָזאָפישן ספר אָפּט אריינקוקן, כאָטש מיר מיט מיינע בייגזאַמע מיסטישע שטימונגען האָט ער נישט געראַטן זיך באַקענען מיט ד ע ר זייט פון רמב"מס שאַפן. דאָס מאָל האָט ער געמאַכט אן אויסנאַם. ער עפנט דעם קאַפּיטל, וו עס רעדט זיך וועגן דעם, אז א געבווירענער

בלינדער פאַרשטייט נישט. ווען מען רעדט צו אים וועגן רויטע, געלע, גרינע פאַרבן: אַ בלינדער ווייסט דאָך נישט דעם אונטערשיד אין פאַרבן...

ער איז מיר מסביר דעם אונטערשיד פון אַריסטאָטעלס באַנעמונג פון גאָטהייט אַלס דער אויסערלעכער מקור פון די דינאַמישע וועלט־כחות מיט דער יידישער קאָנצעפּציע, אַז גאָט איז אין יעדן פון אונז פּערזענלעך, אַז ער גייט מיט אונז שטענדיק, אַז די אינטעלעקטועלע פאַרבעסערונג פון מענטשן דערנענטערט אים אַלץ מער צו דער גאָטהייט־אידעע, אַז גאָט איז איינער און אומעטום. און אַז די יידישע עיקרים, די אני מאַמינס, זענען שטאַרקער און דויערהאַפטיקער, ווי יעדע פילאָזאָפיע...

דער טאַטע זאָגט מיר אויך און איך פיל, אַז דאָס איז אַ מין צוואה פאַר מיין נייעם וועג.

„דו גייסט איצט אין דער ברייטער וועלט, ווו גויים מישן זיך מיט יידן. ביז איצט האָסטו אייגנטלעך געזען נאָר דיין גויאישן לערער ביי אונז אין שטוב, נו, און אַלע גויים דורך די אומזעבאַרע דראָטן פון די צוימען, מיט וועלכע מיר האָבן זיך כמעט פרייוויליק אַרומגערינגלט... איצט גייסטו אין זייערע אייגענע מחיצות. זאָל דיר גאָט העלפן, ווי ער האָט דאָס געטון מיט חנניה, מישאל ועזריה, זאָלסט בלייבן גאַנץ און נישט פאַר־סמאַליעט ווערן דורך זייערע פייערן. דו ביסט שוין מער נישט קיין בלינדער: דו פאַרשטייסט זיך שוין אויף קאָלירן״...

אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון שטורעם און דראַנג, פון פּילמאָליקע וואַנדערונגען דורך כמעט אַלע וועלט־טיילן, האָבן יענע ווערטער פון מיין פאָטער ע״ה געלויכטן פאַר מיר ווי אַ שטערן און נישט איינמאָל פאַרהאַלטן אויף ריזיקאַלישע שייד־וועגן...

דער פּאַליעסער צוג ביאַליסטאָק־באַראַנאָוויטש האָט אין יענעם פרימאָרגן פון מיין ערשטער זעלבסטשטענדיקער רייזע אויסגעזען ווי שטענדיק: אין וואַגאָן פון דריטן קלאַס האָבן יידישע האָלץ־סוחרים, קרעמער און קאָמיסיאָנערן שנעל געדאַוונט בציבור, וויקלענדיק תפילין אויף די פאַרקאַטשעטע אָרבל און טאַנצנדיק „קדוש״ צו די ווערטער פון אימפּראָ־וויזירטן בעל־תפילה, דעם וואָלקאָווייסקער וואַלד־סוחר, וואָס האָט גראָד געהאַט יאָרצייט יענעם טאָג.

דאָס האָט גאָרנישט געהאַט קיין אויסזען פון א צוג, וואָס לויפט איבער די שטחים פון דער רוסישער אימפעריע, נאָר פון א בית־מדרש אויף רעדער, אָפּגעטיילט דורך א הונדערט־יעריקער דיקער וואַנט פון דער ארומיקער וועלט. עס גייט דורך דער קאָנדוקטאָר און קאָנטראָלירט די בילעטן אין מיטן „שמונה־עשרה". עס כאַפּן זיך דורך דורכן וואַגאָן פויערים אין „סערמיקעס", וועלכע באַמערקן די דאַוועגדיקע יידן און טראָגן זיך שנעל אָפּ צו אַן אַנדער פּלאַץ, ווו „זייעריקע" זיצן, עסן קנאָבלדיקן חזיר און פאַרטרינקען מיט אַ „מאָנאָפּאָלקע"... צוויי וועלטן, צוויי אייביקע קאָנטראַסטן — יידן און גויים.

נאָכן דאַווענען פאַרבייסן די יידן, די פרימערע פון זיי, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו וואַשן זיך צום „שאו ידיכם", האַלטן דעם ברויט אין טיכלעך, ווי דער דין איז, נאָכהער דיסקוטירט מען פּאָליטיק. די אינטעליגענטערע לייענען די רוסישע צייטונג „נאָוואָסטי"; די משכילים: סאָקאָלאָווס „הצפירה", עפּעס א פשוטער ייד לייענט דעם „היינט", וואָס האָט דאַן נאָרוואָס אָנגעהויבן דערשיינען אין וואַרשע...

אויף די וואָקזאַלן טומלט זיך: אין וואָלקאָוויסק, אין זעלווע קומט אַרויס די יוגנט אָנקוקן דעם צוג, כאַפּן אַ קוק אויף די דורכפאָרנדיקע פּאַסאַזשירן, אַן אָטעם טון מיט די פרעמדע, ווייטע ווינטן, וואָס בלאָזן פון לאָקאָמאָטיוו.

און אָט דערנענטערט מען זיך צו סלאָנים. איך דערזע שוין פון פענסטער דעם הילצערנעם טורעם פון די פייער־לעשער, די ווייסע שפּיצן פון די קלויסטערס, די קליינע פּראָווינציעלע מויערלעך און הילצערנע הייזלעך ביי די ברעגעס פון טייך שטשאַרע...

מיין האַרץ קלאַפּט נערוועז, מיינע אויגן קוקן פרעגנדיק. וואָס באַהאַלטסטו פאַר מיר, דו פרעמדע שטאָט, דו פרעמדער לעבנס־וועג, אויף וועלכן איך קלייב זיך אַרויפשפּרינגען?

אין די אויערן קלינגען די ברכות פון טאַטן, אויפן געזיכט, דוכט זיך, זענען נאָך נישט אויסגעטרוקנט די טרערן פון דער מאַמען, וואָס האָט איר בן־יחיד אָפּגעלאָזט אויף די אומזיכערע טראַקטן פון לעבן פאַר זיך.

אַ שיינענדיקע פרילינגס־זון מונטערט און וואַרעמט דעם יונגן פויגל, אויף וועמענס פּלייצעס עס האָבן זיך אָנגעהויבן פונאַנדערלאָזן די נישט זיכערע פליגלען...

III.

שבת אינדערוואָכן

די ערשטע חדשים פון מיין זיין אין סלאָנים אַלס שילער פון דער רעאַל־גימנאַזיע האָב איך געוווינט ביי מיין קרוב ר׳ הערש פיעקאַרסקי.

ער האָט פאַרמאָגט אַ קליינע קראָם מיט שניט־סחורה אויפן מאַרק, געווען שטענדיק פאַרהאַוועט אין געיעג נאָך פרנסה, געדאַרפט געבן ברויט און אויסהאַלטן מיט קליידונג און שכר־לימוד אַ ווייב מיט אַכט קינדערלעך און מיט אַ בלינדער שוויגער דערצו. דער גאַנצער „אינדערוואָכן" איז געווען אַ ביטערער קאַמף מיט אויפזאַמלען די פּאָר רובל, כדי צו קענען צאָלן אַ וועקסל און בלייבן אַן אָרענטלעכער „סוחר", מ׳שטיינס געזאָגט.

זונטיק אין דער פרי האָט זיך גלייך אָנגעהויבן די „מלחמה" מיטן רוסישן „גאָראָדאָוואָי", וועלכער האָט דווקא געוואָלט וויסן, צי ר׳ הערשל און מיט אים אַלע אַנדערע „הערשלס" אין די קראָמען אַרום האַלטן טאַקע פאַרשפּאַרט די קלייטן און האַנדלען נישט פון „הינטן", מחלל זייענדיק דעם „הייליקן" זונטיק. און די „הערשלס" האָבן דאָך געמוזט האַנדלען פון „הינטן", ווייל דווקא זונטיק האָבן די „זשלאָבעס", יום־טובדיק אויסגעפּוצט, פאַרפולט דעם מאַרק און גערן געקויפט ציץ אויף אַ קליידל, אַ פונט טשוועקעס אָדער אַביסל בשמים־סחורה. פון זונטיקדיקן מאַרק האָט מען אָפּטמאָל געצויגן די חיונה אויף אַ גאַנצער וואָך. פלעגט דער „פּאָליציייסקי" טשאַטעווען אין די הייף, כאַפּן אַז הערשל האַנדלט — אָ, דאַן האָט דאָס געקאָסט אַ האַלבן רובל, כדי צו צערייסן דעם „פּראָטאָקאָל".

נאָך אַזאַ פינסטערן זונטיק, ווען דער "גאָראָדאָוואָי" האָט צוגענומען דעם „פּאָלטיניק" (50 קאָפּיקעס), פלעגט שוין ר׳ הערש קומען אַ פאַר־חושכטער צום „וואַרימעס". אויך זיין ווייב ביילע, אַן אומעטיקע יידענע,

צעקוועטשט צווישן קראָם און אירע אכט קליינע קינדערלעך, האָט זיך באוויזן אין דער האלב־פינצטערער שטוב מיטן בלאָנדן שייטל פּאַרוקט אַן אַ זייט, קראַצנדיק די געלע קאסמעס פון אירע „אייגענע" האָר.

די צוועלף־יאָריקע עלטסטע טאָכטערל מרים, די באלעבאָסטע און בריהלע, ווי מען האָט זי גערופן, פלעגט אַרויסנעמען פון אויוון דאָס „וואַרימעס", וואָס איז באשטאַנען פון פלייש געדעמפּט און קאַרטאָפל און די פאמיליע האָט זיך געזעצט עסן אַרום לאַנגן טיש. ר' הערש האָט געשניטן דעם ראַזעוואַן לאַבן ברויט און דערביי געשאָלטן דעם פּאָליציייסקי, דעם יידישן „גלות" און פאַר איינוועג געטיילט פּעטש און „בוכטשעס" די דריי קליינע חדר־ייִנגלעך זיינע, באַגלייטנדיק דאָס מיט עפּיטעטן, ווי „פּרא־אדם", „פויערשע קאָפּ" און „קופּערנער שטערן"...

מאָרגן און איבערמאָרגן זענען ווידער געוועזן אַזעלכע אומעטיקע, פאַריאָגטע טעג. מען האָט געלעבט אויף איין פוס, אויף דערוויילע.שטייענ־דיק פלעגט מען עסן דעם „אָנבייסן", דאָס ביסל ציקאָריע מיטן באַרימטן סלאָנימער קוכן, אַן אָוואַלע מצה באַשאָטן מיט מאָן און באַלייגט מיט פאַרברענטע ציבעלעס. זי האָט געהאַט אַלע טעמים פון מן און צוזאַמען מיט די ביאַליסטאָקער קוכנס פון אביסל געענדערטער פאָרם איז זי נאָך איצטער אַ פיל געזוכטער דעליקאַטעס אין די יידישע רעסטאָראַנען פון איסט־סאַיד אין ניו־יאָרק, פון דער צוועלפטער גאַס אין שיקאַגאָ און אַרום די פאַבריקן פון וויזשאַ־לינטש אין בוענאָס־איירעס.

ר' הערש און אַלע זיינע שכנים האָבן געהאָרעוועט, כדי צו האָבן מיט וואָס צו „מאַכן שבת". דער הייליקער טאָג פון שבת איז געוועזן דער ציל פון קאַטאָרזשנעם לעבן פון דער גאַנצער וואָך. אַזוי האָבן גערעדט און געזאָגט די טאַטעס, די זיידעס ביז דער זכרון האָט געקאָנט גרייכן. אין די מער פאַרמעגלעכע הייזער, אין דער שטוב, צום ביישפּיל, אין וועלכער איך בין דערצויגן געוואָרן, איז דער קאָנטראַסט צווישן שבת און „אינדער־וואָכן" נישט געוועזן אַזוי בולט. ביי הערשלען האָט מען געגעסן „אָנבייסן" און „וואַרימעס", צוויי מאָל אַטאָג, נישט מער און דאָס אויך אויף איין פוס. ביי אונז אָבער האָט מען שוין געוווסט פון פרישטיק, מיטיק און אָוונטברויט; די קינדערשע קעפּלעך און אויך די „פּאָדלאָגעס" האָט מען

געוואַשן אייניקע מאָל אַ וואָך און נישט דווקא פֿרייטיק בין־השמשות, ווען דער טומל איז געווען גרויס און אַלע האָבן זיך געאײַלט ווי פֿון אַ שׂרפֿה.

דעריבער טאַקע בין איך געווען מער איבערראַשט מיט דער שבת־מעטאַמאָרפֿאָזע אין מײַן נײַער היים בײַם סלאָנימער פֿאַרוואָגלטן קרעמערל.

דאָס צוואָגן די קעפּלעך פֿון די קינדער, דאָס פּוצן די שיכלעך, די שנעלע פֿאַרוואַנדלונג פֿון דער שמוציקער איינטאָניקער דירה אין ציכטיקן אויפֿגאַמס־צימער פֿאַרן הייליקן שבת, איז געווען אַ מייסטער־שטיק פֿון רעזשיסערישער קונסט.

דער כּאַטישער אימפּעט פֿון ר׳ הערשלען, פֿון זײַן ווײַב ביילע און פֿון אַלע אַכט קינדערלעך האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ לאַנגזאַמען ריטם פֿון תּפֿילות, זמירות, שפּײַזן און רוען, לויט אַ שטרענגן סדר פֿון פֿאַר־שריפֿטן און מנהגים, וועלכע האָבן געווירקט, ווי אַ זייגער־מעכאַניזם...

איך פֿלעג אָנקוקן ר׳ הערשן פֿרייטיק־צו־נאַכטס, ווען ער האָט שאַרף מיט אַ ניגון סקאַנדירט די קאָמפּלימענטן פֿון „אשת חיל מי ימצא״ צו זײַן בלאָנדער לעבנסבאַגלייטערין, און האָב אים נישט דערקאָנט: אַ שמייכל פֿון נישט־ערדישער צופֿרידנקייט האָט אַראָפּגענידעריקט פֿון זײַנע אויסגעוואַשענע בלויע אויגן אויף די דיקע געלע וואָנצעס און די לאָקנס פֿון זײַן באָרד. עפּעס אַ סוד איז געווען באַהאַלטן אין יענעם שבת־מלכות־דיקן שמייכל, אַזוי ווי ער וואָלט פֿילאָזאָפֿיש־בנעימותדיק געשפּאָט פֿון דער וועלט, פֿון „גאַראַדאָוואָי״, פֿון די „זשלאָבעס״ אויפֿן מאַרק...

ווער זענען זיי דען, וואָס ווייסן זיי דען פֿון ייִד ר׳ הערשל, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פֿון שול באַוואַכט מיט צוויי מלאכים, מיט וועלכע ער האַלט זיך איצט אין אויסטענהען? וואָס מיר ווערקסלען, ווער מיר גלות אַט דאָ אין אָנוועזנהייט פֿון כּשופֿדיקן פּליואיד, וואָס שטראָמט פֿון די שבת־ליכט, וועלכע באַלייכטן אַ „קעניגלעכע סעודה״ אין דער שימע־רירנדער ווייסקייט פֿון טישטוך און די קאַלכענע ווענט?

יאָרן שפּעטער, אין קריג און אין פֿרידן, אויף די טומלדיקע מאַרקן פֿון מײַן לעבנס־וועלט פֿלעג איך אַמאָל מיט פֿאַרמאַכטע אויגן ווידער אַמאָל זען ר׳ הערשן, זײַן ווײַב ביילע, זײַנע קינדערלעך אין דעם ליכט פֿון שבת און זיך אָפּגעבן דאָן אַ דין־וחשבון, אַז אָט יענע יום־טובדיקייט

האָט זײ געגעבן דעם כח פֿון אױסדױער, די גבורה פֿון אױסהאַלטן, ענערגיע פֿון ציען װײטער דעם „חוט השני״...

װען מײנע לימודים אין רעאַל־שולע האָבן אָנגעהױבן װערן אַלץ אינטענסיװער און געפֿאָדערט אַ סך צײַט און קאָנצענטראַציע, האָב איך זיך אַרױסגעצױגן פֿון מײַן קרובֿס װױנונג און געדונגען אַ צימער פֿאַר זיך בײַם דאַמסקן שנײַדער רפֿאל אױף בריסקער גאַס. דאָס איז געװען אַ אײנפֿאַכער ייִד, װעלכער האָט זיך אַפֿילו אױף ייִדיש נישט געקאָנט אונטערשרײַבן. װען איך האָב אים שפּעטער אױסגעלערנט שרײַבן זײַן נאָמען נישט נאָר אױף ייִדיש נאָר אױך אױף רוסיש, איז ער מיר געװען זײער דאַנקבאַר און דערלױבט, אַז אין מײַן צימער זאָלן זיך צװײ מאָל אין װאָך צונױפֿקומען די ישיבֿה־בחורים, װעלכע מיר, אַ גרופּע שילער, האָבן געהײם געלערנט װעלטלעכע לימודים.

אָנגעהױבן האָט זיך דאָס דאָן װען צו מיר, װען איך פֿלעג נאָך גײן אין בית־מדרש דאַװענען, האָט זיך דערנענטערט אַ בלאַסער, דאַרער ישיבֿה־בחורל און געבעטן, איך זאָל אים געבן אַן „אוראָק״ אָן געלט. ער שטרעבט צו בילדונג, ער לערנט שטילערהײט העברעאישע און ייִדישע ליטעראַטור, אָבער רוסיש קאָן ער נישט, אַריפֿמעטיק קאָן ער נישט. װען איך זאָל נאָר װעלן?...

פֿאַרשטײט זיך, האָב איך געװאָלט. איז ער געקומען צו מיר אַ פּאָר מאָל און בלײַ־שנעל תּופֿס געװען די „חכמה״ פֿון „רוסקאיאַ ריעטש״ ערשטן טײל, װו עס רעדט זיך װעגן אַ גרױען באָק, װאָס האָט געהערט צו אַ באָבען און װעלף האָבן אים צעריסן... װעגן אַ יתומהלע, װאָס װערט פֿאַרפֿרױרן אין אַ פּראָסטיק־שטערנדיקער נאַכט... און נאָך אַזעלכע טיף־זיניקע „חידושים״, װעלכע זענען אין דעם שאַרפֿן קאָפּ פֿון ישיבֿה־למדן אײַנגעשלונגען געװאָרן בלײַ־שנעל.

איך געדענק, װען איך האָב מײַן עילוי געלערנט „דראָב״ (ברוך־צאַלן), האָט ער לאַכנדיק אַ זאָג געטון: „װאָס פֿאַר אַ באַדײַטונג האָט אַ יי ע ר גאַנצע אַריפֿמעטיק אין פֿאַרגלײַך מיט דער מאַטעמאַטיק פֿון סדר כלים אין משניות אָדער די געאָמעטרישע פֿיגורן פֿון מסכת סוכה און אירע מפֿרשים?״

שפּעטער האָבן זיך נאָך אייניקע ישיבה־בחורים געווענדט, מען זאָל זיי לערנען. פאַר מיר אַליין איז דאָס געווען צופיל, האָב איך דעם ענין פאַרגעבראַכט פאַר מיינע נאָענטע חברים מיירים זאַקין, משה עפּשטיין און מיכל הורוויטש. מיר האָבן באַשלאָסן עפענען „קורסן״ פאַר די בחורים פון דער ישיבה. עס האָט זיך אַפילו אַנטוויקלט דאָן אַ שאַרפע דיסקוסיע צווישן מיר און זאַקינען. ער איז דעמאָלט געווען אַ יונגער בונדיסט, געטריי דער פירערשאַפט פון זיינע עלטערע ברידער, וועלכע האָבן שוין אַפילו פאַרזוכט דעם טעם פון דער צאַרישער תפיסה. זאַקין האָט דווקא געוואָלט, מיר זאָלן די קורסן פאַרוואַנדלען אין אַ רעוואָלוציאָנערן קרייזל, וווּ מיר זאָלן אויסבילדן זיך און אַנדערע ישיבה־שילער פאַר טרייע מאַרק־סיסטן. איך האָב דאָן געהאַלטן, אַז פריער דאַרף מען זיי אויסלערנען לייענען און שרייבן אין רוסיש, אביסל מאַטעמאַטיק און דאָן וועט מען ווייטער זען. געבליבן זענען מיר ביי אַ קאָמפּראָמיס: טאַקע לייענען און שרייבן רוסיש, אָבער אויך אַ פּאָר קאַפּיטלען פון דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור, פאַרפּאַסט דורך די פּאָפּולערע געלערנטע דרעפּער און טיילאָר, וועט די ישיבה־בחורים צונוץ קומען.

דינסטיק און שבת האָט זיך מיין צימער פאַרוואַנדלט אין אַ געהיימע שולע, ווו דורשטיקע יונגע ישיבה־לייט האָבן געטרונקען פון די פאַרבאָטענע פאַר זיי קוואַלן פון וועלטלעכער וויסנשאַפט.

מיין באַלעבאָס, דער דאַמסקער שניידער רפאל, האָט זיך ביי מיר געבעטן נאָר איין זאַך: „איר ווילט לערנען מיט אָרימע בחורים, אדרבא! אָבער גאָרנישט קעגן קיסר; גאָרנישט וועגן רעוואָלוציע און „ציציליזם״. איר פאַרשטייט: ביי מיר נייען מאַנטלען און קליידלעך די ווייבער פון איספּראַווניק, פון בראַנפן־אינספּעקטאָר... מען קען נאָך חלילה דערשמעקן. אייך וועט מען אַריינזעצן אין חד גדיא און איך וועל בלייבן אָן פּרנסה״. איז כאָטש מיר האָבן דאָס רפאלן צוגעזאָגט, אָבער אינגאַנצן האָט מען דאָס וואָרט נישט געהאַלטן.

דער קאָכיקער זאַקין פלעגט פון צייט צו צייט ברענגען אַ דינינקן בויגן פּאַפּיר, געדרוקט מיט קליינע אותיותלעך און אָנגעפּיקעוועט מיט נייעס און אַרטיקלען קעגן „קיסר און פאָטערלאַנד״. דאָס בלעטל האָט

געטראָגן דעם „געפּערלעכן״ נאָמען „איסקראַ״ און געשמוגלט געוואָרן קיין רוסלאַנד פון דער שווייץ. גערעדט האָט מען דאָרט „על השם ועל משיחו״...

דאָס לערנען איז אָנגעגאַנגען גאַנץ געשמאַק און דער קלוגער מאמר חז״ל: „הרבה למדתי מרבותי, יותר מהם מחברי ויותר מכולם מתלמידי״ (פיל האָב איך געלערנט פון מיינע רביים, מער פון דעם פון מיינע חברים, מער פון אַלעמען פון מיינע תלמידים), איז אין דעם פאַל מקוים געוואָרן: איך האָב זיך דערוווּיל אויסגעלערנט זאַכן איבער דער געשיכטע פון קולטור און פון סאָציאָלאָגיע אַ סך מער, ווי ווען איך וואָלט דאָס געדאַרפט טון אַליין, נישט האָבנדיק מיינע בלאָס־דורשטיקע טייערע ישיבה־בחורים.

כדי צו פאַרשטעלן וואָס מיר טוען אין פאַל פון אַ פּאָליציי־איבערפאַל אויף מיין צימער, זענען אויפן טיש בעת די לעקציעס געלעגן אויסגעלייגט קאָרטן, ווי אין אַ טערטל־מערטל און אין אַ שיסל אין מיטן זענען געווען אָנגעוואָרפן זילבערנע און קופּערנע מטבעות.

את הטאתי אני מזכיר: ווען די ישיבה־בחורים פלעגן אַוועקגיין, פלעגן טאַקע דאַן די גימנאַזיסטן און איך בתוכם מאַכן אַ קערטל אויך. מיירימקע זאַקין איז געווען אַ פייערדיקער קאָרטן־שפּילער, נישט ווייניקער ווי אַ פאַרברענטער רעוואָלוציאָנער.

און געקומען איז אַמאָל אַן אָוונט, ווען ביי מיר אין צימער זענען געווען אַ פּאָר צענדליק רעאַל־שילער און ישיבה־בחורים, האָט זיך די טיר פון רפאלס ווארשטאַט פּלוצלינג אויפגעפּראַלט און עס האָט זיך באַוויזן דער סלאָנימער פּאָליצייאישער נאַדזיראַטעל, אַ גראָבער אָנגעפרעסענער גוי מיט אַ רוצחישן בליק איבער זיינע שוואַרצע וואָנצעס. זיין גרויער שינעל מיטן באָמבעלדיקן שווערד האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה; הינטער אים זענען געשטאַנען צוויי פּשוטע פּאָליצייסקעס און צווישן זיי האָט אַרויסגעבליקט דאָס געל־בלאַסע געזיכט אין דער ראַם פון אַ שוואַרצער באָרד, דער דאַמסקער שניידער רפאל...

„אַריינגעפאַלן! אַן ענדע מיט דער שולע און מיט אונדזער פרייהייט!״ — דאָס איז געווען דער ערשטער בליץ־געדאַנק. וואָס איז געקומען אין קאָפּ.

— וואָס טוט איר דאָ, קראַסאַוווטשיקי (שיינהייטן)? — האָבן מיר דערהערט די שפּאָטישע שטימע פון „נאַדזיראַטעל״ — אוי וויי, וועמען

זע איך דאָ? — זעצט ווייטער פאָר דער רשע — געלערנטע סטודענטן מיט רבנים!...

דאָס האָט ער באַמערקט אַ פּאָר ישיבה־בחורים אין קאַשקעטלעך מיט יונג־שפּראָצנדע בערדלעך, אַ שאַרפער קאָנטראַסט צו די שילער אָן היטלען מיט די מעשענע קנעפּ.

איך, אַלס דער באַלעבאָס פון צימער, פיל שוין, אַז דאָ וועט מען מוזן אויסזופּן אַ גאַליקן בעכער און דעריבער נעם איך זיך אָן מיט מוט, לייג אוועק מיינע קעגן־טענות. איך שמייכל כלומרשט, ווייז אויף די צע־שאָטענע קאָרטן אויפן טיש און זאָג:

„וואַשע בלאַגאָראָדיע, דאָס שפּילן מיר אַ „דעוויאַטי וואַל" (טערטל־מערטל). מאָרגן איז יום־טוב, נישטאָ קיין שולע, וויל מען זיך אַביסל פאַרווײַלן"...

דער נאַדזיראַטעל אָבער קוקט פאַרדעכטיק אויף די קאָרטן, אויף אונדז און לאָזט נישט אָפּ:

„נו, נו, איר וועט דאָך מיר נישט איינרעדן, אַז די „רבנים" זענען דאָ געקומען קאָרטן־שפּילן... עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק; מען האָט מיר שוין לאַנג מיטגעטיילט, אַז ביי אייך אין צימער קומען פאָר פאַרדעכ־טיקע פאַרזאַמלונגען. אייער נאָמען, ביטע!"

בלית־ברירה לאָזט מען זיך פאַרשרייבן די נעמען, כאָטש מיר ווייסן, אַז דאָס איז אפשר דער אָנהויב פון סוף...

דער נאַדזיראַטעל ציילט אויך איבער דאָס געלט אין שיסל, פּונקט צוויי און זיבעציק קאָפּיקעס און לייגט זיי אַריין גרינגשעצנדיק אין קעשענע פון זיין שינעל. נאָכהער ווענדט ער זיך צו איינעם פון מיינע חברים:

„טשערניאַווסקי! וועסט זאָגן דיין טאַטן, ער זאָל מאָרגן קומען צו מיר אין קאַנצעלאַריע, מאָרגן גאַנץ פרי, נאָך איידער איך גיב אָפּ אייערע נעמען צום דירעקטאָר פון רעאַל־שולע".

עס איז אונדז אַלעמען גלייך געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. מיר האָבן געוווּסט, אַז טשערניאַווסקים טאַטע איז אַ גביר און אַ קרוב לנאַטשאַל־סטוואָ. ער וועט דאָך נישט דערלאָזן, אַז זיין זונדל זאָל אַריינפאַלן אין אַ פּאָליציייאישן עסק. וועט זיך דאָס מסתמא אויסלאָזן צו אַ פּאָר רובל...

און כך־הוה: דער צעטל מיט אונדזערע נעמען איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען ווייטער, ווי צו טשערניאַווסקיס טאַטן. דאָס האָט אים געקאָסט אַ „צענערל" און צוזאַמען מיט אונדזערע 72 קאָפּיקעס און מיט שרעק האָט זיך געענדיקט דער פּאָליציייִשער אינצידענט.

יאָ! מער האָט מען שוין ביי מיר נישט געפירט די „ישיבה־קורסן". זיי זענען געוואָרן אַלץ מער און מער רעוואָלוציאָנעריש און דיריגירט פון אַנדערע עלעמענטן.

רפאל דער שניידער האָט אַלץ נישט געקענט פאַרשטיין, ווער האָט דאָס אים געמסרט. ער איז געווען אַ שטיקל עקספּערט אויף מוסרים: ער האָט געשטאַמט פון שטעטל ביטען, נעבן סלאָנים, ווו עס איז אויך אויס־געוואַקסן דער גרעסטער מסור פון אַלע צייטן, דער פּראָוואָקאַטאָר יונה אַזעף. רפאל האָט ליב געהאַט צו דערציילן וועגן די קינדער־יאָרן פון יונהן, וועלכער האָט נאָך אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט זיך אַריינגעכאַפּט מיט אַ חברה לאָבוסעס אין אָרטיקן בית־מדרש און פאַרשוועכט אַ ספר־תורה. דאָס איז געווען — דערציילט רפאל — אין אַ פרייטיק־צו־נאַכט. עפּעס אַ מגפה פון הפקרות איז יענעם יאָר באַפאַלן דאָס שטעטל. יינגלעך פון פופצן־זעכצן יאָר האָבן געדרויכערט שבת פּאַפּיראָסן, געגעסן יום־כפור בפרהסיה און זיך אויסגעלאַכט פון די קללות פון די רבנים און סתם פרומע יידן. פורים צו דער מגילה האָט מען אַריינגעוואָרפן אַ שטיין אין בית־מדרש און געטראָפן דעם אַלטן שמש אין קאָפּ. מען האָט געכאַפּט דעם חוצפהדיקן שטיין־וואַרפער און דאָס איז געווען יונהלע אַזעף. זיין טאַטע, פישל דער שניידער, האָט זיין זונדל אַריינגעפירט אין בית־מדרש און דאָרט אים געקאַטעוועט בפני כל־עם ועדה.

דעם אַנדערן פרייטיק־צו־נאַכטס, ווען קיינער איז אין בית־מדרש נישט געווען, איז יונהלע אַזעף מיט זיין באַנדע זשוליקעס אַריין אין שול, געעפנט דעם ארון־קודש, אַרויסגענומען אַ ספר־תורה און זי געשלאָגן מיט אַ לעדערנעם פּאַס... דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ „נקמה" פאַר די עפנטלעכע, קלעפּ, וואָס ער האָט געקראָגן אין בית־מדרש.

אין יונה אַזעפס לעבנס־געשיכטע איז דאָס געווען דער ערשטער, אַזוי צו זאָגן, עפנטלעכער אַרויסטריט. שפּעטער מיט צען יאָר איז ער שוין

געווען טעטיק אין דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. נאָך שפּעטער אַלס שעף פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז ער אַריבער צו דער פּאָליציי, און יאָרן לאַנג געשפּילט אַ טאָפּלטע ראָלע. אָרגאַניזירט דעם רעוואָלוציאָנערן טעראָר אין רוסלאַנד און איבערגעגעבן שפּעטער די אָנפירער אין די הענט פון די צארישע שפּיאָנען. קיינער פאַר אים און ביז איצט האָט נישט איבערגעשטיגן דעם געניאַלן פּראָוואָקאַטאָר, וועמעס נאָמען איז געוואָרן אַ שם־דבר נאָך לאַנג, איידער מיר האָבן געוווּסט פון קוויזלינגס.

מיין באַלעבאָס, דער שניידער רפאל, פלעגט מיך נישט אָפּלאָזן, ביז איך האָב אים דערציילט אַלע איינצלהייטן, ווי אַזוי בורצעוו האָט אַנטדעקט אַזעפס פּראָוואָקאַציעס; גראָד אין יענעם יאָר האָבן די צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט געקלונגען מיט דער געשיכטע.

* * *

צוויי גאַסן פון מיר, אויף סלאָנימער „נעווסקי״ פּראָספּעקט, האָט געוווינט דער געשווירענער אַדוואָקאַט און וועלט־באַרימטער דומע דעפּוטאַט וולאַדימיר יאַקאָבסאָן. איך האָב אים שוין געטראָפן נאָכדעם, ווי די ערשטע דומע (רוסישער פּאַרלאַמענט) איז פונאַנדערגעלאָזן געוואָרן און אירע דעפּוטאַטן, די שיינקייט און שטאָלץ פון דער רוסישער אינטעליגענץ, זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו תפיסה.

פאַר מיר, פאַר אַ יינגל, וואָס איז געקומען פון ביאַליסטאָק, ווו יאַקאָבסאָנס נאָמען איז געווען גלאָריפיצירט פאַר זיין קומען מיט צוויי אַנדערע רוסישע דעפּוטאַטן און אָפּשטעלן דעם בלוטיקן פּאָגראָם, איז דער פאַקט אַליין, וואָס יאַקאָבסאָן וווינט אין סלאָנים, גענוג געווען, אַז די שטאָט זאָל באַקומען אין מיינע אויגן אַ באַזונדערן חן.

ווי גרויס איז דעריבער געווען מיין שמחה, ווען יאַקאָבסאָנס טאָכטער עמאַ, אַ גימנאַזיסטין, האָט איינגעלאַדן מיך און אַ גרופּע חברים צו אַ געבורטס־יום־טוב אין זייער שיינער וווינונג ביי יעזערסקין אין הויף.

איך פלעג אַמאָל זען אין גאַס די אימפּאָזאַנטע פיגור מיטן לייבן־קאָפּ, מיט די גרוי־ווייסע פריצישע וואָנצעס פון באַרימטן אַדוואָקאַט. אָבער ווען ער האָט פאַר אונדז געעפנט די טיר און מיט אַ טיף־רוסישן באַס אַ ברומעטון גוטמוטיק־פריינטלעך:

„דאָברא פּאָזשאַלאָוואַט טאָווארישטשי!" (איר זייט אָנגעלייגטע געסט, חברים!) — האָבן מיר גלייך דערפילט אין אים אַ גוטן ברודער.

ער האָט אונדז אויף אַ מינוט נישט אָפּגעלאָזן, געטאַנצט מיט די גימנאַזיסטקעס, דעבאַטירט מיט די רעאַליסטן, באַדינט מיט צובייסנס און „וואָדקאַ" אויף אַ טאַץ מיט אַזוי פיל גוטמוטיקער עלעגאַנץ, אַז מיר האָבן שוין שפּעטער געוואָגט אויך שטעלן פּאָליטישע פראַגן:

„אין וועלכער תפיסה ריכט איר זיך, וולאַדימיר ראָמאַנאָוויטש, אָפּזיצן אייער שטראָף פאַר אונטערשרייבן דעם „וויבאָרגער אויפרוף"?

„אָ, איך וועל דאָס מאַכן טאַקע דאָ אין דער סלאָנימער תפיסה. צו־זאַמען מיט מיר וועט זיצן גאָר אַ געהויבענער חבר, לעאָנטי בראַמסאָן, אויך אַ דעפּוטאַט און אויך פון דער טרודאָוויקעס (לינק-פּויערישער) פראַק־ציע.

„קינדער! — שרייט ער אויס — איך וואַרט שוין קוים אויף די טורמע־חדשים, ווען איך וועל קענען זיך ענדלעך דורכשמועסן פריי מיט אַ חבר, לייענען און שרייבן וואָס איך וויל. אַ תפיסה אין רוסלאַנד איז דער איינציקער פּלאַץ, וווּ אַ מענטש האָט נישט קיין מורא, מען זאָל אים פּלוצלינג אַרעסטירן..."

נאָכהער ווייזט אונדז יאַקאָבסאָן זיין איינטריטס־קאַרטע אין קייזער־לעכן פּאַלאַץ בעת דער דערעפענונג פון דער „דומע".

נאָכהער צוויי בריוו פון אַ היסטאָרישער באַדייטונג. איין בריוו איז פון אַנטיסעמיטישן לייטענאַנט פון אַ גוואַרדיע־פּאָלק, וועלכער רופט אַרויס יאַקאָבסאָנען אויף אַ דועל פאַר באַנוצן אין דער פּאַרלאַמענט־רעדע וועגן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם די פראַזע: „די רוסישע אַרמיי, וואָס איז מיט חרפּות אַנטלאָפן פאַרן יאַפּאַנעזער אויף די פעלדער פון מאַנדזשוריע, האָט איר נצחון געפונען אויף די גאַסן פון ביאַליסטאָק."

אויף דעם דועל־אַרויסרוף, וועלכער האָט דאַן אויפגעשטורעמט רוסלאַנד, האָבן צווישן אַנדערע געענטפערט מיט אַ בריוו אַ גרופּע פון זיבן פראָגרעסיווע רוסישע אָפיצירן, וועלכע האָבן פאָרגעלייגט יאַקאָבסאָ־נען, אַז זיי וועלן זיך שלאָגן פאַר אים מיטן פרעכן לייטענאַנט...

און שפּעטער האָט מען דעקלאַמירט נאַדסאָנען, ווי די מאָדע איז דאַן געווען, און דאָ האָבן מיר אומגעריכט דערזען אַ יאַקאָבסאָן, וועלכן מיר האָבן פריער נישט געקענט.

ער האָט אַרויסגענומען פון זיין ביכער־שראַנק אַ דיקן יוביליי־בוך פון י. ל. פּרץ און האָט פאָרגעלייענט מייסטערהאַפט „די פרומע קאַץ״... יידיש איז דעמאָלט געווען נישט אין דער מאָדע אויף אַן אָוונט פון דער רוסישער שטודירנדער יוגנט, און דאָ קומט דער ברייט־פּלייציקער געשווירענער אַדוואָקאַט און פּויערים־דעפּוטאַט (אים האָבן איינשטימיק אין „דומע״ אויסגעוויילט די פּויערים פון גראָדנער גובערניע) און ברעכט דעם מנהג: נאָך נעקראַסאָוו, נאַדסאָנען, נאָכן פּאָעטישן „קרעכץ״ אויפן גורל פון רוסישן מענטש, לייענט דער מכלומרשט אַסימילירטער רוסישער ראַדיקאַל דווקא פּרצן. דאָס איז געווען אַ פיינער ביישפּיל פאַר אונדז, ווען שפּעטער מיט יאָרן האָט די זעלבע שטודירנדע יוגנט געגרינדעט אין סלאָנים דעם פאַראיין אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ.

יאָרן זענען אַריבער. עס איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה. אין ווינטער 1916 טרעף איך יאַקאָבסאָנען אין מאָסקווע אַלס פאַרוואַלטער פון אַ געזעלשאַפט, וואָס ראַטעוועט יידיש עוואַקואירט פאַרמעגן.

שפּעטער מיט צוויי יאָר פאַלט אויס אויף מיין גורל צו האַלטן דעם הספד אויף יאַקאָבסאָנען אין דער גרויסער כאָר־שול אין כאַרקאָוו. איך געדענק: עס איז געווען אַ פּראַסטיקער שבת; דעם העטמאַן סקאָראָפּאַדסקיס קאָזאַקן האָבן מיט ווייסע געפלאָכטענע נאַגייקעס גראַסירט איבער די גאַסן פון דער גרויסער שטאָט, בין איך דאַן געשטאַנען אויף דער גרויסער מאַר־מאָרנער בימה פון כאַרקאָווער שול און וואַרעם דערמאָנט יענעם יידיש־רוסישן פירער, וואָס האָט געלערנט די פעלקער פון גרויסן רוסלאַנד נישט מורא צו האָבן פאַר נאַגייקעס און שווערדן.

IV.

דער בעל-מופת ר׳ מרדכילע

בין איך אַלס בחורל פון פופצן יאָר אָנגעקומען קיין סלאָנים לערנען אין רעאַל־שולע.

איבערגעלאָזן הינטער זיך די פאַרמעגלעך־באַלעבאַטישע שטוב פול מיט תורה, מיט פאַמיליען צערטלעכקייטן און איבערגעביטן דאָס אויף דעם פאַרחושכטן שטיבל פון מיין קרוב ר׳ הערש פעקאַרסקי, וועלכער האָט צוגעזאָגט מיין טאַטן צו האַלטן אַן אויג אויף זיין בן־יחיד, זען, איך זאָל נישט אַרויס לתרבות־רעה, נישט אַראָפּ חס־וחלילה פון דרך־הישר...

סלאָנים פון מיט פערציק יאָר צוריק, ווען איך בין דאָרט דאָס ערשטע מאָל אָנגעקומען אַלס דערשראָקן עלנט יינגל, און סלאָנים מיט צען יאָר צוריק, ווען מען האָט מיך שוין דאָרט אויפגענומען אַלס דירעקטאָר פון דער צענטראַלער יידישער באַנק, האָט זיך אייגנטלעך ווייניק געביטן, דוכט זיך, אַ גאַנצער דור איז דורך מיט אַ וועלט־מלחמה און רעוואָלוציעס אין מיטן; מיינע חברים, די יינגלעך פון אַמאָל, זענען שוין אַלע יוסטע באַלעבאַטים איבער די פערציקער מיט ווייבער און קינדער. יענער דור, וואָס איך האָב געטראָפן אין זוניק וואַרעמען טאָג פון מיין ערשטן וויזיט, איז דאָך שוין כמעט אין גאַנצן אויסגעשטאָרבן, אָבער, ווי דאַן, אַזוי ווי איצט שטייט אין מיטן מאַרק די לאַנגע קאַזאַרמע־ענלעכע געביידע פון די געמויערטע קליטן, פון וועלכע הונדערטער גרעסערע און קלענערע קרעמערלעך ציען זייער פרנסה. אנשטאָט דעם אַלטן גרויסן גאון, ר׳ מרדכילע אָשמענער איז איצטער שטאָט־רב דער אַמאָליקער עילוי פון סלאָנימער ישיבה; אנשטאט דעם שטורמיש־פאַרביקן אַדוואָקאַט וולאַדימיר יאַקאָבסאָן טרעט אַרויס אין די געריכטן מיינער אַ שול־חבר יעזיערסקי,

און אַנשטאָט דעם אַמאָל פּאָפּולערן דאָקטאָר לעווינען היילט איצט די יידישע קראַנקע אויך מיינער אַ געוועזענער שול־חבר דר. משה עפּשטיין.

פאַרנאַכט זיצן איצט, ווי מיט אַ דור צוריק אויף די גאַניקעס, דער אַפּטייקער איזא גראָדזענסקי, דער גרויסער וואַלד־סוחר וואָלפקע גורוויטש און דער שעף פון די פּריוויליקע פייערלעשער באַריא פּיאַסעצקי און דעבאַטירן איבער וועלט־ענינים — כאַפּנדיק פון צייט צו צייט אַ בליק אויף דער שול־יוגנט, אויף זייערע אייגענע און אַנדערע קינדער, וואָס שפּאַצירן צווישן די אַקאַציעביימער פון גערטל אויף פּאַנאַסעווער גאַס. די באַמערקונגען, וואָס פאַלן אויפן אַדרעס פון דער יוגנט, זענען אייגנטלעך די זעלבע, וואָס זייערע טאַטעס אויף די זעלבע גאַניקעס האָבן געמאַכט וועגן אונדז מיט פערציק יאָר צוריק: „דו ווייסט, דיין זונדל איזע שלעפּט זיך צופיל אַרום מיט סאָלקע לאָזינקען״ און: „דיין טעכטערל פעניע איז געוואָרן אַ גאַנצע פירערין ביי די סאָציאַליסטן״.

מיט 40 יאָר שפּעטער האָט שוין די זעלבע פעני, איצט אַ בכבודע יידישע דאַמע, געציטערט, אַז איר טעכטערל זאָל זיך צופיל נישט אַריינלאָזן מיט די קאָמוניסטן...

און אַזוי איז אַ דור אַוועק, אַ דור איז געקומען און דאָס יידישע לעבן אין סלאָנים איז זיך געפלאָסן מיט זיין נאָרמאַלן שטייגער, ווי אין די הונדערטער און הונדערטער שטעטלעך און שטעט פון דער אַלטער היים.

מער נישט, אַנשטאָט די איינציקע גאַסן־לאָמטערנעס, וואָס האָבן מיט זייערע נאַפט־לעמפּלעך באַלויכטן די הילצערנע טראָטואַרן, שטייען איצט עלעקטרישע לאָמפּן ביים זייט פון ברוקירטע גאַסן, און אַנשטאָט יענע טאַטעס פון דער ישיבה אויף רוזשינאַיער גאַס, פון דער גימנאַזיע אויף זיראָווצער גאַס און פון די טאַרטאַקן־אַרבעטער נעבן באַן, האָבן זיך ביים שטענדער, ביים אַפּטייק און ביי דער עלעקטרישער זעג אַוועקגעשטעלט זייערע קינדער אָדער זייערע נאָענטע... געבליבן די זעלבע זענען די ביימער אין גאָרטן און אין וואַלד, וואָס איך האָב מיט פערציק יאָר צוריק אויפן זעלבן פּלאַץ געטראָפן. כאָטש נישט אין גאַנצן די זעלבע: זיי זענען דאַר און בויגזאַם און פריש געווען, און איצט זענען זיי דיק, שווער מיט צווייגן צו דער ערד אַראָפּגעלאָזן, אָבער דאָך:

„דער וואַלד איז שוין געווען, ווען מיר זענען נאָך נישט געווען;
דער וואַלד וועט נאָך זיין, ווען מיר וועלן שוין נישט זיין..."

אזוי, גערענק איך, האָב איך מיט בענקשאַפט און קנאה אונטערגע־זונגען צום גרינעם וואַלד, ווען איך האָב אים דאָרט דערזען צום לעצטן מאָל מיט צען יאָר צוריק.

אָבער איך ווייס, אוי־ווי, ווי ביטער איך ווייס, אַז דער וואַלד שטייט נאָך אַלץ דאָרט, ווו איך האָב אים געלאָזן, אָבער מיינע יידן, די זיידעס, די טאַטעס צוזאַמען מיט קינדער האָט דאָס פייער אוועקגענומען, אַלעמען ביז איינעם, די רייכע פון פּאַנעסעווער גאַס און פון נעווסקי און די אָרימע פון ראָזשינאָיער, פון בריקער און פון די איינגעפּאַלענע הייזלעך נעבן דעם טייך שטשאַרע...

פרעגט מיך ישראל מערעמינסקי בעת דער לעצטער צופעליקער באַ־געגעניש אין אַ פּאַריזער קאַפע:

„וואָס הייסט? דו מיינסט, אַז גאָרנישט איז געבליבן אין מיין היימ־מאַטס־שטאָט, איך מיין, אַז אונטערגעגאַנגען איז דאָס יידישע לעבן דאָרט, אַז נישט קיין יידישער האַמער קלאַפּט, נישט קיין יידישע פעדער שרייבט און נישט קיין יידישער ניגון זינגט ביי די יום־טוב־זאַמדיקע ברעגעס פון היימישן אָגינסקי קאַנאַל?"

ענטפער איך: „ניין! גויים זינגען דאָרטן, בויען דאָרטן און מערן זיך. דיין טאַטנס ברוועריי, וועלכע האָט מיט זיסלעכן ריח פון מאַלט (סלאָד) פאַררויכערט די גאַסן נעבן בריק, און דובינבוימס טאַרטאַק און אַפילו די אַלטע גרויסע שול, ווו חזן יאָשע סלאָנימער האָט זיך מיט האַרציק־אימ־פּראָוויזירטע ניגונים מיטן אויבערשטן אויסגעטענהט, זענען שוין מער נישט יידיש!

אָבער, אומגעלומפּערט ווי עס זעט אויס, זענען מירביידע אַמאָ־ליקע שילער אין דער סלאָנימער רעאַל־שולע, לעבן געבליבן. לאָמיר זיך פאַרציען מיטן זיסלעכן אַראָמאַט פון זכרונות און צוריקגיין צו יענעם פרילינג טאָג, ווען איך בין אָנגעקומען אין דיין שטאָט זיך אָנטרינקען פון וועלטלעכער קולטור און חכמה.

צי געדענקסטו? צי דערמאָנסט זיך?

דאָרט, נעבן די געמויערטע קראָמען אין געסל, האָט געוווינט דער גאון און בעל־מופת ר׳ מרכילע אַשמענער. אייגנטלעך האָבן מיר, „וועלט־לעכע״ גימנאַזיסטן, גאָרנישט געדאַרפט וויסן, ווו דער רב וווינט. ער האָט דאָך כלומרשט געהערט צו אַן אַלטער „פאַרשימלטער״ וועלט און מיר זענען דאָך געווען די פּאַראַויסגייער פון א „נייעם״ מאָרגן מיט פּושקינען, טורגעניעוון און טאָלסטאָיען אַלס די לערערס פון אונדזער צוקינפטיקן לעבן, מיטן גרויסן רוסישן פאָלק אַלס חבר אויף דעם וועג צום מענטשלעכן פּראָגרעס. איז וואָס האָבן מ י ר צו טון מיטן רב?

אָבער ניין! מיר זענען געווען שטילערהייט שטאָלץ ביי זיך, וואָס צו ר׳ מרדכילען אין ענגן געסל קומען צו פאָרן יידן פון דער גאַנצער וועלט זיך אַן עצה האַלטן אין צרות און געשעפטן; וואָס אפילו פּריצים פון די אַרומיקע „אימעניעס״ כאַפּן זיך אַרויף אויף די געדרייטע, היל־צערנע טרעפּ צו רבס „שטיבל״ און דורך א יידישן פּריינט, א „טאָל־מעטשער״, שמועסט מען לאַנג־לאַנג איבער א פאַמיליען־סכסוך און וואָס וועט דער „הייליקער ראַבין״ אויף דעם זאָגן. איך אַליין בין געווען גאָר צופרידן, ווען מיין שול־חבר, דער יונגער גראַף סיניצין, האָט מיר דער־ציילט, אַז זיין פאָטער, דער אַלטער פּריץ, האַלט זייער און זייער פון דער חכמה פון מ יי ן רב...

מיר, יונגע שילערס, האָבן זיך איינמאָל א שבת, ווי שטענדיק, אַוועקגעלאָזן אויף דער שפּילעוודיקער דאַמבע ביים קאַנאַל, כדי צו פאַרברענגען אין לויפערייען און שטיפערייען דעם זוניקן נאָכמיטאָג.

אייניקע פון אונדז האָבן געדונגען א שיפל, אַריינגעשפּרונגען אין איר און זיך געקליבן אַוועקפאָרן העט־העט ווייט צו די „שלוזן״.

אָבער פּלוצלינג באַמערקן מיר א באַוועגונג אויף דער דאַמבע; דער שבתדיקער שפּאַצירנדיקער עולם קוקט אַרויף צום געסל, ווו עס באַווייזט זיך עפּעס אַן אומגעוויינלעכע גרופּע פון יידן אין אַטלאַסענע קאַפּאָטעס מיט לאַנגע בערד. פאָראויס שפּרייזט א קליינינקער, אַביסל איינגעהויקערטער ייד, באַלויכטן מיט א ווייסער באָרד און מיט אויגן, וואָס שיסן, דוכט זיך, מיט פונקען פון דערוווייטנס.

מיר דערקאָנען אים אַלע: צו אונדז דערנענטערט זיך ר׳ מרדכילע אַשמענער, וועמען מען האָט נאָר וואָס מודיע געווען, אַז יידישע קינדער

קלייבן זיך דאָס מאָל, ווי יעדן שבת אין דער צייט, מחלל צו זיין דעם הייליקן רו־טאָג און זיך אַוועקלאָזן אין שיפלעך שפּאַצירן.

פייערלעך־ערנסט גייט ער צו צום פּלאַץ, וווּ אונדזער חברה האָט זיך צונויפגעזאַמלט, ציט אויס אַ ציטערדיק־דאַרע האַנט צום שיפל פול מיט יונגוואַרג און גיט אַ זאָג מיט זיין שאַרפער אויסשפּראַך:

„קינדער יידישע, האָט רחמנות! איר וועט דאָך ברענגען אַ צרה אויף אונדז אַלעמען, סטייטש! שבת, הייליקער שבת און איר וועט פאָרן? איר קענט דאָך חלילה דערטרונקען ווערן!...”

עפּעס אַ מורא באַפאַלט אַלעמען, אפילו מייערימקע זאַקין, דער בונדיסט צווישן אונדז, קריכט אַרויס בחרפּתו פון שיפל. עס איז נישט אַזוי די מורא פון דערטרונקען ווערן, ווי דער הויכער אויטאָריטעט פון אַלטיטשקן רב. עס בלאָזט פון אים מיט דער גבורה פון אַ לייב און מיט דער תמימותדיקער שוואַכקייט פון אַ קינד... ווער קען זיך דאָ קעגנשטעלן?

אין די שפּעטערדיקע שבתים, ווען חברה האָט זיך פאַרגעסן, אַז עס איז שבת און זיך פאַרקליבן אין די שיפלעך, פלעגט אונדזער לץ, יאַשקע פינקלשטיין, אין דער לעצטער מינוט מאַכן אַ געוואַלד:

„קינדער, ר' מרדכילע גייט: מיר וועלן דערטרונקען ווערן”, און אַלע זענען הענדום־פּענדום אַרויסגעשפּרונגען אויפן ברעג, אפילו די גויאישע חברים אונדזערע אויך...

ר' מרדכילע פלעגט פאַרן פּשוטן עולם האָבן פאַרשידענע סגולות, וועלכע האָבן געווירקט אויף דער פּסיכיק, אָבער געהאַט שטענדיק אַ געזונטן רעאַלן אָנשפּאַר אין די פּרימיטיווע געזעצן פון היגיענע.

איך ווייס, צום ביישפּיל, וועגן אַ פאַל, ווען ביי אַ יידיש פאָרפאָלק אין אַ קליין שטעטל האָבן זיך לא־עליכם קיין קינדער נישט געהאַלטן...

איז מען געלאָפן צו ר' מרדכילען. דער רב האָט זיך אויסגעפרעגט גענוי וועגן די באַדינגונגען, אין וועלכע די פאַמיליע לעבט און געגעבן פאָלגנדע עצה: „ווען ביי אייך וועט געבוירן ווערן דאָס נעקסטע קינד, זאָלט איר אים גוט וואַשן און שפּעטער אַ גאַנץ יאָר וויקלען אין ריינעם רויטן לייוונט. דאָס קינד וועט זיך איה”ש האָדעווען.”

און כּך־הוה: דאָס קינד האָט זיך גאַנץ פֿיין אויסגעהאָדעוועט; צי אַ דאַנק דער ר יי נ ק יי ט פֿון לייוונט, אָדער דער רויטקייט, דאָס איז שוין ווייניקער וויכטיק...

מיין פֿריינט, רעדאַקטאָר ד. ל. מעקלער, וואָס קען גראַד דעם פֿאַל, דערציילט מיר, אַז דאָס אַמאָליקע ציטערדיקע עופֿהלע איז שוין איצט אַ מיטליאָריקער געזונטער ייד ערגעץ אין די בראָנקס. מער נישט, די רויטקייט איז געבליבן און זעט זיך שטאַרק אָן אויף פּאָליטישע פֿאַרזאַמלונגען...

מיט איינעם אונדזערן אַ חבר, אַ פּראַוואָסלאַוונעם שגץ, איוואַן צופּריק, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ הונגעריקער ישיבה־בחור, איז טאַקע פֿאָרגעקומען אין יענע יאָרן אַ „מעשה נורא״: דער חבר האָט פּרייטיק־צו־נאַכטס שפּאַצירט פֿון רבס געסל אין דער ריכטונג צום שול־הויף, כּדי צו באַזוכן אַ יידישן חבר, וואָס האָט דאָרטן געוווינט. אין מויל האָט ער געהאַלטן אַ ברענענדיקן פּאַפּיראָס.

דעם רבס גבאי, אַ ייד אַ קנאי, וואָס האָט שוין לאַנג געהאַלטן אַן אויג אויף די גימנאַזיסטן, וועלכע האָבן עפּעס צו פֿרעך אָנגעהויבן לעצטנס מחלל־שבת זיין, האָט גלייך באַמערקט דעם שילער מיטן פּאַפּיראָס אין מויל און דאָס נאָך נעבן דעם רבס שטוב. ער האָט נישט געקלערט און האָט אים אַראָפּגעלאָזן אַ קלינגענדיקן פּאַטש... איוואַן צופּריק, וואָס האָט נישט געוווסט וועגן קיין פּותר־חלום און געווים נישט געדענקט, אַז עס איז שבת אויף דער וועלט, האָט דעם „הייליקן״ פּאַטש ווייטיקלעך דערפֿילט און מיט אַ געשריי „יעזוס מאַריאַ!״ האָט ער זיך געלאָזט לויפֿן...

דער גבאי, דערהערנדיק דעם געשריי „יעזוס״, האָט גלייך פֿאַרשטאַנען זיין טעות, זיך דערשראָקן אויף טויט און זיך אויך געלאָזט לויפֿן אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג...

אין שפּעטערדיקע צייטן, טיף אין „פּראָגרעסיוון״ צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָלט זיך אַזאַ מעשה מיט אַ פֿרומען ייד, וואָס שלאָגט אַ גוי, געענדיקט זייער טרויעריק, אָבער דאַן האָט זיך דאָס אויסגעלאָזן מיט דעם, וואָס צופּריק פֿלעגט אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט גאַס, ווען ער האָט באַמערקט אַ ייד מיט אַ באָרד...

* * *

איצט, ווען איך זע די געשעענישן רעטראָספּעקטיוו, קוקן מיר אויס די באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן אין יענע צייטן און אין יענע שטעטלעך, כמעט ווי אַן אידיליע.

פאַרשטייט זיך, איז דעמאָלט געווען אַ פּורישקעוויטש אין רוסלאַנד, וועלכער האָט פון אַנטיסעמיטיזם געמאַכט אַ שפּרונג־ברעט צו זיין פּאָליטישער קאַריערע. געווען אַ יידן־פרעסערישע צייטונג „נאָוואָיע ווערמיא" און אַ כוליגאַנישער „פאַראיין פון רוסישן פאָלק".

אָבער דאָס האָט אַלץ אָנגערירט נאָר אַן אויבערפלעכלעכן שיכט פון די פעלקער אין רוסלאַנד; טיפער אין לעבן האָט דער פּראַקטישער אַנטיסעמיטיזם קיין וואָרצלען נישט געלאָזן. מיר ווייסן, אַז ס'איז געווען אַ יידן־פיינטלעכע רוסישע געזעצגעבונג מיט אַ „תחום־המושב" מיט „דאָס מעג אַ ייד און דאָס טאָר ער נישט", אָבער אין די ראַמען פון די עקזיסטירנדיקע געזעצן האָבן דאָך יידן געלעבט, זיך צוגעפּאַסט און זיך אויסגעלעבט אין אַ גוט רעגולירטער און איינגעאָרדנטער דורכן לעבנס־שטייגער פון יאָרהונדערטער אויטאָנאָמיע.

עס איז געווען אַ באַציאונג צום ייד, איך וואָלט געזאָגט אפילו מיט חשיבות, סיי פון פּויער, וואָס איז געקומען צום מאַרק־טאָג פון דאָרף, סיי פון אַרבעטער און סיי פון אינטעליגענט.

ווער רעדט נאָך, ווען די פּריוויהייטס־ווינטן האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן און דער מער באַוווסטזיניקער גוי האָט דערפילט אין ייד אַ קרבן נאָך פון אַ גרעסערער אונטערדריקונג, ווי ער, כלומרשט גלייכבאַרעכטיקטער בירגער זעלבסט?

אפילו די פּאָליאַקן אין די ווייסרוסישע און ליטווישע גובערניעס זענען נישט געווען אַזוי פאַרביסן אין זייער באַציאונג צו יידן ווי זיי זענען דאָס שוין דעמאָלט געווען אין די ריין־פּוילישע גובערניעס.

איך דערמאָן זיך דעריבער מיט אַ געוויסער צופרידנהייט די ערשטע באַגעגענישן מיט קריסטן אין דער עפּאָכע פון מיינע סלאָנימער שול־יאָרן.

אָט פאַרן דאָזיקן אַריינטריט מיינעם אין יענער פרעמדער גויאישער וועלט האָט מיין פאָטער אַזוי מורא געהאַט, ווען ער איז געווען קעגן דעם.

איך זאָל זיך לערנען אין אַ גימנאַזיע. ער איז געווען גערעכט, נאָר טיילוויז:

פרומע קינדער פון דער היים פלעגן נאָך דעם ערשטן יאָר, העכסטנס דעם צווייטן יאָר, נישט שרייבן אום שבת אין דער גויאישער שולע, אָבער שפּעטער האָט דאָס געמיינזאַמע צוזאַמענלעבן מיט קריסטן מערסטנ־טיילס די געבראַכטע פון דער היים רעליגיעזע געוווינהייטן אויסגעגלייכט. מען איז שוין נישט געווען אַזוי אָפּגעהיט מיטן חלול שבת. יאָרן שפּעטער איז די יניקה פון קינדער־שטוב ווידער געקומען צוריק: סענטימענטן און בענקשאַפט האָבן ווידער אַמאָל געבראַכט צוריק צום שבת און צום יום־טוב...

איך דערמאָן לחלוטין צום גוטן יענע רוסישע לערער, וואָס האָבן מיך עקזאַמינירט ביים אַריינטרעטן אין פינפטן קלאַס פון רעאַל־שולע.

עס איז ביי מיר געווען אַ פראַגע פון מיין יונגער אַמביציע קומען צוריק קיין ביאַליסטאָק אין „קאַזיאָנעם" מונדיר מיט די מעשענע קנעפּ. עס האָט געוואָלט זיין דער ערשטער נצחון פון מיין אייגענער שיטה קעגן דער שטרעבונג פון מיין פאָטער, וואָס האָט אין מיר געזען דעם יורש פון זיין משכיליש־לומדישער טראַדיציע און פון זיינע און דעם זיידנס געשעפטן. וואָלט איך דאַן דורכגעפאַלן ביים עקזאַמען, וואָלט איך זיך מיט דעם אנערקענט פאַר באַזיגט און געמוזט אָננעמען די „קאַפּיטולאַ־ציע" באַדינגונגען פון אַ סוחרישן לעבן. לויט דעם באַגריף פון יענער עפּאָכע איז דאָס געווען אַ מפּלה נישט צו פאַרריכטן...

אויף איין „קאָמפּראָמיס" האָט מיין פאָטער געוואָלט דאַן איינגיין: איך זאָל פאָרן זיך לערנען אין דער פראַנקפורטער טראַדיציאָנעל־העברע־אישער שולע פון גאָלדמאַנען (דער פאָטער פון דר. נחום גאָלדמאַן). דאָס האָט געזאָלט זיין די סינטעזע פון וועלטלעכער בילדונג און מאָדערנער השכלה; פון דאָרט פלעגן אַראָפּקומען נגידישע קינדער מיט ביאַליקס שירים, מיט היינעס לידער און מיט פיין־דייטשע מאַניערן.

אָבער אויך קיין פראַנקפורט האָט מיך נישט געצויגן: עפּעס האָב איך זיך געשראָקן פאַר די פאַרפיומירט־ציליגדערדיקע יידן פון פראַנק־פורט, וועלכע איך האָב אַלס קינד געזען אין קאַרלסבאַרד, ווי זיי זוכן אויף פוטער אַ פלאָמבע מיטן שטעמפּל „כשר למהדרין וכ"ו"...

מוז איך דעריבער אויסהאַלטן אויסגעצייכנט אַלע עקזאַמענס, כדי אָנקומען אין דער רוסישער רעאַל־שולע.

דאַוון איך יעדן טאָג, דריי מאָל אַ טאָג, בין מכוון די ווערטער: „אתה חונן לאדם דעת ומלמד לאנוש בינה", ווער נאָך, אויב נישט דער אויבערשטער אַליין וועט מיך באַגנעדיקן מיט פאַרשטענדעניש, איך זאָל דורכגיין די עקזאַמענס פון אַלגעברע, געאָמעטריע און צייכענען? אַביסל קאָן איך יאָ, אָבער כדי צו באַקומען אַ „פינף" און איך זאָל אויסהאַלטן דעם קאָנקורס, מוז שוין טרעפן אַ נס...

מילא, די עקזאַמענס פון רוסישער ליטעראַטור, פון געשיכטע, פון געאָגראַפיע, זענען ביי מיר געווען ווי אַ קינדער־שפּילעכל: איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט אויסגעלעזן אברהם קאָטיקס ביבליאָטעק אין ביאַליסטאָק, געשריבן לידער און אַפילו געהאַט הינטער זיך אַ געדרוקט אַרטיקעלע אין דער רוסישער אָרטיקער צייטונג, אָבער וואָס וועט זיין מיטן צייכענען? איך ווייס דאָך גאָרנישט. ווי אַזוי וועל איך דאָס אָפּקאָפּירן פון דעם גיפּסענעם מאָדעל אַ גריכישן טעמפּל? איך האָב נישט די מינדסטע פעאיקייט דערצו!

און דאָ איז מיר צו הילף געקומען דער פאַקט, וואָס בעת מיין ערשטן עקזאַמען פון מיטלאַלטערלעכער געשיכטע איז אויף מיין גורל אויסגעפאַלן צו ענטפערן אויפן קאַפּיטל „מחמד און מוסולמאַניזם". דער דירעקטאָר פון שולע, דער „ווירקלעכער שטאַט־ראַט" קאַזאַקין, איז אויך געווען דער פּראָפעסאָר פון היסטאָריע און ער איז נישט געוווינט געווען, אַז אַ שילער פון פינפטן קלאַס זאָל וויסן פון מחמדן מער ווי דער נודנער רוסישער „אוטשעבניק". אָבער איך האָב געוווּסט אַ סך מער: געדענקט אויף אויסנווייניק די רירנדע באַשרייבונג אין „זכרונות לבית דוד", געוווּסט וועגן אַלפסי אין פעז, וועגן דער שיינער פאַטימאַ און סולימאַן. איך האָב גערעדט אויף טיש און אויף בענק, געוואָלט דורך מחמדן קריגן לייטזעליקייט און גענאָד אין די אויגן פון מיין עקזאַמינאַטאָר.

און דאָס האָט געהאָלפן. שוין יאָרן שפּעטער האָט מיר זיין עקסעד לענץ קאַזאַקין מודה געווען, אַז ער אַליין איז געווען פאַראינטערעסירט אין די נייע פאַקטן וועגן מחמדאַניזם, וועלכע זיין צוקינפטיקער שילער דערציילט. ער האָט נישט געוווּסט, אַז איך האָב זיי געבראַכט אין דער

גויאישער שולע פון אָנגעווארעמטן בית־המדרש און פון דער העברעאי־שער ליטעראַטור... דער דירעקטאָר האָט אויסגעדריקט זיין גרויס צו־פרידנקייט מיט די רעזולטאַטן פון מיין פאַרהער. ער האָט, ווייזט אויס, געגעבן א ווונק הינטן־אַרום צו אַלע לערער, מען זאָל קוקן דורך די פינגער, אויב איך מאַך א פעלער.

און אַלץ האָט געקלאַפּט: איך בין מיט מזל געוואָרן א שילער פון דער רעאַל־שולע און געפּאָרן אהיים מיט די מעשענע קנעפּ.

אַז דער אויבערשטער וויל, העלפט ער זיין קנעכט אויך דורך אַזא פאַלשן „נביא״ ווי מחמד איז געווען...

V.

חברטע ליזאַ מאַכט אַ קאַריערע.

מיין לערנען אין דער רוסישער רעאַל־שולע אין סלאָנים, איז גראָד אויסגעפאַלן אין יענע יאָרן נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע פון „פינפטן" יאָר, ווען אַ שטימונג פון יאוש און אַפּאַטיע האָט ארומגעכאפּט די פּראָגרעסיווע טיילן פון דער רוסישער געזעלשאפט. די אקטיווע רעוואָלוציאָנערן זענען אָדער געזעסן אין תפיסה, אָדער אנטלאָפן קיין אויסלאַנד.

די אונטערוואקסנדיקע יוגנט, צו וועלכער איך האָב געהערט, האָט טיף אין הארצן פארבאָרגן אירע פּאָליטישע אידעאַלן, מורא האָבנדיק פאַר דער כוואַליע פּראָוואָקאַציעס, מיט וועלכער די געהיים־פּאָליציי האָט ווי אין אַ שפּינוועבס ארומגענומען די שטודירנדיקע יוגנט און די אר־בעטער.

מען האָט חושד געווען אַפילו די נאָענטסטע חברים, טאָמער האָבן זיי באַציאונגען מיט דער פּאָליציי: פארן מינדסטן „חטא" האָט מען געזעצט אין טורמע, אַרויסוואַרפנדיק פריער פון דער שולע מיט אַ „וואָל־פישן בילעט", פאַרמאַכנדיק אַזוי אַרום דעם וועג אָנצוקומען ווען עס איז אין אַן אנדער שולע.

עס איז קיין וווּנדער נישט דעריבער, וואָס בעת די ערשטע חדשים פון מיין זיין אין דער נייער סביבה צווישן דרייסיק חברים, רוסן, פּאָליאַקן און יידן, האָב איך זיך פּאָרזיכטיק פאַרהאַלטן אין רעדן און געגוי געשטודירט די כאראקטערן פון די בלאָנדע און שווארצע יינגלעך, מיט וועלכע דער גורל האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין איין גרויסן קלאס־צימער.

פּאַמעלעך אָבער איז דער נעפּל פאַרשוווּנדן און איך האָב זיך אָנגע־הויבן גוט צו אָריענטירן „ווער איז ווער״ אין דער בונטער חברישער געזעלשאַפט.

מיט אַן אינטעלעקטועלן קאָפּ העכער פון גאַנצן קלאַס האָט אַרויס־געשײַנט גראָד דער ייִנגסטער פון אונדז און דווקא דער קורץ־געוויקסי־קער מײַרים זאַקין. פון זײַנע עלטערע ברידער האָט ער איבערגענומען די אַגרעסיוויטעט פון אַ רעוואָלוציאָנערן אַגיטאַטאָר און נישט קוקנדיק אויף דעם אומגינסטיקן פּאָליטישן קלימאַט האָט ער אָרגאַניזירט אַ קרײַזל פון „זעלבסטבילדונג״, וועלכער האָט געזאָלט דערגענצן די טרוקנקייט פון קאַזיאָנעם לערנען.

זאַקין האָט אויסדערוויילט אַרום צען שילער, וועלכע מען האָט אַרײַנגעצויגן אין יענעם קרײַזל. מיר פלעגן זיך פאַרזאַמלען זונטיק פאַרנאַכט בײַ אַ קריסטלעכן חבר יאָדים, וועמעס טאַטע איז גראָד געווען אַן אונטער־אָפיציר פון דער זשאַנדאַרמעריע. דאָס איז געווען אַ וואָגיקער שריט, אָבער מיר האָבן געוווּסט, אַז דער זשאַנדאַרם פאַרגעטערט זײַן זון און האָט צו אים פולן צוטרוי. מיר האָבן דעריבער אײַנגערעדט דעם האַלב־געבילדעטן גוי מיט די לאַנגע געלע וואָנצעס, אַז דאָס פאַרזאַמלען מיר זיך, כדי צו לייענען צוזאַמען די רוסישע פּאָעטן און זיך בעסער פאַרבאַרייטן פאַר די לעקציעס אין שולע...

ווען דער זשאַנדאַרם אָדער זײַן ווײַב פלעגן אונדז אַרײַנברענגען טיי מיט צובײַסעכץ אין מיטן אַ הייסער דיסקוסיע, איז זיי אין קאָפּ אַפילו נישט אײַנגעפאַלן, אַז דאָס דעבאַטירט מען נישט פּושקינען און גאָגאָלן נאָר די ווערק פון די גרויסע פרייהייטס־קעמפער פּיסאַרעוו, און קראָפּאָטקין. שפּעטער מיט אַ יאָר האָט שוין זאַקין אויך אַרײַנגע־שמוגלט דעם „קאַפּיטאַל״ פון מאַרקסן...

ווי לעבעדיק שווימען אַרויס פאַר מיר די געזיכטער פון יענע ייִנגלעך אין אויבער־שטיבל אויפן סאַמע עק פון זשיראָוצעס גאַס, וווּ עס ענדיקן זיך די קאַזאַרמעס פון יאַראָסלאַווער פּאָלק און עס הייבט זיך אָן דער טיפער סודותדיקער וואַלד וועג צום קלויסטער.

אָט איז דער לאַנגער דאַרער „בוטשע״ לייזעראָוויטש. דער טאַטע, אַן אָרימער קראַנקער שוסטער, אַ „לאַטוטניק״, וועלכער פאַרדינט קוים

אויף ברויט מיט קאַשע. אָבער אין זיין פאַרחושכט שטיבל אויף סטו־דענטסקע גאַס וואַקסט אַ טאַלאַנטפולער יינגל: ער שפּילט אויף אַ באַ־לאַלייקע אַזוי, אַז די גאַנצע גאַס שכנים לויפן זיך צונויף אין די אָוונטן אַרום דעם איינגעפאַלענעם הילצערנעם גאַניק, כדי צו הערן, ווי ער שפּילט און זינגט דערביי מיט זיין האַלב־צייטיקער טענאָר־שטימע.

בוטשע קומט אָן אין רעאַל־שולע, נאָכהער לויפט ער אַרום איבער „אוראָקן" ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער איז נאָך נישט אַלט קיין זעכצן יאָר, אָבער שוין ליגט אויף זיינע פּלייצעס דער פּרנסה־יאָך פון אויס־האַלטן זיך אַליין און דעם קראַנקן טאַטן, דעם שוסטער.

נעבן אים יאָשקע פינקעלשטיין, וועמענס טאַטע האַנדלט אויפן מאַרק מיט צעלניק־סחורה. יאָשקע האָט זיך אין דער גוייִשער שולע אַריבערגעפּעקלט דירעקט פון דער ישיבה און אַריינגעבראַכט אין קלאַס דעם ניגון פון גמרא. בעת ער פלעגט „לייזן" די געאָמעטרישע טעאָרע־מעס... אויך יאָשקע האָט געלעבט פון רוסישע אוראָקן, כאָטש ער אַליין האָט גערעדט רוסיש מיטן ליטווישן „סין" און „אַוועקגעקוילעט" מיט דעם אַ גאַנצן דור פון זיינע שילער, די ישיבה־בחורים, פאַר וועלכע ער איז געווען דער עקספּערט אין רוסיש רעדן...

גאָר פון אַן אַנדער וועלט איז געווען דער בלאָנדער, שטאָלצער פּאָ־ליאַק לעאָנאַרד מיכאַלסקי, וועמענס פאָטער איז געווען אַ גרויסער, רייכער גוט־באַזיצער. ווען ער איז געווען אין שולע, האָט ער זיך גערעכנט צו דער פּראָגרעסיווער גרופּע און זיך געהאַלטן נאָענט מיט זיינע יידישע חברים. יאָרן שפּעטער איז לעאָנאַרד מיכאַלסקי געווען אין ערשטן לעגיאָן פון פּילסודסקין, ווען יענער האָט אַרויסגעמאַרשירט פון קראָקע קעגן רוסלאַנד...

אין זעלבסטשטענדיקן פּוילן איז שוין מיכאַלסקי געווען דער קאָמאַנ־דיר פון אַן אולאַנער־פּולק אין שטעטל נאָוואָמינסק, נעבן וואַרשע. איך האָב זיך דאָן מיט אים געטראָפן אין אַ קריטישן מאָמענט פאַר יידן. אַ סך געדענקען מסתמא, אַז אייניקע יאָרן פאַרן איצטיקן קריג האָט אַ יידישער קצב דערשטאָכן אין נאָוואָמינסק אויף טויט אַ סערזשאַנט פון די אולאַנער. מען האָט זיך גערוכט דאָן אויף אַ פּאָגראָם אין שטעטל. אַלץ

איז געווען אָפּהענגיק פון דער רעדע, וואָס דער פּולקאָווניק מיכאַלסקי וועט האַלטן בעת דער לוויה פון זיין סערזשאַנט.

גראָד מיט אַן אָוונט פאַר דער לוויה האָב איך מיכאַלסקין געטראָפן אין קאַפע „אייראָפּעיסקע״ אין וואַרשע, אַרומגערינגלט מיט הויכע אָפיצירן.

איך בין געזעסן ביים צווייטן טיש מיט מיינע שטענדיקע מיט־זיצער אין יענער באַרימטער וואַרשעווער קאַפע: די זשורנאַליסטן נתן שוואַלבע און וואָלקאָוויטש און דעם באַנקיר מיכאל שערעשעווסקי. איך דערציייל מיינע באַגלייטער, וואָס עס פאַרבינדט מיך מיטן פּוילישן אולאַנער קאָמאַנדיר און זיי הייבן אָן פשוט מיך שטופּן, כדי איך זאָל איבעררעדן מיט מיין אַמאָליקן שול־חבר וועגן זיין מאָרגנדיקער רעדע אין נאָוואָמינסק, וועלכע קען דאָרט פאַרהיטן פון א פּאָגראָם.

כאָטש עס איז געווען זייער נישט פּאַסיק און אומאַנגענעם אַרויס־רופן דעם פּולקאָווניק פון דער גרופּע הויכע אָפיצירן, מיט וועלכע ער איז געווען אַרומגערינגלט, פיל איך, אַז איך מוז דאָס טון.

מיכאַלסקי באַציט זיך צו מיר העפלעך און קאַלט. איך ווענד זיך צו אים אויף „דו״, ווי צו א נאָענטן אַלטן חבר. ער ענטפערט מיר אויף „איר״, כאָטש קיינער האָט זיך צו אונדזער געשפּרעך נישט צוגעהערט... איך פיל אָבער, אַז עס איז נישט קיין צייט אויף דיפּלאָמאַטישע דריידלעך און גיי צו גלייך צו דער אָנגעשטרענגטער לאַגע אין נאָוואָמינסק, מיט וועלכער עס זענען פול געווען דאַן די צייטונגען. איך פרעג אים, צי ווייסט ער, אַז אַלע יידן האַלטן, אַז נאָר דער פּולקאָווניק פון די אולאַנער קען אָפּהאַלטן מאָרגן פון א בלוט־פאַרגיסונג?

ענטפערט ער, אַז אים האָט פון שטענדיק אָן געררייצט אָט די יידישע אחדות, וועלכע האָט דרייפוסן באַפרייט פון דער פאַרדינטער תליה און וויל איצט באַפרייען די נאָוואָמינסקער יידן פון פאַרדינטער שטראָף...

אויף אַזאַ תשובה פון אַן אַמאָליקן חבר, מיט וועלכן איך בין דריי יאָר געזעסן אויף איין שול־באַנק און געהערט אפילו צו א נישט־לעגאַלן קרייזל, האָב איך זיך גאָרנישט געריכט.

ח. שאָשקעס אלס
אָפיציר בעת דער
ערשטער
וועלט־מלחמה

ח. שאָשקעס אלס סטודענט פון
כאַרקאָווער אוניווערזיטעט

איך רעד־שוין אויך דאַן קאַלט און טיטוליר אים אפילו „פאַן פּולקאָווניק"... איך זאָג אים: אויב איר, פאַן פּולקאָווניק, מיינט, אַז ווען אַ יידישער קצב אין אַמאָליקן סלאָנים וואָלט דערהרגעט אַ סערזשאַנט, וואָלט מען געדאַרפט דעריבער דאַן קוילענען שאַשקעסן, זאַקינען, גורעוויטשן און שטיינבערגן, דאַן, פאַרשטייט זיך, האָבן מיר מער נישט וואָס צו רעדן... אייער געשטאָרבענע מוטער, וועלכע איז געווען אַזוי גוט צו אונדז אַלעמען, וואָלט אייך אַזאַ עצה נישט געגעבן..."

איך באַמערק פּלוצלינג, אַז דער אָנגעצויגענער „פאַן" ווערט מיט אַמאָל אַן אַנדערער: דער זכרון פון זיין געליבטער מוטער און די נעמען פון די אַמאָליקע חברים ענדערן די שטימונג.

ער ווענדט זיך אפילו צו מיר ווידער אויף „דו":

„ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך וויל זיך נוקם זיין אָן אומשולדיקע יידן פאַרן טויט פון מיין סערזשאַנט? איך קען דיר פאַרזיכערן, אַז איך בין נאָך אַלץ געבליבן געטריי די געבאָטן פון מיין מוטער. אגב, פאַרוואָס קומסטו אַמאָל נישט אַראָפּ צו גאַסט צו מיר אין פּולק?"

דאָס איז האָט געפּלאַצט. אויף מאָרגן האָט מיכאַלסקי געהאַלטן אַ הייסע רעדע אויף דער לוויה פון סערזשאַנט, אין וועלכער ער האָט געווארנט, אַז נאָר שולדיקע דאַרפן טראָגן זייער שטראָף און קיין טראָפּן אומשולדיק בלוט טאָר נישט פאַרשוועכן דעם זכרון פון דערמאָרדעטן זעלנער.

איך וויל, פאַרשטייט זיך, נישט צושרייבן צו זיך דעם פאַרדינסט פון דער רעדע, נאָר עס איז מיר דאָך אָנגענעם געווען פעסטצושטעלן דעם פאַקט, אַז „אַלטע ליבע ווערט נישט פאַרזשאַווערט"...

מערקווירדיק איז אויך געווען די צוקונפט פון אונדזער יונגן חבר־רעוואָלוציאָנער מיירים זאַקין. ער האָט שפּעטער שטודירט מעדיצין און געענדיקט אויף דאָקטאָר אין ציריך... אין שווייצאַריע איז ער זייער נאָענט געשטאַנען צו די קרייזן פון לענין־מאַרטאָוו און בעת דער רוסישער רעוואָלוציע איז ער געקומען קיין פּעטערבורג אין „פּלאָמבירטן" וואַגאָן צוזאַמען מיט לענינען און אַ פּאָר צענדליק אַנדערע „אינטערנאַציאָנאַליסטן", וועלכע די דייטשן פון ווילהעלמען האָבן דעמאָלט דערלויבט דורכפאָרן דורך זייער טעריטאָריע...

זאקין האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ פירנדע ראָלע אין פּעטערבורגער „סאָוועט". אָבער ווען מאַרטאָוו איז שוין נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע זיך צעגאַנגען מיט לענינען, איז אויך זאקין אַוועק מיט אים. איך האָב אים געטראָפן שפּעטער אין לענינגראַד אַלס אַ דיוויזיע־דאָקטאָר, שטאַרק אַנטוישט און אַ היפּש ביסל ציניש אין באַצוג צו יענע אידעאַלן, וועלכע ער האָט מיט אַזאַ היץ אָנגעצונדן אין אונדז נאָך אויף דער שול־באַנק...

צו אונדזער גרופּע האָט אויך געהערט משהקע עפּשטיין, דער פּאָפּולערער אין שפּעטערדיקע יאָרן דאָקטאָר פון די סלאָנימער פאָלקס־מאַסן. זיין פאָטער איז געווען אַ רייכער ישובניק, נעבן דער סטאַנציע אַזעריצע. איז דאָרט געקומען אַמאָל אויף יאַגד אַ גרופּע לערער פון דער רעאַל־שולע, זיך באַקענט מיטן שוואַרץ־אויגיקן משהקען און איינגערעדט זיין טאַטן, ער זאָל אים אָפּגעבן שטודירן.

דער פאָטער האָט נאָכגעגעבן און אין סלאָנים איז צוגעקומען נאָך אַן אָריגינעלער טיפּ פון אַ פּראָווינצער שילער. משהקע פלעגט יעדן טאָג גיין דאַווענען אין בית־מדרש, לערנען נאָכן דאַווענען אַ פּרק משניות און גלייך לויפן אין שולע.

ער האָט אַממייסטן ליב געהאַט כעמיע און נאָך זייענדיק אין שולע, אָנגעשריבן אַ חיבור וועגן מענער און פרויען עלעמענטן אין כעמישן אַנאַליז. ער איז געווען שטאַרק אַנטוישט, ווען ער האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז די זעלבע „אַנטדעקונג" האָבן שוין מיט הונדערט יאָר צוריק געמאַכט אַנדערע און גרעסערע געלערנטע, אָבער מיט זיין ערשטער געדרוקטער בראָשור פון זעכצן זייטן האָט ער שטענדיק מער שטאָלצירט ווי מיט זיין דאָקטאָר־דיסערטאַציע אויף דער זעלבער טעמע.

איינמאָל זענען מיר אַלע שילער צוזאַמען מיט משהקען געגאַנגען אויף אַ לאָטעריע־פאַרוויילונג און ער האָט דאָרט געוווּנען אַ קאַסטן מיט טשוועקעס, וועלכע ער האָט געמוזט נעבעך שפּעטער אַליין שלעפּן אויף די פּלייצעס. האָט אים די שטאָט אַ נאָמען געגעבן: משה טשוואָק. און אַזוי איז שוין דער נאָמען געבליבן נאָך אים אפילו דאַן, ווען ער איז געוואָרן אַ פּאָפּולערער שטאָט־דאָקטאָר.

איבערהויפּט זענען אונדזערע שטעטלעך געווען אומברחמנותדיק מיט צונעמעניש, פֿון וועלכע די בכבודיקסטע מענטשן האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּטשעפּען דאָס גאַנצע לעבן: וואָס, צום בײַשפּיל, איז געווען שולדיק דער חשובער באַלעבאָס און אײַגנטימער פֿון אַ גרויסן הויף, ר׳ מרדכי שערעשעווסקי, אַז מען זאָל אים רופֿן „מאַניע חזיר"? וואָס איז? אויך ער האָט געוווּנען אויף אַ לאָטעריע אַ חזירל, איז ער שוין געבליבן „מאַניע חזיר" אויפֿן גאַנצן לעבן. וויפֿל שידוכים זײַנען אָפּגעגאַנגען אין דער דאָזיקער פֿאַמיליע, ווען מחותנים פֿון דער פֿרעמד פֿלעגן זיך דער־ווּסן, אַז אין דער פּאַלאַצדיקער שטוב מיט די ווײַסע קאָלאָנען וווינט נישט דער גביר ר׳ מרדכי, נאָר פּשוט מאַניע חזיר.

אָדער אַזאַ פֿײַנער אינטעליגענט, ווי חיים קוק, וועלכער האָט גע־שריבן לידער וועגן לבנה און ליבע און זיך געריבן אַרום די גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס. ער האָט איינמאָל אויף אַ שמחהלע מיט גוטע ברידער זיך געוועט, אַז ער וועט אויפֿעסן צען בייגל מיט דרײַ הערינג. דעם געוועט האָט ער גליקלעכערהייט געוווּנען, אָבער צוזאַמען מיט זײַן „טשעמפּיאָנישקייט" האָט ער אויך געוווּנען דעם ערן טיטל „פֿרעסער". חיים פֿרעסער האָבן אים גערופֿן „קינד און קייט" אין סלאָנים.

און עק געמאַכט צו זײַן צאַרטער פּאָעטישער קאַריערע. אַ מענטש מיטן נאָמען חיים פֿרעסער קען נישט דעקלאַמירן וועגן לבנה און ליבע, כאָטש זײַנע לידער זענען באמת געווען גאָרנישט אַזוי שלעכט.

נאָך אַ חבר האָבן מיר געהאַט, דווקא אַ גביריש קינד פֿון שענסטן יחוס, וועגן וועלכן מען האָט דערציילט פֿאָלגנדע געשיכטע:

ווען זײַן מאַמע האָט אָנגעהויבן גיין מיט אים „צו קינד", איז געווען פּונקט פֿינף חדשים נאָכן חופּה־שטעלן...

ווען דער יונגער טאַטע, אַ בלאַסער און אַ דערשראָקענער, איז געלאָפֿן צום סלאָנימער רב פֿרעגן די שאלה:

— הייליקער רבי, צי איז געפֿערלעך פֿאַר דער מוטער, ווען זי גייט צום קינד אין גאַנצן פֿינף חדשים נאָך דער חתונה?

האָט דער רב זכרונו לברכה געגעבן אַ דיפּלאָמאַטישע תשובה:

— אויב דאָס איז דאָס ערשטע קינד איז דאָס נישט געפֿערלעך, אָבער מיט די ווײַטערדיקע דאַרף מען שוין זײַן פֿאָרזיכטיקער...

מיין חבר איז, פאַרשטייט זיך, געבוירן געוואָרן אַ געזונטער לעבע־דיקער בחורעץ. מער נישט, צו זיין יחוסדיקן פאַמיליע־נאָמען האָט אים דאָס פאָלק צוגעגעבן אַ צונעמעניש, דאָס „פינפערל״.

דאָס האָט אים אויך נישט געשאַדט שפּעטער, ווען ער איז אין וואַרשע אַלס באַקאַנטער אינזשיניער געוואָרן אַ גביר און געשאַרט פיל, פיל גאָלדענע „פינפערלעך״.

אַז מען רעדט שוין פון צונעמענישן, קען איך אויך נישט פאַרגעסן די עוולה, וואָס דאָס „פאָלק״ האָט פאַרשאַפט אַ פיינעם באַלעבאָס אין שטעטל זעלאָוו, נעבן קאַליש. ווען איך בין דאָרט אַמאָל געקומען אויף אַ באַנק־אינספּעקציע, האָט מען מיר דערציילט, אַז זיי האָבן דאָרט אויס־געקליבן אַלס דירעקטאָר פון קאָאָפּעראַטיוו, דעם „יונגן, ענערגישן שלמה גנב״.

— ווּעמען — פרעג איך אַ דערציטערטער — האָט איר געוויילט? אַ גנב?

לאַכן זיי, מיינע שטעטלשע פריינט, און דערקלערן:

— שלמה איז, חלילה וחס, קיין גנב נישט! ער איז אַ פיינער און אָרנטלעכער יונגערמאַן. מער נישט, מיט אייניקע יאָרן צוריק האָט מען אים באַגנבעט זיין געשעפט און בדיל־הדל געשטעלט. אַלע אין שטעטל האָבן גערעדט וועגן שלמהן און דער גנבה און שפּעטער, כדי צו פאַר־קירצן, ווּעלכן שלמהן מען מיינט דאָס, פלעגט מען שוין זאָגן בנשימה אחת: „אָט שלמה דער גנב — מיינענדיק דעם, ווּעמען מען האָט באַגנבעט״...

איך האָב נישט איינמאָל אין לעבן געזען, ווי מענטשן קוילענען אוועק זייער מיטבירגער מיט דער תשובה:

„אַ, יאָ! איר פרעגט וועגן פלונין? עפּעס איז מיט אים אַמאָל געשען אַ מכשול... איך געדענק אָבער נישט, צי ע ר האָט באַגנבעט, צי מען האָט א י ם באַגנבעט...

* * *

צו אונדזער גרופּע האָט אויך געהערט די גימנאַזיסטין ליזע רעפּעל־סקאַ. זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ טוך־פאַבריקאַנט אין גראָדאָק,

נעבן ביאַליסטאָק און געקומען לערנען זיך אין סלאָנימער רעגירונגס גימנאַזיע, ווייל מען האָט דאָ לייכטער אָנגענומען יידן.

ליזע איז געווען אַן עקזאַלטירטע פון דער נאַטור און אויף אונדזערע שילער־אוונטן פלעגט זי דעקלאַמירן מיט האַרץ און געפיל נעקראַסאָווס און קאָלצאָווס פּאָעזיע וועגן ליידנדן רוסישן „מוזשיק".

שפּעטער האָט זי שטודירט מעדיצין אין כאַרקאָווער אוניווערסיטעט צוזאַמען מיט מיינע שוועסטערס. מיין פאָטערס פאַמיליע האָט שוין דאַן געוווינט אין כאַרקאָוו און ליזע פלעגט אונדז דאָרט באַזוכן. עס איז געווען אין סאַמע ברען פון ערשטן קריג אין יאָר 1916, ווען די דונערן פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע האָבן זיך שוין געלאָזן קלאָר הערן, איבערהויפּט אין די אוניווערסיטעט־שטעט. עס איז דאַן געשאַפן געוואָרן אַן אונטערערדישער ראַט פון אַלע כאַרקאָווער הויך־שולן, ווו מען האָט באַטראַכט די פראַגע פון שטרייקן און פּראָטעסטן קעגן דעם צאַרישן רעזשים. די זיצונגען פון ראַט זענען פאָרגעקומען אין דער סטודענטן־אַמבולאַטאָריע אויף סלעסאַרנעם געסל, ווו די מיטגלידער האָבן בעת די זיצונגען געשפּילט די ראָלע פון פּאַציענטן, וואָס וואַרטן אויף דאָקטוירים און דערווייל האָט מען צווישן זיך היים דעבאַטירט די טאַקטישע פראַגן. איך בין דאַן געווען איינער פון די דריי פאָרשטייער פון האַנדלס־אינסטיטוט. ליזע רעפעלסקאַ האָט רעפּרעזענטירט דעם מעדיצינישן פרויען־אינסטיטוט. צו יענער עפּאָכע פון ערב רעוואָלוציע און די מערקווירדיקע טיפּן און באַגעגענישן וועט מיר נאָך אויסקומען זיך צוריקקערן. אָבער דאָס מאָל נאָר וועגן מיין אַמאָליקער סלאָנימער חברטע. זי האָט שוין דאַן געהערט צו דער באָלשעוויסטישער פראַקציע. אירע עקזאַלטירטע רעדעס פאַר אַן אַלגעמיינעם שטרייק, פאַר אַ דירעקטן קאַמף מיט דער צאַרישער פּאָליציי, האָבן נישט געהאַט קיין באַזונדערן איינפלוס אויף די ראַט־מיטגלידער, וועלכע זענען באַשטאַנען מערסטנטיילס פון „מענשעוויקעס" און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן.

ליזען אָבער פלעגט היים אונטערשטיצן דער פאָרשטייער פון טעכ־נאָלאָגישן אינסטיטוט, אַרטיאָם, אַ גרוזינישער סטודענט, שוין כמעט אַן אינזשיניער. זיינע קורצע שניידנדיקע רעדעס האָבן יאָ געמאַכט אַן

איינדרוק און צי מען האָט געוואָלט צי נישט, האָבן זיך אַלע צו זיי צוגעהערט מיט גרויס אַכטונג.

צוויי יאָר שפּעטער, נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, האָט דער חבר ארטיאָם אַריינגעשטורעמט אין כאַרקאָוו אָן דער שפּיץ פון דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט באַזיגט דעניקינען.

ער איז געוואָרן דער „פּרעדסאָוונאַרקאָם" אָדער פּרעמיער־מיניס־טער פון אוקראַינע. מיט אים צוזאַמען אין ערשטן טאַנק איז אַריינגעפאָרן ליזע, שוין איצט זיין פרוי...

איך האָב זיי אין אַ פּאָר חדשים אַרום באַזוכט אין זייער אַפּאַר־טאַמענט אין לוקסוס־האָטעל „מעטראָפּאָל". דער האָטעל איז געווען באַ־וואַכט פון מאַטראָסן און רויט־אַרמייער אין פולער באַוואָפענונג מיט די כאַראַקטעריסטישע דאַן לעדערנע פּאַסן, אין וועלכע עס האָבן געשטעקט באָמבעס.

אָבער איך בין געווען באַוואָפנט מיטן „פּאַראָל", מיטן סימן, וועלכן דער הויפּט פון דער רעגירונג ארטיאָם האָט מיר געגעבן, כדי איך זאָל צו אים קאָנען צוקומען.

דער דיקלעכער גוטמוטיקער ארטיאָם האָט דאַן געדולדיק אויסגע־הערט ליזעס און מיינע דערציילונגען וועגן די סלאָנימער שול־יאָרן, וועגן די שול־חברים... וועגן מיר האָט זי געזאָגט, אַז אייגנטלעך בין איך דאָך אַ „נאַציאָנאַל־שאָוויניסט", וועלכן מען וואָלט געדאַרפט אַרעסטירן, אָבער פאָרט אַן אַלטער חבר... ארטיאָם האָט דאַן דערציילט וועגן זיין טרייען שול־חבר דזשוגשווילי־סטאַלין, מיט וועלכן זיי האָבן נאָר־וואָס צוזאַמען אַזוי גלענצנד געקעמפט ביי צאַריצין. איך מוז מודה זיין, אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב דערהערט סטאַלינס נאָמען. עס איז געווען די צייט, ווען טראָצקים מיליטערישע פּירעשאַפט האָט פּאַרטונקלט אַנדערע נעמען. נאַכהער האָט מיר ליזע איבערגעגעבן וועגן איר מאַנס, ארטיאָמס, אַ דערפינדונג פון אַ וואַגאָן, וואָס ווערט געטריבן מיט אַ פּראָפּעלער, ווי אַן אַעראָפּלאַן.

מיט אַ יאָר שפּעטער נאָך דער באַגעגעניש איז ארטיאָם אומגעקומען צווישן כאַרקאָוו און ביעלאָגראַד, בעת ער האָט געמאַכט זיין ערשטע רייזע אין נייעם דערפונדענעם וואַגאָן.

ליזע איז דאָן געבליבן אַליין מיט אַן עופּהלע פון דריי חדשים אויף די הענט. דאָס איז שוין געווען אין 1920. באַקומט זי דאָן אַ טעלעגראַמע פון מאָסקווע, אונטערגעשריבן פון גענעראַל סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי יאָסיף סטאַלין, זי זאָל קומען און פאַרנעמען אַ דאָקטאָר־שטעלע אין שפּיטאָל אין קרעמל.

נאָכהער האָט סטאַלין אַדאָפּטירט דאָס קליינע זונעלע פון זיין אומגעקומענעם פריינט אַרטיאָם. אויף אַזאַ אופן איז דאָס אייניקל פון ביאַליסטאָקער טוך־פאַבריקאַנט רעפעלסקי געוואָרן סטאַלינס אַדאָפּטירטער זון...

מיט זעכצן יאָר שפּעטער — אין 1936 — האָב איך באַזוכט מאָסקווע.

די טעלעפאָניסטין פון מיין האָטעל, נאָוואָ־מאָסקאָווסקאַיאַ גאָסטיניצאַ, האָט מיך צוויי מאָל איבערגעפרעגט, ווען איך האָב געבעטן, מען זאָל מיין צימער־טעלעפאָן פאַראייניקן מיטן קרעמל, און איר מעגט גאַנץ זיכער זיין, אַז די אויערן, וואָס האָבן אונטערגעהערט מיין געשפּרעך (סיי אין האָטעל, סיי אין קרעמל) האָבן זיך נישט ווייניק איבערראַשט, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז דער גאַסט פון אַ פרעמדער „בורזשואַזער" וועלט רעדט אויף „דו" מיט דער דאָקטאָרין, וואָס וווינט אין סטאַלינס פּריוואַטע אַפּאַרטאַמענטן.

דעם זעלבן אָוונט איז די אַמאָליקע סלאָנימער גימנאַזיסטין ליזע געקומען באַזוכן איר אַלטן חבר, געקומען אים אין שוואַרצן לימוזין, וואָס טראָגט די קרעמל־נומערן, אויף אַ שפּאַציר דורך מאָסקווע. זי האָט אים אויך דערציילט מיט אַ פאַרשטענדלעכן שטאָלץ, אַז מיט אַ חודש צוריק האָבן ביידע קינדער — סטאַלינס אייגענער זון און איר קינד, דער אַדאָפּטירטער דורך אים — געענדיקט די מיטל־שולע און סטאַלין אַליין האָט דאָן געהאַלטן אַ רעדע אויפן שלוס־אַקט דורך דער ראַדיאָ...

* * *

מיט מיינע גייסטיקע אויגן זע איך אונדזער „קרייזל" אויפן בוידעם שטיבל פון זשאַנדאַרם יאָדיסאַט, אַזוי ווי מיר האָבן אויסגעזען דאָרטן מיט כמעט פערציק יאָר צוריק.

געשוירענע קעפּלעך, פאַרשפּילעטע שול־מונדירן, ברוינע קליידלעך, מיט הערצער, ווי פּילבאַרע מעמבראַנעס, זענען מיר גרייט געווען אַלע צוזאַמען אַרויסשטורמען אין לעבן, קעמפן פאַר גוטס און דערשטיקן דאָס שלעכטע... דאָס לעבן האָט אונדז צעשיידט; וואָס פאַר איינעם איז גוטס געוואָרן, איז פאַרן צווייטן דאָס ערגסטע געווען. ניינציק פּראָצענט פון אונדזער דעמאָלסטיקער גרופּע זענען אומגעקומען אין גרויסן פייער, וואָס האָט פאַרברענט אונדזער אַלטן דעמבן־וואַלד. אויך פון די גויים זענען געבליבן נאָר איינצלנע; ווי צעפליקטע וואָלקנדלעך נאָך אַ שטורעם וואַנדערן זיי אויפן האָריזאָנט. און דאָך וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַר פאַרבן־שפּיל איז געבליבן אויפן הימל, ווען די זון איז פאַרגאַנגען...

VI.

אין ביאַלאָוועזשער וואַלד

זומער 1909 בין איך געפאָרן צו־גאַסט קיין נאַרעווקע, א שטעטל אויפן ראַנד פון באַרימטן סודותפולן ביאַלאָוועזשער וואַלד, אָדער „פּושטשע", ווי די רוסן האָבן דאָס גערופן.

נאָך זייענדיק א קינד, פלעג איך זיך אָנהערן שפּאַנענדע מעשיות וועגן דעם געדיכטן טונקעלן וואַלד, וווּ עס פּאַשען זיך חיות פון פאַרן מבול.

מיין זיידע פלעגט מיר דערציילן וועגן די זוברעס, ווילדע גיגאַנטישע אָקסן מיט לאַנגע בערד און שאַרפע פאַרדרייטע הערנער, וועלכע שפּאַצירן הונדערטערווייז צווישן די פאַרפלאָנטערטע גרינע צווייגן פון אור־וואַלד; וועגן סטאַדעס וועלף, וואָס יאָגן זיך נאָך יונגע הירשן און כאַפּן זיך אפילו אַמאָל אריין אין א זייטיק געסל פון א יידיש שטעטל...

שפּעטער מיט יאָרן האָב איך שוין געוווּסט, אז דער ביאַלאָוועזשער וואַלד איז טאַקע אַן אויסנאַם, דער איינציקער אין גאַנץ אייראָפּע, ווו די זוברעס לעבן; אַז דער רוסישער קייזער אַלעקסאַנדער דער דריטער האָט דאָרט א יאַגד־פּאַלאַץ פאַר זיך אויסגעבויט, ווו פריער ער און שפּעטער זיין יורש, דער צאַר ניקאָלאַי, פלעגן אָפּט קומען, כדי זיך יאָגן נאָך די זוברעס, נאָך די פלינקע הירשן און ווילדע חזירים.

און נאָך שפּעטער,דאָס ווייסט איר שוין אַלע, איז דער פּאַלאַץ אין ביאַלאָוועזשער וואַלד געוואָרן א טרעף־פּונקט פאַרן ווילדן חזיר אַליין, הערמאַן געריגג, ווו ער האָט צווישן איין „יאַגד־פּאַרטי" און דער

צווייטער אָפּגעהאַלטן פּאָליטישע באַראַטונגען מיט די פּוילישע רעגירונגס־לייט.

מיט פערציק יאָר צוריק, ווען איך בין געפאָרן צוגאַסט קיין נאַ־רעווקע, איז נאָך די „פּושטשע" ווירקלעך געווען אין אַ פּרימיטיוון און ווילדן צושטאַנד, וועלכער איז שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן דורך אַ גאַנצן שטאַב קייזערלעכע באַאַמטע, וועלכע האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז קיינער, אויסער דעם קייזער און זיין סוויטע, זאָל נישט שיסן דאָרט קיין חיות, זאָל נישט דורכפירן קיין נייע וועגן, אָדער איינפירן וועלכע עס איז מאָדערנע איינריכטונגען.

דער פינצטערער וואַלד האָט זיך געצויגן אויף אַ שטח פון כמעט פיר הונדערט קוואַדראַט מיילן, דורכגעשניטן שטיקער פון גראָדנער גובערניע ביז די גרענעצן פון מינסקער געגנט.

אַרום וואַלד זענען געלעגן אַ גאַנצע רייע גרעסערע און קלענערע יידישע שטעטלעך און אויסער דעם האָבן טויזנטער יידישע פאַמיליעס געלעבט אַלס ישובניקעס און פּאַכטערס אויף די ראַנדן פון וואַלד און נעבן די אויסגעבויטע באַן־סטאַנציעס.

יידן האָבן געלעבט פון וואַלד, פון זיינע שווערע דעמבעס און דעליקאַטן פּאַפּיר־האָלץ, וועלכע מען האָט געפּלאַכטן און געשיקט מיט די שטורמישע וואַסערן פון טייך נאַרעוו העט־העט וייט קיין דאַנציג אין אומבאַוווסטן „אויסלאַנד".

און גראָד איז דאָס יאָר 1908 געווען אַ גליקלעך יאָר פאַר די וואַלד־סוחרים, וויל צוליב דעם וואָס עפּעס אַ היישעריק האָט גענומען פרעסן די גרייז־גרויע קאָרע פון די ביימער־זקנים, האָט די רעגירונג דערלויבט, מען זאָל שנעלער האַקן די פאַרפעסטעטע טיילן פון וואַלד, כדי די מגפה זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן. האָבן דעריבער אין די פינצטערע טיפענישן פון דער „פּושטשע", ווו געוועגלעך האָט אַ זעג און אַ האַק קיין צוטריט נישט געהאַט, אין יענעם יאָר זיך באַוויזן טויזנטער פּויערים, וועלכע יידן האָבן געדונגען, כדי מען זאָל וואָס שנעלער אָפּרייניקן גרויסע שטי־קער פון וואַלד.

אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...

איך בין געפאָרן פאַרברענגען מיין זומער־וואַקאַציע צו אַ ווייטן קרוב ר׳ יהודה אייזענשמידט, וועלכער איז דאַן געווען דער גביר פון שטעטל נאַרעווקע.

ער האָט דאָרט געלעבט, ווי אַ רוסישער „פּאָמיעשטשיק״, ווי אַ גוט־באַזיצער, אין אַ גרויס הויז מיט פאַרביק־באַגלאָזטע באַלקאָנען, מיט אַ גרויסן גאָרטן, אין וועלכן עס זענען אפילו איינגעאָרדנט געווען „הוידעס״ פאַר די קינדער. עס זענען געווען גובערנאַנטקעס און דינסטן און אַ ספּעציעלער לערער פאַר מוזיק און להבדיל פערד און בריטשקעס...

ר׳ יהודה איז יענעם זומער געווען שטאַרק באַשעפטיקט אין וואַלד, ווו הונדערטער פויערים האָבן געהאַקט פאַר אים די ביימער. פלעגט ער קומען נאָר אויף שבת אין זיין רייכער היים, זיך אויסטון אויף אַ מעת־לעת פון די פאַרדרייטע געשעפטן און גלייך נאָך הבדלה הייסן שפּאַנען די בריטשקע און ווידער — האַידאַ אין ווילדן וואַלד אריין.

אָבער זיין זון יאַנקל, אַ שילער אין אַ וואַרשעווער גימנאַזיע, און זיינע טעכטער, ווי אויך איך, זייער גאַסט, האָבן זיך געלאָזט ווויל גיין אין דעם זומערדיקן „דאָלטשע פאַרניענטע״ (זיסן גאָרנישט־טועכץ), ווי נאָר מען קען זיך דאָס דערלויבן אין אַ נגידישער שטוב פול מיט כל־טוב.

ווי אַנדערש איז געווען די שטוב פון דעם דאָזיקן יידישן „פּריץ״ פון דעם דורכשניטלעכן הויז אין זעלבן יידישן שטעטל, אָדער אין די אַנדערע שטעט און שטעטלעך, צו וועלכע איך בין געוווינט געווען. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס איבער מיין חבר יאַנקלס בעט זענען געהאַנגען צוויי יאַגד־ביקסן, איז געווען אַ נייעס פאַר מיר. נאָכהער פלעג איך זען, ווי דער טאַטע זיינער ר׳ יהודה האָט יעדן פרייטיק פאַר ליכט־בענטשן ארויסגעלייגט פון קעשענע צוזאַמען מיטן געלט־בייטל אויך אַ גרויסן גלאַנציקן רעוואָלווער און שפּעטער נאָך הבדלה אריינגעלייגט צוריק אין טאַש סיי דעם טייסטער און סיי דעם רעוואָלווער. אַלץ זאַכן, וועלכע וואָלטן ביי אונדז אין פאַמיליע געווען אַ סענסאַציע.

נאָכהער האָב איך באַוווּנדערט וואָס געסט קומען דאָ — יונגט פון די ארומיקע שטעטלעך — יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, און כאָטש מען האָט אויף זיי זיך נישט געריכט, דאָך ברענגט מען ארויף פון קעלער

פולע פּולמעסעס מיט געמארינירטע פיש, מיט קאַלטע געפּרעגלטע קאָטלעטן, מיט אוגערקעס און צימעס... עפּעס אַ שטענדיקער יום־טוב אין דער וואָכן, ווו אַ קערבל איז בלאָטע און ווו אַ יינגל מעג שטיפן און לויפן, ווען און ווו זיין האַרץ גלוסט.

לאַנגזאַם האָב איך זיך אָנגעהויבן באַקענען און באַפריינדן מיט די שטעטלשע יידן און מיט זייערע קינדער. איך פלעג קומען אין הויז פון אַ יידן אַ קרעמער, ר׳ לוי זאַבלודאָווסקי, אויפן ערשטן בליק עפּעס אַ פאַנאַטיש־באַוואַקסענער פרומאַק מיט אַ צעפּאַטלט־שוואַרצער באָרד, וועלכע האָט פון אָנפאַנג אָפּגעשראָקן אַזאַ בחורל מיט מעשענע גימנאַזיע־קנעפּ ווי איך בין דאַן געווען. אָבער אַז זאַבלודאָווסקי דער קרעמער איז ניִשט געווען פאַרנומען מיט פדיון אין אַ מאַרק־טאָג, פלעגט ער זיך פאַרוואַנדלען אין אַ משכיל, מיט וועלכן עס איז אַ פאַרגעניגן געווען צו פירן אַ וויכוח. צי אים אין קלייט זענען אָנגעקומען אַלע יידישע און העברעאישע צייטונגען פון וואַרשע און אויך דער „פריינד״ פון פעטער־בורג. איך געדענק, אַז יענעם זומער האָט זיך געקאָכט וועגן אָנפאַל, וואָס ש. יאַצקאַן האָט געמאַכט אויפן גרויסן דענקער ר׳ הלל צייטלין, אַז יענער איז ניִשט אַזוי פרום, כאָטש ער רופט די יידישע יוגנט צו פרומ־קייט. עס האָט זיך דאַן צעפלאַקערט אַ מחלוקת, אין וועלכער עס זענען אריינגעצויגן געוואָרן פירנדיקע יידישע שרייבער און דיכטער, ווי אויך פשוטע פאָלקס־מענטשן. אין דער אמתן גענומען איז דער יסוד פון וויכוח נישט אַזוי געווען דער ענין „יראת־שמים״, ווי אַ פשוטער קאָנקורענץ קאַמף צווישן יאַצקאַנען און דעם אַלטן פרילוצקים „מאָמענט״, ווו ר׳ הלל צייטלין האָט דאַן מיטגעאַרבעט. אָבער די יידישע שטעט און שטעטלעך זענען אריינגעצויגן געוואָרן אין דער מחלוקת. הונדערטער בריוו „פּאר״ און „קעגן״ זענען דאַן געדרוקט געוואָרן אין דער פרעסע און עס איז דערגאַנגען צו עפנטלעכן וואַשן פון ברודנע וועש און צו חלול־השם...

צו מיר איז דער דאָזיקער שטורעם דערגאַנגען דורך דעם „גאַניק״ פון זאַבלודאָווסקים שטוב, ווו די צייטונגען זענען געקומען און ווו יידן־משכילים האָבן געפירט דיסקוסיעס. איך געדענק, אַז ר׳ לוי אַליין האָט געהאַלטן מיט ר׳ הלל צייטלינען. „גאָט דאַרף האָבן אַ ריין האַרץ״ —

האָט ער געשריבן צום שמשם זון, וועלכער איז געווען אַ „טעריטאָריאַליסט" און דעריבער געשטיצט יאַצקאַנען. ער האָט פאַרגעזעצט:

„הלל צייטלין איז געקומען צו דער יידישער יוגנט מיט זיינע „בריוועלעך" און טויזנטער פון זיי גענומען צוריק „אהיים", צום אַלטן קוואַל; ער איז געקומען צו זיי אין די יאָרן פון „פרייער ליבע"-הפקרות מיט אַרציבאַשעוון אַלס דעם נביא און סאַנין אַלס זיין העלד, און האָט אויפגעדעקט די פוסטקייט און נאַרישקייט פון דעם זנות-קולט... וואָס גייט מיך אָן, צי הלל צייטלין האָט אויף דעם פינסקער וואָקזאַל געגעסן קעז מיט אָדער-אָן אַ היטל? און ווער איז דאָס בודק די ציצית, און ווער זוכט דאָס אַ חמצדיקן גרויפּ אין פּסחדיקן זופּ, אַ חברה, וואָס אַליין זענען זיין מחלל שבת בפרהסיה?.."

איך מוז זאָגן, אַז עס איז מיר געווען אָנגענעם צו הערן די דאָזיקע פּראָגרעסיווע ווערטער, אַרויסגעזאָגט דורך אַ ווירקלעך פרומען ייד, וועלכער האָט געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג און געשטראַלט מיט תמימותדיק גלויבן, נישט קוקנדיק אויף דער השכלה-יניקה, וועלכע האָט אויסגעפּילט זיינע פרייע שעהען צוזאַמען מיט תורה-לערנען.

אין צווייטן צימער נעבן „גאַניק" האָט זיך שוין געזאַמלט אַן אַנדער עולם: דאָרט האָט געוווינט די יונגע שוואַרץ-חנעוודיקע זאַבלודאָווסקים טאָכטער שרהלע, אַרום וועלכער עס האָט זיך געזאַמלט די יוגנט פון שטעטל און דאָס ביסל זומער-געסט.

איך זע פאַר זיך איר שפּאָטיש שמייכעלע, וועלכער פלעגט אונדז רערפירן ביז יאוש, אויב אימיצער האָט פּרובירט קרעכצן פאַרליבט, אָדער זיך אָננעמען מיט מוט און ווען זי איז געווען אַליין, זיך איר דערקלערן אין ליבע. „אָ, ניין!" נישט ביי שרהלען! ליבע? דאָס זענען דאָך „בור-זשואזע נאָכווייען פון דער אונטערגייענדיקער וועלט" — אַזוי האָט דאָס נאַרעווקער „דעמאָגישע" מיידל רעאַגירט אויף ליבעס-דערקלערונגען.

אָבער איין אויסנאַם האָט זי דאָך געמאַכט: דאָס איז געווען פאַרן שרייבער און פּאָעט מאָטיע-חיים, וועלכער איז דאַן געקומען פון שטעטל לונע קיין נאַרעווקע געבן „אוראָקן". מאָטיע-חיים איז געווען געקליידט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּאָעט: אַ לאַנגע שוואַרצע פּעלערינע, אַ שוואַרצער ווייכער הוט מיט ברייטע ראַנדן און אַ שוואַרצער שניפּס מיט לאַנגע

פּליגל; אויסער דעם האָט מאָטיע־חיים פאַרמאָגט לאַנגע „ליטעראַרישע״ האָר, ווי אַ רוסישער פּאָפּ. ער פלעגט אַליין דערציילן, אַז נישט איין מאָל האָט אַ פרומער פּויערל ביים באַגעגענען אים אין אַ האַלב־טונקעלן פאַרנאַכט זיך איינגעבויגן צו זיין האַנט, געגעבן איר אַ וואַרעמען קוש און געבעטן אויך זיין, מאָטיע־חיימס, קריסטלעכע ברכה.

מען דאַרף טאַקע האָבן אַ האַרץ פון אייזן, מען זאָל זיך קענען אין נאַרעווקע קעגנשטעלן דעם כּישוף פון אַזאַ רייצנדער פּערזענלעכקייט אין דער פּעלערינע און מיט די לאַנגע פּאָעטישע האָר. און שרהלע האָט טאַקע מאָטיע־חיימען אויפגעהויבן איבער אַלע לעבצנדע יונגעלייט, געשענקט אים איר באַזונדערס חנעוודיקן שמייכל און צוגעלאָזט אים נענטער צו איר ליבעס־טראָן.

מאָטיע־חיים האָט נאָך אייגענטלעך גאָרנישט געדרוקט, און זיין שרייבעריש־פּאָעטישע לעגיטימאַציע זענען געווען צוויי דיקע העפטן מיט דערציילונגען, געשריבן מיט אַ פּערל־כּתב, וועלכע האָבן געזאָלט זיין זיינע ערשטע ווערק. אָבער אויף איינעם פון די העפטן איז געווען אַן אויטענטישער אויפשריפט פון י. ל. פּרצן אַליין, צו וועמען מאָטיע־חיים האָט געשיקט זיינע ווערק. און מיר האָבן אַלע געלייענט, אַז מאָטיע־חיים האָט אָן שום ספק אַ שאַרף אויג פון אַ גוטן באַאָבאַכטער און דעריבער דאַרף ער זען אַרבעטן אויף זיך, כּדי אַט דאָס אויג זיינס צו פאַרפול־קאָמען... דאָס האָט בפירוש געשריבן י. ל. פּרץ, אָבער מאָטיע־חיים האָט יענעם זומער פאַרפולקאָמט זיין אויג נישט אויף ליטעראַטור, נאָר אויף צולקחענען פון אונדז דאָס איינציקע מיידל, מיט וועלכן עס איז געווען אינטערעסאַנט צו פאַרברענגען.

אין צימער ביי שרהלען איז דאַן געווען אַ מאָדע אויף היינעס לידער און דאָס דערהויפּט דערפאַר, וואָס אויף דעם שער־בלאַט פון בוך איז געווען אַ פאָטאָגראַפיע פון דיכטער, אין וועלכער שרהלע האָט פעסט־געשטעלט: „זעט נאָר, היינע איז דאָך אין גאַנצן ענלעך אויף מאָטיע־חיימען! די זעלבע צעקודלטע האָר, וואָס פאַלן אויפן קראַגן, די זעלבע שלענגלדע איראָניע אויף די ליפּן און שמייכל אין די אויגן״... און אַזוי האָבן מיר צוליב דער ענלעכקייט פון די צוויי פּאָעטן זיך באַקענט מיטן

מוזיקאַלישן ריטם פון „בוך דער לידער״, מיט די „העברעאישע מעלאָ־דיען״ און מיט דער „ראָמאַנצעראָ״.

מתוך שלא לשמה וכ״ו...

* * *

יענעם זומער, תשעה־באב צו קינות, איז געקומען אַ פויער אין מיין קרוב ר׳ יהודהס שטוב און געבראַכט אַ צעטעלע פון אים, אַז מען האָט צוגעגנבעט ביי זיין פּאַרטיע האָלץ־העקער, וועלכע אַרבעטן טיף אין ביאַלאָוועזשער וואַלד, די רעזערוון פון מעל, זאַלץ און די שטיינער אויף צו שאַרפן די זעגן. ר׳ יהודה בעט דעריבער, מען זאָל באַלד אַרויסשיקן זיין זון יאַנקל מיט פרישע זאַפּאַסן און טון דאָס באַלד, אַז נישט וועט זיך די גאַנצע אַרבעט אָפּשטעלן.

ווען מען האָט אונדז געבראַכט דאָס צעטעלע אין שול אַריין, האָבן זיך ביי אונדז די אויגן צעלויכטן. גאַרנישט ווי בעתן וויינען אויפן חורבן. עפּעס אַ קלייניקייט, אַזאַ אומדערוואַרטע רייזע אין די טיפענישן פון דער „פּושטשע״, מען וועט אַ גאַנצע נאַכט פאָרן אין די סודות־פולע וועלדער, מען וועט זען די זוברעס און אַנדערע חיות... יאַנקל דאַרף זיך גאַרנישט ביי מיר בעטן, איך זאָל אים באַגלייטן: דאָס האַרץ שפּרינגט אַזש פאַר פרייד אַרויס אין דער דערוואַרטונג פון אַזויפיל נייע איינדריקן. אי מען האָט באַגנבעט זיין טאַטן, מילא, דער שאָדן זיינער אויף אונדז געזאָגט געוואָרן. „קאַזנאַ באַגאַטאַ״ (דעם מלכס אוצר איז רייך)...

מען לאָדעוועט שנעל אין דער טיפער פור די זעק מיט מעל און זאַלץ; ביים זייט בינדט מען צו די שפּאָגל־נייע זעגן. און כאָטש עס איז אַ תענית, לייגט פונדעסטוועגן די גוטע מומע חנה אַריין אויך אַ פיינעם צדה־לדרך פאַר די בחורימלעך.

יאַנקל נעמט אויך אַראָפּ בשתיקה זיינע צוויי יאַגד־ביקסן און לייגט זיי אַריין אין וואָגן, די מאַמע זאָל נישט זען: די מאַמע ווייס און אַלע ווייסן, אַז אין „קיסרס וואַלד״ טאָר מען נישט געפינען קיין פרעמדע פאַרשוינען מיט געווער. אָבער אַז אַזעלכע צוויי קונדסים לאָזן זיך אַרויס אין טיפן וואַלד אַריין, וואָס גייען זיי דען אָן דעם קיסרס געזעצן?..

די צוויי אומגעדולדיקע און זאַטע פערד גיבן אונדז אַ צי באַרג־אַראָפּ און אָט זענען מיר שוין אין גרינעם לאַבירינט פון געדיכטע צווייגן,

וועלכע טשעפּען זיך און פּלעכטן זיך אין אַן אומענדלעכע סוכה, דורך וועלכער עס קוקט פון צייט צו צייט אַרויס אַ יונגיטשקע לבנה מיט זיבן פינקלדיקע שטערן, דער „גרויסער בער״, וואָס ווייזט אונדז דעם וועג צום צפון.

מיר פאָרן מיט אַ זייטיקן זאַמדיקן וועג, ווייל כאָטש אין וואַלד איז דורכגעהאַקט אַ גלאַטער שאָסיי, באַוואַקסן מיט פריש גראָז, טאָרן אָבער פּריוואַטע פּאַסאַזשירן אויף אים נישט פאָרן: דאָס איז דער „דרך־המלך״, דעם קייסערס אויסשליסלעך אייגנטום און באַקוועמלעכקייט, דעריבער טאַקע איז דאָס באַוואַקסן מיט גראָז, ווייל זעלטן ווער באַנוצט עס.

מיר זענען יונג און האָבן קיין מורא נישט, כאָטש ווו נישט ווו באַווייזט זיך אַ לויפנדיקער שאָטן און מיר ווייסן נישט, צי דאָס איז אַ חיה, צי אַן אָפּשפּיגלונג פון אונדזער פערד.

בעטן מיר מאַירקען דעם שמייסער עפּעס זינגען, כדי צו פאַרטרייבן דעם אומעט פון וואַלד; דאָס זינגט דאָס יינגל דאָס ליד, וואָס זיין ברודער האָט געזונגען, ווען ער איז געגאַנגען דינען דעם קיסר:

זייט זשע מיר געזונט מיינע ליבע שכנים, אַ טייל וועלן לאַכן, אַ טייל וועלן וויינען...

איך פאָר פון אייך אַוועק, איר ווערט מיינער פּטור,
זיי זשע מיר געזונט, מיין ליבער פאָטער!
און זיי זשע מיר געזונט, מיין ליבע כלה,
נאָך דיר וועל איך בענקען מער ווי נאָך אַלע...

די זומערדיקע נאַכט ווערט שנעל בלאַסער; דורך די געדיכטע סאָסנע־צווייגן באַווייזן זיך פון ווייטנס די ערשטע ציטעריקע זון־שטראַלן, און גלייך דערויף טראָגט זיך אַ ווינטל דורכן וואַלד, אַן אָנזאָג פון נייעם טאָג. פאַרשלאָפענע קראָען הויבן אָן קראַקען ווי באַנומענע; „קוקושקעס״ שרייען זיך איבער מיט נישט־דערזאָגטע ראָמאַנטישע קלאַנגען, וועלכע דערוועקן שטענדיק אַ בענקשאַפט נאָך דער ווייטער קינדהייט...

און פּלוצלינג אַ טופּען פון פיל, פיל נאַקעטע פיס, און אַ „שורשען״ פון צווייגן און בלעטער; אונדזערע פערד דערשרעקן זיך, שטעלן זיך

אויף די הינטערשטע פיס און מיר העלפן מאירקען מיטן שטאַרקן צי פון לייטשעס, כדי דער וואָגן זאָל בלייבן שטיין.

אַ מחנה הירשן מיט פאַנטאַסטיש־פאַרצווייגטע הערנער טראָגן זיך ווי אַ שטורעם פון איין זייט וואַלד צום צווייטן דורכן וועג, מיט וועלכן מיר פאָרן, יונגיטשקע סאַרנעס שפּרינגען מיט די פאָדערשטע פיסלעך אויפגעהויבן, כדי צו דעריאָגן די אַלטע הירשן. עס פילט זיך אַ מורא פאַר אַ שונא, וואָס פאַרפאָלגט, וואָס יאָגט.

און נאָכהער ווערט דאָס טופּען שטאַרקער, מיר זיצן אין וואָגן מיט ברייט אויפגעעפנטע אויגן און מיט קלאַפּנדיקע הערצער: אַ טונקעלע מאַסע דערנענטערט זיך צו אונדזער וועג, ווי אַ קייט אַ געשלאָסענע פאָלגט זי נאָך די אַנטלויפנדיקע הירשן.

„זוברעס, צעיושעטע זוברעס!" — שרייט אויס מאירקע, וועלכער האָט שוין נישט איינמאָל דעם וואַלד דורכגערייזט.

און דאָ דערזע איך זיי צום ערשטן מאָל די דאָזיקע איבערלעבענישן פון דער עפּאָכע, ווען אויף אונדזער פּלאַנעט האָט נאָך דער מענטש שפּאַצירט אַ נאַקעטער באַוואָפנט מיט אַ גראָבן שטעקן, כדי צו ווערן זיך קעגן שונא.

דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, זענען די בערד אויף די פירקאַנטיקע אַראָפּגעלאָזטע קעפּ מיט די הויכע שפּיציקע הערנער. קאָסמאַטע האָר הענגען פון די זייטן און באַמבלען זיך בעתן לויפן.

אַביסל זענען זיי ענלעך אויף די ביזאָנען (באָפּאַלאָס), וועלכע האָבן אַמאָל אין די מיליאָנען געשפּרייזט איבערן ווילדן אַמעריקע, אָבער היינט זעט מען זיי נאָר צו ביסלעך אין די גוט־אָפּגעהיטע נאַציאָנאַלע פּאַרקן. די זוברעס זענען ברייטער, העכער, ווילדער, זיי יאָגן די הירשן, אָבער אין דער אמתן לויפן זיי גאָר צו די קאָריטעס מיט עסן, וועלכע דער קיסר האָט אָנגעגרייט פאַר זיינע קעסט־קינדער אין פאַרשידענע ווינקעלעך פון דער „פּושטשע". די סטאַדע הירשן אָבער ווייסט נישט דערפון און לויפט דעריבער אין טויט־שרעק פאַר זייערן אוראַלטן וואַלד־שכן.

עס קאָסט אונדז פיל מיה, די פערד זאָלן זיך נישט צעיאָכמען און אַ טראָג טון דעם וואָגן דירעקט אויף די לויפנדיקע זוברעס.

אביסל שפּעטער, ווען די סטאַדע איז שוין דורך, אָטעמען נאָך אַלץ די פערד מיט שווערע אויפגעהויבענע זייטן...

פאַרן מיר ווייטער און זוכן אויסצוגעפינען דעם „מאַידאַן״ פון אַ באַקאַנטער פאַמיליע, פון די סלאָנימסקים, וואָס קומט פון צייט צו צייט צוגאַסט קיין נאַרעווקע. פיל יידישע פאַמיליעס לעבן דאָ פון די „מאַי־דאַנעס״, ד. ה. פון פּראָדוצירן טערפּענטין (סקיפּידאָר) פון די אַלטע ביימער־וואָרצלען, מיט וועלכע דער וואַלד איז פול. מען ברענט אויס די וואָרצלען מיט אַ ספּעציעלן פּראָצעס ביז עס טריפט אַרויס פון זיי דער קאָסטבאַרער מאַטעריאַל.

עס איז גוט געווען יענעם פרימאָרגן צו זיצן אין דער גאַסטפריינט־לעכער שטוב פון די סלאָנימסקים, רוען דאָרט נאָך דער נישט־אויסגע־שלאָפענער נאַכט און אַריינאָטעמען אין זיך דעם מחיהדיקן ריח פון סאָסנע־עקסטראַקט.

הונדערטער אַזעלכע מאַידאַנעס זענען צעוואָרפן געווען אין אַלע ריכטונגען: נעבן פּרוזשאַנע, נעבן סעמיאַטיטש, נעבן האַינאָווקע און ווייט־ווייט ביזן סאַמען עק פון שערעשעווער וואַלד. כשרע, אַרבעטזאַמע יידן האָבן דאָרט זייערע נעסטן געבויט, דורות־לאַנג מיטן וואַלד געאָטעמט און פון וואַלד געלעבט. וואָס איז אָבער די פּעולה? פון אַלע מאַידאַנעס איז געוואָרן איין גרויסער מ א י ד א נ ע ק און פאַרברענט האָט מען דאָרט די זאַפטיקע וואָרצלען פון יענעם געשמאַקן, זאַפטיקן יידישן שורש...

ווען דעם אָבער האָב איך געוווּסט נישט געטראַכט דעמאָלסט אין זוניקן פרימאָרגן, ווען מיר זענען ענדלעך אָנגעקומען אויף דער „פּאָליאַ־נע״, וווּ ר׳ יהודה האָט געוואַרט אויף דעם מעל און זאַלץ, כדי צו קענען ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט פון וואָס שנעלער אויסהאַקן די „קייזערלעכע״ ביימער, וואָס אַן אומבאַוווּסטע מוראַשקע האָט אין אַ קראַנקהייט אַריינגעיאָגט.

* * *

דאָס איז געווען די שענסטע נאַכט אין יענעם זומער. די באַגעגעניש מיט מענטשלעכע זובּרעס איז שפּעטער אויסגעפאַלן פיל ערגער אין זעלבן שטעטל...

VII.

מען מסרט די שמחה

אין יענעם זומער 1909, ווען איך בין געווען צוגאַסט ביי מיין קרוב ר׳ יהודה אייזענשמיד, האָט דאָס שטעטל נאַרעווקע געהאַט אַן „אומגע־וועלנלעכע־איבערלעבעניש״: אַ גרופּע יוגנט האָט געוואָלט איינאָרדענען דעם ערשטן ליטעראַריש־מוזיקאַלישן אָוונט און פּאָליציי האָט דערין געשטערט. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג אין אַלטן צאַרישן רוסלאַנד, ווו דער קלענסטער עפנטלעכער אַקט האָט געפאָדערט אַ ספּעציעלע פּאָליצייאישע דערלויבעניש, און ווו די יוגנט, בפרט די יידישע, איז געווען שטענדיק אונטער אַ רעוואָלוציאָנערן חשד. אָבער די דראַמאַטיש־קאָמישע אַנטוויקלונג אַרום דעם, דוכט זיך, אומ־באַדייטנדן עפּיזאָד אַנטהאַלט אין זיך אַלע ריחות פון שטעטלדיקן „אַמאָל״ און אַזוי זענען זיי איינגעקריצט געוואָרן אין מיין זכרון.

לאָמיר פריער פאַר אַלץ זיך מודה זיין, אַז דער געדאַנק, מען זאָל איינאָרדענען אַ ליטעראַרישע פאַרוויילונג, איז טאַקע געקומען פון מיר אַליין, פון דעם גרויסשטאָטיקן בחור, אַרום וועלכן עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן דאָן זאַמלען די „באַוווסטזיניקע״ עלעמענטן פון שטעטל. און אגב זענען דאָס ווירקלעך געווען די בעסטע, די איידלסטע, פון וועלכע עס האָט געשפּרודלט מיט נישט אויסגעוועפּטער דורך דורות פאַרפּיומיר־טער יידישקייט.

אָט נעמט, למשל, דוד איטשע לינעווסקין, דעם שמשס זון. דער טאַטע מיט דער גרויסער באָרד און דיקע ברעמען האָט געהיט די שוועלן פון אַלטן הילצערנעם בית־מדרש, פון וועלכן עס האָבן זיך געטראָגן טאָג

און נאָכט די כשופדיקע גמרא־ניגונים פון די לערנער, מייסטנטייל פּיינע בחורימלעך פון די ארומיקע יידישע שטעטלעך און פון די פּאַכטערס אין די „הייף״ נעבן אור־אַלטן ביאַלאָוועזשער וואַלד.

ווען עס האָט נאָך געלעבט דער אַלטער נאַרעוויקער רב, פלעגן אין בית־המדרש אָנקומען שוין פּאַרטיקע לערנער, מיט וועלכע די רייכערע באַלעבאַטים פון שטעטל האָבן זיך אָפּט מתחתן געווען.

מיט יאָרן פריער, איידער איך בין דאָ געקומען אויף מיין זומער־וואַקאַציע, האָט אין שטעטל אויפגעבליצט ווי א דימענט אַ נייער עילוי, וועגן וועלכן מען האָט דערציילט הידושים: אַ חריף און אַ בקיא אין ש״ס און פּוסקים; אַ מתמיד און אַן איידעלער, צאַרטער כאַראַקטער. זענען די דאָזיקע מעלות באַוווסט געוואָרן אין דעם הויז פון שטעטלשן גביר און למדן ר׳ פייוול גרינבערג, אָט דער, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געהאַט דעם „פּאָדוואַל״ פון שנאַפּס און וויין. און אַז ר׳ פייוול האָט זיך נענטער באַקענט מיטן יונגן עילוי, האָט ער באַשלאָסן אים נעמען פאַר אַן איידים; און אזוי האָט מיט מזל חתונה געהאַט די גראָטענע טאָכטער פון נגיד ר׳ פייוול מיטן בעסטן לערנער אין בית־המדרש, ר׳ ישראל הלוי ראָזענ־בערג, היינט דער ראש פון די רבנים אין אַמעריקע און קאַנאַדע...

אָט פון יענע שטעטלעך צווישן טייכל און וואַלד זענען ארויס די יונגע נאָך דעמאָלסט נישט־דרייסטע קאָמאַנדירן פון אונדזערע תורה און חכמה ארמייען, צעשפּרייטע איבער דער גאָרער וועלט.

* * *

דוד־איטשע דעם שמשס זון איז געווען איינער פון די ערשטע „טאַלאַנטן״, וועלכן מיר האָבן אָנגעמערקט אַלס דעם „סטאַר״ פון אונדזער ליטעראַרישער אונטערנעמונג. קיינער נישט, ווי ער, האָט גע־קאָנט אזוי פאַרשטעלן די שרייענדיקע יידענע אין שלום־עליכמס „טעפּל״. אַז דוד־איטשע פלעגט ארויפציען אויף זיך דעם אַלטן פאַרטוך און זיך צעלאָזן מיטן פערלדיקן „מענה־לשון״ פון דער יידענע, זענען אַלע געלעגן אויף די בייכער פון געלעכטער... איך דערוויס זיך איצט, אַז דער אַמאָ־ליקער דעקלאַמאַטאָר דוד־איטשע איז שוין יאָרן־לאַנג געווען אַ בכבודיקער תורה און העברעאיש לערער אין מאָנטיסעלאָ, אַז ער איז איצט אַן עלטערער ייד מיט א באָרד און מיט רבנישע מאַניערן, גיב איך

פונדעסטוועגן אַ שמייכל מיט בענקשאַפט, ווען איך דערמאָן זיך דעם טייערן דוד־איטשע, אַזוי ווי ער האָט אַמאָל געוויילט אונדז אין די לבנהדיקע שטעטלשע נעכט...

שרה־מירל זאַבלודאָווסקאַ, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אינטעליגענטין, האָט אויף אונדזער אָוונט געדאַרפט דעקלאַמירן היינריך היינעס „דיספּוט".

דאָס האָט דאַן געזאָלט זיין אַ פּראָטעסט קעגן די „קלעריקאַלן" אין שטעטל און איבערהויפּט קעגן איר אייגענעם טאַטן, מיט וועלכן זי האָט געפירט יאָרן־לאַנג אַ „הייליקע" מלחמה.

די רוסישע לערערין וויערא, אַ יידיש מיידל פון פּאָלטאַווע, וועלכע איז דאָ פאַרשיקט געוואָרן פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, האָט אונטער די קלאַנגען פון אַ גיטאַרע געזונגען וויאַלצעוואַס ראָמאַנסן. קיינער האָט וויעראַן נישט געקאָנט איבערשטייגן אין סענטימענט און געפיל, ווען איר ציטערדיקער קאָנטראַלטאָ האָט טיף געוויינט:

ווען דו ביסט ניט דאָ מיט מיר,
בענק איך, וויין איך אָן אַ שיעור...
קוים באַווייזסט זיך אויפן שוועל,
שריי איך אויס: פאַרלאָז מיך שנעל...

מען האָט טאַקע געדאַרפט האָבן אַ האַרץ פון אַ ציגיינער, כדי זיך קאָנען קעגנשטעלן דעם אומעט פון וויעראַס ציגיינערישע לידער, בפרט אַז זיי זענען געווען געזונגען פון אַ בלאָנדער שיינהייט מיט מאָדנע גרינע אויגן, וואָס האָבן באַהאַלטן אין זיך עפּעס אַ געהיימעניש, וועלכע פלעגט אַ בליץ טון און גלייך פאַרלאָשן ווערן אין גרין־קעציישן פייער.

שוין מיט יאָרן שפּעטער, ווען וויערא האָט זיך געשמדט און נאָכהער זיך געסמט אין טשוגויעוו, לעבן כאַרקאָוו, האָב איך זיך דערוווּסט ווענן אַ סטודענט, וועלכער איז געפאַלן פון אַן אייגענער רעוואָלווער־קויל אַ ן אַ קאַרשן גאָרטן ערגעץ אין אוקראַינע. ווען וויערא האָט צו אים נישט געזונגען, נאָר פּשוט אויסגעשריגן: „פאַרלאָז מיך שנעל"... אויך אין נאַרעוקע איז איר ווי אַ שאָטן נאָכגעגאַנגען אַ קריסטלעכער לערער, אַ קאָלעגע, וועמען זי האָט איינגעוויגט און געיאָגט מיט איר ציגיינערישן רעפּערטואַר... ער איז פאַר אונדזערע אויגן געוואָרן בלאַסער און דאַרער

מיט יעדן טאָג, ביז ער איז מיט צוויי יאָר שפּעטער אויסגעגאַנגען פון שווינדזוכט, פון דער קלאַסישער „ליבעס-אַנטוישונג".

מאַטיע-חיים, דער שרייבער פון לונע, איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געדאַרפט פאַרלעזן זיינעם אַן אייגן נאָך אין ערגעץ נישט געדרוקט ליד. אייגנטלעך זענען נאָך איבערהויפּט זיינע „זאכן" אין ערגעץ נישט דערשינען, אָבער מאַטיע-חיים האָט אונדז דערקלערט, אַז ווען אין פּראָגראַם פון אָוונט וועט איינגעשריבן ווערן, אַז דאָס ליד איז נאָך קיינמאָל נישט-פאַרעפנטלעכט געוואָרן, וועט דאָס צוגעבן רייץ און חן.

— אזוי— זאָגט ער — זענען זיך תמיד נוהג באַוווסטע שרייבער...

איך אַליין האָב געזאָלט אַלס ערשטן נומער רעציטירן מיט אַ ניגון ביאַליקס „הכניסיני" און טאָמער וועט מען פּאַטשן „בראַוואָ", האָב איך געדאַרפט זינגען אויף „בים" דעם דעמאָלסטדיקן „שלאַגער": „אַ ברי־וועלע דער מאַמען"...

אי, ווי פּאַרט זיך דאָ ביאַליק מיט יענעם „שלאַגער?" איז די מעשה, אַז מיין קרובטע, ביי וועלכער איך בין געווען צוגאַסט און מיט איר צוזאַ־מען די עלטערע יידענעס,וואָס האָבן בייגעוווינט אונדזערע „רעפּעטיציעס", האָבן געוואָלט אַ דעה זאָגן אין צוזאַמענשטעל פון די „נומערן": „סטייטש, די פאָרשטעלונג קומט פאָר ביי זיי אין שטוב אויפן באַלקאָן מיטן פאַרביקן גלאָז, עס וועלן זיך צונויפקומען אַלע באַלעבאַטעס פון שטעטל, פאַרוואָס זאָל מען זיי נישט „דערלאַנגען" עפּעס, וואָס זיי געדענקען נאָך פון קינדהייט?"

— אָט, למשל — רופט זיך אָן אַ יידענע — פאַרוואָס נישט זינגען אַליקום צונזערס „די סאָכע", אָדער אַ פריילעכס, ווי, צום ביישפּיל:

„גייט אַ שאַלטיק אויף דער גאַס,
גייט ארום ער פוסט און פּאַס,
טוט אַלץ, וואָס מען טאָר ניט...
לערנען קאָן ער גאָרניט..."

דערקלערן מיר זיי, פאַרוואָס מען קאָן נישט אָנגיין אויפן ערשטן מוזיקאַלישן אָוונט אין דער געשיכטע פון נאַרעווקע מיט לידער פון דער באָבעס רעפּערטואַר.

אָבער אויף אַ קאָמפּראָמיס האָט מען דאָך געמוזט איינגיין! מען װעט זינגען „אַ בריװעלע דער מאַמען", דאָס איז אי אין דער מאָדע, אי „מאָראַליש, אזש צום װײנען"...

די איינקונפט פון אָוונט איז געװאָרן באַשטימט פאַר אַ ביבליאָטעק אין שטעטל. מיר האָבן אויסגערעכנט, אַז עס װעט בלייבן כּמעט אַ פינף און צװאַנציק רובל, אַ גענוגנדער „קאַפּיטאַל" פאַר אַ גליקלעכן „פּאָטשאָנ־טעק" (התחלה)... אַלס קאַסירער איז געװען באַשטימט חיים איזבוצקי, דער אייזן־קרעמער, דער נאָמן אין שטעטל, װי מען האָט אים גערופן, מיט פיל יאָרן שפּעטער, װען מיר האָבן געגרינדעט די קאָאָפּעראַטיװע־באַנק אין נאַרעװקע, איז טאַקע דער זעלבער איזבוצקי, דער נאָמן, באַשטימט געװאָרן פאַרן קאַסירער. אַזוי איז דאָס שוין אַ טראַדיציע ביי דער פאַמיליע: װער, אויב נישט זיין ברודער װעלװל איזבוצקי איז איצט דער „נאָמן" פון די נאַרעװקער אין ניו־יאָרק?

בקיצור, מיר האָבן גוט איינגעשטודירט די ראָלן, געקויפט פּאַפּירענע פאַרביקע לעמפּלעך, כּדי צו באַהענגען מיט דעם די ביימער פון גאָרטן, מיט איין װאָרט, צוגעגרייט אַ שמחה, װעלכע מען האָט נאָך אין שטעטל נישט געזען.

יאָ! מען דאַרף אָבער אַ דערלויבעניש פון דער פּאָליציי? אָבער דאָס איז דאָך אַ קלייניקייט! מען װעט גיין צום „אוריאַדניק" (פּאָליציי־שעף), מען װעט אים איינלאַדן צוזאַמען מיט זיין גראָבער גויע און, אויב מען דאַרף, װעט מען אויך שטעלן פאַר אים כּיבוד: אַ פלאַש 57ער בראָנפן מיט בוימל־חלה.

צום אוריאַדניק האָבן מיר געשיקט די גרין־אויגיקע װיערא. װער נאָך, אויב נישט זי, איז אימשטאַנד „פאַרציגיינערן" דעם „כּאַמולע" קאָפּ און באַקומען די נייטיקע דערלויבעניש.

און כך־הוה: װיערא איז געקומען צו אונדז צוריק מיט דער גליק־לעכער בשורה, אַז דער אוריאַדניק האָט גאָרנישט דערגעגן, מיר זאָלן זיך צונויפקומען און זינגען אין ר' יהודהס שטוב, אויב, פאַרשטייט זיך, מיר װעלן זיך פירן „כּשורה".

וואָס האָט געמיינט „כשורה״, האָבן מיר נישט געוואָלט אריינ־טראַכטן, אַבי ער אַליין, דער אדון הגדול, ניקאָלאַיס פּאַרטרעטער, וועט באַווייליקן צו קומען אונדז זען און הערן.

אָבער אַז אַלץ איז שוין געווען פּאַרטיק און אַלע בילעטן אויספאַר־קויפט, איז געקומען דער „גרויסער בראָך״: מען האָט אונדז געמסרט... און געטון האָט דאָס דווקא אַ ייד, זכריה דער מילנער, אַ בייזער קנאי אויפן קעסט פון אַ רייכן שווער. שבת־צו־נאַכט ערב דער „אונטערנעמונג״, גראַד דאַן, ווען דוד־איטשע האָט צום לעצטן מאָל אָנגעטון זיין מאַמעס פאַרטוך און געשאָלטן מיט די טויטע קללות פון שלום־עליכםס „טעפּל״, האָט זיך אויפן באַלקאָן באַוויזן דאָס קיילעכדיק יידל מיטן ציגענעם בערדל, פאַרמאַכט אַן אויגל, פאַרבויגן זיין קאָפּ אָן אַ זייט און סאַרקאַס־טיש־קריטיש ארומגעכאַפּט מיט אַ קוק אונדזער צעיאָכמערטע קאַפּעליע פון יינגלעך און מיידלעך.

— אַזוי גאָר — דערהערן מיר די סקריפּנדיקע שטימע פון אומגע־בעטענעם גאַסט — אָט מיט דעם פאַרנעמען זיך דאָס „געבולבעטע״ יידישע קינדער אין זייער פרייער צייט?

דוד־איטשע האָט זיך פּלוצלינג פאַרהאַקט. מיר אַלע האָבן אויסגע־דרייט די קעפּ און אָנגעקוקט מיט כעס דעם אורח. דערזען, אַז דאָס איז דער מילנער זכריה, האָבן מיר אָנגעהויבן טופּען מיט די פיס און „שיקען:״ „שאַ־שאַ! לאָזט דוד־איטשען ענדיקן!״

און דוד־איטשע צעלאָזט זיך מיט די קללות און חרמות, וועלכע דער גרויסער יידישער הומאָריסט האָט אריינגעלייגט אין זיין מויל און מיט אַנדערע, וועלכע זענען געווען געווידמעט צום חשובן גאַסט:

„אַז אַ נכפּה זאָל אייך כאַפּן, רבונו של עולם, פאַר אַלע צרות, וואָס איך האָב צוליב אייך; אַז ברעכן זאָלט איר אייער קאָפּ, ווי מיין טעפּל איז צעבראָכן געוואָרן; אַז אויסרינען זאָל אייך דאָס גנבישע אייגעלע, וואָס קוקט, וווּ מ׳דאַרף נישט!״

זכריה האָט, ווייזט אויס, גלייך דערפילט, אַז די קללות קומען פון טיפן האַרצן און ווערן טאַקע אַדרעסירט דירעקט צו אים אויף אַ „פולער וואָך״...

מיר שיסן אַלע ארויס מיט אַ געלעכטער, און דערהערן אין צווישן זכריהס קוויטש: „איך האָב שוין לאַנג אויף אייך אַן אויג, ציציליסטן און פּושעי־ישראלים! מען וועט זיך מיט אייך אָפּרעכענען!״

און ער האָט געהאַלטן וואָרט: אויף מאָרגן זונטיק, גאַנץ פרי, איז אין ר׳ יהודהס שטוב געקומען דער אוריאַדניק. זיין שכור רויט פּנים איז דאָס־מאָל געווען פינצטער ווי די נאַכט. אויף דער לינקער זייט באַמבלט זיך אַ לאַנגער שווערד, אין דער רעכטער האַנט האַלט ער זיין שווערן פּאָרטפּעל.

אויף אונדז קוקט ער גאָרנישט; ער דאַרף זען דעם באַלעבאָס אַליין. און ווען ר׳ יהודה באַווייזט זיך, צעדונערט זיך דער געלער גוי:

„רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטן, יידישע שטיק! קעגן קיסר און פּאַטערלאַנד! איך וועל נישט דערלאָזן, איך וועל צעטרייבן!...״

ער פאַרכלינעט זיך, ער שטיקט זיך מיט זיינע אייגענע ווערטער. עס ווערט אונדז קאַלט; מיר שטעלן אָפּ דאָס פונאַנדערהענגען די פּאַפּי־רענע לעמפּלעך.

דעם אוריאַדניקס בליק פאַלט אויף די קאָלירטע לאַמטערנעס און ער ווערט צעיושעט: „וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס פאַר יום־טוב אויף אייערע קעפּ! זיך פונאַנדערגיין! פּאַשאָל וואָן!״

ער גיט אַ ריס דעם דראָט, אויף וועלכן די לעמפּלעך הענגען און זיי צעפאַלן זיך אויפן דיל. ער צעטרעט זיי איינציקווייז מיט די שווערע לאַקירענע שטיוול.

מיר חברה טראָגן זיך אָפּ... אונדזער באַלעבאָס פּרובירט דערווייל טענהען מיטן ערל, פּרובירט אים אפילו „פאַרסמען״ מיט אַ רובל, אָבער דאָס־מאָל העלפט דאָס אויך נישט.

„היינט אויף דער נאַכט זאָל זיך אַפילו אַ הונט דאָ נישט ווייזן אויפן באַלקאָן!״ — הערן מיר די „לעצטע אַנטשיידונג״ פון נאַרעווקער באָס. ר׳ יהודה מוז, נעבעך, געבן זיין וואָרט, אַז אפילו א הונט וועט זיך נישט ווייזן.

אוים פאָרשטעלונג! אוים היינע, וויאַלצעווא, ביאַליק און מאָטיע־חיים!

אזוי פיל האַרעוואַניע אריינגעלייגט, אזוי פיל האָפענונגען געבויט... אַ ביבליאָטעק, אַ חברישע סביבה, אַלץ אוועק ווי אַ חלום אין אַ זומער־נאַכט.

טאַקארסקי, דער העברעאישער לערער, וועלכער האָט שוין געזען כמעט אויפן וואָר, ווי די ביכער שטייען אין שאַפע, ווישט שטילערהייט אַ טרער פון די אויגן, אָבער דאָך פאַלט גלייך אַ צווייטע טרער אויף די זיידענע לאַצן פון „זשאַקעט״, וועלכן ער האָט היינט באַצייטנס אָנגעטון לכבוד דער ליטעראַרישער שמחה.

חיים איזבוצקי און מאיר לינקאָווסקי ציילן מיט ציטעריקע פינגער די זילבערנע און קופּערנע מטבעות פון גרויסן לעדערנעם טייסטער, ווו דאָס געלט פאַר די בילעטן איז גאַנצע צוויי וואָכן געזאַמלט געוואָרן: אָט איז, דוכט זיך, דאָס געלט שוין דאָ, אָבער אָט מוז מען דאָך דאָס אומקערן...

און דאָ דערהערן מיר פלוצלינג דעם טיפן קאָנטער־אַלטאָ פון דער גרין־אויגיקער וויערא. דאָס־מאָל איז דאָס נישט קיין ציגיינערשער ראָמאַנס, נאָר אַ קאַמפּס־באַפעל:

„קינדער! ווער פאָרט מיט מיר צום „איספראַוואָניק״ (קרייז־שעף) אין פּרוזשאַנע? נאָך אַלעמען, איז דאָך דער „אוריאַדניק״ אַ קנאַפּער נאַטשאַל־ניק. לאָמיר פּרובירן אונדזער גליק און באַקומען אַן אמתע דערלויבעניש אויפן נעקסטן זונטיק!״

דער פאָרשלאַג געפעלט אונדז: אויף מיין גורל פאַלט־אויס, איך זאָל באַגלייטן וויעראַן צום איספּראַוואָניק.

אויף מאָרגן גאַנץ־פרי שפּאַנט מען איין אַ פּאָר פערד און מאַירקע דער שמייסער טרייבט זיי דורכן געדיכטן דעמבן־וואַלד צום ווייטן פּרו־זשאַנע... דער וואַלד קוקט שוין נישט אויס צו מיר אזוי געהיימניספול, ווי דאָס איז געווען אין יענער זומער־נאַכט. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען די זוברעס מיט די הירשן. די גאַנצע וועלט קוקט אונדז אויס שווארץ און בייז און נאָר איין געפיל באַהערשט אונדז: זיך נוקם זיין אַן דעם אוריאַדניק, אָן זכריהן, באַווייזן דעם שטעטל, אַז עס איז פאַראַן יושר אויף דער וועלט.

דער איספּראַוונניק האָט אונדז אויפגענומען זייער פיין, געקושט פיל מאָל די הענט פון דער רייצנדער וויעראַן, געשמועסט אויך מיט מיר. מיטן שילער פון דער רעאַל־שולע, וואָס טראָגט מעשענע קנעפּ, כמעט ווי מיט אַ גלייכן: פאָרט אַן אינטעליגענט, כאָטש אַ ייד... אויסגעהערט מיט איראָנישער אויפמערקזאַמקייט די געשיכטע פון אונדזער פאַר־שטעלונג און וואָס פון דעם איז געוואָרן, לסוף איז דער איספּראַוונניק אַריין צוריק אין קאַבינעט, אָנגעשריבן אַ בריוו צום אוריאַדניק אין נאַרעווקע, פאַרקלעפּט דעם קאָנווערט, ווידער פיל מאָל געקושט די הענט פון וויעראַן און אַ זאָג געטון: „נו, איצט מיינע הערשאַפט, קענט איר פאָרן צוריק: עס וועט שוין זיין אין אָרדענונג!"

פאָרן מיר צוריק דורכן וואַלד, וועלכער האָט שוין איצט געלאַכט צו אונדז, און עס האָט זיך געדוכט, אַז די פייגעלעך זינגען זמירות. וויעראַ האָט אויך באַנוצט איר ציגיינעריש־רוסישן רעפּערטואַר, און איך האָב דערציילט וויצן, ביז מאירקע דעם בעל־עגלה פאַלט איין אַ פרעג צו טון:

„וואָס? איר ווייסט שוין אויף געוויס, אַז דער ערל האָט דערלויבט?"

און די פּשוטע פראַגע פון ליבן שמייסער־ייִנגל ברענגט אונדז ווידער צוריק צו דער ווירקלעכקייט: „וואָס ווייסן מיר טאַקע?"

איך כאַפּ אַרויס דעם איספּראַוונניקס בריוו און באַמערק, אַז דער געלער קאָנווערט געמאַכט פון זאַק־פּאַפּיר איז כמעט נישט צוגעקלעפּט.

איך קוק זיך איבער מיט וויעראַן, באַמערקט איר הסכּמה און עפן דעליקאַט דעם קאָנווערט. מיט נערוועזע הענט ציען מיר אַרויס דעם „קאַזיאָנעם" פּאַפּירל און צו אונדזער דערשטוינונג לייענען מיר דאָרטן מער אָדער ווייניקער בזה הלשון:

„גוט האָסטו געטון, וואָס דו האָסט נישט דערלאָזט דער גרופּע יונגע יידן מאַכן אַ פאַרזאַמלונג כלומרשט צוליב ליטעראַרישע צוועקן. שוין דאָס אַליין, וואָס זיי האָבן געשיקט צו מיר די קראַסאַוויצע (שיינהייט), וועלכע איז דאָך פּאָליטיש פאַרשיקט געוואָרן פון פּאָלטאַווע, וויַיזט אַרויס מיט וואָס פאַר אַ „פייגעלעך" מיר האָבן דאָ צו טון. האַלט אויף זיי אַן אויג און נאָכאַמאָל אַ דאַנק פאַר וואַכזאַמקייט".

ווידער אַמאָל פאַרשפּילט, און דאָס שוין אויף שטענדיק! נאַרישע היץ־קעפּ, וואָס מיר זענען: שיקן פּאָליטיש־פאַרדעכטיקטע מיט אַ ביטע צום איספּראַווניק...

קיין גליקל האָבן מיר שוין נישט אָנגעהאַנגען אויף דער „דוגע״ פון די פערד, ווי מיר האָבן פריער גערעכנט. ווי אַבלים זענען מיר געקומען אויף דער נאַכט אין שטעטל.

חברה האָט אונדז גאָרנישט געפרעגט: אַלץ איז געווען קלאָר...

אונדזער נקמה אויף זכריהן איז געווען אַ גאַנץ ספּעציעלע: מיר האָבן געוווסט, אַז ער שטייט אויף גאַנץ פרי און גייט אין מיל און דעריבער לייגט ער זיך פרי שלאָפן.

האָבן מיר דעריבער אָרגאַניזירט אַ קאַפּעליע: וויערא מיט דער גיטאַרע, יאַנקל אייזענשמיד מיטן פידל און איך מיט מיין דאַן נאָך פרישער טענאָר־שטימע. מיט אונדז זענען מיטגעגאַנגען די נקמה־דורשטיקע נישט־דערגאַנגענע אַנדערע „אַקטיאָרן״.

זכריהס הויז איז געשטאַנען צווישן די צוויי בריקן און זיין שלאָף־צימער מיט די פאַרמאַכטע לאָדנס האָט אַרויסגעקוקט צום גאַס אַרוים.

פּונקט 11 אַזייגער אויף דער נאַכט, אין זיין בעסטן שלאָף, האָבן זיך דערהערט די טענער פון די מוזיק־אינסטרומענטן און פון די זינגער. די מעלאָדיע איז געווען פון דעם דאַן פּאָפּולערן טאַנץ קעק־אָוקאָק:

זכריה מילנער איז אַ מסור!
זכריה מילנער, זכריה מילנער איז אַ מסור!
זיין מיל, זיין מעל, זיין ציגן־באָרד
איז מוקצה, טריף און — אסור...

קינד און קייט האָבן זיך געזאַמלט אַרום אונדזער קאַפּעליע יעדן אָוונט; די שטורמישע וואַסערן אַרום די מיל־רעדער האָבן, דוכט זיך, מיטגעהאָלפן אונדז זינגען:

„זכריה איז אַ מסור״...

די מעלאָדיע האָט זיך פּשוט צוגעקלעפּט צו די ניי־מאַשינען ביי די שניידערס, צו דאָס קלאַפּן פון די פּלעקלעך ביי די שוסטערס, קרע־מערשע קינדער האָבן פאַרקויפט זייף און טשוועקעס און דערביי צוגעברומט: „זכריה מילנער איז אַ מסור״...

אַ וועלט וואָס איז פאַרבײַ...

מען האָט מיר דערציילט, אַז די פאַמיליע פון זכריהן האָט יאָרן־לאַנג געהאַט גרויס עגמת־נפש פון דער עקזאָטישער קעק־אוּאָק מעלאָדי, וועלכע האָט זיי פאַרפאָלגט אין דער וואָכן, שבת און יום־טוב...

אָבער וואָס איז די פעולה: דער פאָליציייִישער אוריאַדניק איז דאָך געבליבן דער זיגער אויף נאָך גאַנצע זיבן יאָר...

VIII.

דער מגיד ר׳ אליקום־געצל

צו די שאַרפסטע דעראינערונגען פון מיין פריסטער קינדהייט אין ביאַליסטאָק געהערן די באַגעגענישן מיטן באַרימטן מגיד ר׳ אליקום־געצל.

פאַרשטייט זיך, די זכרונות אַרום אים האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט נאָר אַזוי, ווי עס זעט דאָס אַ קינד, אַ חדר־ייִנגל, דערצויגן פון אַ טאַטן, וועלכער האָט נישט געהערט צו די גרויסע חסידים פון פאַנאַטישן מגיד און פאָלקס־טריבון.

וועגן ר׳ אליקום־געצל, זיין עפּאָכע און סביבה האָט מען געשריבן פון פיל שטאַנדפּונקטן; גראַד די עקסטרעם־רעכטע רעליגיעזע פאַנאַטיקער און עקסטרעם־לינקע ציון־קעגנער זענען זיך צוזאַמענגעגאַנגען אין זייערע מיינונגען וועגן דער חשיבות פון פלאַמענדיקן מגיד; קוקנדיק צוריק — רעטראָספּעקטיוו און אָביעקטיוו — זע איך אויך איין די פּאָזיטיווע ווירקונג פון ר׳ אליקום־געצלס שטורעמדיקן רוף צוריק צו ייִדישקייט און טראַדיציע, וועלכן ער האָט געפּרעדיקט אין די געפּאַקטע בתי־מדרשים און מנינים פון די שניידערס, שוסטערס, קצבים...

ער איז געקומען קיין ביאַליסטאָק אין די יאָרן נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווען דר. הערצלס נאָמען האָט אָנגעהויבן אַרויסשיינען ווי אַ טרייסט און האָפענונג צו די ייִדישע מאַסן אין דעם חושך פון די שטעט און שטעטלעך.

ליכטיקע מעשהלעך האָבן זיך געשפּונען אַרום די באַזעלער צוזאַמענטרעפן, אַרום דר. הערצלס וויזיטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל ביים סולטאַן

אבדול-האמיד; מען האָט גערעדט וועגן די „דימענטענע" מעדאַלן, וואָס הערצל האָט באַקומען, וועגן קייזער ווילהעלם דעם צווייטן, וואָס איז פאַרכישופט געוואָרן פון דר. הערצל בעת זייער באַגעגעניש אויפן וועג קיין ראשון-לציון... די פאָלקס-פאַנטאַזיע, וועלכע איז געווען אַזוי דער-נידעריקט און דערדריקט פון דעם דרייפוס-בילבול, האָט פּלוצלינג באַקו-מען פליגלען און אין איר בענקשאַפט נאָך אַ טרייסט, נאָך אַ נס, האָט זי אין הערצלס רוף וועגן אַ יידן-שטאַט אין ארץ ישראל דערהערט די טריט פון משיחן...

„ניין" — עס איז אַ פאַלשער משיח!" — האָט געדונערט אליקום-געצל אין די בית-תפילה פון באַנאַיקעס און פּיאַסקעס, די גאַסן פון דער ביאַליסטאָקער יידישער אָרימקייט.

„דר. הערצל און אַלע זיינע נאָכלויפער זענען מחלל-שבת, טראָגן נישט קיין ציצית, דורך זיי וועט די גאולה נישט קומען. פריער דאַרף מען זיך צוריקקערן צום יידישן גאָט, נאָכהער וועט משיח אונדז ברענגען אין יידישן לאַנד".

מיין פאָטער האָט מיך מיטגענומען אין נייעם קצבישן בית-מדרש, ווו אליקום-געצל האָט געפונען זיינע גרעסטע אָנהענגער.

איך זע אַ פּאָר זיך אַ ברייט-ביינִיקן ייד, מיט אַ בלאַס געזיכט אין דער ראַם פון אַ פעך-שוואַרצער קורצער באָרד. פון דער שוואַרצער קאַפּאָטע זעט זיך אַרויס אַ ווייס העמד, אָפגעשפּילעט אויף דער ברוסט און האַלדז. אַ פּאָר גרויסע ברענענדיקע אויגן באַלויכטן דאָס געזיכט, אויסגעקרומט אין אַ נישט-ערדישן עקסטאַז. אַזעלכע מאָדנע-גרויסע אויגן, אין וועלכע בלויליכע ווייסלעך האָבן נאָך מער אונטערגעשטראָכן דאָס פייער פון די שוואַרצאַפּלען, האָב איך שפּעטער געזען אויף איניקע אייל-בילדער פון די קאַטוילישע פאַנאַטיקער סאַוואָנאַראָלאַ און לאָיאָלאַ... איך געדענק, אַז ווען איך פלעג די בילדער מיט יאָרן שפּעטער אָנקוקן ערגעץ אין אַ מו-זעאום, האָב איך געמוזט אַ טראַכט טון וועגן די אויגן פון ליידנשאַפטלעכן ר' אליקום-געצל.

זיין באַריטאָן-שטימע זינגט און וויינט מיטן אַלטן טראַדיציאָנעלן זינגען און מיטן טיפן יידישן „אוי"!

ולירושלים עירך ברחמים תשוב — אוודאי ווילן מיר אַלע גיין קיין ירושלים, אָבער דאָס אומגליק איז וואָס אוסישקין בתוכה, דער אפיקורס אוסישקין איז אין מיטן. (אַ שפּיל פון ווערטער: אַנשטאָט ותשכון בתוכה)...

„איך זע ביי אייך, ווי די גבירים גיבן אָפּ די קינדער אין גויאישע שולעס, זיי מאַכן זיי פאַר אַריסטאָקראַטן, אָבער וואָס איז אַן אַריסטאָקראַט? אַ קריסט־אַקוראַט...״

דער בעל־מלאכהשער עולם, וואָס פּילט אוים דעם בית־מדרש, קלייבט נחת, וואָס ז יי ע ר מגיד זידלט די גבירים. ער נעמט זיי אַרוים פון פינצטערן וואַרשטאַט, פון ד ע ר פאַרדומפּטער יאַטקע און טראָגט זיי אַוועק אין אַ געראַומען ליכטיקן גן־עדן, ווו אויף גאָלדענע שטולן זיצן די, וואָס האָבן געדינט גאָט מיט ליבשאַפט.

אָבער פּלוצלינג דערהערט זיך זיין יאָמער אויף די „רשעים״, וואָס רייסן אַרוים די וואָרצלען פון אַלטן יידישן שטאַם.

„איר האָט שוין דאָ ביי אייך „בני ציון״ און „בנות ציון״; זיי דינען גאָט דורך עסן באָקסער מיט פייגן, דורך זינגען אויף דייטש „דאָרט ווו די צעדער״ און דורך שרייען „הידד״. אָבער איך האָב מורא פאַר די ילדי־ציון, וואָס וועלן אויסוואַקסן פון אַזעלכע בנים און בנות... אוי ווי, אַזעלכע קינדער וועלן דאָך, חלילה, גיין דירעקט אין די טויערן פון טומאה, אין כף־הקלע פון גיהנום״.

און דער פּשוטער עולם, היפּנאָטיזירט פון טאַלאַנטפולן רעדנער, האָט מיטגעוויינט אויפן „בראָך״ פון די שענסטע ביאַליסטאָקער קינדער, וואָס האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין די נעצן פון „ציוניסטישער טומאה״ און זענען פאַרמשפּט דעריבער צו פרעגלען זיך אין די גיהנום־פייערן.

ווען איך דערמאָן זיך איצט, אַז צו יענע „בני ציון״ האָבן געהערט אויך אינזשיניער קאַפּלאַנסקי, דער דירעקטאָר פון חיפהר פּאָליטעכניקום און פּראָפעסאָר סוקיעניק, פון דעם ירושלימער אוניווערסיטעט, קינדער און אייניקלעך פון דער דעמאָלסטדיקער ציוניסטישער יוגנט האָבן מיט מער ווי פערציק יאָר שפּעטער געקעמפט אין ביאַליסטאָקער געטאָ און אויסגעגאַנגען על קידוש השם, טאַקע ביים טייכל נעבן דעם קצבישן בית־

מדרש, ווו ר׳ אליקום־געצל האָט פּרובירט נבואה זאָגן, ווערט קלאָרער דער „אל תאמין בעצמך" (גלויב נישט זיך אַליין)...

אַ פאַקט איז אָבער אויך, אַז הונדערטער יונגע בעלי־מלאכות, וואָס פלעגן פריער פאַרברענגען דעם שבת־נאָך־מיטאָג אין אַ „טשאַינע" מיט דינסט־מיידלעך, שיילענדיק „יאַנדרעס" און זינגענדיק „פאַרוואָס זשע ביזטו ברוגז"... אָדער אַנדערע וואָכעדיקע לידלעך, זענען געלאָפן הערן דעם פאָלקס־מגיד, וואָס האָט נישט געחנפעט די גבירים און דערציילט אַזעלכע כשופדיק־פּאָעטישע מעשהלעך פון אַנדערע יום־טובדיקע וועלטן. זיי זענען געוואָרן די „גוואַרדיע", וואָס האָט אָפּגעהיט ר׳ אליקום־געצלען פון די אָנפאַלן, אָפט־מאָל פיזישע, פון זיינע אויפגערעגטע קעגנער.

איך דערמאָן זיך אַ פריוויטיק־צונאַכטס, ווען ר׳ אליקום־געצל האָט געוואַגט איבערטרעטן די שוועל פון גרויס־לומדישן און צוגלייך גבירישן יחיאל־נעכעס בית־מדרש, פון מ יי ן קינדהייטס־אַקאַדעמיע. דאָ האָט געדאַוונט ר׳ אייזיק האַראַדישטש, דער באַנקיר און טאַטע פון קינדער אין דער קאָמערץ־שולע. דאָ איז ביים מזרח־וואַנט געשטאַנען דער פּראָגרעסיוו־פרומער גביר ר׳ משה־מרדכי מאַנישעוויטש, דער צוקער־מאַגנאַט און טיפער למדן ר׳ שמואל ליפשיץ, דער פאַבריקאַנט ר׳וועלוול זילבערבלאַט...

הינטער זיי האָבן אַרויסגעשיינט יונגע איידעמס אויף קעסט, לומדים און משכילים, איינגייערס אין שטוב פון נאָר וואָס פאַרשטאָרבענעם שטאָלץ פון יידנטום און גרויסן ביאַליסטאָקער רב, ר׳ שמואל מאָהילעווער.

איך געדענק גוט אייניקע פון יענע יונגעלייט, שפּעטערדיקע קהילה־אָנפירער; דעם טעמפּעראַמענטפולן ר׳ חיים בייגין, דעם מיושבדיקן תורה־פאַרשער א. סובאָטניק, און טאַקע מיין ליבן טאַטן ר׳ אברהם ע"ה... אַלע צוזאַמען זענען זיי געווען פרומע כשרע און געבילדעטע יידן, אָבער שאַרפע קעגנער פון ר׳ אליקום־געצלען, וועלכער האָט אָנגעצונדן אַ פייער פון אַ קלאַסן־פרומקייט־מחלוקת אין דער גאַנצער שטאָט...

איבערטרעטן די שוועל פון אַזאַ בית־מדרש איז געווען אַ געוואַגטער שריט פון ר׳ אליקום־געצלען, אָבער פול מיט פאַנאַטישער אַנטשלאָסנקייט איז ער אַרויף אויף דער בימה, צווישן קבלת־שבת און מעריב, און אָנגעהויבן שיסן זיינע שאַרפע פיילן דירעקט אין פּנים פון די גבירים,

וואָס לויט זיין מיינונג פירן זיי דעם יונגן דור צום שמד דורכן ציוניזם און די חדרים־מתוקנים... און כאָטש די ווערטער האָבן געבריט און פאַרדראָסן, האָט מען דעם מגיד, צוליב כבוד התורה, געלאָזט רעדן, נישט אונטערברעכנדיק. אָבער ר׳ חיימקע, דער האָרבאַטער אונטער־שמש, וועלכער האָט פאַרדינט א רובל א וואָך מיטן רעכט צו שלאָפן אויף דער הילצערנער באַנק אין „בית־שני״, האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן. וואָס מען זידלט ז יי נ ע חשובע באַלעבאַטים, און ווי דער אַמאָליקער מנהג איז געווען, האָט ער פון הינטער דער בימה געוואָרפן א נאַסן האַנטעך דירעקט אין קאָפּ פון ענטוזיאַסטישן ר׳ אליקום־געצל, זיין זיידענע שבתדיקע היטל איז אַראָפּגעפלויגן, ער איז געבליבן אין דער סאַמעטענער יאַרמולקע, און פלוצלינג זיך ביטער צעוויינט... מילא, דער טומל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן, איז שווער צו באַשרייבן. כמעט אַלע האָבן געפילט, אַז אַ מעשה־נורא איז געשען, אַז עס איז פאָרגעקומען א בזיון התורה, אַז מען האָט מלבין געווען פּני תלמיד־חכם ברבים...

חיימקע דער האָרבול איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, אָבער די דרשה איז איבערגעריסן געוואָרן... שבת־צו־נאַכט, ווען מען האָט חיימקען געפונען און גענומען אויפן פאַרהער, האָט ער זיך געשווירן, אַז דעם האַנטעך האָט געוואָרפן עפּעס אַן אורח, וועלכן ער קען נישט. ער, חיימקע, האָט נאָר אויסגעווייקט דעם האַנטעך אין האַנט־פּאַס־בעקן... די שטראָף איז געווען, אַז פיר וואָכן נאָכאַנאַנד האָט מען חיימקען דעם אונטער־שמש אויסגעצאָלט „זשאַלאָוואַניע״ (שכירות) 50 קאָפּיקעס א וואָך אָנשטאָט דעם גאַנצן רובל...

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערציילן אַ כאַראַקטעריסטיש בילדל מיט דעם זעלבן חיימקען, וואָס וואַרפט אַ ליכט אויפן דעמאָלסטדיקן לעבן פון אַן אָרימען „כלי קודש״. אין א ווינטער־אָוונט, ווען מיין רבי, ר׳ שמואל דער קאַסטנמאַכער (ער איז טאַקע געווען ביי טאָג אַ קאַסטנמאַכער און אין די אָוונטן פלעגט ער לערנען גמרא מיט באַלעבאַטישע קינדער), האָט פאַרמאַכט די גמרא און דערלויבט מיר גיין אַהיים, בין איך דורכגעגאַנגען דורכן פּאָליש פון בית־מדרש.

דאָרט ביים אָפענעם קאַכלנעם אויוון איז געזעסן חיימקע דער האָרבול אויף דער פּאָדלאָגע און נעבן אים עפּעס אַן אומבאַקאַנטער אָפּגע־

ריסענער אורח. חיימקע האָט געבאַקן בולבעס (קאַרטאָפל) אויף די ברענענדיקע קוילן. אוועקגעלייגט אַ „בולבע אין פעלצל״ (מיט דעם שאָלעכץ), אויסגעבאַקן זי ביז זי איז געוואָרן טרוקן־שוואַרץ, איינגעטונקען אין אַ טעלער מיט ליאָק (געזאַלצענעם וואסער פון הערינג־פעסער), וואָס קרעמערקעס האָבן געטיילט אומזיסט, און אַריינלייגנדיק אין מויל אָט דאָס פּיקאַנטע מאכל, האָט חיימקע אַזש געקרעכצט פאר תענוג: „מעדני מלך״ (אַ קעניגלעך עסן) — האָט ר׳ חיימקע א זאָג געטון צו מיר, ווען איך בין דורכגעגאַנגען. אָבער ווען זיין „טיש־פּאַרטנער״, דער אָפּגעריסענער אורח, האָט געוואָלט אַ נעם טון נאָך אַ „בולבע״, האָט חיימקע אויסגעשריגן צו אים: „דו האָסט שוין געהאַט גענוג! אַזאַ זולל וסובא, אַזאַ טריפהנע האַלדז״...

דער דאָזיקער אונטער־שמש האָט שפּעטער געמאַכט א „גלענצנדע״ קאַריערע: ער איז געוואָרן הויפּט־בעדער אין מאַנישעוויטשעס נײַ באָד ביים טייכל און פאַרדינט אפשר דריי רובל אַ וואָך. אָבער יענע סצענע מיט די בולבעס געווייקטע אין ליאָק, קען איך נישט פאַרגעסן.

* * *

מיין פעטער, ר׳ יעקב ראַבינאָוויטש, כאָטש א רייכער פאַבריקאַנט, האָט געהערט צו די הייסע אָנהענגער פון ר׳ אליקום־געצל.

אזוי ווי זיין ווױנונג איז געווען אַנטקעגנאיבער דעם נייעם קצבישן בית־מדרש, פלעגט ר׳ יעקב נישט דורכלאָזן זיינע דרשות. וועגן אָט דעם פעטער מיינעם, וועלכער איז געווען דער פאָטער פון ר׳ שמואל־ליב ראַבינאָוויטש, איינער פון די שענסטע לומדיש־משכילישע טיפּן אין היינטיקן ענגלאַנד, וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן. איך דערמאָן אים צו גוטן אויך דעריבער, ווייל מיט אים האָב איך אַלס קליין קינד געמאַכט די ערשטע אין מיין לעבן רייזע אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע, און ווייל ער איז איבערהויפּט געווען שטענדיק לעבנס־לוסטיק פריילעך, אַ גרויסער מוקיר רבנן, אין זיין שטוב האָט מען געטראָפן די גרעסטע רבנים פון יענעם דור מיטן חפץ־חיים אין דער שפּיץ. אויך די באַרימטע חזנים שלאָסבערג און ראזומני האָבן באַשיינט מיט זייער זינגען די גאַסטפריינטלעכע „סאַליע״ פון יום־טובדיקן אינדוסטריעלער מיט דער לאַנגער

בלאָנדער באָרד, וועלכן מען האָט געקענט אין שטאָט אלס „ר׳ יאַנקעלע די באָרד״...

דאָס מאָל נעמט מיך מיין פעטער אין קצבישן בית־מדרש, כדי בייצוזיין אַווירקלעך אומגעווענלעכע געשעעניש: ר׳ אליקום־געצל וועט אַרויסטרייבן אַ „גלגול״ (אַ דבוק) פון אַ מיידל אַ יתומה, וועלכע קרייעט ווי אַ האָן און זינגט ווי אַ מאַנספּאַרשוין.

דאָס איז געווען נאָך דאַן, ווען דער אומפאַרגעסלעכער ש. אַנ—סקי האָט גערעדט אויסשליסלעך רוסיש און פּאַרקערט צווישן גויאישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. איך גלויב נישט, אַז אין יאָר 1901, ווען איך בין געגאַנגען זען דעם „דיבוק״ אין קצבישן בית־מדרש מיט ר׳ אליקום־געצלען אַלס דער מיראַפּאָליער צדיק און דער אָרימער יתומה אַלס די שפּעטערדיקע ראַווינא פון דער „הבימה״, האָט ש. אַנ—סקי געקלערט וועגן יידישן פּאָלקלאָר און וועגן אָנשרייבן זיין אומשטערבלעך ווערק דער „דיבוק״.

אין יענעם זומערדיקן טאָג איז דער בית־מדרש אויף יאַטקע־גאַס געווען געפּאַקט מיט אַן עולם, שוין פון גאַנץ פרי אָן. טויזנטער מענטשן זענען געשטאַנען אויפן גאַס און געוואַרט אויף ר׳ אליקום־געצלען, אויף דער יתומה מיטן גלגול און אויפן „דיבוק״ אליין, וואָס דאַרף אַרויסגיין פון מיידל דורכן קליינעכדיקן פענצטערל, וואָס איבערן ארון־קודש...

מיין פעטער ר׳ יעקב, אַלס אַ בכבודיקער גאַסט, פאַרנעמט זיין פּלאַץ אויפן מזרח, הארט נעבן ר׳ אליקום געצלען, וועלכער האָט אין טלית און קיטל אָנגעהויבן אויסזאָגן אַ קאַפּיטל תהילים. אַ פּאַרוויינטע, אַן אָרימע „זיצערקע״ מיט אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ, האָט געשלעפּט פאַר די הענט איר קינד, אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן, וואָס קרייעט ווי אַ האָן...

און כך־הוה: ווי נאָר דאָס מיידל האָט זיך אוועקגעשטעלט אַנטקעגן ר׳ אליקום־געצלען האָט זי אויסגעקרייעט: „קו־קו־ריקו!״ אַ ציטער איז דורך דורכן בית־מדרש... איך אַליין, שטייענדיק אויף דער באַנק, האָב פאַרמאַכט די אויגן פאַר שרעק און זיך צוגעדריקט צו דער ברייטער ברוסט פון מיין פעטער.

און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די מיסטעריע פון אַרויסטרייבן דעם גלגול. די אויגן פון ר׳ אליקום־געצלען אין ראָם פון די אומהיימלעכע ווייסלעך, האָבן אַריינגעדרונגען אין מיידלס פּנים... אויך זי האָט געעפנט אי־

רע אויגן און פאַרגליווערט געגלאָצט אויפֿן ייד אין טלית און קיטל, וועלכער שעפּטשעט אַזעלכע מאָדנע ווערטער. אויך איך האָב קיינמאָל ביז דאַן נישט געהערט די אַלע נעמען פון מלאכים און שרים, וועלכע זענען אַרויסגערעדט געוואָרן אַזוי זינגענדיק־שאַרף, אַזוי באַפעלעריש־אויטאָריטאַטיוו פון ר׳ אליקום־געצלס מויל. און נאָכהער אין יידיש: „אַרויס, אַרויס! אָט פון דעם פענצטערל זאָלסטו גיין אין דיין רו אַריין! לאָז צורו די כשרע יידישע טאָכטער פלונית בת פלונית! נישט קרייען מער! נישט זינגען דורך איר מויל! דו ביסט אָפּגעקומען דיין זינד אויף דער וועלט, גיי אַוועק אין די ליכטיקע הימלען!...״

און נאָכהער איז געוואָרן שטיל־שטיל אין שול. מען האָט געהערט, ווי דאָס מיידל אָטעמט שווער, און נאָכהער האָט זיך אַ געוויין אַרויס־געריסן פון איר, אַזאַ עלנט געוויין מיט טרערן און שלוכצענישן...

„מזל טוב, מזל טוב! — האָט ר׳ אליקום־געצל אויסגעשריען — אַרויס דער גלגול אויף וויסטע פעלדער, אויף פוסטע וועלדער!...״

ווייבער און חדר־יינגלעך האָבן זיך שפּעטער געשוואוירן, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי אַ וואָלקנדל איז אַרויס פון מיידלס מויל, אַרויפגעשוומען צום קיילעכדיקן, בלויען פענצטערל איבערן ארון־קודש און פאַרשוואונדן... פיל פון די, וואָס זענען געשטאַנען אויפֿן גאַס, האָבן אין עקזאַלטירטער אויפרעגונג דערציילט, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי דאָס וואָלקנדל איז אַרויסגעפלויגן און זיך געלאָזן אין דער ריכטונג צו דער „זשעזשניע״ (שחיטה־הויז), וואָס איבערן טייכל... אויך איך האָב הייליק געגלויבט, אַז איך בין געווען אַן עדות פון נס, ווייל אפילו אין אונדזער משכילישן פאַמיליע־קרייז האָט מען שפּעטער דערציילט, אַז דאָס מיידל איז גע־וואָרן אויסגעהיילט, קרייעט נישט מער און זינגט נישט ווי אַ מאַנסביל...

דאָס איז געווען דאַן, ווען מיין פאָטער האָט דערציילט אין שטוב וועגן די וווּנדער, וואָס עס באַווייזט איינער אַ גרויסער היפּנאָטיזיאָר, אַ ייד פעלדמאַן, וועלכער היילט מיט זיינע פייערדיקע אויגן פירשטן און גראַפן אין פעטערבורג פון פאַרשידענע איינגערעדענישן; אַז מען טראָגט אָט דעם פעלדמאַנען פשוט אויף די הענט פאַר אויסהיילן גייסטיק־קראַנקע מיטן כוח פון זיין איינפלוס דורך די אויגן; אַז ער האָט איבערגעלאָזט דער אַלטער קייזערין מאַריאַ־פיאָדאָראָוונאַ זיין פאָטאָגראַפיש בילד מיט דער

אויסדריקלעכער עצה, זי זאָל קוקן אויף אים נאָר דורך דעם פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, וואָס דעקט צו זיין געזיכט, אַז נישט קען זי נישט אַנטשלאָפן ווערן.

איך האָב דאַן פאַרשטאַנען, אַז די אויגן פון ר׳ אליקום־געצלען האָבן געהאַט די זעלבע מאַגנעטישע ווירקונג, ווי פון געניאַלן פעלדמאַן, און אַז די סגופים און צרופים זענען נאָר געווען די פּרפּראות צו זיין היפּ־נאָטישער חכמה...

אָבער נאָך יאָרן שפּעטער האָבן די ווערטער פון פאַנאַטישן מגיד געקלונגען אין די בתי־מדרשים פון די שטעט און שטעטלעך פון ליטע:

„יגער ד׳ בך, השטן הבוחר בירושלים” (אַ פּאַראַפראַזירונג פון באַקאַנטן פּסוק: זאָל גאָט אויף דיר אָנשרייען, אויף דיר דעם שטן, וואָס האָט אויסגעקליבן ירושלים). דער שטן, וואָס האָט זיך פאַרנומען אויף ירושלים, דאָס איז געווען די וואַקסנדיקע ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט פאַרפלייצט די שטעט און שטעטלעך.

אין מיטן פון איינער אַזאַ רעדע, אַרויסגעזאָגט מיטן אַמאָליקן פאַנאַטישן ענטוזיאַזם, איז ר׳ אליקום־געצל פּאַראַליזירט געוואָרן און געענדיקט זיין קעמפעריש לעבן.

IX.

אין פּעסטונג נאָוואָ געאָרגיעווסק

וואָלט איךווירקלעך געשריבן אַ ביאָגראַפיע, וואָלט איך מסתמא געדאַרפט ניט איין יאָר, נאָר עטלעכע יאָר, אין די פאַרגאַנגענע 40-45 יאָר, פאַררעכענען אַלס „שייד־וועג״־פּעריאָד, אָבער אַזוי ווי איך שרייב מער וועגן שטעט און מענטשן פון מיין צייט און וועגן מיר אַליין, וועל איך זיך באַנוגענען נאָר מיטן דערציילן פון איין איינציקן עפּיזאָד, וועלכער האָט געדויערט אַ פרילינג מיט אַ זומער און מיך דערפירט ביז דעם סאַמע ברעג פון יענעם אָפּגרונט, ווו עס וואַרט אויף אייך מיט אָפענע אָרעמס אַ רויטער לאַכנדיקער טייוול מיט שפּיציקע הערנער...

די פרוי, וועלכע איז מיין הויפּט־העלדין פון יענעם זומער, איז געפאַלן אין דער וואַרשעווער געטאָ, אויך איר טאָכטער ליובאַ, די לערערין, איז אומגעקומען אין פּאַלעניצע. דער פאָטער פון מיין „העלדין״, ר׳ כאַצקל בערמאַן, דער ראש־הקהל פון דער שטאָט נאָווידוואָר, נעבן וואַרשע, איז אַוועקגעפירט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן בראש פון זיין צאָלרייכער עדה...

דאָס איז אַלץ פאָרגעקומען אין 1942 — אָבער די געשיכטע וועלכע איך וויל דאָ דערציילן איז פאַרלאָפן אין 1912.

איך האָב דאַן נאָר־וואָס פאַרענדיקט דאָס לערנען אין רעאַל־גימ־נאַזיע.

מיינער אַ פעטער, ר׳ חיים אייזענבערג, אַ פאַרמעגלעכער „פּאָדריאַד־טשיק״ אין דער פעסטונג מאָדלין (אָדער נאָוואָגעאָרגיעווסק), וואָס איז

דעמאָלט געבויט געוואָרן דורך דער צאַרישער רעגירונג, האָט מיך איינ־געלאַדן צו פאַרנעמען אַ ציטווייליקע שטעלע פון אַן אויפזעער אויפן פאָרט נומער זיבן ביים ווייסל.

דער צענטער פון דער פעסטונג איז געלעגן אַ צוויי מייל ווייט פון דער לעבעדיקער, באַוועגלעכער שטאָט נאָווידוואָר, אָבער די פאָרטיפי־קאַציעס אַרום האָבן זיך געצויגן אויף צענדליקער מיילן פון וואַרשע ביז פולטוסק. מאָדלין האָט געזאָלט דינען פאַר אַ מעגלעכן באַריער קעגן דייטשע אַנגרייפער. די רוסישע רעגירונג האָט געהאָפט, אַז אין פאַל פון אַ באַלאַגערונג וועט זיך די פעסטונג האַלטן כאָטש ניין חדשים. זי איז אָבער געפאַלן אין 1915 נאָך אַ באָמבאַרדירונג פון דריי טעג; אין 1939, אין היטלערס בליץ־קריג, איז זי געפאַלן נאָך אַ שטורעם פון 48 שעה...

אָבער ווען אין 1912 האָט מען מיר אַנגעטרויט די קאָנטראָל אויף דער טראַנספּאָרטאַציע פון זאַמד און שטיינער, פון וועלכע מען האָט געמאַכט די אייזן־בעטאָנענע ווענט אַרום די באַהאַלטענע האַרמאַטן פון פאָרט נומער זיבן, האָבן מיר אַלע געגלויבט, אַז די פעסטונג איז אומ־באַזיגבאַר.

פאַר מיר איז איבערהויפּט געווען אַ פרייליך געשעעניש דאָס עצם אָנקומען אין נאָווידוואָר, ווו איך בין גלייך געוואָרן באַפריינדעט מיט דער יוגנט, וועלכע איז דאָרט געווען פרייער און אומאָפּהענגיקער ווי אין אַנדערע מקומות.

די נאָענטקייט פון דער פעסטונג, דער שטראָם פון געלט, וואָס איז געפלאָסן פון פעטערבורג אין די קעשענעס פון די יידישע „פּאָדראַד־טשיקעס״ און פון זיי צו יעדן וואָס האָט נאָר געוואָלט אַרבעטן — האָט געמאַכט גרינגער דאָס געמיט, אַוועקגענומען די אייביקע שטעטלשע מרה־שחורה פון פרנסה־זוכעניש, און מענטשן האָבן געלאַכט, געשטיפט און גענאָסן פון לעבן.

מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך פלעג שוין זעקס אַזייגער פאַרטאָג מיטן וועלאָסיפּעד אַרויספאָרן פון נאָווידוואָר אין דער ריכטונג, ווו מען האָט געבויט דעם פאָרט. דאָרט האָב איך געדאַרפט זען, אַז די שיפלעך מיט זאַמד, וואָס קומען פון די שטעטלעך אַרום, זאָלן

זיין פּוֹל — די שטיינער זאָלן צוגעפּירט ווערן שנעל מיט די „וואַגאָנע־לעך" אויף די שאַקלדיקע רעלסן.

איך האָב אויך געדאַרפט זען, אַז די פערצן פערד, וואָס זענען געווען אין מיין רשות, זאָלן באַקומען זייער ריכטיקע שפּייז: צען פונט האָבער און צוואַנציק פונט היי, ווייל דאַן וועלן זיי כוח האָבן ווי געהעריק צו שלעפּן די וואַגאָנעס. מיט אַנדערע ווערטער: איך האָב געמוזט האַלטן אַן אויג אויף אַ געוויסן ר׳ אליהו, וועלכער האָט געהאַט די שליסלען פון שפּייכלער, וווּ דער האָבער און היי זענען געלעגן. מיין פעטער ר׳ חיים האָט געמיינט, אַז אָט דער ר׳ אליהו באַגנבעט אים און אַנשטאָט האָבער שטאָפּט ער אָן די פערד מיט שטרוי, און אַזוי פלעג איך ווערן איינגע־טרואַירט אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך.

איך בין אָבער דאַן געווען זייער נאַאיוו און נישט געקענט גלויבן, אַז ר׳ אליהו מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע און שוואַרצער באָרד זאָל באַ־גנבענען אַזאַ פיינעם מענטש ווי מיין פעטער ר׳ חיים איז געווען. מיר איז דעריבער שנעל דערעסן געוואָרן דאָס קוקן אים אויף די הענט, ווען ער האָט געוווינט יעדן אין דער פרי דעם „פרישטיק" פאַר די פערד. איך האָב בעסער געקוקט אויף דער ברייטער ווייסל, וווּ דאַמף־שיפן זענען געגאַנגען פון וואַרשע קיין פּלאָצק; אויפן גרינעם באָרג אַנטקעגן, וווּ די הילצערנע הייזלעך פון שטעטל זאַקראָטשים זענען געווען צעשאָטן.

מיט אייניקע חדשים שפּעטער, ווען עס איז אויסגעבראָכן די גרויסע שׂרפה אין נאָווידוואָר און אויך ר׳ אליהוס הויז איז פאַרברענט געוואָרן, האָט מיין פריינט אויפן ווייסל־ברעג פאַר מיר געיאָמערט, אַז זיין אומ־גליק איז נאָך גרעסער, ווי אַלע מיינען — אַז ער האָט געהאַט פאַרשטעקט אין אויוון אַ פּאָר טויזנט רובל אין אַסיגנאַציעס, אַנגעגרייטער נדן פאַר טעכטער, און דאָס איז אויך פאַרברענט געוואָרן. איך זאָל אָבער וועגן דעם קיינעם נישט דערציילן. דאָס איז אַ סוד... ערשט דאַן האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז דער פאַרברענטער „נדן" איז געקומען פון האָבער, וואָס די פערד האָבן נישט דערעסן, און איך האָב שוין געקוקט גאַנץ באַוווסטזיניק צווישן די פינגער אויפן נייעם „נדן", וואָס ר׳ אליהו קלייבט יעדן פרי־מאָרגן, ווען ער טיילט אויס דעם האָבער פאַר די פערד.

איך האָב אויך געדאַרפט אַרויסגיין צו דער ווייסל און באַגעגענען די אָנגעלאָדענע שיפלעך מיט זאמד און „זשוויר״ (צעמאָלענע שטיינדלעך). מיט אַ לאַנגן אייזערנעם פלאָקן פלעג איך אַרויפגיין אויפן הילצערנעם בריקל צווישן ברעג און דעם שיפל און דאַרפן מעסטן די טיפקייט פון דער לאַדונג. די גויים, וואָס האָבן געבראַכט דעם מאַטעריאַל פון די אַרומיקע שטעטלעך, זענען תחילת געווען איבערראַשט, וואָס איך טרוי זיי נישט אויפן וואָרט, אַז דאָס שיפל איז גוט אָנגעלאָדן. דער עלטער קאָוואַלסקי, אַ גוי מיט גזלנישע אויגן, און מיט אַ פּאַלשן שמייכל אונטער זיינע פּריצישע וואָנצעס — האָט מיך אפילו אַמאָל אַ פרעג געטון, צי דאַרף איך נישט אַ „גמילת חסדל״ — וואָלט ער מיר גערן געגעבן.

ווען איך האָב אַנטזאָגט און אויף מאָרגן ווידער געקומען מיטן אייזערנעם דראָנג צו מעסטן די טיפקייט פון אָנגעלאָדענעם זאמד אין שיפל, איז געשען עפּעס אומדערוואַרטעט: אימיצער האָט אַ צי געטון דאָס ברעטל אונטער מיינע פיס און איך בין אַריינגעפאַלן אַן אָנגעטוענער אין טייך אַריין... קאָוואַלסקי און זיינע זין האָבן זיך געוואָרפן מיך ראַטעווען. איך בין געווען טויט דערשראָקן, און ווען מען האָט מיך אַרויסגעצויגן פון וואַסער, האָבן די גויים מיך אויסגעטון נאַקעט, געריבן מיין קערפּער מיט קראַציקן טרוקענעם לייוונט. איך האָב ווידער אַן עפן געטון די אויגן און איבערגעכאַפּט אַ לאַכנדיקן איבערקוקן זיך צווישן זיי. דאַן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מער וועל איך שוין נישט אַרויסגיין מעסטן דעם מאַטעריאַל פון אַזאַ „אָרנטלעכן״ פאַרשוין ווי קאָוואַלסקי איז. איך וועל אים גלייבן אויפן וואָרט...

דאָס איז געווען אַ גוטע לעקציע: יענץ אַרויסגעכאַפּטע בריקל פון אונטער מיינע פיס...

ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, פלעג איך מיך ווידער זעצן אויפן וועלאָסיפּעד און פאָרן צוריק אין שטאָט נאָווידוואָר, ווו אומגעוועגלעכע פאַרגעניגנס און געשעענישן האָבן געוואַרט אויף אַ ייִנגל פון מיין עלטער: דאָרט זיינען געווען מיינע קוזינען פעליקס און עדוואַרד (אייגנטלעך פייוול און כאַצקל) און דער פידלער באַקמאַן און דער יונגער דאָקטאָר קאַרבאָווסקי, מיט וועלכן מיר האָבן זיך געחברט. דאָרט זענען אויך גע־

ווען די לעבעדיקע און שוואַרצאויגיקע מיידלעך ברכה און רבקה מונ־דליאַק, די חברטעס פון מיין קוזינע ביילטשע; דאָרט איז אויך געווען יענעם זומער אַ צירק אין דער גרויסער לייוונטענער „בודע", ווו עפּעס אַ בלאָנדע מכשפה האָט געצויגן פאַרביקע „סטענגעס פון האַלדז". זי האָט זיי אַזוי לאַנג געצויגן, ביז זי איז דערגאַנגען צו דער רייכער קעשענע פון מיין קוזין עדעק און גענומען פון דאָרט אַרויסציען זיינע לייכט־פאַרדינטע אַסיגנאַציעס — באַרוישנדיק אים מיט דער געניטער אַקראַ־באַטישקייט פון אַ ציגיינער־„ליבע".

אָבער פאַר מיר האָט דאַן אויפגעלויכטן אַ נייער שטערן אין מיין לעבן — דער שענסטער שטערן אין שטאָט: אין אַ פרילינג־אָוונט, ווען די עפּל־ביימער האָבן געבליט מיט אַ בלענדנדיקער ווייסקייט און דער שכורער ריח פון בלוילעכן „בעז" האָט באַרוישט די לופט און בלוט, — האָט זיך אויפן האָריזאָנט באַוויזן די קליינע דעמאָנישע פרוי מיטן איראָנישן שמייכל און מיטן ווי פון ראָזן מאַרמאָר אויסגעטאָקטן געזיכט, די רייצנדע וויערא מאַקסימאָוונא.

איך האָב זי דערזען צום ערשטן מאָל אויף אַן אויפנאַמע, וואָס ס'האָט איינגעאָרדנט מיין פעטערס עלטסטער זון, יעקב אייזנבערג. אין זיין רייכער שטוב, מיט מוזיק־אינסטרומענטן און קינסטלעך־צעוואַקסענע פאַלמען, פלעגט מען שוין טרעפן געסט, וועלכע איך האָב ביז איצט נישט געזען אין קיין שום יידישער פאַמיליע: רוסישע אָפיצירן מיט זיל־בערנע שליפעס, פוילישע דאָקטוירים און אַפּטייקער און אויך סאָבאָ־לעווסקי, אַ באַקאַנטער פּראָפעסאָר פון מוזיק, וואָס האָט גראָד דעם זומער געוווילט אין נאָווידוואָר. די הויז־באַלעבאָסטע, סלאַווא, איז גע־ווען דערצויגן אין אַ רייכן הויף, געלייענט וועלט־ליטעראַטור און זייער לייכט דיריגירט מיט די פילפאַרביקע געסט פון פאַרשידענע נאַציאָ־נאַליטעטן, וואָס האָבן אָנגעפילט אירע גאַסטפריינטלעכע צימערן.

די רוסישע אָפיצירן זענען פאַרבונדן געווען מיט דער פאַמיליע אייזנבערג דורך די בוי־אַרבעטן אין דער פעסטונג און צוליבן איינטאָניקן לעבן אין אַ מיליטערישן גאַרניזאָן, האָבן זיי מיט צופרידנקייט אָנגענו־מען די איינלאַדונג אין דער יידישער אינטעליגענטער היים.

אויך דר. קאַרבאָווסקי מיט זיין פויליש־פּאַטריאָטישער יונגער פרוי

און דער לערער מילנער מיט זיין שוואַרצחנעוודיקער העברעאיש־רעדנדי־קער באַגלייטערין — האָבן צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן דעם פאַרזאַמלטן עולם.

איך, דער ניי־אָנגעקומענער סטודענט אין שטעטל, בין דעמאָלט געווען דאָרט אַ ספּעציעלע אַטראַקציע: אַ פרישע טענאָר־שטימע האָט פלוצלינג אַרויסגעשאָסן פון מיין מויל, אַנשטאָט דעם הייזעריקן „אַלט״, מיט וועלכן איך האָב געזונגען אין שולע. איצטער מעג מען שוין דער־ציילן, אַז איך אַליין בין איבערראַשט געווען, ווען דער פּראָפעסאָר סאַ־באַלעווסקי האָט מיר געהייסן עפענען דאָס מויל און „שרייען״ מוזיקאַ־ליש: א, א, א! און נאָכהער צוריק... און ווידער אַהין... „שליטשניע״, „צודאָווניע״ — (שיין, וווּנדערבאַר!) האָט ער נישט אויפגעהערט מיר צוגעבן מוט.

איך האָב נישט געגלייבט מיינע אייגענע אויערן: ווי לאַנג איז דאָס געווען, אַז איך האָב נישט געקאָנט נעמען קיין הויכע „נאָטע״ אין די כאָר־לידער, און הברה שול־קונדסים פלעגן פּלאַצן פאַר געלעכטער, ווען איך האָב זיך צעקרייעט, ווי אַ האָן, און דאָ, נאָ־דיר גאָר — אַ סאָליסט בין איך געוואָרן... דער פּראָפעסאָר מאַכט מיט מיר רעפּעטיציעס, בעט נישט קיין גראָשן פאַר די לעקציעס, זאָגט, אַז אויב נישט אין דער אָפּערע, אָבער אין דעם אָפּערעטן־טעאַטער וועל איך ווערן אַ „סטאַר״... ווען מען איז אַלט צוואַנציק יאָר און מען שרייבט פייערדיקע ליבעס־לי־דער, ווען די פעך־שוואַרצע האָר קרייזלען זיך אויפן קאָפּ, און אַ הימל פול מיט זונען שפּיגלט זיך אָפּ אין די אויגן — גלייבט מען אין אומבאַ־גרענעצטע מעגלעכקייטן.

איך האָב דעריבער זיך דערפילט פעסטער ביי זיך און צום ערשטן מאָל אין לעבן דערשמעקט די „זיסקייט״ פון זיין אין צענטער פון אויפ־מערקזאַמקייט...

אין יענעם פרילינגס־אָוונט בין איך געשטאַנען פאַר אַ געקליבענעם עולם און געזונגען פּוטשינים „באַרקאַראָלאַ״ און מאָניושקאָס וואַלץ.

ספּעציעל האָט אויסגענומען דאָס לעצטע ליד אין דער רוסישער איבערזעצונג, און ווען צום סוף שטרעק איך אויס די אָרעמס (אַזוי האָט מיך געלערנט פּראָפעסאָר סאַבאַלעווסקי) און זינג־אויס רופנדיק:

אַ וועלט וואָס איז פאַרבײַ...

„אָ, קום צו מיר מײַן טײַערע —
אַ ליבענדע און פרײַע!...

רוקט זיך לאַנגזאַם אַרויס פון עולם אָפּיצירן און ציווילע, אַ קליינ־געוויקסיקע יונגע דאַמע מיט אַן ערנסט געזיכט און איראָנישן בליק אין די אויגן און גיט אַ זאָג פּראָוואָצירנדיק אין אַ פּערפעקטן רוסיש:

— אויב איר רופט מיך — בין איך דאָ: אַ חברטע אַ טרײַע, אַ ליבנדע און פרײַע...

איך האָב שוין פריער געוווּסט, אַז דאָס איז די עקסצענטרישע גרושה פון אַ דאָקטאָר, מיט וועלכן זי האָט געלעבט איינציקע יאָר אין סיביר און פאַרלאָזן אים פּלוצלינג, מיטנעמענדיק אַ קליין טעכטערל.

זי האָט זיך באַזעצט אין נאָווידוואָר, וווּ עס האָט געוווינט די פּראָ־מינענטע פאַמיליע פון איר פאָטער. אָבער זי האָט געדונגען אַן אָפּגעזונ־דערט קליין הײַזל מיט גרינס באַוואַקסן אין אַ געדיכטן גאָרטן בײַם ברעג פון טײַך נאַרעוו, וועלכער גיסט זיך דאָרט צונויף מיט דער ברייטער ווייסל. איך האָב אויך געוווּסט, אַז איינציקע רוסישע אָפּיצירן פון נאָר וואָס אָרגאַניזירטן לופט־פּאָלק זענען אירע פרײַנט און זי גייט מיט זיי אַרויס אין די אָוונטן אויפן גרינעם שאָסיי, וואָס פירט צום וואָקזאַל. אָבער איך בין קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט געוואָרן פאַר איר. דער דרייסטער שריט, וואָס זי האָט געמאַכט, ווען זי האָט זיך דערנענטערט צו מיר מיט די ווערטער פון מאָניושקאָס ליד, האָט מיך איבערראַשט: איך בין אַלט געווען אינגאַנצן צוואָנציק יאָר און נאָך קיינמאָל נישט געהאַט צו טון מיט אַ פרוי פון דעם דעמאָנישן טיפּ, צו וועלכן זי האָט בלי־ספק גע־הערט. אגב איז זי געווען מיט פינף יאָר עלטער פון מיר און דאָס מאַכט אַן אונטערשיד אין יענעם איבערברוך־פּעריאָד צווישן יינגל און — מאַן.

נאָכדעם זענען מיר אַרויס צוזאַמען און איך האָב זי באַגלייט ביזן איינזאַמען שטיבל אויפן ברעג פון נאַרעוו, וווּ זי האָט געוווינט, אָבער זי האָט נאָך נישט געוואָלט אַרײַנגיין צו זיך אין שטוב. האָט זי מיר פאָרגעלייגט גיין צוזאַמען אין דער ריכטונג פון שטאָט־גערטנדל אויף וואַרשעווער גאַס. און אַזוי זענען מיר אין יענער פרילינג־נאַכט שעהען לאַנג געגאַנגען און איך האָב מיט שטוינונג זיך אַלץ מער באַקענט מיט

יענער אומגעוועגלעכער פרוי, וועלכע איז געווען אַ געמיש פון ניטשעס אַ תּלמידה און אָקטאַוו מירבאָס טייוולשער מאַדאַם סאַפאָ.

אַרום אונדז האָבן יענע נאַכט געבליט די עפּל־ביימער און זייערע צווייגן, באַשאָטן מיט ווייסע בליטן, האָבן אָנגעזאַפּט די לופט מיט צאַרטן מאַנדל־ריח פון נישט־דערזאָגטע האָפענונגען.

אָט דערנענטערן מיר זיך צו מונדליאַקס בשמים־קרעמל; איך קאָן דעם ייד מיט דער טונקעלער באָרד און חסידישן היטל; ער פאַרקויפט זייף און ציקאָריע און אויך אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, אָבער אין די צימערלעך נעבן קראָם איז אויסגעוואַקסן די קלוגע, ענערגישע טאָכטער ברכה, זי האָט נאָר וואָס געענדיקט אַלס ציין־דאָקטאָרין און איצט נאָכן „אָוונט" ביי די אייזנבערגס שלעפּט זי די נייע שטרויענע שטולן אויפן גאַניק פון איר ריינינקער דירהלע. מאָרגן קומט איר חתן פון וואַרשע; מען זאָגט, ער שניידט זיך אויף אַ גוטן שרייבער ביי יידן; ער האָט געלערנט אין דער פּאַריזער סאָרבאָנע און איז פאַררעכנט צו די בעסערע פּובליציסטן אין דער יונגיטשקער יידישער פּרעסע.

זיין נאָמען איז אַהרן איינהאָרן און כאָטש ער איז אַ געלער און אפשר טאַקע דעריבער, ליבט אים שטאַרק די ברונעטע ברכה מונדליאַק. יאָ! און אַזוי האָט זי אים געליבט ביזן סוף, ביז דער טויט האָט זייביידן צוזאַמען מיט זיינע קינדער מקבל־פּנים געווען אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע. איך האָב זיי געזען ביים אָנהייב פון זייער ליבע, ווען זיי האָבן געבליט באַשיידן און ריין, ווי די עפּל־ביימער אַרום אונדז.

מיט ברכהן צוזאַמען טראָגט די שטולן איר קלענערע שוועסטער רבקה. איך ווייס, אַז דער טאַטע, דער קרעמער, האַלט נישט שטענדיק פון איר: זי וויל זיך נישט לערנען אין שולע און הערט נישט אויף צו פאַרשמירן די ריינע בויגנס פּאַפּיר אין קראָם און אין שטוב מיט טינ־טענע „פּנימער", אָדער „מאַטשגאַרעס", ווי דער טאַטע רופט עס.

„ אַז אַ מיידל האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ מאָלן „מענטשעלעך" אַנשטאָט צו זוכן אַ „תּכלית"...

אָבער רבקהלע מונדליאַק האָט פונדעסטוועגן אַלץ ווייטער געמאָלן מיט איר טינט און פּען, ביז זי איז געוואָרן די באַרימטע מאָלערין פון פּעדער־פּאָרטרעטן, פון יידישע טיפּן.

דערווייל שפּאַצירן מיר נאָך אַלץ מיט וויערא מאַקסימאָווּנאַ איבער די שלאָפֿנדיקע גאַסן פֿון נאָווידוואָר.

זי רעדט עפּעס מאָדנע ווערטער, וועלכע קלינגען אי שטאַרק, אי צוזאָגנדיק: „איך האָב אייך היינט באַטראַכט, ווי איר האָט געזונגען און ווייס נאָך אַלץ נישט, צי זענט איר אַ מאַן, אָדער גלאַט אַ דעקלאַמאַטאָר... גראָד די טעג האָב איך באַשלאָסן, אַז דער פּלאַץ נעבן מיר איז ליידיק. איך האָב משלח געווען דעם שטאַבס־קאַפּיטאַן וואַסיליעוו, וועלכער איז געוואָרן צו ראָמאַנטיש־סענטימענטאַל, און כאָטש ער איז אַ פּליער, איז ער אָבער נישט קיין אָדלער נאָר אַ פֿלעדערמויז. נאָר שטאַרקע כאַראַק־טערן האָבן רעכט אויף ליבע, אויף צערטלעכקייט, אַזוי האָט געלערנט מיין גרויסער רבי ניטשע. איר ווייסט מסתם, אַז איך האָב פֿאַרלאָזט מיין מאַן אין דער סיבירער שטאָט מינוסינסק, ווייל ער פּלעגט וויינען, טאָמער בין איך געקומען אהיים שפּעט אין דער נאַכט. ער איז געווען אייפֿערזיכטיק אויפֿן יונגן פּאָעט פּעאָדאָראָוו, וועלכער האָט ליב געהאַט צו לייענען הייסע ליבעס־לידער אונטער אַ ברענענדיקן פֿראָסט פֿון זעכ־ציק גראַד... איך האָב אָבער ביידע זאַכן פֿיינט: ליבע אונטער אַ פֿראָסט און אייפֿערזיכטיקע טרערן אין שלאָפֿצימער. נעמט דאָס גוט אַריין אין קאָפּ, איר שוואַרץ־געקרייזלט יינגל מיטן בליק פֿון אַ קאַווקאַזער מערדער, און אפֿשר געפֿעלן מיר טאַקע אין אייך די קעגנזאַצן... איר דאַרפֿט ווייסן, אַז איך לעב אויף יענער זייט פֿון גוטס און שלעכטס, אַז איך האָב ליב צו לעבן אין געפֿאַרן...“

אין מיר האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן בונטעווען; מיין יונגער שטאָלץ האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן דעם פֿרעכן פּראָטעקציע־טאָן, מיט וועלכן דאָס קליינע דינאַמישע פֿרויעלע מיט די באַוועגלעכע ראָסן־נאָזלעכער האָט גערעדט צו מיר.

פּול מיט צאָרן האָב איך אַ זאָג געטון:

„איך ווייס נאָך זייער ווייניק, וואָס אייער „רבי“ ניטשע האָט גע־לערנט. דערפֿאַר אָבער געדענק איך זיינס אַ גוט וואָרט: „אַז דו גייסט זיך אין ליבע דערקלערן צו אַ פֿרוי, נעם מיט אויף יעדן פֿאַל אַ גוטן בייטש..“ עס איז אַ שאָד, וואָס איך האָב אים נישט איצטער אונטער דער האַנט...“

וויערא האָט זיך פּלוצלינג פאַרהאַלטן אין גאנג. א כאַפּ געטון מיין האַנט און אויסגעשטאַמלט מיט איינגעהאַלטענער ליידנשאַפט:

„אָט אַזוי, מיין יונגער חבר, דו ווייזט שוין אַרויס די שאַרפע נעגל פון אַ רויב־פויגל... עס דאַכט זיך מיר, מיר וועלן ווערן פריינט, וואָס פאַר אַ פּראַכטפולער זומער עס דערוואַרט אונדז!..״

דער זומער איז ווירקלעך געווען שטורמיש, פול מיט וואָלקן־ברוכן און זוניקע טעג, אָבער קיין פריינט זענען מיר נישט געוואָרן: אַ מלחמה האָט זיך צעפלאַקערט. אין וועלכער מיין מענערישער שטאָלץ האָט זיך פאַרמאָסטן אין אַ שווערדן־דועל מיט דער פאַררעטערישער סטראַטעגיע פון אַ טיגער, איינגעהילט אין אַ רייצנדיקער פרויען־געשטאַלט.

אין קאָן איז געשטאַנען מיין גאַנצע צוקונפט, מיין לעבן, אָבער דאָך, ווי פּרעכטיק־שיין האָבן געבליט די עפּל־ביימער אין יענער שעה צווישן נאַכט און טאָג!

X.

מיין געפּערלעכער ראָמאַן

אין יענעם זומער פון יאָר 1912, ווען איך בין אַלס נישט דערפאַ־רענער צוואַנציק־יעריק בחור׳ל אַריינגעפאַלן אין ווירקונגס־קרייז פון אַ פרוי מיט האַלב־דעמאָנישע, האַלב־סאַדיסטישע נייגונגען, איז מיר אויך באַשערט געווען צו מאַכן אַ געפּערלעכן פלי אין דער לופטן.

איצט — מיט 35 יאָר שפּעטער — ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות אין אַ פיר־מאָטאָר אַעראָפּלאַן, וועלכער טראָגט מיך איבער דעם „דזשאָנגל" פון פּאַנאַמאַ קיין קאָסטאַ ריקאַ, איז אַ פלי נישט קיין סענ־סאַציע, נאָר אַ רוטין. אָבער דערמאָנט זיך נאָר, ווי אַזוי דאָס האָט אויס־געזען אין 1912? אַ מענטש, וואָס איז געפלויגן אין אַן אַעראָפּלאַן, איז געווען אַריינגערעכנט צווישן די קונצנמאַכער.

אין פאַרשידענע שטעט פלעגט מען ווייזן פאַר געלט, ווי אַזוי דאָס „מאַשינדל", וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטמאָדישע הינער־שטייג, הייבט זיך אויף אין דער לופטן, דרייט זיך דאָרט אָפּ זיכער אַ מינוט צען־פופצן און נאָכהער לאָזט זי זיך מיט נסים אַראָפּ אויף דער ערד אונטער די שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן פון ענטוזיאַסטישן עולם. איך אַליין האָב דאָן אין גאַנצן מיט אַ יאָר פריער אויסגעקויפט אַ בילעט אין מיין היימישן ביאַליסטאָק, וווּ דער פליער גראַף קאַמפּאַ־דע־סציפּיאָ האָט געוויזן די „קונץ" פון זיך אויפהייבן אין הינער־שטייג העכער ווי דער טורעם פון שטאָט־זייגער...

אָבער אין נאָווידוואָר, אין ראַיאָן פון דער מאָדלינער פעסטונג, האָט מען שוין געמאַכט די ערשטע, נאָך נישט דרייסטע, פּרוּוון צו פאַר־

וואַנדלען די אַקראָבאַטישע פלי־דערפינדונג אין אַ מיליטערישן וואָפן. צווישן וואַרשעווער גאַס און וואָקזאַל האָט מען אויסגעבויט אַ געהיימ־ניספולע האַלב־קיילעכדיקע געביידע, אין וועלכער מען האָט אַריינגע־קייקלט פיר נעבעכדיקע קליינע עראָפּלאַנען, מען האָט אַריבערגעבראַכט פון פּעטערבורגער אינזשענירן־אַקאַדעמיע עטלעכע דרייסטע גראַדואירטע סטודענטן און דאָס צוזאַמען האָט מען אַ נאָמען געגעבן „ערשטער פליער־פּאָלק״. ווי ווייט געפערלעך מען האָט געהאַלטן דאַן די מלאכה פון אַ פליער, קען מען אורטיילן פון דעם, וואָס די יונגע אָפיצירן האָבן גלייך פון אָנפאַנג באַקומען דעם ראַנג פון שטאַבס־קאַפּיטאַן, וואָס איז מיט דריי גראַדן העכער, ווי יעדער אַנדער אָפיציר, וועלכער הייבט אָן זיין דינסט.

אין יענעם זומער, ווען איך בין געווען אין פעסטונג, זענען פון די 10 פליער דריי געטויט געוואָרן און צוויי האָבן צעבראָכן הענט אָדער פיס נאָך אַן אומגליקלעכער לאַנדונג.

ביי וויערא מאַקסימאָוונאַ אין דער גאָרטן־שטוב פלעג איך זיך צו־נויפקומען מיט די אָפיצירן־פליער. כאָטש ביי אונדזער ערשטער באַגע־געניש האָט זי מיר דערציילט, אַז זי קלייבט זיך „דימיסיאָנירן״ דעם קאַפּיטאַן וואַסילי וואַסיליעוו, וועלכן מיר אַלע האָבן ביז אַהער געהאַלטן פאַר אירן אַן אינטימען „סעזאָן־פריינט״, האָב איך דאָך געהאַט אַ חשד, אַז זייער „אַלטע ליבע זשאַווערט נישט״... פאַר מיר, מיט מיין דאַן רויען, נישט־געצוימטן טעמפּעראַמענט, איז געווען פיינלעך און אומדערטרעגלעך דער געדאַנק, אַז צווישן מיר און וויעראַן שטייט אַן אַנדער מאַן. ווען מיר פלעגן בלייבן אַליין, האָבן דעריבער נישט געפעלט קיין שטורמישע סצענעס איבער וואַסיליעוון. אָבער וויערא האָט קיינמאָל נישט געלייקנט און קיינמאָל נישט באַשטעטיקט... אויך אין קאַפּיטאַן וואַסיליעווס אויגן פלעג איך אַמאָל באַמערקן די פייערלעך פון אַ ווילדער שנאה צו מיר, דעם יונגן סטודענט, וועלכער באַקומט פון צייט צו צייט די „פּריווילע־גיע״ צו בלייבן מיט וויעראַן שוין דאַן, ווען די אָפיצירן גייען אַוועק. אָבער אונטער דעם שטאָל־קאַלטן בליק פון וויעראַן האָט זיך אויך דער העלדישער פליער געמוזט דיסציפּלינירן. איך געדענק דאָס כאַראַקטער־

ריסטישע לידל, וואָס וויערא פלעגט זינגען צום אָפיציר, ווען ער האָט צו־שטאַרק באַטאָנט זיין ווילן צו בלייבן מיט איר אַליין:

„וואַסיאַ, וואַסיאַ, וואַסענקאַ,
גאַוואַריש טי באַסענקי...״ א. אַ. וו.

אין איבערזעצונג קומט דער ערשטער פערז אַרויס אַזוי:

„אָ, וואַסילי, וואַסעלע,
עס איז אַ נאַריש מעשהלע...
וואָס פאַרלאַנגסטו, פּוסטע זאַכן?
ס'איז נישטאָ דאָ, ווער זאָל לאַכן...״

וואַסילי פלעגט דאַן צונויפקוועטשן די ליפּן, זיך איינבויגן איבער וויעראַס האַנט מיט אַ ריטערישן קוש און אומעטיק אַוועקגיין... ווייזט אויס, עס איז אים געווען שווער זיך אָפּצוגעוויינען פון דער פּיקאַנטער פרוים נאָענטקייט.

איינמאָל אין אָוונט, ווען אויפן טיש זענען געשטאַנען פלעשלעך מיט בראָנפן, „זובראָווקע״ און פינקלדיק־רויטן, „ריאַבינאָווקע״ און אַרום דעם זענען געזעסן אייניקע אָפיצירן און איך, דער נייער שטוב־פריינט, האָט זיך פלוצלינג דער געוויינלעך איינגעהאַלטענער וואַסיליעוו אַ קער געטון צו מיר און אַ זאָג געטון שאַרף און שפּאָטיש:

„איך האָב ערגעץ געהערט, אַז יידן רופט מען „לופט־מענטשן״, זיי הענגען און לעבן אין דער לופט, מיר פליער זענען אויך לופט־מענטשן, באָטש, דאַנקען גאָט, נישט קיין יידן... איז וואָלט איר אפשר, הער סטו־דענט, איינגעוויליקט צו זיין מאָרגן פרי מיין מיטפליער אָלס פּאַסאַזשיר? צוויי לופט־מענטשן פליען און פאַלן צוזאַמען אַראָפּ... כאַ, כאַ, כאַ!...״

אַ טויטע שטילקייט האָט פלוצלינג באַהערשט דאָס צימער. עס איז געווען אַן אַרויסרוף צו אַ קאָנקורענט און צו אַ ייד... איך האָב דערפילט אַזאַ צושטראָם פון בלוט צו מיין מאַרך, אַז עס האָט פּשוט אָנגעהויבן צו שטיקן... איך האָב אויך דערפילט אויף מיר דעם רויב־בליק פון וויעראַן און די שפּאָטישע אויגן פון די איבעריקע אָפיצירן. מיין שטימע האָט געקלונגען אויפרעגנד־קלאָר, ווען איך האָב געענטפערט: „אייער פאָרשלאָג, קאַפּיטאַן, וואָלט איך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד, ווען נישט די

באַליידיקנדע אויסדריקן אויפן חשבון פון מיין פאָלק. ציט צוריק די באַליידיקונגען, וועלן מיר מאָרגן פליען...״

א רוסישער אָפיציר איז נישט קיין פוילישע יוכע, און וואַסיליעוו האָט זיך דעריבער מאָמענטאַל אויפגעהויבן פון פּלאַץ, א דריק געטון מיין האַנט מיט די ווערטער: „אַה, פאַרצייט מיר, ביטע, עס איז אַלץ די שולד פון וויעראַס בראַנפן. אָבער מיר פליען מאָרגן, נישט אמת?..״

„געוויס, געוויס!״ — האָט אויך וויעראַ צוגעשטימט. מען האָט געזען, אַז זי האָט הנאה פון דעם מאָדערנעם טורניר, אין וועלכן, ווי זי האָט גוט געוווּסט, עס פלאַקערט די ריין־מענערישע מלחמה פון באַזיצן און הערשן...

אויף מאָרגן זעקס פאַרטאָג איז געווען באַשטימט דער פּראָבע־פלי פון א ניי־אָנגעקומענעם אעראָפּלאַן. עס זענען געקומען מיינע קוזינען פעליעק און עדעק, וועלכע איך האָב פריער באַשווירן, אַז זיי זאָלן וועגן פלי נישט דערציילן זייער טאַטן. עס איז אויך בייגעווען וויעראַ מיט איר געוועלנלעכער סוויטע פון ערשטן לופט־פאָלק.

אַז מען האָט צוגעקייקלט די אומגעלומפּערטע „שטייג״ און וואַסיליעוו האָט זיך ברייט איבערגעצלמטביים אריינשטייגן, האָב איך דערפילט אַזאַ טיפע מורא, אַז עס האָט מיך ארומגעכאַפּט א פּאַרלאַנג אויף אַלץ א שפּיי צו טון און אַנטלויפן... אָבער וועגן דעם האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין, ווייל אַט העלפט מען מיר שוין ארויפקלעטערן איבער דעם זיץ־פּלאַץ הינטער וואַסיליעוון; אַט בינדט מען מיך צו מיט צוויי ברייטע פּאַסן, איך זאָל חלילה נישט ארויספאַלן...

און נאָכהער דרייט מען זיך אויף א פעלד מיט נישט אויסגעגלייכטע גריבער און יעדער טרייסל קערט איבער מיין אינגעווייד, און נאָכהער הייבן מיר זיך אויף און איך פאַרמאַך די אויגן און גיב זיך איבער מיט א שטילער תפילה דעם אומפאַרמיידלעכן גורל. עס האָט זיך געצויגן, ווי אַן אייביקייט, די דאָזיקע 15 מינוט, ווען מיר זענען געפלויגן איבער דער פעסטונג. איך האָב דערזען אונטער זיך די רויט־ציגלדיקע טורעמס ארום טייך נאַרעוו און די מיליטער־שיפלעך אונטן. און נאָכהער די ווייסל און די בריק. עס האָט געוואָרפן ווי אין קדחות און ווען נישט די פעסטע פּאַסן, וואָלט איך געוויס ארויסגעפאַלן פון אָפענעם „הינער־שטייג״,

אָבער אָט פיל איך שוין ווידער ווי די רעדער טרייסלען זיך אויף די גרי־בער פון פעלד און מען בינדט מיך אָפּ, מען גראַטולירט מיר.

אַ שיינענדיקע וויערא דריקט מיר וואַרעם די הענט און שעפּטשעט אַזוי ווי אין עקסטאַז: „דאָס ביסטו צוליב מיר געפלויגן? יאָ, אמת, נאָר צוליב מיר ריזיקירט דיין לעבן?..״

און אין גליקלעכן באַוווסטזיין, אַז איך לעב ווידער, ענטפער איך מיטן זעלבן טאָן: „נו, געוויס, געוויס! דאָס איז פאַר דיר ,נאָר פאַר דיר...״

און דער גאַנצער וואַסיליעוו איז ערגעץ פאַרגעסן געוואָרן און איך הער, ווי וויערא ווידערהאָלט גאַרקים פליגלדיקע ווערטער:

„דער וואָס איז געווינט צו קריכן, קאָן נישט פליען... אָבער דו ביסט דאָך געפלויגן, און דאָס צוליב מיר...״

* * *

איבער וויעראַס בעט הענגען צוויי פּאָרטרעטן: פון פרידריך ניטשע און פון קנוט האַמסון. ביידע האָבן זיי דאַן באַהערשט די מוחות פון יונגן דור: איינער מיט זיינע געוואַגטע זאַראַטוסטראַ־אַפּאָריזמען וועגן איבער־מענטש, דער צווייטער מיט זיין טיפן אַנאַליז פון לײדנדיקן קליי־נעם מענטשן. ווער וואָלט זיך דאָס דאַן געקאָנט ריכטן, אַז די טייוולשע אידעען פון ניטשען וועלן ווערן די באַוועגלעכע קראַפט פון משוגענעם, „באַנומענעם״ מענטשן־מערדער היטלערן און אַז קנוט האַמסון וועט אין זיין טיפן עלטער זיך איינשפּאַנען אין נאַציש רייט־וואָגן און דערטרינקען אין שמוץ זיין אַמאָליקן גרויסן נאָמען?

אונטער ניטשעס בילד מיט די פליענדיקע האָר און צעשויבערטע וואָנצעס, האָט וויערא אויפגעשריבן זאַראַטוסטראַס וואַנזיניקע ווערטער:

„איך בין געזעץ נאָר פאַר מיר אַליין, איך בין נישט קיין געזעץ פאַר אַלע...״

„איך שרייב פאַר אַ ראַסע פון מענטשן, וועלכע עקזיסטירט נאָך נישט.

און אַזוי פלעגט זי אָפט רעדן מיט מיר: האַלב פּאָעטיש, האַלב אי־ראָניש, אַזוי ווי עס האָט איר געלערנט דער אוממאָראַלישער מיזאַנטראָפּ און קאָרומפּירטער ציניקער זאַראַטוסטראַ אין זיינע טויזנט בליציקע אַפּאָריזמען.

איך האָב דאָן געשריבן ראָמאַנטישע לידער אין רוסיש, נאָכגעמאַכט באַלמאָנטן און שטילערהייט געוועזן פאַרליבט אין די נישט־דערזאָגטע לערמאָנטאָוו־פערזן, אָבער וויערא מיט איר גרויסן חוש פאַר ליטעראַטור, האָט פון מיין סטיל און פּאָעזיע נישט געהאַלטן:

„דו גלויבסט, אַז נאָר דאָס שיינע, דאָס אמתע, איז אונדזער ציל אין לעבן... נאַרישקייטן, קוואַטש! נאָר דאָס שטרעבן צו הערשאַפט, צו מאַכט איז דער העכסטער אמת און אינסטינקט אויף דער וועלט. ליבע און שיינקייט זענען אַ רעזולטאַט פון מאַכט און אונטער שטאַרקע פליגלען קאָנען אויסוואַקסן לוסט און פרייד... דער שוואַכער, דער אימ־פּאָטענטער ווייסט נישט פון שיינקייט און פון גוטס... וואָלסטו געווען פעאיק צו מאָרדן אָדער גנבענען, כדי צו איינהאַלטן מיין ליבע?

די פראַגע איז געקומען אומדערוואַרט... איך פּרוביר געבן אַן אויס־מיידנדיקן ענטפער, אָבער וויערא קען דאָס נישט ליידן: זי מוז קלאָר וויסן, זי ווערט אומגעדולדיק... איך באַמערק שוין די שטאָלענע פינצ־טערקייט אין בליק און די אייז־קאַלטקייט אין שטימע.

ווידער צעבונטעוועט זיך אין מיר דאָס באַליידיקטע מענער־געפיל, דער אָנגעוואָרפענער „דיקטאַט" פון אַ קליינער פרוי, וועלכע האָט מיך אַזוי פעסט אריינגענומען אין אירע הענטלעך... איך ענטפער אַרויס־רופנדיק:

„ניין, געוויס נישט! איך וואָלט נישט נאָר געווען פעאיק אויף אַ פאַרברעכן צוליב אייך (איך בייט שוין דעם אינטימען „דו" אויפן אָפּי־ציעלן „איר"... נאָר אייער עצם פראַגע האַלט איך אַ באַליידיקונג פון מיין אינטעליגענץ און שטאָלץ..."

מיר קוקן זיך אָן ווי צוויי צערייצטע הענער...

„פאַרלאָזט שוין מיין שטוב, ווייזט זיך מיר מער נישט פאַר די אויגן, איר צעקראָכענער סענטימענטאַליסט!.."

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, נישט אַרומקוקנדיק זיך, פאַרלאָז איך דאָס אָפּגעזונדערטע הייזל און צעבליטן גאָרטן, וווּ גיהנום און גן־עדן האָבן זיך צונויפגעמישט און באַרוישט מיך מיט נייע לעבנס־דערפאַרונ־גען.

* * *

אייניקע וואָכן זענען אַריבער און די טעג האָבן זיך געצויגן איינ־טאָניק, אומעטיק און אין בענקשאַפט.

ווידער בין איך געפאָרן אויף מיין וועלאָסיפּעד צו מיין דינסט־פּאָסט אויפן ברעג פון ווייסל, ווו מען האָט געבויט דעם „זיבעטן פאָרט". איך האָב פארלוירן יעדן אינטערעס צו די פערדן פערד און ווי אַזוי אליהו דער אויפזעער שטאָפּט זיי מיט היי און די האָבער פארקויפט ער צו די גויים. יעדן טאָג זענען געקומען שיפלעך מיט זאמד און שטיינ־דלעך, און איך האָב זיי נישט געמאָסטן און דעריבער איז געווען ששון ושמחה לגויים...

גאַנצע טעג בין איך געלעגן ביים ברעג פון ווייסל און נישט אויפ־געהערט קלערן וועגן וויעראַן. וועד קומט איצט צו איר? צו וועמען זינגט זי אירע שטילע געזאַנגען און פון וועמען שפּאָט זי מיט זאַראַטוסטראַס אפאָריזמען?

אַז די זון פלעגט פארגיין, בין איך שוין ווידער געווען אין שטעטל נאָווידוואָר, געגעסן אַ שטיק געבראָטן גאַנז אין רעסטאָראַן אויפן מארק און נאָכהער מיט מיינע קוזינען און אַנדערע יונגע בחורים געשפּאַצירט אויפן שאָסיי. מיט אונדז פלעגן אויך גיין שטאָטישע מיידלעך, און אַז דער אָוונט האָט צוגעדעקט אַלץ אַרום, האָט מען זיך גענומען פאַר די הענט געטאַנצט און געזונגען.

איינמאָל, ווען מיר זענען געשטאַנען אין וועלדל צווישן דער קאַ־זאַרמע און וואָקזאַל און מען האָט מיך, ווי שטענדיק, געבעטן, איך זאָל עפּעס זינגען, האָב איך אויסגעקליבן יענעם מאַניושקאָס ליד, וואָס ענדיקט זיך מיטן רוף:

„אָ, קום צו מיר געטרייע,
אַ ליבנדע און פרייע..."

פול מיט שמערץ און וויטיקלעכע דעראינערונגען האָב איך אויס־געצויגן די הענט אין דער פינצטערקייט און געזונגען דעם רעפריין.

און אַזוי ווי אַ פאַנטאַסטיש מעשהלע, גייט אַרויס פון צווישן די ביימער וויעראַ, וויגנדיק זיך לאַנגזאַם און פויל, ווי ביי אונדזער ערשטער

באַגעגעניש, און אַזוי ווי גאָרנישט וואָלט געשען צווישן אונדז, ענטפערט זי מיט געזאַנג:

„אָט בין איך דאָ, מיין געטרייער,
א ליבנדע און פרייע...״

נאָך איר גייט נאָך עפּעס אַ יונגערמאַן, וועלכן מיר האָבן נישט גע־קאָנט. אַזוי ווי אין חלום הער איך, ווי מען רופט אים אָן סאַשאַ אבן־טוב פון וואַרשע. איך קאָן דעם נאָמען. ער איז איינער פון די אייגנטימער פון אַ גרויסן קונסט־געשעפט אויף לעשנאָ גאַס.

זאָל דאָס זיין וויעראַס נייע ליידנשאַפט? נאָר ניין, זי פאַרלאָזט אים מיט דער איבעריקער געזעלשאַפט, נעמט מיך אונטערן האַנט און פרעגט שטיפעריש־שעלמיש: „צו וועמען האָסטו געזונגען דיין ליד, אפשר צו דער שוואַרצער דינהן, וואָס איז נאַריש ווי אַ קו?״

איך בין ווידער באַרוישט מיט דער נאָענטקייט און מיט דער פאַר־באָרגענער זיסקייט פון איבערבעטן זיך. איך ענטפער ווי וויעראַ וויל, מיין אייגענער ווילן איז צו שוואַך זיך קעגנצושטעלן דעם נייעם שטראָם ליידנשאַפטן, וועלכער פאַרפּלייצט מיך. מיר קומען צוזאַמען מיט אבן־טוב אין קליינעם שטיבל ביים טייך נאַרעוו, וווּ דערווייל האָבן זיך צע־וואַקסן רויזן און שאַרף־שמעקנדיקע בלוילעכע זשאַסמינען.

אבן־טוב, וועלכער האָט געבראַכט אַלס מתנה אַ שיינעם פאָרצעלייענעם זייגער, איז שטאַרק אַנטוישט, וואָס אַ צווייטער מאַן איז געקומען צו־זאַמען מיט וויעראַן...

ווי די מאָדע איז דאַן געווען, האָט אַ בראַוווער קאַוואַליער געדאַרפט קענען זינגען אָדער דעקלאַמירן. און אבן־טוב רעציטירט מיט פייער אַ פּאָעמע פון אַפּוכטינען „די פאַרשאָלטענע שלאַנג״. מען פילט אַרוים פון זיין דיקציע און טאָן, אַז ער באַשולדיקט וויעראַן דורך די ווערטער פון דער פּאָעמע, אַז זי האָט אים ביטער אָפּגענאַרט. ער שרייט אוים מיט אַ דונערדיקער שטימע פון אַ פאַרצווייפלטן טראַגיק־אַקטיאָר:

„פאַרכישופט האָט זי מיך מיט זינגען און רעדן,
מיט זינדיקע קושן פאַרשיכורט אונדז ביידן
אין היץ פון אַ זומערדיקער נאַכט...״

אבן־טוב האָט טענות, וועלכע ער דריקט אויס מיט א גרויסן פּאָעטס ווערטער, אָבער וויערא נעמט זיך נישט צום הארצן, זי מאַכט זיך נישט זעענדיק דעם אָפּגענארטן „פארערער" און בעט אונדז אויסהערן א יידיש לידל, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אין די פּאָר וואָכן, וואָס מיר זענען געווען צעקריגט. א יידיש לידל?

— ווער האָט דיך דאָ באַזוכט און יידישע לידלעך געלערנט? — ווער איך ווידער אייפערזיכטיק.

— אָ, יאָ! דאָ איז אַ פּאָר מאָל געקומען צו פאָרן פון ווארשע א יונגיטשקער פּאָעט, מנחם הייסט ער... ער אַרבעט אלס נאכט־רעדאקטאָר אין „היינט" און שרייבט לידער אין דער פרייער צייט.

און וויערא זינגט אין איר מאָדנעם גויאיש־יידיש, ווו דער „ריש" קייקלט זיך אונטערן צונג:

„אוי, נחמהלע, עפן מיר!
איך האָב מורא פאר דעם טאַטן...
הארצעניו, ליובעניו, עפן מיר:
עס וועט דיר גאָרנישט שאטן..."

און נאכהער זינגט זיך ווייטער וועגן „מאַמען", וועגן „פעטער", וועגן דער „מומען". דער געהיימניספולער מנחם האָט, ווייזט אויס, איר אויסגעלערנט אַ לאַנג ליד אין דער צייט, ווען איך בין צעקריגט געווען מיט וויעראַן. שוין פיל־פיל יאָרן שפּעטער האָב איך זיך אין ניו יאָרק געטראָפן מיטן פּאָעט מנחם באַריישאָ, דעם טאַלאַנטפולן מחבר פון „גייער". ער האָט זיך אָבער נישט געקענט דערמאָנען, צי זיינע נאכט־וויזיטן קיין נאָווידוואָר האָבן באַרעכטיקט מיין דעמאָלטדיקע אייפער־זוכט.

* * *

עפּעס נישט אַלץ איז געווען אין אָרדענונג מיט וויעראַס נערוון. דער גרויסער וואַרשעווער ספּעציאַליסט פלאַטאַו האָט זי אונטערזוכט און פעסטגעשטעלט, אַז זי מוז באַלד אריינגענומען ווערן אין א שפּיטאָל און דורכגיין אַ קאָמפּליצירטע „וואַסער־קור". אָבער צו דעם דאַרף מען האָבן אַ סך געלט, וועלכעס זי פאַרמאָגט נישט. איך וויל איר העלפן פון מיינע באַשיידענע פאַרדינסטן, אָבער זיי סטייען נישט. וואָס טוט מען?

ווו נעמט מען די פעלנדיקע הונדערט רובל? איך פאָר קיין ווארשע און זע זיך מיט מאיר דעם „רויטן", א ייד א פּראַצענטניק, ביי וועלכן זיידע־נע יונגעלייטלעך קריגן א „דיסקאָנטא" אין שלעכטע אומשטענדן... מאיר דער „רויטער" וויל מיר געבן דאָס געלט, אדרבא, פאַרוואָס נישט? ער האָט א ווייך הארץ, וואָס איז ער, נישט קיין ייד?... ער שטעלט אָבער א שווערן באַדינג: איך זאָל אויפן וועקסל אונטערשרייבן מיין טאטנס נאָ־מען... דאָס איז געווען א שרעקלעכער נסיון פאר מיר: פעלשן אַן אונ־טערשריפט און נאָך מיין טייערן טאטנס דערצו, וועלכער שענקט מיר אַזוי פיל צוטרוי... איך וויים, איך וועל דעם וועקסל אליין אויסקויפן און מיין פאָטער וועט זיך קיינמאָל נישט דערוויסן וועגן מיין פארברע־כערישע טאט, אָבער דאָך מאטער איך זיך א גאנצע נאכט, איידער איך גיי נאָכאַמאָל צו מאירן, כדי אוועקלייגן א פאַלשע אונטערשריפט... איך האָב דאָס געלט באקומען און מיט געמישטע געפילן פון צופרידנקייט און חרפּה געקומען קיין נאָווידוואָר צו וויעראַן אָנזאָגן איר, אז זי קען שוין אויפגענומען ווערן אין שפּיטאָל.

וויערא ציטערט אַזש פון אויפרעגונג, ווען זי הערט, אז איך בין באַגאַנגען א פארברעכן צוליב איר...

זי האָט זיך פּלוצלינג געענדערט, איר נערוועזע אפאטיע פאר־שווינדט פאר מיינע אויגן:

— „אזוי, אזוי! דו האָסט נישט קיין מורא פאר געפענגעניש, פאר דיין פאָטער, וועלכער איז ביי דיר הייליק... ביסט גרייט פארברעכנס צו באגיין אוים ליבע צו מיר?.. ענדלעך, ענדלעך זע איך דיך אלס רייפן, אלס א גלייכן, אלס א גוטן שילער פון ניטשען..."

וויערא ציילט די גאָלדענע מטבעות און שפּילט זיך מיט זיי, שפּיגלט זיך אין זיי. אירע אויגן ווערן פול מיט לעבן און לוסט. איר שטימע באקומט צוריק דעם יונגנט־קלאַנג.

א וואונדער איז געשען: זי ווערט געזונט אין משך פון עטלעכע שעה און אלץ צוליב דעם, וואָס דער מאן, וועמען זי האלט אין אירע הענט, איז צוליב איר א פארברעכן באגאנגען...

זי וויל נישט גיין אין שפּיטאָל, זי האָסט דאָקטוירים! און זי וויל בעסער די גאָלדענע מטבעות אויסגעבן אויף פארגעניגנס אנשטאָט געבן

זיי דעם „טייוול". נאָך היינט אין אָוונט פאָרן מיר קיין ווארשע, ווו עס וואַרטן אויף אונדז אַזוי פיל „אַטראַקציעס" אין די נאַכט־קאַבאַרעטן: „רענעסאַנס" און „אַקוואַריום"... אָ, וואָס פאַר אַ ווונדערלעכע איבערלע־בונגען וועלן מיר האָבן צוזאַמען...

און איך בין שוואַך, אַנשטאָט אַרויסרייסן די גאָלדענע „אימפּע־ריאַלן" פון די קליינע רויבערישע הענטלעך, אַנשטאָט צוריק אויסצוקויפן דאָס וועקסל ביי מאיר דעם „רויטן", פאָרן מיר קיין ווארשע, ווו די זומערדיקע נאַכט פאַרשלינגט אין קלעפּיקן זינד די שווער־דערוואָרבענע מטבעות.

און אויף מאָרגן דער „קאַצניאָמער" פון חרטה, דאָס פייניקן זיך אַליין מיטן געשפּענסט פון נאָכגעמאַכטן וועקסל. וויערא איז טאַקע גע־זונט געוואָרן, אָבער מ ײ נ ע נערוון האָבן זיך צוזאַמענגעבראָכן.

אין אייניקע טעג שפּעטער נאָך דער „הוליאַנקע" אין ווארשע האָט מיט מיר געטראָפן אַ צופאַל, וועלכער האָט מיך געקענט זייער טייער קאָסטן.

אַנטקעגן גאָרטן, ווו עס איז געשטאַנען וויעראָס הייזל, איז געוועזן אַ פּוילישע בעקעריי. ווען איך פלעג אין בלוילעכן זומערדיקן פאַרטאָג פאַרלאָזן דעם גאָרטן און אַרויסגיין אין גאַס, האָב איך שטענדיק געזען, ווי דער פּוילישער בעקער, מיט די שפּיציקע וואָנצעס זיצט דאָרט אויפן בריקל אין זיינע ווייסע תחתונים און גלעט די פעל פון אַ גרויסן געלן הונט, וועלכער האָט בייז געוואָרטשעט. ווי נאָר איך פלעג זיך באַווייזן.

איך פלעג הערן, ווי דער געלער גוי רעדט צום געלן הונט:

„ביעזש זשידאַ! לאַפּ זשידאַ!" (נעם דעם ייד, כאַפּ דעם ייד!)

איך האָב זיך אָבער קיינמאָל נישט געוואָלט אומדרייען אפילו, כדי צו זען, צי דער הונט יאָגט מיך טאַקע נישט. איך האָב נישט געוואָלט אַרויסווייזן דעם הינטישן גוי, אַז איך האָב מורא...

די געשיכטע האָט זיך שוין צו אָפט ווידערהאָלט. אָבער ווייטער ווי „סטראַשען" איז דער בעקער נישט געגאַנגען: דעם הונט האָט ער פונדעסטוועגן פעסט געהאַלטן, ער זאָל זיך נישט וואַרפן אויף מיר פון הינטן... איך האָב געטראָגן אין דער הינטער־קעשענע פון די הויזן אַ געלאָדענעם רעוואָלווער, און ווי נאָר איך פלעג דערהערן דעם גויס דראָ־

אונגען: „נעם אים, כאַפּ אים!“ — האָב איך זיך גלייך אַ צי געטון צו דער הינטערשטער קעשענע, אַזוי ווי איך וואָלט אַרויסכאַפּן דעם רעוואָל־ווער... דער גלער בעקער האָט געוויס באַמערקט מיין זשעסט און דע־ריבער זיך באַנוגנט אַ לאַנגע צייט מיטן „נערוון־קריג“.

אָבער יענעם פּאַרטאָג, ווען מיין אויפרעגונג צוליבן וועקסל איז דער־גאַנגען ביז צום לעצטן גרענעץ, האָט דער גוי אַ זאָג געטון צום הונט: „ביעזש זשידאַ!“ — און טאַקע אים אַ לאָז געטון אויף מיר...

איך האָב זיך האַסטיק אויסגעדרייט און גלייך דערפילט די לאַפּעס פון געלן כלב אויף מיין ברוסט.

איך האָב אַ מינוט נישט געטראַכט, אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און צוויי מאָל אויסגעשאָסן דירעקט אין כלבס ברוסט... דער פּגר מיט בלוט פאַרגאָסן האָט זיך געוואַלגערט פאַר מיינע פיס, אָבער דער געלער בעקער אין די ווייסע תחתונים האָט זיך מיט אַ ווילדן יאָמער און קללות אַ טראָג געטון מיט אַן אויפגעהויבענער אייזערנער „קאָטשערע“ גרייט מיר דעם קאָפּ צו שפּאַלטן.

איך האָב אַליין נישט אַראָפּגעלאָזן דעם רעוואָלווער און געשריען צום מנוול:

„נו, נו, פּרוביר נאַר, איך וועל דיך דערשיסן ווי דיין הונט!“ — און אַזוי האַלטנדיק דעם רויכערנדיקן רעוואָלווער און מיטן הינטישן בלוט אויף מיינע קליידער, האָב איך זיך לאַנגזאַם אָפּגעטראָגן פון דער געפערלעכער גאַס.

אָבער די שיסעריי איז פאָרגעקומען אין געביט פון אַ פעסטונג און דערצו האָט אַ ייד דערשאָסן אַ גויאישן הונט... עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג, זשאַנדאַרמען זענען געקומען צו מיר אויספרעגן, גענו־מען אויפן צימבל מיין פעטער. איך האָב געזען, אַז איך ווער פאַרוויקלט אין אַ געשיכטע, פון וועלכער איך וועל זיך שנעל אַרויסדרייען.

די עצה פון מיינע קרובים איז געווען, וואָס שנעלער זיך אָפּטראָגן פון דאַנען און פאָרן אַהיים.

איך האָב אויך פאַרשטאַנען, אַז איך בין דאָ פאַרזונקען געוואָרן אין אַ בלאָטע, פון וועלכער איך וועל שוין טרוקן נישט אַרויסגיין... מיין באַציאונג צו וויערען האָט זיך אויך מאָדנע געענדערט, זינט זי איז געזונט

געוואָרן צוליב דעם, וואָס איך בין אַ פאַרברעכן באַגאַנגען, כלומרשט צוליב מיין ליבע צו איר... די גוט־פאַרפלאַנצטע יוגנט־זוימען פון אַ יידישער שטוב און דערציאונג האָבן זיך פונאַנדערגעבליט אין אַ שטאַרקן פראָטעסט קעגן דעם געפערלעכן וועג, אויף וועלכן איך האָב אָנגעהויבן צו גיין...

איך בין אַוועק אין אַ פינצטערער נאַכט צום וואָקזאַל און פאַרלאָזט דעם פלאַץ פון מיין זינד און די דעמאָנישע פרוי, וועלכע האָט אים אַרויסגערופן.

האַרבסטיקע ווינטן האָבן שוין דאַן געבלאָזן און פאַרפוילטע בלעטער האָבן זיך אויסגעשפרייט אויף דער ליימיקער ערד. ווי אין אַ חלום פון אַ פרילינגס־נאַכט האָבן מיר זיך אויסגעוויזן יענע ווייסע בליטן פון די עפל־ביימער מיט זעקס מאָנאַטן צוריק... אַ גאַנצע עפּאָכע פון מיין לעבן איז פאַרשוווּנדן, ווען דער צוג האָט מיך געטראָגן אין דער וואַרעמער היים פון טאַטע־מאַמע.

אין מיין בוזעם־קעשענע האָב איך באַהאַלטן וויעראַס פאָטאָגראַפיע אין איר סיבירער קליידונג: אַ ווייסן פוטער און מיט אַ „האַרמאָניקע" אין האַנט... איך פלעג אַמאָל אַרויסנעמען דאָס בילד, אַ קוק טון אין די אַזוי־נאָענטע געזיכטס־שטריכן און געפילט דאַן, אַז איך בין נאָך קראַנק, קראַנק פון בענקשאַפט נאָך דער פאַטאַלער פרוי...

אָבער אין ווינטער 1913 בין איך אַרויף אויפן העכסטן באַלקאָן פון אייפל־טורעם אין פאַריז, אַרויסגענומען די פאָטאָגראַפיע פון וויעראַן אין איר ווינטער־פראַכט מיטן אָפענעם מויל צו זינגען, צעריסן זי אויף פיץ־פיצלעך, וועלכע האָבן זיך צעשפרייט אין דער קאַלטער לופט פון דער פראַנצויזישער הויפּט־שטאָט...

איך האָב זיך דערפילט באַפרייט.

די זעלבע וואָך האָב איך אַרויסגעשיקט צו מאיר דעם „רויטן" דאָס געלט, כדי אויסצוקויפן דעם פאַלשן וועקסל, די שרעקלעכע איבערלע־בעניש פון מיין זינדיקן זומער, אויך די שטיקלעך וועקסל־פאַפיר האָבן זייער רו געפונען אין די טונקעלע וואַסערן פון טייך סענא...

ווי אַ ניי־געבוירענער האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אויף מיין אויס־געקליבענעם לעבנס־וועג...

XI.

די רוסן אין פּרייסן אין יאָר 1914

1944, ווען די סאָוועטישע אַרמייען שניידן זיך איין ווי שאַרפע קינזשאַלן אין די גרעניץ־געגנטן פון דייטשלאַנד — האָט פּלוצלינג אויפגעלעבט אין מיר אַ בונטער קראַנץ מיט דעראינערונגען וועגן דער זעלבער געשעעניש מיט דרייסיק יאָר צוריק. אַמאָל דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז ערשט נעכטן געווען — אַט יענע ערשטע וועלט־מלחמה, ווען די רוסישע אימפּעריאַלע אַרמייען האָבן זיך געריסן צו די זעלבע אָסט־פּרייסישע גרעניצן. און אַמאָל הייב איך אָן צו קלערן, אַז דאָס איז געווען מיט הונדערטער יאָרן צוריק, ווען איך אַליין בין געווען אין אַן אַנדער אינקאַרנאַציע, אין אַן אַנדער געשטאַלט, אַזוי צו זאָגן...

די לעצטע דרייסיק יאָר אין לעבן פון אַן אייראָפּעאישן ייד מיט די מלחמות, רעוואָלוציעס, רעזשים־ענדערונגען, וואַנדערונגען — באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ... און די לעצטע יאָרן פון איצטיקן בלוטיקן מבול מיט די באָמבאַרדירטע שטעט, מיטן אַנטלויפן פון אייראָפּע — מיט קינדער, וועלכע זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון די וואַרימע היימען און אין פליענדע אָדלערס פאַרוואַנדלט געוואָרן; מיט נאָענטע, וועלכע זענען פאַרברענט געוואָרן אין דער גרויסער וועלט־שרפה... אָבער דאָך האָב איך די בילדער פון יענע חדשים אין 1914 אַרויסגענומען פון זכרון־אַרכיוו, אָפּגעשטויבט זיי, אָפּגעפרישט די פאַרבן, און ווידער שיינען זיי אַרויס פון די בראָנז־ראַמען פון דער געשיכטע מיט דער זעלבער לעבעדיקייט, ווי זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין יונגן מאַרך פון יענעם יונגן מענטש מיט דרייסיק יאָר צוריק.

עס איז יולי 1914. איך קום צוריק פון בעלגיע אויף מיינע וואַקאַ־ציעס קיין ביאַליסטאָק. אין אייראָפּע האָבן זיך שוין געטראָגן די ערשטע אונטערערדישע דונערן פון צייטיקע קאָנפליקטן. אין בעלגיע, וועלכע איך האָב נאָר וואָס פאַרלאָזן, האָט דער געוויקסיקער, בלאָנדער, דורך אַלעמען באַליבטער קעניג אַלבערט דער ערשטער, געהאַלטן עפּעס אַ מאָדנע רעדע וועגן אַ געפאַר פאַר דער בעלגישער אומאָפּהענגיקייט. מיר האָבן געלאַכט אין די פויסטן — מיר, אַ גרופּע סטודענטן פון רוסלאַנד, וואָס האָט זיך אומגעקערט אַהיים. ווער וועט דאָס וועלן טשעפּען די פרידלעכע בעלגיע? צי אפשר נישט אַמאָל יענער קייזער מיט די שפּיציקע וואָנצעס, וועלכער רעגט אויף אַלעמען מיט זיין חוצפּהדיקן טעאַטראַלן אויסזען?

מיט מיר צוזאַמען האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד אַ חבר פון גענטער אוניווערסיטעט, דער יונגער פירשט סעריאָזשאַ קוראַקין. דער טאַטע זיינער, דער גענעראַל פון דער קייזערלעכער סוויטע, פירשט אַנאַטאָלי קוראַקין, האָט אים לעצטנס פאַרוואָרפן מיט טעלעגראַמעס, אַז ער זאָל וואָס שנעלער קומען קיין פּעטערבורג. סעריאָזשע אָבער איז גראָד דאַן געווען שטאַרק פאַרנומען מיט אַ נייער שפּאַנישער דעראָבערונג — אַ טענצערין פון אַ קאַבאַרעט — און ער האָט געהאַלטן פאַר העכסט־פּאַטריאָטיש די דאָזיקע רוסיש־שפּאַנישע באַציאונגען אונטערהאַלטן און פאַרטיפן. ער האָט דעריבער די טענצערין קאַרמען געשלעפּט מיט זיך אַזש קיין רוסלאַנד.

עס זענען אַריבער אינגאַנצן צען טעג, זינט מיר האָבן זיך גע־שיידט אויפן גרעניץ, ווי די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן. מיין היימאַטס־שטאָט ביאַליסטאָק איז געוואָרן אַ וויכטיקע פּאָזיציע פאַר דער רוסישער אַרמיי.

נישט ווייט פון שטאָט, אין „אימעניע" דאָיליד, אין פּאַלאַץ פון די דייטשע באַראָנען מאַנטויפעל, האָט זיך באַזעצט דער גענעראַל־שטאַב פון צפון־מערבדיקן פראָנט. דער קאָמאַנדיר פון פראָנט, גענעראַל זשי־לינסקי, — שטענדיק אין דער באַגלייטונג פון אַ סוויטע טיטולירטע אָפיצירן — פלעגט זיך אַראָפּכאַפּן זייער אָפט מאַכן אַ ניט־פאָרמעלן שנעפּסל אין גרויסן רעסטאָראַן פון האָטעל „ריטץ". און אַזוי האָב איך

איינמאָל באַמערקט צווישן דער כאַפּטע אָפיצירן, וועלכע האָט אַריינגעשפּאַצירט אין שטאָט־גאָרטן, מיין אוניווערסיטעט־חבר פירשט סעריאָזשאַ. ער איז דער ערשטער צוגעלאָפן צו מיר, זיך צעקושט פּאַר אַלעמען אין די אויגן, כאָטש ער איז שוין דעמאָלט געווען אין אַ גלענצנדן קאָרנעט־מונדיר פון אַ גוואַרדייאישן פּולק, און איך, אין דער באַשיידענער ציווילער קליידונג פון אַ ביאַליסטאָקער יונגנמאַן. דער יונגער פירשט האָט דורכאויס געוואָלט, איך זאָל זיך באַקענען מיט זיין פאָטער, דעם גענעראַל, וועלכער איז געווען הויפּט־קוואַרטירמייסטער פון פראָנט, טאַקע אין שטאַב פון זשילינסקין.

איך בין אויף מאָרגן געפאָרן קיין דאַיליד און זיך געמעלדעט צום פירשט קוראַקין. מיין חבר האָט, ווייזט אויס, געגעבן מיר ביי זיין טאַטן אַ גרויסע „פּובליסיטי", ווייל דער גענעראַל האָט מיך גלייך אויפגענומען, כאָטש אַרום האָט געווימלט פון וויכטיקע אָפיצירן, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אים. פון הויכן געוואוקס, אַביסל איינגעבויגן, מיט בלאָנדע אַראָפּגעלאָזענע וואָנצעס און בלויע גוטמוטיקע אויגן, האָט דער פירשט קוראַקין געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ טיפּישן גוטמוטיקן רוסישן „באַרין", וועלכער בלאָזט נישט פון זיך און באַנעמט זיך זייער איינפאַך. ער לאַכט פון לעבעדיקן שפּאַנישן „באַגאַזש", וועלכן סעריאָזשע האָט מיטגעבראַכט מיט זיך. ער ווייסט נישט, וואָס צו טון מיט דער טענצערין, וועלכע מען קען נישט, צוליב דער מלחמה, משלח זיין צוריק אין איר היימלאַנד פאָטערלאַנד. דערביי גיט מיך דער גענעראַל אַ פרעג: „נו, און איר, אזא יונגערמאַן, זענט נאָך גאַרנישט אין דער מלחמה? פע!..." איך האָב זיך טאָפּלט פאַרשעמט: סיי אַלס געזונטער בחור און סיי אַלס ייד דערצו...

איך ענטפער: „אייער דורכלאוכט — איך בין אַן איינציקער זון און דעריבער באַזיץ איך אַ „בלויען בילעט"..

דער גענעראַל צעשמייכלט זיך:

— סעריאָזשע האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט זייער ענערגיש און אָריענטירט זיך שנעל. וואָלט איר נישט געוואָלט ווערן אַ פאַרבינדונגס־אָפיציר פאַרן ביאַליסטאָקער „עוואַקואַציע"־פּונקט?...

דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן: אַן אָפיציר? וועלכער יונגערמאַן וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ כבוד — אָבער האָט דען דער גענעראַל פאַרגעסן, אַז איך בין אַ ייד?

איך ענטפער אנטשלאָסן: —

— פירשט, איך וואָלט דאָס געהאַלטן פאַרן גרעסטן גליק צו קענען אָננעמען אייער פאָרשלאַג, אָבער איך בין דאָך אַ ייד...

דער גענעראַל ווערט ערנסט:

— געוויס ווייס איך, אַז איר זענט אַ ייד; עס איז טאַקע אַ שוועריקייט... אָבער איך האָב וועגן דעם שוין געטראַכט. אין צייט פון קריג האָב איך דאָס רעכט אין ראַנג פון אַן אַרמיי־קאָמאַנדיר צו באַשטימען אָפיצירן. איך וועל אייך באַשטימען אלס לייטענאַנט שטעלפאַרטרעטער (זאַאוריאַד־פּראַפּאָרשטשיק). אַלזאָ איר נעמט אָן?

— יאָ! האָב איך געענטפערט און גלייך אויפן אָרט האָט דער גענעראַל מיר אונטערגערוקט אַ ווייסן בויגן פּאַפּיר און פערזענלעך דיקטירט דעם „פּריקאַז״, וועלכן איך האָב געשריבן און ער האָט אונטערגעשריבן.

אין שטוב צו טאַטע־מאַמען בין איך שוין געלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער. דער בן־יחיד מיטן „בלויען בילעט״ האָט זיי אָפּגעטון אַ שפּיצל, וואָס וועט קיין גרויסן ענטוזיאַזם מסתם נישט אַרויסרופן — דאָס האָב איך שוין געוווּסט. איבערהויפּט האָב איך מורא געהאַט פאַר מיין שטרענגן טאַטן, ר׳ אברהם ז״ל, וועלכער איז שוין דאַן געווען באַוווּסט אין שטאָט אַלס גרויסער לערנער און העכסט פרומער. אָבער צו מיין איבעראַשונג האָב איך פון מיין טאַטן דערהערט פאָלגנדעס:

— מילא, דיר האָט זיך פאַרוואָלט צו ווערן אַן אָפיציר, אויף דעם ביסטו שוין אַ דערוואַקסענער בחור און דאָס איז דיין עסק; אָבער, אַז דו וועסט אָנטון דיין מונדיר מיט די גאָלדענע שליפעס, מיט אַ שווערדל ביים זייט וועט מען זאָגן, אַז מיין בן־יחיד האָט זיך געשמדט; דאָס זעסטו איז שוין מ יי ן געשעפט. אַלזאָ, אויב דו זאָגסט מיר צו, אַז דו וועסט קומען יעדן שבת דאַווגען אין אונדזער יחיאל־נעכעס בית־מדרש, וועסט נישט פאָרן אום שבת און נישט עסן צוזאַמען מיט די גויים ביי

איין טיש, באקומסט מיין ברכה און א „פינף און צוואנציקער״ אויף באקליידן זיך״.

איך האָב דעם באדינג מיט שמחה אָנגענומען. דער וואָיענער שנייי־דער יעקב ליפשיץ האָט פאר מיר אויפגענייט א נייאינקען מונדיר —ביים „טשארני זשידעק״ אין קראָם פון מיליטערישע צודאטן האָב איך געקויפט א לאנגן שווערד מיט א זילבערנעם „באָמבל״; געהייסן אפילו דעם שווערד גוט אָנשארפן — ווי צו מיר וואָלט זיך באצויגן דער „על חרבך תחיה״.

ערשט נאָכן ערשטן שפּאציר אין גאס, ווען די רוסישע סאָלדאטן, עכטע פאָניעס — האָבן מיר סאַלוטירט אויף יעדן שריט און טריט, האָב איך פארשטאנען, ווי ווייט מיין טאטע, ע״ה, איז געווען פאָר־אויסזעענדיק: מען האָט אָנגעהויבן שטארק מורמלען, אז מיט דער יידישקייט פון ר׳ אברהמס זון איז נישט אלץ כשורה... אָבער שוין אויף מאָרגן, שבת אין דער פרי, צום צווייטן מנין, בין איך „שיינענדיק ווי א נייער״ אין מיין אָפּיצירישן מונדיר אריין אין מיין אַלטן „יחיאל־נעכעס״ בית־מדרש, עולה לתורה געווען און אָפּגעזאָגט א מפטיר, זינ־גענדיק און מיטן גאנצן ברען...

דאָס האָט א סוף געמאכט צו אלע „רעדערייען״: נישט קיין ייד וואָלט אזא „שטיקל ארבעט״ ביים צארישן רעזשים נישט געוואגט צו טון: מען האָט פאר דעם געקענט באצאָלן מיטן לעבן.

בקיצור, איך האָב אָנגעהויבן אמטירן און גלייך אריין אינמיטן פון דער מלחמה־מאשין צווישן מיין ביורא, וואָס איז געווען אין בראָ־ניצקים פאלאץ, אין „ניקאָלאַיס אינסטיטוט״, ווי מען האָט דאָס גערופן — און צווישן ביאַליסטאָקער וואָקזאל, פונוואנען עס האָבן זיך געצויגן אומענדלעכע צוגן מיט סאָלדאטן אויפן פראָנט און מיט פארוווּנדעטע פון די פראָנטן.

איך האָב א סך געזען, געטראָפן פערזענלעך די העכסטע מיליטערישע און ציווילע פירער פון דער רוסישער אימפעריע; און וואָס ווייטער איך האָב זיך צוגעקוקט ארום מיר, אלץ מער האָב איך געזען די פארפוילטקייט פון דער רוסישער מאשין, די אָפּגעלאָזנקייט אין פאָר־

באַרייטן די מלחמה — די אייגנליבע פון די מעכטיקע און איינפלוסרייכע און די שרעקלעכע גלייכגילטיקייט צום גורל פון פשוטן רוסישן סאָלדאַט, דעם דאָזיקן פינצטערן איבערגעטאָנענעם פויער, וועלכן מען האָט גע־שלעפּט צו דער שחיטה, נישט באַמיענדיק זיך אפילו צו דערקלערן, פאַרוואָס?

אין די ערשטע וואָכן פון אויגוסט 1914 האָבן דורך מיין אָבסער־וואַציע־פּונקט נעבן דעפּאָ פון ביאַליסטאָקער וואָקזאַל דורכגעשטראָמט די לייב־גוואַרדיע פולקן אין זייער מאַרש קיין מזרח־פּרייסן. די סאָל־דאַטן זענען געווען ריזן און „קראַסאַווצעס״; די אָפיצירן, די סמעטענע פון דער רוסישער טיטולירטער אַריסטאָקראַטיע. זיי פלעגן רעדן צווישן זיך פראַנצויזיש — ווי עס איז דעמאָלט געווען די מאָדע אין יענע קרייזן.

צווישן סאָלדאַט און אָפיציר איז געווען אַ וואַנט פון פרעמדקייט, ווייטקייט און מורא. קיין שום סאָלדאַט האָט גאָרנישט געקענט חלומען צו ווערן אַן אָפיציר פון זיין פולק, ער האָט אפילו געמעגט באַווייזן ווונדער און העלדישקייט. ווייל אין אַ גוואַרדיע־פולק האָט אַן אָפיציר געמוזט זיין אַ געבאָרענער „אַדעליקער״ („דוואָריאַנין״). אַנדערש איז געווען די לאַגע אין די פשוטע פולקן, וווּ אַ געבילדעטער סאָלדאַט האָט זיך יאָ געקאָנט דערדינען צום יינגסטן אָפיצירן־ראַנג.

עס האָבן אַרויסגעמאַרשט צו דער ריכטונג פון גרענעץ די ביאַלי־סטאָקער צוויי באַטאַריייען, וועלכע מיר יינגלעך פלעגן אמאָל באַוווּנדערן צוליב זייערע לאַנגע פעלד־האַרמאַטן; עס פלעגט זיך אונדז דאַכטן, אַז ווי נאָר אַזאַ האַרמאַט גיט אַ שאָס, מוז דער שונא אַנטלויפן אין טויט־שרעק; עס האָבן דורכמאַרשירט דורך די צוויי שאָסייען, אין דער ריכטונג פון גרענעץ, קאָזאַקישע אָפּטיילונגען אויף קליינע פערד מיט גרויסע פּיקעס; די קאָזאַקן מיט די פאַרקעמטע פאות איבער די אויערן פלעגן אָנוואַרפן אויף מיר אַן אינסטינקטיווע שרעק. נאָך פון יענע צייטן, ווען זייער באַווייזן זיך אין די גאַסן פון מיין שטאָט מיט די נאַהייקעס אין די הענט איז שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט לויפעניש און קלעפּ. איך שעם זיך צו דערציילן, אַז ווען אַזאַ קאָזאַק פלעגט מיך איצט באַ־גענענען אין גאַס און אויסציענדיק זיך מיטן גאַנצן קנאַק — אָפּגעבן „טשעסט״ (סאַלוט), פלעג איך פאַרגעסן, אַז דאָס מיינט ער טאַקע מיך,

דעם יונגן אָפיציר, און פלעג אים אָנקוקן פאַרווונדערט. מיר, די באַ־פעלקערונג אין רוסלאַנד, זענען געווען צעקריגט מיט קאַזאַקן...

פּאַפּעס מיט לאַנגע בערד, לאַנגע האָר און לאַנגע „ראַסעס״ (קאַ־פּאָטעס) און מיט גראָבע בייכער — פלעגן בענטשן די אַוועקגייענדיקע פּולקן, שפּריצן „הייליק״ וואַסער מיט אַ פּענדזעל און זינגען מיט באַסאָ־ווע שטימען: „גאַספּאָדי פּאָמילוי״ (גאָט, דערבאַרעם זיך״).

די רוסישע אַרמייען זענען געגאַנגען קיין מזרח־פּרייסן. דער גע־נעראַל פאָן־רענענקאַמף, דער קאָמאַנדיר פון דער ערשטער אַרמיי — דער דאָזיקער עכטער דייטש מיט אַן עכטער שוואַרץ־מאַהדיקער רוסישער נשמה, האָט נאָר־וואָס געהאַט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך לאָזן אָפּשניידן זיין רעכטע האַנט, אויב ער וועט אין משך פון דריי חדשים נישט זיין אין קעניגסבערג... ער איז דאָרט קיינמאָל נישט אָנגעקומען, אָבער אַנ־שטאָט אַ האַנט האָט ער פאַרלאָרן זיין קאָפּ — אָבער דאָס איז שוין געווען שפּעטער, אַ סך שפּעטער, ווען דייטשע באַראָנען האָבן אויפגע־הערט צו זיין גענעראַלן אין רוסלאַנד.

און די צווייטע אַרמיי, אָנגעפירט פון גענעראַל סאַמסאַנאָוו, האָט טאַקע אומגעוואָרפן די גרענעץ־סלופּעס צווישן גראַיעווע און פּראָסטקען, און מיט זיינע אַלע גוואַרדיע־פּולקן און קאַזאַקן־סאָטניעס האָט ער זיך אין יענעם הייסן אויגוסט, מיט 30 יאָר צוריק, אַריינגעגאָסן אין הייליקן דייטשן לאַנד.

איך פלעג זיין איינער פון די ערשטע, וואָס האָט באַגעגנט די שטאַ־פעטן, וואָס פלעגן אָנקומען אין הויפּט־שטאַב מיט מיטטיילונגען פון פראָנט. דאָס פלעגן זיין יונגע אָפיצירן אויף מאָטאָציקלעטן, וואָס פלעגן זיך אָפּשטעלן נעבן מיין פּונקט, פרעגן דעם וועג און דערציילן, אַז מען האָט שוין גענומען די פּרייסישע שטאָט ליק, אַז די קאַזאַקן זענען שוין אין די דייטשע שטעט אַרים און גאָלדאַפּ, אַז אָט־אָט וועלן זיך פאַר־אייניקן די ערשטע אַרמיי פון רענענקאַמפּפען מיט דער צווייטער פון סאַמסאָנאָוון נעבן קעניגסבערג.

און נאָכהער זענען פּלוצלינג געקומען פינצטערע טעג... אומגלויב־לעכע קלאַנגען האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן... מען האָט אַריינגע־

נאָרט די גאַנצע צװײטע אַרמײ אין אַ פֿאַסטקע צװישן די מאַזורער יעזשיאַרעס. מען האָט צעקלאַפּט װי שפּילצײַג די באַטעריעס, צװישן זײ „מײַנע" זיבעטע און אַכטע, מיט װעלכע מיר, ביאַליסטאָקער קינדער, זענען שטענדיק אַזױ שטאָלץ געװען; צעקלאַפּט און צעשלאָגן די גװאַרדיע־פּולקן: זײ װעלן שױן נישט אַלע קומען צוריק; צוזאַמען מיט די גענעראַלן סאַמסאָנאָװ און מאַרטאָס זענען זײ געפֿאַנגען געװאָרן... אױך רענענקאַמפּפֿס אַרמײ לױפֿט צוריק פֿון פּרײַסן אין די געדיכטע אַװגוסטאָװער װעלדער און װערט דאָרט צעשאָסן פֿון אַלע זײַטן.

און אױפֿן װאָקזאַל האָבן אָנגעהױבן שטראָמען גאַנצע באַנען מיט שװער־פֿאַרװונדעטע; זײ זענען געלעגן אין „טאָװאַרנע" װאַגאָנעס, אױף שמוציקן שטרױ; די באַנדאַזשן זענען געװען דורכגעװײקט מיט בלוט... אַזױ פֿיל פֿאַרװונדעטע, אַז די מיליטערישע קאָמאַנדע האָט געהײסן פֿײַפֿן, װי בעת אַ שׂרפֿה און צונױפֿרופֿן די ביאַליסטאָקער ציװילע באַפֿעלקערונג, כּדי צו העלפֿן די פֿאַרװונדעטע אין די שפּיטאָלן. די גאַנצע ייִדישע יוגנט איז צוליב דעם צװעק „מאָביליזירט" געװאָרן און פֿאָרמירט געװאָרן פֿון אַן אײנהײט פֿון „רױטן קרײַץ". דאָס איז געװען דאָס ערשטע מאָל, װאָס מען האָט אָנערקענט די ייִדישע באַפֿעלקערונג אַלס אַ פֿולבאַרעכטיקטן מיטהעלפֿער: נױט ברעכט אײַזן... און פֿון דעם טאָג אָן האָבן שױן געפֿײַפֿט די פֿײַער־סירענעס בײַטאָג און בײַנאַכט, כּדי די באַפֿעלקערונג זאָל העלפֿן שלעפּן די צעקאַלעטשעטע אין דעם גרױסן חורבן פֿון סאַמסאָנאָװס אַרמײ. די פֿאַרװונדעטע אָפֿיצירן האָבן שױן צװישן זיך גערעדט רוסיש און נישט פֿראַנצױזיש — געקרעכצט און זיך געזידלט װי עכטע „פּאָניעס".

און נאָכהער האָב איך געזען אײנמאָל אַ פֿאַרטאָג, װי מען האָט געבראַכט אײניקע װאַגאָנעס מיט ציװיל־געקלײדטע דײַטשן — יונגען מיט חוצפּהדיקע, פֿרישטשעװאַטע געזיכטער, מיט אונטערגעשלאָגענע אױגן... הײַנט װאָלט מען זײ גערופֿן „סנײַפּערס". די סאָלדאַטן, װאָס האָבן זײ באַװאַכט, האָבן מיר דערצײלט, אַז דאָס זענען „שפּיאָנען", װאָס האָבן אױפֿגעריסן בריקן און באַנען. איך בין צוגעגאַנגען צו אַזאַ װאַגאָן און אַ פֿרעג געטון די ערשטע פּאָר דײַטשן בײַ דער טיר פֿון װאַגאָן: צי באַקומט איר עפּעס צום עסן? און ס'פֿאַלט דאָן אַ נעפּלדיקער

ענטפער: „מיר האָבן אין מויל קיין ביסל וואסער נישט געהאט שוין דריי טעג...״

איך דערמאָן זיך מיין נארישקייט דאן, אז איך האָב אויף די דייטשע יונגען שטארק רחמנות געהאט, געהייסן זיי ברענגען אַן עמער וואסער. די רוסישע סאָלדאטן האָבן שטארק געמורמלט קעגן מיר, געקוקט מיט גזלנישע אויגן אויף די חברה־לייט אין וואַגאָן, אָבער דאָך געבראַכט דאָס וואסער.

איך קלאָפּ זיך נאָך היינט „על חטא״ אויף מיינע הומאניטארע געפילן, וועלכע האָבן זיך דאן אָפּגערופן אין מיין רחמנותדיק יידיש הארץ אויף דער באַן־סטאנציע ביאַליסטאָק.

XXII

אויפן פרייסישן פראָנט

דער חודש אָקטאָבער פון 1914טן יאָר איז געווען אַן אויסערגעוועגלעך קאַלטער. שנייען און ווינטן — איבערהויפּט אין די נעכט — האָבן געמאַכט זייער שווער מיין דינסט אויפן ביאַליסטאָקער עוואַקואַציע־פּונקט, וואָס האָט זיך געפונען אין הילצערנעם דעפּאָ נעבן וואָקזאַל. פרישע פולקן פון צענטראַל רוסלאַנד און פון סיביר פלעגן דורכגיין דורך די ביאַליסטאָקער וועגן אין דער ריכטונג צו דער קליינער אָסאָוועצער פעסטונג און צו מזרח־פּרייסן.

נאָך דער גרויסער מפּלה, וואָס סאַמסאָנאָווס ארמיי האָט געליטן אין אויגוסט, אַ מפּלה, ווען הינדענבורג האָט צונויפגעקוועטשט צווישן די מאַזורער אָזיערעס די „בלום" פון רוסישן מיליטער און צעריבן און צעשמעטערט די לייב־גוואַרדיע און קאָזאַקן אָפּטיילונגען, האָב איך געפילט פון די געשפּרעכן מיט די אָפיצירן, אַז דאָס מאָל וויל מען שוין אויסמיידן די פריערדיקע טעותים. מען האָט געשלעפּט מער אַרטילעריע, מען האָט די רעזערוו־פולקן געהאַלטן פון הינטן אונטער דער שוץ פון שווערע האַרמאַטן פון אָסאָוועצער פעסטונג, וועלכע האָט זיך געפונען אַ מייל פופצן פון גרעניץ.

פון הויפּט־שטאַב, פון באַראַנאָוויטש, הייסט עס, ווו ניקאָלאַי־ניקאָלאַיעוויטש האָט געהאַט זיין רעזידענץ און פון פעטערבורג פלעגן יעדן פאַרטאָג אָנקומען הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן, מיליטערישע און ציווילע, כדי צו אינספּעקציאָנירן די חילות, וואָס גייען אויפן פראָנט און נאָכזען, צי זיי זענען באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן.

דער ערשטער אַדרעס, ווו אַן אָנגעקומענער הויכער גאַסט האָט זיך געווענדט, איז טאַקע געווען מיין עוואַקואַציע־פּונקט, ווו טאָג־און־נאַכט האָבן דיזשורירט די פאַרבינדונגס־אָפיצירן.

שוין פינף אַזייגער פאַרטאָג פלעג איך זיך דעריבער אוועקשטעלן אויפן הילצערנעם בריקל פון ביוראָ אויסקוקן, אפשר קומט אָן מיטן באַן אָדער מיט אַן אויטאָמאָביל עפּעס אַ וויכטיקער „העכט", כדי באַצייטנס אויפוועקן און מיטטיילן מיין העכערע „נאַטשאַלסטוואָ". דער קאָמענדאַנט פון עוואַקואַציע־פּונקט איז געווען פּולקאָווניק דאָוגאַל, אַ גרויסער יחסן, אַ געוועזענער לייב־גוואַרדיע אָפיציר פון קייזערס סוויטע. דאָוגאַל, אַ שטייפער און שטרענגער פּראָפעסיאָנעלער מיליטער־מאַן, פלעגט אָבער ווערן ווייך און בויגעוודיק, ווי נאָר אַ שיינע דאַמע פלעגט איבערטרעטן די שוועל פון אונדזער ביוראָ. זיינע בלויע, שטאָלענע אויגן האָבן דאַן געלאַכט, זיינע הוזאַרן־וואָנצעס האָבן זיך לעבעדיק באַוועגט אַרום אַ פליישיק־ליידנשאַפטלעך מויל. צו אונדז פלעגן קומען צופאָרן פון אַלע עקן רוסלאַנד מאַמעס פון אָפיצירן וועלכע האָבן געזוכט זייערע פאַרפאַלענע קינדער. נאָר מוטערס פון אָפיצירן האָבן געהאַט דאָס רעכט אויף דעם, פאַמיליעס פון סאָלדאַטן האָבן געמוזט גערולדיק וואַרטן, ווען מען וועט זיי אָנזאָגן — אַמאָל אין אַ יאָר אַרום, און אַמאָל נאָך שפּעטער, וועגן גורל פון זייערע נאָענטע: אין אַ קליין פּעקעלע, איינגעפּאַקט אין גראָבן גרויען פּאַפּיר, פלעגט ליגן אַ צלמל, אַ פאַרסמאָלעטער טייסטער מיט קופּערנע צענערס און אַ פאַרבלוטיקט מיליטער־ביכל — דאָס איז געווען דער פאַרשפּעטיקטער טרויעריקער גרוס פון אַ פאַרפאַלענעם זון. דאָוגאַל אָבער איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט דערליידיקן אָט די אָנגעקומענע דאַמעס, דערביי האָט ער פאַרבראַכט מיט זיי מער אין זיין פּריוואַטער וווינונג, ווי אין אונדזער ביוראָ.

אין אַן אָקטאָבער פרימאָרגן, ווען איך בין געשטאַנען אויף דער וואַך, האָב איך פלוצלינג דערזען פאַר זיך אין דער האַלב־פינצטערניש פון פאַרטאָג, ווי עס דערנענטערט זיך צו מיר אַ גרופּע מיליטער־לייט אין שינעלן. ווען איך האָב גוט אָנגעשטרענגט מיין בליק, האָב איך דערזען, אַז פון פאָרנט שפּרייזט דער קאָמאַנדיר פון דער צוועלפטער אַרמיי, גענעראַל פאָן־שיידעמאַן, געאָרעמט מיט עפּעס אַ לעבעדיקן, באַבערדלטן

פאַרשוין, וועלכער האָט געפּאָכעט מיט די הענט און הויך געלאַכט. עס איז פאַר מיר קיין שום ספק נישט געווען, אַז דאָס גייט צו אונדז דער אַזוי פּאָפּולערער מיטגליד פון דער רוסישער „דומע" (פּאַרלאַמענט) פּורישקעוויטש.

פּורישקעוויטש, וועלכער איז געווען דער גרעסטער רעאַקציאָנער און צורר היהודים פון צאַרישן רוסלאַנד, האָט זיך, אמת, שטאַרק געענדערט, ווי נאָר די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. ער האָט דאַן געווידמעט זיין אומגעהייערן טעמפּעראַמענט דאָס אָרגאַניזירן שפּייז־פּונקטן פאַר דער אַרמיי אויפן פראָנט. ער האָט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע אַ גאַנצן צוג מיט אַ שטאַב ענערגישע מיטהעלפער. ער איז שטענדיק געווען אין באַוועגונג. פאַר אים האָבן אַלע אין רוסלאַנד געציטערט. ער האָט גלייך פון אָנהויב באַקומען דעם טיטל פון „ווירקליכן שטאַטס־ראַט", אָנגעטון אין אַן אוניפאָרם מיט עפּאָלעטן פון אַ ציווילן גענעראַל. ער האָט איינגעלאַדן צו זיך אַלס געהילף אַ וואַרשעווער יידישן דאָקטאָר לאַזאָוועט און פּייערלעך דערקלערט: „איך האָב נישט קיין צייט מער פאַר אַנטיסעמיטיזם; מיין איצטיקע אויפגאַבע איז שלאָגן דעם דייטש און ראַטעווען מיין פאָטערלאַנד". פון זיינע שפּיציקע אויגן פלעגט קיין זאַך נישט קענען באַהאַלטן ווערן. ווען זיין רירעוודיקער נערוועזער מעפּיסטאָפל־פּנים מיטן גרויען בערדל האָט זיך באַוויזן פאַר מיר אין יענעם פאַרטאָג און נאָך צוזאַמען מיט דער שווערער, אָנגעגאָסענער פיגור פון גענעראַל פאָן־שיידעמאַן, האָט אַן אומבאַמערקבאַרער אינערלעכער ציטער צוגעאיילט דאָס קלאַפּן פון מיין האַרץ. איך האָב זיך אָבער באַהערשט, זיך אויסגעצויגן „וואָ פראָנט" פאַרן אַרמיי־קאָמאַנדיר און ראַפּאָרטירט לויט די פאָרשריפטן. „ווו איז פּאָלקאָווניק דאָוגאַל?" פרעגט פאָן שיידעמאַן, אָבער אָנשטאָט צו באַקומען פון מיר אַ תשובה, מישט זיך אַריין דער אַלטער, סאַרקאַסטישער סקאַנדאַליסט פּורישקעוויטש:

„וואָס פרעגט איר אים, עקסעלענץ! וועט ער אייך דען דערציילן, אַז זיין טייערער שעף „וואַנקע", דאָוגאַל כראָפּעט נאָך איצט אין זיין פּריוואַטן האַרעם נאָך אַ נאַכט שווערע דינסט פאַרן קייזער און פאָטערלאַנד..."

פורישקעוויטשס ווערטער זענען פון דיסציפּלינאַרן שטאַנדפּונקט געווען אַ פּשוטער סקאַנדאַל; אין מיין אָנוועזנהייט, דעם יינגסטן צווישן די יינגסטע, האָט מען נישט געטאָרט אַראָפּרייסן אַ הויכן מיליטער־מאַן, אָבער פאַן־שיידעמאַן האָט דעם אינצידענט אַראָפּגעשלונגען, ווייל פּוריש־קעוויטשן האָט מען אין רוסלאַנד אַלץ מוחל געווען.

ביידע הויכגעשטעלטע געסט זענען דערווייל אַריין אין אונדזער ביוראָ, וואו אין אייזערן אייוועלע האָט אַן דערפאָלג פּרובירט אָנוואַרעמען די קאַלטע לופט. איך פון מיין זייט האָב געשיקט מיין פּיסאַר (שרייבער), דעם יעפרייטער קאַליצקי, ער זאָל שוין לויפן צו דער הילצערנער ווילע אנטקעגנאיבער און ברענגען דעם פאָלקאָווניק. דערווייל האָב איך גע־הערט פון וויטן, ווי די שניידנדע שטימע פון נערוועזן פּורישקעוויטש וואַרפט פאַר פאַרשידענע אומאָרדענונגען דעם אַרמיי־קאָמאַנדיר און ווי יענער פאַרענטפערט זיך רואיק און מיט טאַקט. אויף דער הילצערנער פּלאַטפאָרם קלינגען שוין די גוט־באַקאַנטע זילבערנע שפּאָרן פון גוואַרדיע־פּולקאָווניק דאַווגאַל. ער ענדיקט נאָך אויפן וועג דאָס אָנטון זיך, צושפּילענדיק זיין שווערד צום גאַרטל. די אויגן זענען רויט — די לאַנגע העלע וואָנצעס נישט אָנגעשמירט, ווי געוועגלעך. פּורישקעוויטש איז געווען גערעכט זאָגנדיק, אַז דאַווגאַל האָט נעבעך פאַרבראַכט אַ שווערע נאַכט אין דינסט פון פאַטערלאַנד...

ענדלעך איז די באַראַטונג געענדיקט. פּורישקעוויטש לויפט צוריק צו זיין צוג, וועלכער וואַרט אויף אים אויף דער סטאַנציע.

דער גענעראַל מיטן פּולקאָווניק קוקן אים נאָך, ווי ער גייט אוועק שאָקלענדיק זיך, מאַכנדיק מיט די הענט און אונטערשפּרינגענדיק. איך וואָלט געשווירן, אַז ביידע טראַכטן גלייכצייטיק: „אַ רוח אין דיין מאַמעס עלטער באָבען, — דו מיאוסער אַלרוסישער קלאָון!״ — וואָס איז שייך מיר, — מוז איך מודה זיין — אַז מיינע סימפּאַטיעס זענען דאָס־מאָל געווען דווקא מיט פּורישקעוויטשן; איך האָב געפילט — אַז, ווייניקסטנס ער — דער דאָזיקער לאַנד־משוגענער מיינט דאָס ערנסט מיט זיין זאָרגן פאַרן פּראָסטן סאָלדאַט; די צוויי אַריסטאָקראַטן אָבער גייט די גאַנצע געשיכטע אָן ביזן אייגענעם קנעפּל. דריי יאָר שפּעטער האָט טאַקע דער זעלבער פּורישקעוויטש אָנטייל גענומען אין דערמאָרדן

ראַספּוטינען, — דעם פינצטערן כח הינטער דעם רוסישן טראָן, — און דאָס אַליין ווייזט שוין, אַז ער האָט דעם גורל פון לאַנד דורכגעווייטיקט אויף זיין שטייגער.

אין אייניקע מינוטן אַרום איז אויך גענעראַל פאָן־שיידעמאַן אָפּגעפאָרן מיט זיין וואָגן. ווייזט־אויס — אַז ער האָט באַרואיקט מיין שעף דעם פּולקאָווניק, ווייל דאָווגאַל האָט צו מיר אַ שמייכל געטון מיט די ווערטער: „וואָס האָסטו זיך דערשראָקן פאַרן כוליגאַן וואָלאָדקאַ (וולאַדימיר פּורישקעוויטש)? געמיינט, ער וועט שרייען, ווי אין גאָסור־דאַרסטווענע דומע" (פאַרלאַמענט): „בעי זשידאָוו!" (שלאָג די יידן). נאָר האָב קיין מורא נישט: „גאָט וועט נישט פאַרראַטן און חזירים וועלן אונדז נישט אויפפרעסן" (א רוסישער שפּריכוואָרט). איך האָב פאַר דיר אַ גאַנץ ערנסטע אויפגאַבע. דער גענעראַל פאָן שיידעמאַן האָט מיר איבערגעלאָזט אַ זייער וויכטיק פּעקל מיט געאָגראַפישע מאַפּעס פון מזרח־פּרייסן, ווו די צוועלפטע אַרמיי פאַרנעמט איצט פּאָזיציעס. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל דאָס איבערשיקן צום פראָנט מיט אַ דורכאויס באַגלייבטער פּערזאָן. איך וויל דיר די מיסיע אָנטרויען. וועסט נעמען מיט זיך דעם יעפרייטער קאַליצקי און וועסט זיך מעלדן מאָרגן פרי אין שטאַב פון 4טן קאָרפּוס, וועלכער געפינט זיך אַכט ווי־אָרסט פון דער פּרייסישער שטאָט ליק, — אין דערפל וועגדיגען.

איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז אַ געפערלעכע רייזע, אַז דאָס איז שוין עפּעס מער, ווי באַריכטן וועגן גלות־מלחמה אויפן עוואַקואַציע־פּונקט אין ביאַליסטאָק, כמעט אונטער מיין „מאַמעס פאַרטעך". פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט מיך געשמייכלט די פּערספּעקטיוו אַריינפאָרן אין פּרייסן, ווו עס איז נאָר וואָס פאָרגעקומען אַן אינוואַזיע, זען טאַקע די מלחמה פּנים־אל־פּנים און דורכלעבן אַן „אַוואַנטורע". וועלכע איז שטענדיק שפּאַנענדיק און רייצנדיק, נישט געקוקט אויף די געפאַרן, — ווען מען איז יונג... איך האָב געדאַנקט דעם פּולקאָווניק פאַרן צוטרוי און אַוועק זיך דערוויסן, — ווען וועט גיין דער נאָענטסטער מיליטער־צוג קיין גראַיעווע און פון דאָרטן קיין ליק אין פּרייסן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צוגן צום גרענעץ גייען נאָר ביינאַכט, — און אַז עס איז איבערהויפּט נישטאָ קיין זיכערקייט, אַז ווייטער ווי גראַיעווע וועט

מען קענען פאָרן; מעגלעך, אַז מען וועט אין פּרייסן אַליין זיך מוזן שלעפּן מיט פערד און וועגענער ווייס, צי וועל איך קענען דאָס וויכטיקע פּעקל אָפּגעבן אין שטאָב צו דער צייט.

די גאַנצע פריער־באַשריבענע סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ שבת פאַרטאָג, — און ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך יעדן שבת, לויטן אָפּמאַך מיט מיין טאַטן ר׳ אברהם ז״ל געדאַרפט דאַווענען מיט אים אין אונדזער אַלטן יחיאל־נעבעס ביתמדרש. אין מיר האָט, ווייזט־אויס, שטענדיק געדרימלט אַ מיסטיש געפיל — אַ ירושה פון דורות — און דעריבער בין איך דאָס־מאָל געגאַנגען אין שול מיט אַ גרעסערן חשק, — ווי איך פלעג דאָס טון געוויינלעך; די פּערספּעקטיוו, אַז מאָרגן וועל איך זיין אויפן פראָנט אין מיטן פון די בלוטיקע שלאַכטן, האָט מיך אינטימער באַהעפט מיטן פּירוש־המילות פון די תפילות. דעם טאַטן האָב איך באַשלאָסן ערשט שפּעטער דערציילן וועגן מיין שליחות, כדי נישט פאַרשטערן אים דעם שבת. אין בית מדרש, ווי געוויינלעך, פלעגט מען נאָכן דאַווענען צונויפזאַמלען זיך אין אַ רעדל אַרום מיין טאַטנס שטענדער אין דער מזרח־וואַנט און שמועסן פּאָליטיק.

אָט אַזוי ווי לעבעדיקע זע איך זיי איצט פאַר מיינע אויגן, די גרויסע לומדים און שיינע באַלעבאַטים, די ליפּשיצעס, די זילבערבלאַטס, די מאַריינס און מאַקאָווסקיס, די וואַלאַכס און די פּאַיאַנסעס. זיי האָבן אַלע געהאַלטן דאַן מיט די „דייטשן״ — געבעטן אַ מפּלה אויף ניקאָלאַיען, נישט ערגער, ווי די קינדער זייערע, וועלכע האָבן שוין שטודירט אין די הויפּט־שטעט און אַרויסגעשווומען אויף די ברייטע וואַסערן פון וועלט־פּאָליטיק. רופט זיך אָן רומאַטיע: „פּאַניע־גנב איז שוין ווידער אַריינ־געקראָכן אין פּרייסן. ער קריכט דאָרט, ווי אַ בלינד פערד אין גרוב אַריין...

דער דייטש עפנט אומישנע אַ פורטקע נעבן גרענעץ. פּאַניע רוקט זיך אַריין מיט זיין ביסל סאָלדאַטן און אַרטילעריע. דער דייטש מאַכט אַ וואָרע און זאָגט „ביטע שיין!״ פּאַניע לאָזט זיך נישט לאַנג בעטן. און נאָכהער, ווען מען האָט אים שוין אינעווייניק מיטן גאַנצן קלאָפּערגעצייג כאַפּט זיך דער דייטש אַרויס הינטער אַרום, — קוועטשט איין דעם רוסישן תכשיט, ווי אין אַ „קנאַק־נוס״ און זאָגט די ברכה „ברוך שפּטרני״ פון נאָך אַ פּאָר קאַרפּוסן...״

ווען איך האָב געהערט די דאָזיקע סטראַטעגישע פּאַראַויסזאָגן פון די בית־מדרש „גענערעלער" האָב איך מיר געטראַכט: הלוואי אייער שׂכל אויפן גענעראַל פאָן שיידעמאַן דעם שיכור געזאָגט געוואָרן; וואָלטן דאָך ווייניקער צענדליקער טויזנטער אומשולדיקע מענטשן זייער טויט געפונען!

* * *

שפּעט אין דער נאַכט בין איך אַריין אין מיליטער־צוג, וועלכער גייט צו דער אַמאָליקער דייטשער גרענעץ. געוויינלעך דויערט דער וועג פון ביאַליסטאָק ביז גראַיעווע נישט מער, ווי דריי שעה. דאָס מאָל וועט דאָס מוזן דויערן אַ גאַנצע נאַכט, ווייל די אייזן־באַן רעלסן זיינען אָפּט־מאָל צעשטערט געוואָרן און קוים־קוים פאַרריכט. אונדזער צוג באַשטייט פון איין וואַגאָן צווייטער קלאַס פאַר אָפיצירן און אַ לאַנגע קייט „טעפּלושקעס", — ד. ה. געוועזענע סחורה־וואַגאָנעס מיט אייוועלעך אין מיטן, פאַר סאָלדאַטן.

איך האָב זיך געמוזט צעשיידן מיט מיין באַגלייטער, — דעם יעפרייטער קאַליצקי, וועלכער האָט נישט קיין רעכט צו זיין אין אַ וואַגאָן פאַר אָפיצירן. איך מוז דעריבער זיין זייער פאָרזיכטיק מיט מיין וויכטיקן פּאַקעט, — קיין אויג נישט צומאַכן און זען, מען זאָל מיר מיין באַגאַזש נישט „צולאַקכענען".

אין אַלטן אָפּגעריסענעם „ווייכן" וואַגאָן איז דושנע און אָנגערויכערט. אָפיצירן, — יונגע און אַלטע, פאָרן אויפן פראָנט. צווישן זיי טיילן זיך אוים מיט זייערע טונקל־רויטע זיידענע בענדער אויף די שווערדן — יענע מיליטער־לייט, וועלכע האָבן שוין אָנטייל גענומען אין שלאַכטן און אויסגעצייכנט געוואָרן.

קיינער שלאָפט נישט און מען דערציילט זיך פאַרשידענע מעשׂיות, מערסטנטיילס באַגלייט מיט ניבול־פּה וועגן דערפאָלג ביי פרויען.

העכער ווי אַלע קלינגט די באַסאָווע שטימע פון אַ הויכן, דיקן פּאָפּ, באַטיושקאַ (פאָטערל) מיכאַיל. זיין שוואַרצע באָרד דעקט כמעט צו אַ ברייטע באַנד פון דער העכסטער מיליטערישער אויסצייכענונג. די געל־שוואַרצע פּאַסן פון „געאָרגיע־קרייץ". אָבער „פאָטער" מיכאַיל דערציילט מיט הנאה גאָר נישט קיין העלדישע מעשׂה, ווי אַזוי ער האָט

אויסגענאַרט ביי אַ יידישן „ספּעקולאַנט״ און „בלוט־זויגער״ אין ביאַ־ליסטאָק אַ גאַנצן קאַסטן מיט קאָניאַק מאַרטעל: „איר ווייסט, יענעם שאַרפן קאָניאַק, מיט די דריי שטערנדלעך״, וועלכן דער „זשיד״ האָט אַראָפּגעבראַכט אַזש פון אָדעס, בלומרשט פאַר די קראַנקע אין שפּיטעלער. אַ באַדינער אין האָטעל „ריטץ״ אין ביאַליסטאָק האָט מיר פאַרגעלייגט די מציאה מיט דעם קאָניאַק פאַר צוואַנציק רובל אַ פלאַש. איך האָב בלומרשט מסכים געווען, — אָבער ווען דער אָדעסער יידל האָט געבראַכט דעם קאַסטן מיט קאָניאַק אין מיין צימער, איז שוין דאָרטן געזעסן אַ גוטער־ברודער, — אַ זשאַנדאַרם־אָפיציר, וועלכער האָט זייער קורץ דערליידיקט דעם ענין: „אָדער דו גיסט אוועק די פלעשלעך פאַר דריי רובל אַ שטיק, וויפל זיי האָבן געקאָסט פאַר דער מלחמה — אָדער איך וועל דיך אַרעסטירן און פאַרשיקן קיין סיביר, וווּ דו וועסט פאַרפוילט ווערן פאַר ברענגען שאַרפע געטראַנקען אין דער פראָנט־זאָנע״. דער „זשיד״ איז געווען צופרידן, „אָפּגעגעבן דעם קאָניאַק און אַנטלאָפן מיט גאַנצע ביינער.״

דערווייל האָט זיך אַ קאָזאַקישער אָפיציר צערעדט וועגן די אי־נערלעכע שונאים פון רוסלאַנד, וועלכע זענען נאָך ערגער, ווי דער דייטש: וועגן די יידן, אַרמענער, פּאָליאַקן; דאָס איז געווען אַ דאַנקבאַרע טעמע, — איבערהויפּט, ווען דער פּאָפּ האָט געעפנט אַ פּאָר פלעשלעך פון זיין שיכורן באַגאַזש און מען האָט אָנגעהויבן מאַכן אַן עכט־רוסישן „קידוש״. — אין מיטן דער נאַכט, אויפן וועג צום מזרח־פּרייסישן פראָנט. ווער, ווער וואָלט זיך דאַן געקענט ריכטן, — אַז פונקט מיט דרייסיק יאָר שפּעטער וועלן זיך ווידער רייסן צום מזרח־פּרייסישן פראָנט רוסישע אַרמייען אונטער דער אָנפירונג פון אַזעלכע „אינערלעכע שונאים״ און — גלענצנדיקע גענעראַלן ווי טשערניכאָווסקי, — דער ייד, באַגראַמיאַן — דער אַרמענער און ראָקאָווסקי — דער פּאָליאַק...

מיר בלייבן שטיין אַ פּאָר שעה ביי דער סטאַנציע פון דער פעס־טונג אָסאָוויעץ, וווּ מען הערט שוין קלאָר און דייטלעך דאָס קנאַלן פון שווערע האַרמאַטן. אין דער פינצטערקייט פון דער האַרבסט־נאַכט טראָגן זיך אומעטיקע לידער פון די „טאָווארנע״ וואַגאָנעס, — וווּ עס ווערט געפירט צום שלאַכט דאָס פויערישע „האַרמאַטן־פלייש״. די לידער

זענען וועגן פאַרלאָזענע מיידלעך אין דאָרף, וועגן דעם פּריץ, דעם „באַרין", וועלכער הוליעט אויף אַ יאַריד און צעברעכט דאָרט שויבן, וועגן „אַליאָשקע ראַזבאָיניק", וועלכער וועט נקמה נעמען פאַר די באַליידיקטע געפילן... גוואַלד! האָב איך דעמאָלט געקלערט — „וואָס פאַר אַן אייזערנע וואַנט איז דאָס אויפגעשטעלט געוואָרן צווישן דיביידע וועלטן, — די פּאַסאַזשירן — מיין „וויכן" וואַגאָן און זיי אין די „טעפּלושקעס"? וואָס פאַר אַ ווילדע ענערגיע וועט דאָס באַפרייט ווערן, ווען די וואַנט וועט אומגעוואָרפן ווערן!"

אַ בלייענער הימל הייבט־אָן צו טאָגן, ווען אונדזער צוג דערשלעפּט זיך צו דער גרעניץ־סטאַנציע גראַיעווע. סיגנאַלן פון אַ טרומייטער וואַרפן אַלע פּאַסאַזשירן אַרויס פון די וואַגאָנעס. די מיליטערישע אָפּטיילונגען הייבן זיך אָן צו פאָרמירן נעבן פאַרברענטן וואָקזאַל. עס דערשלעפּט זיך צו מיר מיין „לייב שומר" קאַליצקי, מיט זיין לאַנגער ביקס. ער איז צופרידן, וואָס איך און מיין פּאַקעט מיט די מאַפּעס זיינען גאַנץ. ווייטער פאָרט נישט די באַן, — אָבער דער זשאַנדאַרם־שעף פון דער סטאַנציע גיט מיר באַלד אַ „דרעזינע", דאָס איז אַ האַנט־וועגעלע, וואָס גייט אויף די רעלסן און ווערט געטריבן דורך צוויי סאָלדאַטן, וועלכע דרייען די רעדער. די סאָלדאַטן ווערן געוואָרנט דורכן סטאַנציע־קאָמענדאַנט, אַז זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיין שנעלן אָנקומען צו די פּאָזיציעס פון פערטן קאָרפּוס און אויב עפּעס וועט מיט מיר טרעפן — וועט מען די „פעל אָפּשינדן פון זייערע הינטישע ביינער".

שטייען זיי ביידע מיט די פּלייצעס צו זיך און דרייען די קאָלבעס, — ווי מילשטיינער. זיץ איך אויפן הילצערנעם באַנק צוזאַמען מיט מיין שומר און קוק זיך צו ווי מיר פאָרן פאַרביי דאָס שטעטל פּראָסטקען — — די ערשטע עכט־פּרייסישע טעריטאָריע, וועלכע איז פאַרנומען פון די רוסן. אַמאָל פלעגט דאָ ווימלען פון דייטשן, וועלכע האָבן געמאַכט גאָלדענע געשעפטן ביים שמוגל מיט רוסלאַנד. איצט אָבער זע איך נישט קיין איין ציווילן מענטש. די הייזער ליידיק, מיט אָפּגעבראָכענע דעכער. פון די קוימענס גייט נישט קיין רויך — אַ סימן אַז קיינער לעבט שוין דאָ נישט מער. דער סאָלדאַט, וועלכער דרייט די „דרעזינע" ענטפערט מיר אויף מיין פראַגע: „זיי זענען אַלע אַנטלאָפן פון דאַנען, די הינטישע

זיין! מען זאָגט, אַז עס איז געווען אַ באַפעל צו די איינוווינער פון גאַנצן געגנט איבערצולאָזן אַלץ און אַנטלויפן. מיר האָבן נאָך נישט געפונען דאָ קיין איין דייטש אפילו". און וואָס טיפער איך פאָר אריין אין פּרייסן, אַלץ קלאָרער ווערט, אַז דער דייטש האָט קיין נפש נישט איבערגעלאָזט אין די דערפער, וואָס מיר לויפן פאַרביי. פון אַ הייזל גייט אַמאָל ארויס אַ צעקודלטער עלטערער פאָניע מיט אַ געלער באָרד, אין אַן אַלטן רוסישן מונדיר. נישט קיין פרוי נישט קיין קינד — אַ לאַנד פון סאַמע נישט אויסגעשלאָפענע סאָלדאַטן, וועלכע טשוכען זיך אוים אין גרויען, כמורנעם פרימאָרגן. עס איז נאָך אַ גליק, וואָס מיט אַ טאָג פריער האָבן סאַפּיאָרן פאַרריכט די רעלסן און מיר קענען דעריבער אומגעשטערט זיך גליטשן אַלץ ווייטער.

עס שיילן זיך אויס פּלוצלינג פון האַרבסטיקן נעפּל שפּיצן פון קירכעס און קאָנטורן פון הויכע הייזער. דאָס דערנענטערן מיר זיך צו דער גרויסער פּרייסישער שטאָט ליק. איך וועל זיך דאָרט אָפּשטעלן נאָר אויף צוריקוועגס, ווען מיין מיסיע וועט זיין געענדיקט.

דערווייל שטופּט זיך אונדזער „דרעזינע" דורך פריש צונויפגעקלאַפּטע רעלסן, — וועלכע קלינגען, ווען מיר פאָרן און שטויסן אונדז אַראָפּ פון באַנק. מיר שאָקלען זיך און עס טרייסלט. דער וואָקזאַל אין ליק שיינט אַרוים מיט זיינע רואינירטע ווענט פון רויטע ציגל און מיט איבערבלייבענישן פון פאַרביקע דייטשע רעקלאַמעס וועגן ביר און ציגאַרן. ווידער אַמאָל: קיין איין לעבעדיקן ציוויל נפש נישט באַגעגנט, — כאָטש פון ווייטנס איבער דער שטאָט וויקלען זיך רויכן, — אָבער דאָס זענען נישט פון פרידלעכע קוימענס, — גיכער פון שריפות.

נאָך איינציקע ווייאָרסט און מיר וועלן צוקומען צו די אָקאָפּעס אין דערפל ווענדיגען. די שיסעריי ווערט אַלץ שטאַרקער. אַ געפיל פון די־רעקטער געפאַר הייבט אונדז אָלעמען אָן צו באַהערשן. אין קאַלטן פרימאָרגן פיל איך אפילו, ווי מיינע ביינער קלאַפּן: דאָס איז אָבער מסתמא, ווייל די „דרעזינע" טרייסלט אַזוי שטאַרק, — אָדער אפשר איז דאָס מורא? ווער ווייסט? ווער ווייסט, וואָס עס טוט זיך אין דער נשמה פון אַ יונגן מיליטער־מאַן, וועלכער באַגעגנט זיך דאָס ערשטע מאָל פנים אל

פנים מיטן מלאך־המות. מיין לייב־שומר קאַליצקי הויבט זיך אָן צו צלמן... און איך בין זייער דאַנקבאַר דעם גורל , וואָס איך קאָן אויף אויס־ווייניק אַזאַ וווּנדערבאַרן קאַפּיטל תהילים ווי „יושב בסתר", איך וואָלט געקענט שווערן, אַז דער יונגערמאַן אין רוסישן אָפיצירישן אוניפאָרם שעפּטשעט אפילו: „לא תירא מפחד לילה מחץ יעוף יומם"...

XIII.

גערּאַטעוועטע ספרי־תּורות

— סטאָי! (שטיי!) — האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט אַ געשריי און אַנטקעגן אונדזער אייגענעם וועגעלע, וואָס האָט זיך נאָך געהאָצקעט אויף די רעלסן, זענען הינטער געדיכטע סאָסנאָווע קוסטעס אַרויסגעשפּרונגען סאָלדאַטן מיט ביקסן.

און עס איז טאַקע געווען די ריכטיקע צייט זיך אָפּצושטעלן: די רעלסן זענען שוין ווייטער געלעגן צעדרייטע, ווי שלאַנגען; אויף ביידע זייטן פון וועג זענען געפאַלן שווערע גראַנאַטן, וועלכע האָבן געפּלאַצט מיט אַ גרויסן קנאַק און אויפגעהויבן הויך אין דער לופטן אַ שוואַרצן פאָנטאַן מיט ערד און שטויב. דאָס זענען געווען די דייטשע אַרטילעריע־קוילן, וועלכע די רוסישע סאָלדאַטן האָבן וויציק אַ נאָמען געגעבן „טשעמאָדאַנעס" (וואַליזעס), צוליב זייער אומגעוועלנלעכער גרויס.

ווען איך שרייב „אומגעוועלנלעכער", שמייכל איך צו זיך אַליין: אין פאַרגלייך מיט די היינטיקע זעקס־טאָניקע „בלאָק־באָסטערס" האָט דער דאַמאָלסטיקער דייטשער „נייער וואָפן" אויסגעזען, ווי אַ קינדער־שפּיל־צייג. פונדעסטוועגן וואָלט איך מיינע גוטע פריינט נישט געווונטשן, זיי זאָלן אַריינפאַלן אין מיטן פון אַ באָמבאַרדירונג מיט „טשעמאָדאַנעס".

מיר זענען שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון דער „דרעזינע" גלייך אין אַ גרוב, וואָס איז געווען דער אָנפאַנג פון די אָקאָפּעס (טראַנשעען), וועלכע האָבן זיך געשלענגלט מיילנווייז אין די וועלדער אַרום די אָזערעס. דורך די ביימער לינקס דערזע איך פּלוצלינג די זילבערנע וואַסערן פון אַ גרויסער אָזערע, טאַקע איינע פון די באַרימטע „מאַזורער אָזערעס".

וועלכע זענען געוואָרן דער קבר פאַר צענדליקער טויזנטער סאָלדאַטן פון דער אומגליקלעכער סאַמסאָנאָווס אַרמיי, וועו זי איז דאָ אַרײַנגענאַרט געוואָרן דורך דער הינדענבורג־לודענדאָרף־סטראַטעגיע.

נאָר איידער מען לאָזט אונדז גיין ווייטער אין „אָקאָפעס", מוז איך זאָגן דעם „פּראָפּוסק", ד. ה. דאָס וואָרט, וואָס דינט פאַר א סימן, אַז מיר זענען אייגענע מענטשן. יעדן טאָג ווערט דער „פּראָפּוסק" געביטן. און היינט אין דער פרי האָט מיר אים מיטגעטיילט אויפן אויער דער קאָמענדאַנט פון דער סטאַנציע גראַיעווע, איידער מיר זענען אריבער די גרענעץ. גראַד איז דאָס מאָל דער סימן געווען „הייליקער סעראַפים". דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי האָט זייער געהאַלטן פון אָט דעם „הייליקן". שטעלט אייך פאָר אַ „נס": ווען מ׳האָט סעראַפימס קערפּער אויסגעגראָבן, דוכט זיך אין 1903־טן יאָר, האָט דער מת אויסגעזען „פריש און גאַנץ"; אפילו די ווייסע באָרד פון „הייליקן" איז נישט געווען גערירט; אויפן פּנים האָט געשיינט אַ שמייכל — און דאָס איז געווען נאָך אַ פאָר הונדערט יאָר אָפּליגן אין דער ערד! מען האָט סעראַפימען „געהייליקט"; מען האָט אויסגעבויט אַ מאָנאַסטיר ארום זיין קבר; פּעטע מאָנאַכן האָבן באַגעגנט דעם צאַר מיט דער צאַריצע, וועלכע זענען געקומען מתפּלל זיין אין אָנבליק פון „דעם ניט באַרירטן דורכן טויט הייליקן קערפּער פון סעראַפים".

נאָך מער: אין אַ יאָר אַרום, נאָך דער תּפילה ביים קערפּער פון סעראַפים אין סאַראָווער מאָנאַסטיר, האָט די צאַריצע ענדלעך געבוירן דעם יורש־עצר אלעקסיי, נאָכדעם ווי זי האָט זיך אָפּגעמאַטערט יאָרן לאַנג, פּראָדוצירנדיק סאַמע טעכטער. די „ביינער" ארום „הייליקן" סעראַפים האָבן געבליט אין סאַראָוו. ווי נאָר אַ הויקער, אַ שלאָק, אַ חולאת — האָט מען זיך געשלעפּט צום „נישט־באַרירטן קערפּער" און געטרונקען „הייליקע" וואַסער אין זיין שאָטן — ביז עס איז געקומען אַ רעוואָלוציע אויף רוסלאַנד. די „חוצפּהדיקע" הענט האָבן זיך אַ נעם געטון צווישן אַנדערע אויך צו די „וואונדער־מתים, וועלכע ווערן נישט פאַרפוילט".

אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן צו זען דעם „העפּי ענד" פון דער „סעראַפים־געשיכטע". שוין אין יאָר 1936 האָב איך באַזוכט דעם אַנטי־רעליגיעזן מוזיי אין מאָסקווע און דאָרט אין אַ צימער זיך באַגעגנט פּנים־

אל־פּנים מיטן „הייליקן" סעראַפּים. ער האָט אָבער נעבעך זייער קלאָ־געדיק אויסגעזען: די ווייסע, שיינע באָרד איז געווען אָפּגעקלעפּט און געלעגן אין דעם גלעזערנעם קאַסטן מיט אַן אויפשריפט: „אָט די „פּאַק־ליעס" האָבן שאַרלאַטאַנעם צוגעקלעפּט צו אַ טויטן פּנים און דערציילט, אַז דאָס וואַקסט נאָך כּלומרשט אַ באָרד". נעבן בויך פון הייליקן איז גע־לעגן אַ באַרג הילצערנע „דזשעגעכץ" מיט אַ דערקלערונג, אַז דאָס האָבן שאַרלאַטאַנעם אָנגעפּילט די בגדים פון „הייליקן", כּדי מען זאָל מיינען, אַז אונטער זיי איז פאַראַן אַ קערפּער. עס זענען אויך געלעגן דאָרט די אויסגעשניצטע פּלעקענער, אויף וועלכע מען האָט אָנגעטון אַמאָל די הויזן פון דער „ליאַלקע"...

און ועל כּולם איז אויף דער גלעזערנער טרומנע פון סעראַפּימען גע־ווען אָנגעקלעפּט אַ חשבון אויף הונדערטער פלעשלעך בראָנפן, וועלכע אַ וויין־פירמע האָט צוגעשטעלט די מאָנאַכן פון סאַראָווער מאָנאַסטיר נאָך אַ „הוליאַנקע"; די מאָנאַכן — ווייזט אויס — האָבן זייער דורשט געלאָשן נישט נאָר מיטן „הייליקן" וואַסער...

ווי די מעשה זאָל נישט זיין, האָב איך אָבער דאַן, בעת דער אינוואַ־זיע אין מזרח־פּרייסן אין 1914־טן יאָר נישט געוואוסט, וואָס מען וועט מיר ווייזן אין מאָסקווע מיט 22 יאָר שפּעטער. דעריבער, ווען איך האָב דערמאָנט דאָס פּראָפּוסק־וואָרט „הייליקער סעראַפּים", האָבן די וואַך־סאָלדאַטן אריינגעלאָזן אין די אָקאָפּעס.

דער זייגער איז שוין געווען דריי נאָכמיטאָג און איך האָב אַ באַפעל געהאַט אָפּצוגעבן מיין פעקל מיט די געאָגראַפישע מאַפּעס אין שטאַב פון פערטן קאָרפּוס נישט שפּעטער ווי מיטיק־צייט. וואָס טוט מען דאָ? מעגלעך, אַז די מאַפּעס זענען נויטיק פאַר אַן אָפענסיווע, און איך ריר זיך אַזוי פּאַמעלעך...

צוזאַמען מיט מיין באַגלייטער — דער יעפרייטער קאַליצקי — דערשלעפּן מיר זיך אין אָקאָפּ, קריכנדיק אויף די קני, כּדי נישט ארויס־צושטעקן די קעפּ, ביז מיר דערשלאָגן זיך צו אַ קאַפּיטאַן, וועלכער איז דער קאָמענדאַנט פון דעם סעקטאָר. „איר ווילט וויסן, ווו איז דאָס דערפל ווענדיגען מיטן שטאַב פון פערטן קאָרפּוס? אָט קוקט, אויב איר וועט עפּעס זען!" ער לייגט צו צו מיינע אויגן זיין פעלד לאָרנעטע, הייסט

מיך אַרויסשטעקן מיין קאָפּ פון גרוב און ווייזט מיטן פינגער ערגעץ אין אַ ריכטונג צווישן די קוסטעס. איך דריי די גלעזער אַהין און אַהער און זע גאָרנישט, אויסער עפּעס אַ צעבראָכענעם אויוון, די איבערבלייבעניש פון אַ דאָרפס־הייזל. איך זאָג דאָס דעם קאַפּיטאַן און ער ברומט: „יאָ, יונגערמאַן! דאָס איז אַלץ, וואָס עס איז געבליבן פון דעם וועגדיגען און פון שטאַב דאָרטן. קומט אָבער מיט מיר, וועל איך פאַר אייך אפשר געפינען איינעם פון די שטאַב־אָפיצירן, וועלכן איר וועט איבערגעבן אייער פּאַקעט."

צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַן און קאַליצקין קריכן מיר אַרויס פון די אָקאָפּעס און לאָזן זיך לויפן אין דער ריכטונג צו דער גרויסער אָזערע, וועלכע דער קאַפּיטאַן רופט די גאַנצע צייט מיט אַ גאַליגן הומאָר: „דער לייב־גוואַרדיע קייזערלעכער בית עולם". מיר ווערט גאָרנישט פרייִלעכער פון אַזאַ נאָמען, אָבער צום גליק ווערט פינצטערער און די קאַנאָנאַדע פון דער דייטשער זייט ווערט אַלץ שוואַכער. מיר לויפן אָפּ אַ פּאָר צענדליק שריט און פאַלן אויפן בויך, ווען אין דער לופט רייסט זיך דורך דער שוין באַקאַנטער שווערער פּייף פון אַ פאַרשפּעטיקטער באָמבע. זי פּלאַצט ערגעץ נישט ווייט און מיר שפּרינגען ווייטער.

אין די ביימלעך, נעבן וואַסער, באַהאַלט זיך אַ נידעריקביידל מיט סכך באַדעקט, ווו מען לאָזט אונדז אריין נאָכדעם ווי דער קאַפּיטאַן זאָגט זיין סימן.

עטלעכע עלעקטרישע האַנט־לעמפּלעך צינדן זיך אָן און ווערן באַלד פאַרלאָשן; דאָס ביידל איז פול מיט אָפיצירן; דאָ איז דער פעלד־שטאַב פון צוויי צונויפגעגאָסענע קאָרפּוסן. פון דער פינצטערניש טיילט זיך אויס אַ געוויקסיקער שאָטן, באַלייכט מיך לאַנג גענוג מיט זיין עלעקטריש לעמפּל און גיט אַ זאָג באַפעלעריש: „איך בין פּולקאָווניק דאַווידאָס, שטאַב־שעף פון פערטן קאָרפּוס. ראַפּאָרטירט!" איך ראַפּאָרטיר, זאָגנדיק קורץ, ווער עס האָט מיך געשיקט און וואָס איך האָב געבראַכט.

דער פּולקאָווניק נעמט צו מיין פּאַקעט, דריקט מיר די האַנט און גיט אַ זאָג, אַזוי ווי פאַרבייגייענדיק:

— איר האָט דאָס זייער פיין געמאַכט, און וואָס זענט איר דען שולדיק, אַז די געאָגראַפישע מאַפּעס זענען אָנגעקומען שוין צו־שפּעט...

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די אַרמיי טרעט שוין ווידער צוריק... אַ שאַרפער פאַרלאַנג האָט מיך דעמאָלט באַהערשט: וואָס גיכער זיך אַרויסצובאַקומען פון דאָזיקן „לייב גוואַרדיע קייזערלעכן בית־עולם" אין די מאַזורער אָזערעס.

מיין מיסיע איז דאָך שוין געענדיקט, וועט מיר דער פּאָלקאָווניק דערמעגלעכן דאָס אומקערן זיך באַלד קיין ליק, וווּ איך וועל איבער־נעכטיקן.

אָבער דער פּאָלקאָווניק זאָגט, אַז דאָס איז איצט אוממעגלעך, אַז נאָר פאַרטאָג וועט מען מיך קיין ליק אַוועקפירן. דערווייל זאָל איך זיך מאַכן באַקוועם און זיך לייגן שלאָפן, אָט טאַקע דאָ אויף דער נאַסער פּאָדלאָגע מיטן שינעל אונטערן קאָפּ. איך בין טויט־מיד נאָך פון אַ נישט־געשלאָפענער פאָריקער נאַכט און איך פיל, אַז אָט־אָט וועל איך אַנטשלאָפן ווערן שטייענדיק.

דער קאַפּיטאַן גייט צוריק צו זיין פאָדערשטער פּאָזיציע, אַ יונגער אָפיציר מאַכט פאַר מיר אַ שטיקל פּלאַץ אין ווינקל אויף דער פּאָדלאָגע, גיט מיר אַ זופּ טון אַ שמעקעדיקן ראָם פון זיין פלעשל און שוין אין אייניקע מינוטן אַרום שלאָף איך איין מיט אַ שטיינערנעם שלאָף פון געזונטער, פאַרמאַטערטער יוגנט.

עס איז נאָך שטאָק־פינצטער, ווען מען וועקט מיך אויף און צוזאַמען מיט מיין יעפרייטאָר קאַליצקין זעצן מיר זיך אין אַ מיליטערישן צוויי־רעדערדיקן וועגעלע, דער „דזשיפּ" פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און דורך האַלב־פאַרפרוירענע אומוועגן דערטרייסלען מיר זיך שוין פאַרטאָג ביז דער אָקופּירטער פּרייסישער שטאָט ליק, וועלכע איך האָב נעכטן נאָך אָנגעקוקט נאָר פון דערווייטנס.

ווען מיר זענען אַריינגעפאָרן אין ליק, בין איך ווידער אַמאָל אי־בערראַשט געוואָרן פון דער פּוסטקייט אויף דער „פּרינצעסין מאַריע־לואיזע שטראַסע", די הויפּט־גאַס פון דער לעבעדיקער און דורך פאַר־מלחמה־דיקער קאָנטראַבאַנדע רייכער גרענעץ־שטאָט. פון צייט צו צייט פלעגט אַ קאָזאַק דורכרייטן אויף זיין פערד, וואָס האָט הילכיק אָפּגעקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס אויפן גלאַטן שטיינערנעם ברוק. איך מעלדע זיך צום עוואַקואַציע־פּונקט, וועלכער געפינט זיך אין דער געביידע פון דער ליקער

הויכשול. אויף די ברייטע מאַרמאָר־טרעפּ, וועלכע פירן צום צווייטן שטאָק, ליגן אָנגעוואָרפן צעריסענע ביכער פון דער שול־ביבליאָטעק און אַ צעבראָכענע אין גלאָז־איינגעפּאַסטע ווערטפולע קאָלעקציע פון פאַר־ביקע שמעטערלינגען. עס רייסט פּשוט דאָס האַרץ צו זען, ווי אַזעלכע קולטור־זאַמלונגען ווערן פּשוט צעטרעטן מיט שמוציקע שטיוול פון אָפיצירן און סאָלדאַטן, וועלכע באַוועגן זיך אַרויף און אַראָפּ אויף די טרעפּ. דער אָפיציר פון עוואַקואַציע־פּונקט, דערוויסנדיק זיך, אַז איך אַרבעט מיטן פּאָלקאָווניק דאָוגאַל אין ביאַליסטאָקער פּונקט, דערפרייט זיך אָפּצוגעמען אַ גרוס פון זיין אַלטן שעף. ער וויל מיך, ווייזט אויס, מהנה זיין און פרעגט: „וואָלט איר געוואָלט עפּעס קויפן אין די געשעפטן פון ליק?״ איך קוק אים אָן פאַרוואונדערט: „זענען דען פאַראַן אָפענע קראָמען דאָ? איך האָב דאָך דאָ ביז איצט גאָר קיין ציווילע מענטשן נישט באַגעגנט...״

דער אָפיציר לאַכט זיך פונאַנדער: „מיר רופן דאָס „קויפן״ פון איידלקייט וועגן. אין דער אמתן נעמט מען פּשוט, וואָס מען געפינט. אָט וועל איך מיט אייך אַביסל שפּעטער מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט, וועט איר זען אינטערעסאַנטע זאַכן.״

איך וואַרט געדולדיק, ביז מיין אָפיציר וועט ענדיקן זיין דינסט. נאָכהער זע איך, ווי ער מאַכט מאָדנע פּאָרבאַרייטונגען. ער פאַראָרדנט זיין „דיענשטשיק״ (סאָלדאַט־דינער), ער זאָל ברענגען צוויי שמאָלע שטאַרקע האַבער־זעק. איין זאַק באַקומט מיין יעפרייטער קאַליצקי, דעם אַנדערן — זיין אייגענער סאָלדאַט, און מיר לאָזן זיך אַרויס אויף דעם וווּנדער־באַרסטן אויספלוג, וואָס איך האָב ווען עס איז געמאַכט אין לעבן.

אויפן הויפּט פּלאַץ פון ליק, וווּ עס שטייט דער מאַרמאָרנער דענק־מאָל מיט די נעמען פון די דייטשע סאָלדאַטן, וועלכע זענען געפאַלן אין דער מלחמה פון 1870טן יאָר, פאַרהאַלטן מיר זיך נעבן אַ גרויס געשעפט פון פּאָרצעלאַן, אויף וועלכן עס הענגט אַ שילד: „וואָרען הויז געברידער לעווי״. אַ היימישער נאָמען. אַ יידיש געשעפט. פון וועלכן עס זענען אַנטלאָפן די אייגנטימער. די פראָנט־טירן זענען פאַרשלאָגן מיט ברעטער. מיין באַגלייטער פירט מיך אָבער אַריין דורך דער הינטער־טיר. מיר גייען אַריין אין אַ האַלב־טונקעלן געשעפט, אין וועלכן עס זענען נאָך

געבליבן אַ סך לאָמפּן, טעלערס און אַנדערע כּלים. מערסטנטיילס צע־בראָכענע. עס קלעמט מיך ביים האַרצן: דאָס איז דאָך אַ פּאָגראָם, פרעמד האָב און גוטס, און איך בין דאָ געקומען מיט אַ זאַק „קויפן" אויפן עכט־רוסישן שטייגער... די גאַנצע סיטואַציע קוקט מיר אויס האַלב־ווילד און האַלב־קאָמיש. איך ווענד זיך צום לייטענאַנט, וועלכער גייט מיט מיר מיט און אין אַ זייער פּאַרזיכטיקער פאָרעם, כּדי אים נישט צו באַליידיקן, זאָג איך: „דעם אמת רעדנדיק, בין איך גאָרנישט פאַראינטערעסירט מיט־צונעמען מיט זיך וואָס פאַר עס איז סחורות פון ליק. ווו וועל איך זיי שלעפּן, אַז איך ווייס גאָרנישט, ווי אַזוי וועל איך פאָרן צוריק קיין ביאַליסטאָק, און צי עס וועט זיין געווג פּלאַץ?..."

דער אָפיציר קוקט מיך אַביסל אָן און ענטפערט: „אָ, איך פאַר־שטיי די ליבעראַלע סטודענטישע איינרעדענישן וועגן זיין קאָרעקט צום שונא, זיך האַלטן שטרענג ביי די מלחמה־געזעצן. איך האָב אַליין פון אָנפאַנג זיך געוואַקלט עפּעס צו נעמען. און אויך אַנדערע. שפּעטער אָבער ווערט מען געוווינט, סיי ווי וועט אַלץ אַוועק מיטן פייער, פאַרוואָס זאָל אַ מענטש קיין הנאה נישט האָבן?"

„ניין, ניין — זאָג איך — איך בין דאָ צו קורץ, כּדי זיך שוין צוגע־וווינען; לאָמיר באַטראַכטן אונדזער שפּאַציר איבער ליק, ווי אַ טוריסטישע אונטערנעמונג."

מיין באַגלייטער איז ענדלעך מסכּים מיט אַ שמייכל פון מיטגעפיל צו זיין נאַאיוון חבר. די ביר־הייזער זענען אָפן, מיט אויפגעבראָכענע טירן, אָבער קיינער פאַרקויפט דאָרט גאָרנישט; אַ פוסטער בופעט מיט צע־דרייטע קראַנען, מיט אַ ביסל איבערגעבליבענע אַש־בעכערס. און אָט איז די רואינירטע פּראָטעסטאַנטישע קירכע מיטן גרויסן קופּערנעם גלאָק, וואָס ליגט האַלב צעבראָכן צווישן איינגעפאַלענע ווענט. דאָס האָבן די רוסן צעשאָסן דעם קירכע־טורעם מיט האַרמאַטן, ווען די דייטשן האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַן אָבסערוואַציע־פּונקט: „עס איז איינע אַלטע געשיכטע"...

און אָט דערנענטערן מיר זיך מיט צוויי בלאָקן וווייטער צו אַן איינ־שטאָקיקער געביידע, אַרומגערינגלט מיט האַלב־פאַרשנייטע ביימער. דאָס איז די באַפּטיסטישע קירכע פון ליק. אַ באַגלייטונג פון צאַרישע קאָזאַקן

האָט דאָס פאַרוואַנדלט אין אַ פערד־שטאַל. אינעווייניק אויף אייזערנע אויוועלעך קאָכט מען געשמאַקן באָרשטש, וועלכער גיט צו אַ באַזונדער רוסישן ריח דער דאָזיקער עכט־פּריסישער שטאָט.

מיר גייען פאַרבײַ אַ פּאַלאַצל, וווּ עס איז געווען אַמאָל די מאַסאָ־נישע לאָזשע פאַר די ליקער פרײַדענקער. אינעווייניק איז פון גאַנצן מעבל געבליבן אַ שווערע שוואַרצע שאַפע מיט אָקסענע קעפּ און אויף דער מזרח־וואַנט, וווּ עס הענגען נאָך צעריסענע איבערבלייבענישן פון רויטן פּלוש, איז צוגעקלאַפּט אַ מענטשלעכער „טשערעפּ" (טויטן־קאָפּ), — ווײַזט אויס אַ סימבאָל פאַר די דאָזיקע מאַסאָנען. אַזוי ווי אויפן מלחמה־פּלאַץ פעלן נישט קיין טויטע, האָט זיך קיינער נישט „מרחם" געווען אויפן „טשערעפּ", וועלכער קוקט אויף אונדז מיט זײַנע צעלע־כערטע אויגן. אויפן הויף פון דער „לאָזשע" זיצן סאָלדאַטן אויף צעבראָ־כענע סאַמעטענע סאָפעס און וואַרעמען זיך אַרום אַ פײַער, אין וועלכן זיי וואַרפן אַרײַן גראָבע ביכער. איך הייב אויף איינעם פון זיי: דאָס איז די ענציקלאָפּעדיע פון בראָקהויזען אין לוקסוס־אויסגאַבע...

מיר שפּאַצירן ווײַטער. מײַן לייטענאַנט פירט מיך אפילו אַרײַן ווײַזן די טורמע, אַ מאָדערנע געפענגעניש מיט דינענקע גראַטעס פאַר די געשפּרעכן צווישן אַרעסטאַנטן און באַזוכער. אָבער אויך אַלע אַרעס־טאַנטן האָבן די דײַטשן אײַליק אַרויסגעפירט, ווען מען האָט צום ערשטן מאָל עוואַקואירט מזרח־פּרײַסן. און טאַקע נישט ווײַט פון דער דאָזיקער טורמע דערזע איך פאַר זיך פּלוצלינג אַן אײַזערנעם מגן־דוד אויפן שפּיץ פון אַ מויערל פון רויטע ציגל, אַ קליינע ליכטיקע געביידע, אָן יעדן סימן פון צעשטערונג. מײַן האַרץ הייבט מיר אָן קלאַפּן שטאַרקער: שוין זשע בין איך נעבן דער ליקער סינאַגאָגע? „קומט אַרײַן, אינווייניק, לייטענאַנט — זאָג איך צו מײַן באַגלייטער — אפשר וועלן מיר דאָ עפּעס „קויפן".

איך האָב ביז איצט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו דערציילן דעם לייטענאַנט, אַז איך בין אַ ייד. ער אַליין האָט מיר שפּעטער געזאָגט, אַז לויט מײַן אויסזען האָט ער געהאַלטן, אַז איך בין אַ קאַווקאַזער, אַ גרוזין. קיין יידן אין אָפיצערסקע מונדירן, אויסער דאָקטוירים, האָט ער דערווײַל נישט באַגעגנט. ווען מיר זענען אַריבערגעטרעטן די שוועל פון

דער קליינער, אָבער אַזוי עסטעטיש־אויסגעפּוצטער סינאַגאָגע, ווען איך האָב מיט באַוואונדערונג דערזען, אַז זי איז אַבסאָלוט נישט אָנגערירט דורך דעם מלחמה געוויטער, וועלכער בושעוועט אַרום, האָט מיך אַ וואַרעם געפיל פון באַקאַנטער קרובהשאַפט אַרומגעכאַפּט. איך בין צוגעגאַנגען צום אָרון־קודש, אויף וועלכן עס איז געהאָנגען אַ ווייסער אַטלאַסענער פּרוכת, מיט אויפשריפטן פון יום כיפור: אַ סימן, אַז דאָס לעצטע מאָל האָט מען דאָ געדאַוונט ימים־נוראים. שפּעטער אָבער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג איז אַנטלאָפן פון ליק אין טאָג פון שמיני־עצרת און דער פּרוכת איז געבליבן הענגען נאָך „תפילת גשם״. אויפן עמוד ליגט אַ גרויסער פּאַרמעטענער סידור, אַ טלית איז אויף אים אָנגעוואָרפן. איך ציִ אָפּ דעם פּרוכת: דריי ספרי תורות שטייען און וואַרטן. אויף וועמען? ציִ אפשר אויף יענע קאָזאַקן, וועלכע האָבן נאָר וואָס געמאַכט אַ פייער פון דער מאַסאָנישער ביבליאָטעק? איך דערצידיר מיך שנעל. „לייטענאַנט — ווענד איך זיך צו מיין באַגלייטער — לאָמיר טון אַ גוטע זאַך פון גאָטס וועגן, דערלויבט מיר די דאָזיקע הייליקע ספרים מיטנעמען קיין ביאַליסטאָק, ווו איך וועל זיי אָפּגעבן דעם רב. די שטאָט ווערט דאָך אַלץ מער צעשטערט; פאַרוואָס זאָלן מיר וואַרטן, ביז אימיצער וועט שענדן דעם תנ״ך, וועלכער איז דאָך הייליק פאַר אונדז אַלעמען?״

דער לייטענאַנט, ווי עס טרעפט מיט אַ רוסישן מענטש, ווען עפּעס רירט אָן זיינע פאַרבאָרגענע סענטימענטן, האָט גלייך און גערן מסכים געווען. איך האָב אַרויסגענומען די ספרים. קאַליצקי און דער צווייטער סאָלדאַט האָבן געבראַכט די זעק, ליידער אָבער האָט מען מער ווי איין ספר אין אַ זאַק נישט געקענט טראָגן, עס איז געווען צו־שווער. איך האָב דעריבער נישט געוואָלט צופיל אָנציִען די סטרונע. פאַרט גויים! האָב איך דעם דריטן ספר, דעם סאַמע שווערסטן, אַריינגעשטעלט צוריק אין אָרון־קודש, פילנדיק דערביי, אַזוי ווי איך וואָלט עפּעס באַוווּסטזיניק באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, איבערלאָזן אַ לעבעדיקע באַשעפעניש אין אַ שטוב, וועלכע איז פון פייער אַרומגענומען. אין אייניקע מינוטן אַרום שפּרייזן איבער דער לאַנגער „פּרינצעסין מאַריע לואיזע שטראַסע״ צוויי אָפיצירן און הינטער זיי צוויי סאָלדאַטן מיט שווערע זעק אויף די פּלייצעס. פון צייט צו צייט באַגעגענען מיר אַ רוסישן מיליטערמאַן, און יענער איז

אונדז מקנא: עס האָט זיך אונדז מסתמא איינגעגעבן צו „קויפֿן" די ריכטיקע מציאה... און איך אָבער פֿיל דאָס מאָל, ווי קיינמאָל נישט, די באַדייטונג פֿון די ווערטער, מיט וועלכע מען פֿלעגט מיך פֿאַרוויגן: „תורה איז די בעסטע סחורה..." אַ שאָד נאָר דעם דריטן יתומל, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט הינטער זיך.

און אַזוי בין איך נאָך אַ שווערן מעת־לעת פֿון וואַנדערונגען דער־פֿאָרן ביז ביאַליסטאָק. די ספֿרי־תורות אין די זעק האָב איך געבראַכט דירעקט מיטן „איזוואָשטשיק" פֿון וואָקזאַל צום ביאַליסטאָקער רבֿ, ר' חיים־הערץ האַלפּערן. תּחילת האָט דאָס אַרויסגערופֿן אַ סענסאַציע, ווען מיר זענען צוגעפֿאָרן צום הילצערנעם בית־דין שטיבל אויפֿן „שול־הויף" און פֿאַרסאַפּעט געשלעפּט די זעק. דאָס איז געווען די שווערסטע און אָנגעלייגטסטע „הגבה", מיט וועלכער מען האָט ווען עס איז מכבד געווען.

ר' חיים־הערץ, וועלכער האָט זייער גוט געקענט מיין פֿאָטער און אונדזער פֿאַמיליע, איז בדרך כּלל נישט געווען קיין צו סענטימענטאַלער מענטש. אָבער ווען איך האָב פֿאַרזיכטיק אויסגעלייגט די ספֿרים אויפֿן גרויסן טיש אין בית־דין שטיבל און דערביי דערציילט די געשיכטע פֿון די געראַטעוועטע הייליקייטן, האָב איך באַמערקט, אַז זיין אויבערשטע רויטלעך־צעשפּאַלטענע ליפּ הויבט זיך אָן צו טרייסלען, אַז איבער דעם צעקנייטשטן פּנים און ווייסער באָרד קייקלען זיך טרערן...

„איך נעם זיי אָן די „הייליקייטן" פֿון דער ליקער קהילה אַלס אַ צייטווייליקן פּקדון. ווען דער אויבערשטער וועט ווידער ברענגען אונ־דזערע פֿאַריאָגטע ברידער צוריק אין זייער שול, וועלן מיר זיי אומקערן מיט שמחה זייער אייגנטום... און דיך, מיין זון, וועט גאָט שטענדיק פֿירן אין גלייכן וועג דורך זיינע שליחים, וועלכע זענען אָפּטמאָל פֿאַרשטעלט פֿאַר נישט קיין יידן..."

דער פֿולקאָווניק דאָוגאַל איז געווען זייער שטאָלץ, וואָס איך האָב מיין שליחות אויסגעפֿירט ראיעל און מיט מוט. מיט עטלעכע טעג שפּע־טער איז פֿאָרגעקומען די גרויסע קאַטאַסטראָפֿע מיט דער צוועלפֿטער אַרמיי אין די אָזערעס אַרום ליק און אין די געדיכטע וועלדער אַרום אוגוסטאָוו. די דייטשן האָבן זיי ווידער אַריינגעטאַרט אין אַ פּאַסטקע,

און נאָר ווייניק האָבן זיך געראַטעוועט הינטער די שוץ־ווענט פון דער אַסאָוועצער פעסטונג, וועלכע האָט זיך נאָכדעם געהאַלטן, ווי דורך אַ נס, גאַנצע ניין מאָנאַטן.

מיט דריי חדשים שפּעטער איז צו אונדז אויפן עוואַקואַציע פּונקט אָנגעקומען דאָס ביכעלע מיט „פּריקאַזן" (פאַראָרדענונגען) פון הויפּט־קאָמאַנדיר פון מערבדיקן פראָנט. צווישן טויזנטער אָפיצירן, וועלכע האָבן דאָרט באַקומען מעדאַלן, איז אויך געווען אַ שורה געווידמעט צו מיר:

„דעם זוואַריאַד־פּראַפּאָרשטשיק יעפים (חיים) אַבראַמאָוויטש שאַש־קעס, פאַר אויסערגעוועגלעכע פּאַרדינסטן אויפן מלחמה־פראָנט און מוטיקן פאַרהאַלטן זיך אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס: דעם וולאַדימיר־אָרדן פערטן ראַנג מיט שווערדן"...

דאָס איז געווען אַן אויסערגעוועגלעכער סורפּריז פאַר מיר: דער וולאַדימיר־אָרדן האָט איבערגעהיפּערט גאַנצע דריי יינגערע אָפיצירישע אויסצייכענונגען, וועלכע איך האָב גאָרנישט פאַרמאָגט. צווישן אַנדערע פּריווילעגיעס האָט דער דאָזיקער אָרדן מיך געמאַכט פאַר אַ „פּאָטאָמסט־ווענני פּאָטשאָטני גראַזשדאַנין" (ערן־בירגער לדורות). דער פּולקאָווניק דאָווגאַל, וועלכער האָט זיך אויסגעסטאַרעט פאַר מיר די אויסצייכענונג, האָט מיר געוואָלט פאַרשפּאָרן דאָס ביסל צרות, וואָס איך וואָלט אַלס ייד אויסגעשטאַנען נאָך דער מלחמה אין צאַרישן רוסלאַנד.

שפּעטער מיט פיר יאָר, בעת דער פינצטערער הערשאַפט פון דעני־קינען אין אוקראַינע, האָט מיך דער רויט־גאָלדענער וולאַדימיר־קרייץ געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, ווען אונדזער צוג איז אויפן וועג קיין קאַווקאַז באַפאַלן געוואָרן דורך קאָזאַקן.

XIV

אַ קאָ אָלם שרכנטע

אין זומער 1915 האָט די רוסישע אַרמיי געליטן אירע גרעסטע מפּלות פון דער מלחמה. זי האָט געמוזט אָפּגעבן דעם דייטש גאַנץ פּוילן, ליטע, די באַלטישע פּראָווינצן. זי האָט זיך צוריקגעצויגן טיף אין דער אוקראַינע, פאַרלאָזנדיק גאַליציע.

אָבער די שטימונג צווישן דעם קרייז אָפיצירן, וועלכן איך האָב געזען אַרום זיך, איז געווען גאָרנישט קיין שלעכטע. ביז אין מיטן יולי ד. ה. ביז מען האָט זיך געדאַרפט רירן פון אָרט און אָפּטרעטן צום מזרח — האָט מען געטרונקען, געהוליעט, זיך פאַרדרייט אַ קאָפּ מיט פרויען און געשאַפן דעם איינדרוק פון אַ ווילדער סעודה אויף אַ בית עולם. עפּעס האָט מען אַמאָל גערעדט וועגן אַ „געפאַר פאַרן פאָטער־לאַנד", אָבער אין דער אטמאָספער ארום אונדז האָט דאָס געהאַט אַ פּנים פון חוזק און אַז אַן אָפיציר האָט זיך אַמאָל צעשריען, אַז עס פעלט פּאַטריאָטיזם — האָט מען געוווסט, אַז ער איז שיכור...

די „באַרעמהאַרציקע שוועסטערס" מיט די ווייסע שירצן און רויטע צלמים — מערסטנטיילס מיידלעך פון רוסישן אדל און פאַרמעגלעכע פאַמיליעס — זענען ווייט נישט געווען פון יענעם טיפּ העלדישע רוסישע פרויען, וועלכע עס האָבן באַזונגען די גרויסע דיכטער נעקראַסאָוו און טורגעניעוו בעת דעם דעקאַבריסטן־אויפשטאַנד און דער מלחמה מיט טערקיי. דאָס זענען שוין געווען מיידלעך, וועלכע האָבן געהוליעט צוזאַ־מען מיט די אָפיצירן, זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיטן פאַרוווּנדעטן סאָלדאַט. אין ביאַליסטאָקער מיליטערישן שפּיטאָל פאַר ווענערישע קראַנקהייטן

זענען דאָן געווען אַרום פערציק פּראָצענט פון די פּאַציענטן ווענערישע קראַנקע — „שוועסטערס״ פון „רויטן קרייץ״...

אָבער יענער זומער איז אויך געווען דער אָנפאַנג פון אַן אויפלעבונג אין די רוסישע געזעלשאַפטלעך־פּראָגרעסיווע קרייזן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין „דומע״ (פּאַרלאַמענט) דער „פּראָגרעסיווער בלאָק״ צווישן דעם צענטער און לינקע פּאַרטייען.

עס האָט ענערגיש געאַרבעט דער „זעמסקער סאָיוז״ אונטערן ליבעראַלן פירשט לוואָוו. אויפן פראָנט פלעגן אַלץ אָפטער קומען די צוגן פון „זעמסקן פאַרבאַנד״ שוין מיט אַ גאַנץ אַנדערן טיפּ פרויען, דאָקטוירים, און קראַנקן־שוועסטערס. דאָס זענען געווען סטודענטקעס פון די „בעסטוזשעווער״ קורסן, אָדער פון אַנדערע אוניווערסיטעטן. זיי האָבן שוין דאַן נישט אויסגעהאַלטן זייער ראַדיקאַליזם. פרעמד פלעגן זיי אויסקוקן מיט זייערע לעדערנע קורטקעס און באַשיידענער האַלטונג צווישן טומלדיקן עולם נעבן עוואַקואַציע־פּונקט אויפן ביאַליסטאָקער וואָקזאַל, וועלכער איז געווען פול מיט אַ שטימונג פון אומפאַרשטענדלעכער צעלאָזנקייט.

אין מיין זכרון האָט זיך איינגעקריצט אַן אינצידענט פון יענע טעג, וועלכער קאָן דינען פאַר אַ כאַראַקטעריסטישן סימבאָל פון שפּעטערדיקן רעוואָלוציאָנערן שטורעם:

מיר האָבן דערוואַרט דאָס אָנקומען פון פראָנט פון צאַרס קוזין, דעם גרויספירשט קיריל וולאַדימיראָוויטש. דערווייל איז אויף אַ צווייטן פעראָן געשטאַנען דער צוג פון „זעמסקן״ פאַרבאַנד, אויף וועלכן מען האָט אָנגעלאָדן פאַרווונדעטע. אַרום די וואַגאָנעס האָט זיך שנעל און ענערגיש באַוועגט די קאָמאַנדירשע פון צוג, אַלעקסאַנדראַ טאָלסטאָי, די עלטסטע טאָכטער פון גרויסן שרייבער גראַף לעוו טאָלסטאָי. זי האָט געגעבן פאַראָרדענונגען, זיך אויפגערעגט, ווען מען האָט אַ פאַרווונדעטן צופיל געטרייסלט. פון מיטעלן וווקס, גלאַט פאַרקעמט, געקליידט אין שוואַרצן לעדער, האָט פון איר געלויכטן מיט יענער וואַרעמקייט פון רוסישן מענטש, וועלכע עס האָט אַזוי טיף געשילדערט איר געניאַלער פאָטער אין „מלחמה און שלום״. איך האָב אָפט גערעדט מיט איר, ווען איר צוג פלעגט קומען יעדע וואָך אויפנעמען פאַרווונדעטע. עס האָט זיך

מיר געדאכט, אז שמועסנדיק מיט אָט דער אומגעוועלעכער טאָכטער פון גרויסן פּאָלקס־לערער, דערנענטער איך זיך צום קוואַל פון זיינע אמתן. אָבער אָט דערהערט זיך אַ פייף און אויף דער צווייטער זייט פון פּעראָן שטעלט זיך לאנגזאם אָפּ אַ לאָקאָמאָטיוו מיט צוויי בלויע וואַגאָנעס: דאָס איז דער צוג פון זיין „קייזערלעכער האָהייט". פון וואַגאָן גייט אַרויס אַ הויכער געלער גוי, מיט אַ רויט פּנים, מיט געדיכטע בלאָנדע וואָנצעס, געקליידט אין אַ מונדיר פון אַן אַדמיראַל פון פלאָט. דאָס איז קיריל וולאַדימיראָוויטש. מיט אים גייט אַרויס נאָך אַ העכערע, דאַרע און היפּש מיאוסע בלאָנדינקע אין אַ קורץ קליידל מיט געלע שטיוול: זיין ווייב, די דייטשע פּרינצעסין וויקטאָריאַ פעאָדאָראָוונאַ. מיר שטייען אַלע אויסגעצויגן, ווי גולמים און וואַרטן אויפן ערשטן וואָרט פון גרויספירשט, וועלכער נעמט אָפּ דעם ראַפּאָרט פון פּאָלקאָווניק דאָווגאַל, דעם נאַטשאַלניק פון פּונקט.

קיריל האַלט זיך זייער איינפאַך, זאָגט עפּעס אַ וויץ און לאַכט זיך אַליין פונאַנדער מיט אַ באַסאָווער שטימע. אָבער פּלוצלינג באַמערקט ער דעם צוג פון זעמסקן סאָיוז און די „נאַסילקעס" מיט די פאַרווונדעטע.

עטוואָס בייזעס צינדט זיך אָן אין זיינע אויגן. ער גיט אַ פרעג דעם פּאָלקאָווניק: „זאָגט נאָר, ביטע, ווערן אויך פאַרווונדעטע אָפּיצירן געשיקט מיט די דאָזיקע צוגן?" דער פּאָלקאָווניק ענטפערט, אז יאָ. און דער וויקסיקער געלער גוי, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אַ גרויס־פירשט, גיט אַ זאָג גאַנץ הויך, אזוי, אז די גרופּע דאָקטוירים פון צוג, צוזאַמען מיט דער גרעפין טאָלסטאָי, קענען דייטלעך הערן: „די זעמסקע סאַניטאַר־צוגן זענען ווייניק צוגעפּאַסט פאַר אָפיצירן, דאָס זענען גיכער „מוזשיצקע" טעפּלושקעס... איך וואָלט געבעטן אָפּשטעלן דאָס אַנלאָדן אָפּיצירן אין די וואַגאָנעס".

דאָס איז געווען אַ פּאַטש אין פּנים, עפנטלעך געגעבן דער ליבע־ראַלער רוסלאַנד, דעם פירשט לוואָוו אַלס פּרעזידענט פון „זעמסקן" פאַרבאַנד, און מער פאַר אַלץ דער אַזוי איבערגעגעבענער אַלעקסאַנדראַ טאָלסטאָי, וועלכע איז געשטאַנען בלאַס און באַליידיקט פון דער וויטנס צווישן דער גרופּע פון אירע מיטאַרבעטער.

קאַפּיטאַן כאַריטאָנאָוו, וועלכער האָט שוין דאַן אַרויסגעוויזן ראַ־דיקאַלע נייגונגען, האָט צו מיר אַ זאָג געטון: „אימיצער וועט טייער באַצאָלן פאַר אַט דער באַליידיקונג פון רוסישן פאָלק. קוקט נאָר אָן די צוויי פרויען נעבן אונדז: די דייטשע פּרינצעסין וויקטאָריאַ ביים זייט פון איר גרויספירשט און אַלעקסאַנדראַ טאָלסטאָי ביים צוג מיט די פאַרוואונדעטע. עס איז נישט שווער צו טרעפן, ווער וועמען וועט דעם חשבון דערלאַנגען.״

קאַפּיטאַן כאַריטאָנאָוו האָט געטראָפן: מיט קנאַפּע צוויי יאָר שפּע־טער האָט דער פּרעזידענט פון „זעסמסקי סאָיוז״ לוואָוו איבערגענומען די מאַכט אין רוסלאַנד פון די ראָמאַנאָווס און דער זעלבער גרויספירשט קיריל וולאַדימיראָוויטש איז געפאָרן צו די „מוזשיקעס״ אין טאַווּרישן פּאַלאַץ און קאַפּיטולירט דאָרטן מיט זיין גוואַרדיע־פּלאָטן אָפּטיילונג.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, שוין אין אַמעריקע, האָב איך באַ־זוכט ערגעץ אין שטאַט ניו דזשוירזי די פאַרם, וווּ עס וווינט איצט די גרעפין אַלעקסאַנדראַ טאָלסטאָי. די אַלטיטשקע האָט נאָך גוט געדענקט דעם אינצידענט מיטן גרויספירשט. זי האָט אָבער צוגעגעבן צו דעם אַן אינטערעסאַנטע איינצלהייט: „צי געדענקט איר די גרופּע „שוועס־טערס״ און דאָקטוירים, וועלכע זענען מיט מיר געשטאַנען נעבן באַליי־דיקטן „מוזשיצקען״ צוג? צווישן זיי איז געווען אַ שוואַרצער פאַרמאַ־ציסט, אין ברילן, מיט אַ קוטשמע געקרייזלטע האָר. דאָס איז געווען אונדזער אַפּטייקער אוריצקי, דער שפּעטערדיקער אַלמעכטיקער הערשער פון פּעטראָגראַד ביים באָלשעוויסטישן רעזשים. ווער ווייסט, אויב דאָס ווערטל פון גרויספירשט, דאָרט ביים עוואַקואַציע־פּונקט האָט נישט פול געמאַכט דעם בעכער פון גאַל, וועלכן אוריצקי, דער שעף פון טשעקאַ, האָט שפּעטער מיט אַזאַ מוראַדיקער קראַפט אויסגעגאָסן אויף דער אַמאָ־ליקער רוסישער הויפּטשטאָט?...״

* * *

פון יענעם איבערברוך, זומער אין יאָר 1915, זענען מיר אויך גע־בליבן אין זכרון אייניקע קאָמישע פּאַסירונגען, וועלכע האָבן צו טון מיט מיין פּערזענלעכן לעבן.

דער רויטער קרייץ האָט דעמאָלט איינגעאָרדנט אין ביאַליסטאָקער שטאָט־גאָרטן אַ גרויסע פאָלקס־פאַרווײַלונג, אַ „גוליאַניע" מיט מיליטערישע אָרקעסטערס, מיט קאָנפעטי און סערפּענטין, ווי עס איז דעמאָלט די מאָדע געווען. די גרויסע אַטראַקציע אָבער איז געווען אַ לאָטעריע מיט געווינסן, מיט הונדערטער ביליקע אַרטיקלען, מיט בלישטשענדיקע טעלערס, מיט צאַצקעס, וועלכע קיינער דאַרף נישט און אַלע רײַסן זיך צו געווינען זיי, כאָטש שפּעטער וואַרפט מען דאָס אַרויס. אָבער דאָס גרעסטע געווינס, די גרעסטע מתנה פאַר אַ מענטש מיט מזל איז געווען א ק ו, אַ לעבעדיקע, רויטע האָלענדישע קו, וועלכע עס האָט געשענקט דער באַרימטער לעב־יונג און וויצלינג, דער קאַמערהער פון קייזערלעכן הויף, וואַסילי קאַוועלין. די קו, מיטן אויסזען פון דער ביבלישער פּרה־אדומה, איז געבראַכט געוואָרן פון קאַוועלינס „אימעניע", וועלכע האָט זיך געפונען נישט ווײַט פון שטאָט און איז געשטאַנען אין גאָרטן אונטער אַ חופּה, באַלויכטן מיט עלעקטרישע לאָמפּן. אַ באָרוועסער פּויער פון דאָרף האָט געהאַלטן די קו פאַרן שטריקל און פון צײַט צו צײַט געגעבן איר קאַרטאָפל־שאָלעכץ פון אַן עמער. טויזנטער געסט אין גאָרטן האָבן געקויפט די לאָטעריע־נומערן, האָפנדיק צו געווינען דאָס „גרויסע געווינס", קאַוועלינס „פּרה־אדומה". דער פּריץ אַליין איז געשטאַנען מיט אַ זאַק בילעטן און מיטגעהאָלפן דעם האָזאַרד, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעשפּילט אַרום דער לאָטעריע. פּונקט צוועלף אזייגער אין דער נאַכט האָט די מוזיק אָפּגעשפּילט אַ קורצן מאַרש און נאָכהער האָט דער „פּריץ" געצויגן דעם נומער פון „גרויסן געווינס".

„ווער האָט דעם נומער צען?" — שרײַט אויס קאַוועלין.

אַ יונגע ביאַליסטאָקער יידישע טאָכטער, וואָס איז צוזאַמען מיט מיר געקומען אויף דער פאַרווײַלונג, גיט זיך אַ טרייסל, קוקט אַרײַן אין אירע נומערן און דערזעט פּלוצלינג, אַז זי איז דאָס טאַקע די גליקלעכע: זי האָט געוואונען די האָלענדישע קו... דער אָרקעסטער שפּילט ווײַטער שטורמיש; דער קאַמערהער קאַוועלין פירט אַרויף אויף דער לאָטעריע־טריבונע מײַן צעשראָקענע פרײַלין; די ביאַליסטאָקער קונדסים שרײַען „הורא", אַזוי ווי יעדער פון זיי וואָלט אַ קו געוואונען, און נאָכהער שפּילט זיך אָפּ אַ קורצע סצענע: קאַוועלין נעמט אַרויס דאָס שטריקל

פון דער קו, וועלכע האָט גראָד געהאַלטן אין מיטן אָוונטברויט, און גיט דאָס איבער אין די הענט פון מיין באַגלייטערין, זאָגנדיק מיט אַ באַ־האַלטענעם שמייכל: „איך גראַטוליר אייך, געערטע פריילין, די קו איז אייערע, איר קאָנט זי נעמען אַהיים...״

און די מוזיק שפּילט לעבעדיק און די ביאַליסטאָקער יינגלעך שרייען „הוראַ״, אָבער מיין מיידל נעבעך פּילט זיך זייער, זייער נישט באַקוועם מיט דעם שטריקל פון דער לעבעדיקער קו אין האַנט. וואָס וועט זי טון איצט, נאָך האַלבער נאַכט, מיט אַ גרויסער רויטער קו, אַז סך־הכל וווינט דאָס מיידל מיט אירע עלטערן אויפן דריטן שטאָק און די גאַנצע דירה זייערע איז גאָרנישט צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ שיינעם גאַסט?

איך פּרוביר ראַטעווען די לאַגע.

— אייער עקסעלענץ — בעט איך זיך ביים אַלטן ליץ — אפשר איז מעגלעך, אַז דער פויער, וועלכער האָט זיך ביז איצט פאַרנומען מיט דער קו, זאָל דאָס ווייטער טון ביז מאָרגן אין דער פרי. איך וועל אים גאַנץ פיין פאַר דעם באַלוינען...

קאַוועלין אָבער וויל נישט הערן פון קיין פּשרות:

די קו איז נישט מיינע מער, זי געהערט דער געזעצלעכער געווינערין, זאָל זי זי נעמען אין שטוב, אין רעסטאָראַן, זאָל זי גיין מיט איר שפּאַ־צירן אַ גאַנצע נאַכט. עס איז איר הייליק פּריוואַט אייגנטום.

איך האָב זיך געדאַרפט שנעל דעצידירן, ווייל מיין פריילין האָט זיך גאָר נישקשהדיק פונאַנדערגעוויינט און די ביאַליסטאָקער יונגאַטשעס האָבן געהאַט אַ שטאַרקע הנאה פון דער גאַנצער טראַגי־קאָמעדיע.

איך רוף צו עפּעס אַן איינזאַמען זעלנער, רוק אים אַריין אַ קערבל אין יד אַריין און גיב אים איבער דאָס שטריקל פון דער קו, באַפעלנדיק: „פיר אַרויס די בהמה פון גאָרטן: פאַרנעם זיך אויף ליַנקס צו בראַ־ניצקים פּאַלאַץ; מיר וועלן דיר נאָכגיין!״ דער סאָלדאַט האָט מיט צו־פרידנקייט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אי־בער דער ביאַליסטאָקער הויפּט־אַליע פון ביאַליסטאָקער שטאָט־גאָרטן געצויגן אַ פּראָצעסיע: אַ סאָלדאַט האָט געשלעפּט פאַר אַ שטריקל אַן איינגעשפּאַרטע רויטע קו, הינטער אים זענען נאָכגעגאַנגען אַ יונגער אָפיציר מיט אַ פריילין, וועלכע האָט זיך געשעמט אויפצוהייבן די אויגן

צוליבן עולם אַרום, און הינטער אונדז אַ המון פון ביאַליסטאָקער ווייסע חברהניקעס, וועלכע האָבן געשריען און געליאַרעמט און געמאַכט פּראַקטישע פאָרשלאָגן, וואָס מען זאָל טון מיט דער געוווּנענער קו...

עס האָט זיך פונדעסטוועגן אַלץ געענדיקט כשורה: אין בראַניצקיס פּאַלאַץ איז טאַקע געווען אַ שטאָל מיט וועכטערס; פאַר אַ רובל האָט מען דאָרט געלאָזט איבערנעכטיקן דעם קאַמערהערס בהמה. מען האָט מיר אַפילו אויף מאָרגן געגעבן פאַרזוכן אַ טעפּעלע וואַרעמע, נאָר וואָס אויסגעמעלקטע מילך פון „גרויסן געווינס". עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די מילך איז געל און געזאַלצן, און מען קען זי נישט טרינקען, ווייל די קו נעבעך האָט מען פאַרגעסן צו מעלקן די לעצטע פּאָר טעג... נאָך דעם זעלבן טאָג האָט זיך אין דער ביאַליסטאָקער צייטונג באַוויזן פאָלגנדער נאָטיץ: „ווי מיר דערוויסן זיך פון זיכערע קוועלן, האָט פרייל. נאַדיאַ וו. מנדב געווען די געווונענע קו, וועגן וועלכער מיר האָבן נעכטן געענוי געשריבן, צום גונסטן פון „רויטן קרייץ". עס קומט דער חשובער פרייל. אַ האַרציקן דאַנק פאַר אַזאַ פּאַטריאָטישער מתנה"...

* * *

נאָך צוויי מאָנאַטן זענען אַוועק; עס איז געווען אין מיטן פון יולי 1915. מיין עלטערער חבר, קאַפּיטאַן כאַריטאָנאָוו, דערציילט מיר בסוד סודות, אַז עס איז נאָר וואָס געקומען אַ געהיימער „פּריקאַז", אַז אין דריי טעג אַרום דאַרף די גאַנצע רוסישע אַרמיי פאַרלאָזן דעם ביאַסטאָק־גראָדנער געגנט און אַז די עוואַקואַציע הייבט זיך אָן מאָרגן ביי נאַכט. כאָטש איך האָב נאָך פריער געוווּסט, אַז עס האַלט שמאָל אויפן פראָנט, און די דייטשן האָבן זיך ווידער דורכגעריסן אין דער ריכטונג צו וואַרשע, האָט מיך אָבער די ידיעה עטוואָס געטראָפן נישט פּאָרבאַרייט.

מיינע עלטערן און שוועסטער זענען שוין דעמאָלסט געווען אָפּגערייזט קיין באָברויסק, ווייט הינטערן פראָנט, אָבער ערגעץ אין אַ קליין שטעטעלע מילייטשיץ, אין מיטן פון אַ שמעקנדיקן סאָסנע וואַלד, האָט זיך געפונען אויף אַ זומער־וווינונג אָט טאַקע יענע יונגיטשע פרייל. נאַדיאַ וו., וועלכע האָט געוווּנען דאָס „גרויסע געווינס", די רויטע קו.

איר פאָטער, דער חשובער ביאַליסטאָקער באַלעבאָס און וואַלד־סוחר ר׳ מרדכי ווילנער, האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געפּילט — אַזוי האָט ער מיר שפּעטער דערציילט — אַז ער וועט זיך משדך זיין מיט מיין פאַמיליע. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס קום איך צו אים אין שטוב אַריין צוליב זיינע צוויי בילד־שיינע טעכטער, וועלכע מען האָט איינער נאָך דער אַנדערער „אויסגעכאַפּט״, ווען איך בין געווען אין אויסלאַנד. אָבער אַז איך זאָל זיך פּלוצלינג פאַרליבן אין זיין דריטער טאָכטער, וועלכע איז נאָך אַ „קינד״ און טראָגט „קורצע קליידלעך״. דאָס איז אים נישט איינגעפאַלן.

אָבער איך האָב שוין ביי מיר עפּעס באַשלאָסן: פריער פאַר אַלץ האָב איך געדאַרפט דאָס „קינד״ אַרויסראַטעווען פון שטעטעלע מילייטשיץ און פון סאָסנאָווען וואַלד, וועלכע וועלן דאָך אין איניקע טעג אַרום פאַרנומען ווערן דורך די דייטשן. נאָכהער וועט מען שוין זען.

שטייג איך דעריבער אַריין אין צוג, וואָס גייט אין דער ריכטונג קיין בריסק און רעכן אויס, אַז אין צוויי שעה אַרום וועל איך שוין זיין אויף דער סטאַנציע קלעשטשעל, ווו עס וואַרטן שטענדיק די פורן, וועלכע פאָרן די 17 וויאָרסט קיין מילייטשיץ.

אָבער די רייזע האָט געדויערט נישט צוויי שעה, נאָר גאַנצע זעקס. קליין קלעשטשעל זענען מיר געקומען שוין נאָך האַלבער נאַכט, ווען די מילייטשיצער פורן האָבן מער נישט געוואַרט און אָוועקגעפאָרן צוריק.

זענען אויף דער איינזאַמער קליינער סטאַנציע אין מיטן פון דער פינצטערער נאַכט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פּאַסאַזשירן פון אַ צוג, וואָס ווייסן נישט וואָס מיט זיך צו טון. אַלע ווילן פאָרן קיין מילייטשיץ, אָבער נישטאָ מיט וואָס. איניקע יידישע פרויען מיט קליינע קינדער אויף די הענט, אַ פּאָר אַלטיטשקע, וועלכע ווילן פאָרן אין באַרימטן סאָסנע־וואַלד, כדי זיך מחיה זיין אויף דער עלטער. אַלע קרעכצן, קינדער וויינען. וואָס טוט מען דאָ אין דער פינצטערער נאַכט אויף דער דאָזיקער שטילער, פאַרוואָרפענער סטאַנציע?

עפּעס אַ גוי שיילט זיך אויס פון דער פינצטערניש. איך גיי־צו צו אים און פרעג, ווו קען מען דאָ דינגען אַ פערד־און וואָגן. דער גוי האָט אָפּשיי פאַרן מיליטער־מונדיר, וויל העלפן און פירט מיך מיט דעם גרינעם

וועג ערגעץ צו אַ מיל, ווו — ווי דער גוי זאָגט — דער מילנער האָט נאָך אַ פערד, וועלכן מען האָט ביי אים נישט צוגענומען. אין דער טונקל־בלויקייט פון דער נאַכט שאָטנט זיך אויס אַ הויכע געביידע. דאָס איז די מיל, אַ וויאָרסט פון דער סטאַנציע. נאָך ביז איצט ווייס איך נישט, אויב דאָס איז טאַקע די זעלבע מיל, וועלכע פּרץ הירשביין האָט אַזוי צאַרט און מיט ליבע באַשריבן אין זיינע זכרונות וועגן זיין געבורטס־שטעטל; אין יענער נאַכט האָב איך נאָך נישט געוווּסט, אַז קלעשטשעל איז דער געבורטס־פּלאַץ פון מחבר פון דער „נבלה"; אַז אין די שטילע וואַסערן פון טייכל דאָ זענען אויסגעטרוימט געוואָרן זיינע שפּעטערדיקע ווערק; אַז אַט דאָ האָט הירשביין געשפּונען ליכטיקע חלומות אין די פינצטערע נעכט. איך ווייס נאָר, אַז איך דאַרף אַ פור; אַז אָרימע יידישע קינדער און מאַמעס וואַרטן אויף אַ פערד קיין מיליטשיץ. איך הייס דעריבער מיין גוי וועקן דעם מילנער.

פריער באַווייזט זיך עפּעס אַ יונג איינגעווייקט אין מעל. וואָלט איך געווען אַ שרעקעוודיקער, וואָלט איך געמיינט, אַז אַ „מת" איז אַרויס פון דער אַלטער מיל. אָבער דער יונג דערזעט מיין אָפיצירישן מונדיר מיטן שווערד, דערשרעקט ער זיך פאַר מיר... ער הויבט אָן צו רופן אַרויף צום פענצטער: „ר' זכריה! ר' זכריה! אַ פּאַניע איז געקומען נעמען דעם פערד און וואָגן!.." אין פענצטער ווייזט זיך אַ שאָטן: דאָס איז ר' זכריה אַליין. איך שריי אויס אין רוסיש: „שפּאַנט איין דאָס פערד און פירט אונדז קיין מיליטשיץ. עס איז דרינגענד נויטיק, מען וועט אייך פיין באַצאָלן..." צו מיינע ווערטער גיט נאָך צו דער יונג, דער „מת":

„דער „ערל" (דאָס מיינט ער מיך) ווייזט אויס צו זיין אין כעס. איילט זיך, ר' זכריה מיטן איינשפּאַנען!"

נאָכהער פּאַרט אַרויס פון טויער אַ „דראָנגאָווער" וואָגן, אָנגעלייגט מיט שטרוי און עס באַווייזט זיך אַ ייד מיט אַ בייטש; ער קרעכצט און גענעצט.

מיר פאָרן־צו צו דער סטאַנציע און נעמען אַרויף די פרויען מיט די קינדער און די צוויי אַלטיטשקע. עס בלייבט קוים אַ שטיקל פּלאַץ פאַר מיר אַליין. ר' זכריה קוקט זיך אום פון צייט־צו־צייט דערשראָקן אויף מיר, אַזוי ווי ער וואָלט דערוואַרט, אַז איך זאָל אים עפּעס פּלוצלינג

שלעכטס טון... און אַזוי שלעפּן מיר זיך מיט דער פור אַנטקעגן אַ פרימאָרגן, וועלכער ווערט געבאָרן ערגעץ אין אַ רויטן ווינקל אויפן הימל, צינדט זיך אַלץ מער אָן און נעמט דורך מיט יענעם פרישן ווינטל, וואָס זאָגט־אָן, אַז אַ נייער טאָג קומט... די פור פאָרט באַרג־אַרויף, גיי איך אַראָפּ צוזאַמען מיט ר׳ זכריהן, כדי צו מאַכן לייכטער דעם פאַרמאַטערטן פערד. און אַזוי שפּרייזנדיק ביים זייט פון מיין בעל־עגלה, גיב איך אַ זאָג דאָס מאָל אין יידיש: „זאָגט מיר נאָר, ר׳ זכריה, וואָס זענט איר עפּעס אַזוי דערשראָקן? מיר וועלן אייך דאָך פאַר דער „יאַזדע״ באַצאָלן!..״ ווי־נאָר ר׳ זכריה האָט דערהערט מיין יידיש, אַזוי האָט ער זיך באַלד אויסגעטשוכעט, אַ פּאַטש געטון מיט די הענט און כמעט אויסגעשריגן: „אַזוי גאָר, איר זענט אַ ייד, טאָ פאַרוואָס האָט איר מיך אָפּגענאַרט? גוואַלד געשריגן, וואָלט איך געוווסט, אַז איר זענט משלנו, וואָלט איך זיך דען געשלעפּט מיט אייך איצטער אַ גאַנצע נאַכט קיין מילייטשיץ! אַ ייד זאָל אָפּטון אַזאַ עולה!...״ ר׳ זכריה קען זיך גאָרנישט באַרואיקן דעם גאַנצן איבערגעבליבענעם וועג: „פאַר אַ ייד, כאָטש אַן אָפיציר, וואָלט ער דען געשפּאַנט פערד־און וואָגן, וואָס איז ער, אַ פורמאַן?״

עס העלפן נישט מיינע רייד, אַז אָט האָבן דאָ פון דעם גענאָסן די פרויען מיט די קינדער; וואָס וואָלטן זיי דען געטון אַ גאַנצע נאַכט אויף אַ וויסטער סטאַנציע... אָבער ר׳ זכריה קען זיך אַלץ נישט מוחל זיין זיין טעות: „האָסטו געזען, אַ ייד גאָר?״

מיר זענען בשלום אָנגעקומען אין שטעטל אַריין. נאָך מער: דער זעלבער ר׳ זכריה האָט טאַקע צוריק צום באַן געפירט דעם אָפיציר (אַ ייד גאָר!) און מיין יונגיטשקע באַגלייטערין, מיט וועלכער עס איז מיר שפּעטער באַשערט געווען צוזאַמען מיטצומאַכן די שטורמישע רייזע דורכן לעבנס־ים, ביז הונדערט־און צוואַנציק יאָר...

XV.

סאָניע שמדט זיך

ווען איך האָב אין סעפּטעמבער 1944 געלייענט, אַז די סאָוויעטישע אַרמיי האָט אין אַ געוויסן טאָג גענומען דאָס שטעטל גאָניאָנדז און גלייך אויף מאָרגן די פעסטונג אָסאָוועץ, האָב איך אַ קלער געטון: ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אַז מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק זענען די דייטשן אָפּגעשטאַנען ביי דער דאָזיקער קליינער אָסאָוועצער פעסטונג גאַנצע ניין חדשים, — איבערגעלאָזט דאָרט טויזנטער הרוגים? די דייטשן האָבן די פעסטונג גענומען ערשט, ווען עס האָט זיך סוף זומער 1915 איינגע־בראָכן דער גאַנצער רוסישער פראָנט.

אין משך פון דער צייט, ווען אָסאָוועץ איז באָמבאַרדירט געוואָרן פון דער דייטשער שווערער אַרטילעריע, בין איך דאָרט געווען נישט ווייניקער ווי אַ מאָל צען. אַלס פאַרבינדונגס־אָפיציר אין דער רוסישער אַרמיי פון ביאַליסטאָקער עוואַקואַציע־פונקט האָב איך געהאַט פאַרשי־דענע פליכטן, צווישן אַנדערע: באַגלייטן הויכגעשטעלטע באַזוכער, וועלכע פלעגן אַראָפּקומען פון פעטערבורג, אָדער מאָסקווע צום פראָנט. די נאָענטסטע ליניע פון פראָנט צו אונדזער פונקט איז געבליבן אין ראַיאָן פון דער קליינער פעסטונג.

איך דערמאָן זיך אַ רייזע קיין אָסאָוועץ מיט צוויי באַרימטע רוסישע פערזענלעכקייטן: דער פּאָליטיקער אַלעקסאַנדער גוטשקאָוו און דער שרייבער וואַסילי נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ. גוטשקאָוו — דער פירער פון די מעסיקע מאָנאַרכיסטן — אויף וועמענס גורל עס איז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אויסגעפאַלן אָנצונעמען די אָפּדאַנקונג פון טראָן פון לעצטן

רוסישן מאָנאַרך, ניקאָלאַי דעם צווייטן, איז דאַן געווען אַ שטאַרקע און פּאָפּולערע פיגור אין רוסישן לעבן. ער איז לאַנגע יאָרן געווען דער פאָר־זיצער פון דער גאָסודאַרסטווענע דומע (פּאַרלאַמענט), דער פירער פון דער אָקטיאַבריסטן פּאַרטיי און נאָך דער רעוואָלוציע, דער קריגס מיניס־טער אין פירשט לוואָווס קאַבינעט. אויפן פראָנט איז ער געקומען אַלס ספּעציעלער באַפּולמעכטיקטער פון דער אַלטער קייזערין מאַריע אַלעק־סאַנדראָווגע, וועלכע איז געווען דער נאָמינעלער שעף פון „רויטן קרייץ״. צאַר ניקאָלאַי און זיין דייטשע צאַרינע, אַלעקסאַנדראַ, האָט גוטשקאָוון אי פיינט געהאַט, אי געציטערט פאַר אים (דאָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אין זייער קאָרעספּאָנדענץ, אַזוי ווי זיי וואָלטן דאַן שוין געפילט, אַז ער וועט אַמאָל שפּילן אַ פאַטאַלע ראָלע אין זייער לעבן).

מיין צווייטער מיטרייזנדער — נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ — איז געווען דער באַרימטסטער רוסישער מיליטער קאָרעספּאָנדענט. מיר האָבן אַלע נאָך אַלס קינדער געלייענט זיינע ביכער וועגן רוסיש־טערקישן קריג, זיינע באַשרייבונגען וועגן קריג אין כינע, זיינע גלענצנדע רעפּאָרטאַזשן איבער דער יאַפּאַניש־רוסישער מלחמה.

ווען רוסלאַנד פלעגט קיין אייגענע מלחמה נישט פירן, פלעגט דאַנטשענקאָ פאָרן קיין אַפריקע צו די בורן, קיין אינדיע, ווו עס האָבן קיינמאָל קיין בונטן נישט געפעלט... מען קען זאָגן, אַז ער איז געווען דער פריסטער פּראָטאָטיפּ פון היינטיקן מיליטערישן זשורנאַליסט, וועל־כער „דעקט״ אַזוי גלענצנד די פאַרשידענע פראָנטן.

ביי אונדזער באַגעגעניש איז שוין נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ געווען אַ זקן פון איבער זיבעציק יאָר, באַצירט מיט אַ לאַנגער זילבערנער באָרד, אָבער אויסגעזען האָט ער קרעפטיק און לעבעדיק.

מיר זענען געפאָרן אין אַ מיליטערישן אויטאָמאָביל, וועלכן מען האָט יעדע פאָר מייל געדאַרפט אָנדרייען פון פאָרנט און צושטופּן פון הינטן, כדי ער זאָל זיך צעוואַרעמען. עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטער־דיקער נאָכמיטאָג, ווען מיר האָבן פאַרלאָזט ביאַליסטאָק, און ערשט שפּעט אין אָוונט האָבן מיר זיך דערשלעפּט צום שטעטל מאָנקי, אַ פיינער יידישער ישוב, וואָס האָט געלעבט פון דער פעסטונג. כאָטש דער פראָנט איז דאָ שוין געווען אַזוי נאָענט, האָבן פונדעסטוועגן יידן נישט געוואָלט

פאַרלאָזן די אַלט־געזעסענע הייזלעך און קראָמען, ווו צוליב דער גרויסער מיליטערישער באַוועגונג האָט קיין פּרנסה נישט געפעלט.

הער איך ווי גוטשקאָוו גיט אַ זאָג צו נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ: —
„אַ מאָדנע זאַך: אַזוי פיל יידן דאָ פאַראַן, און די פעסטונג האַלט זיך נאָך אַלץ; ווייזט אויס, אַז אַ גוטער גענעראַל דאַרף זיך נישט דעקן מיט כלומרשטע „שפּיאָנען”, ווי דאָס טוען אונדזערע העלדן פון דעם „גרויס־פירשטס סטאַווקע”. (געמיינט דעם שטאַב פון אַנטיסעמיטישן הויפּט־קאָמאַנדיר ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש.)

נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ שמייכלט גוטמוטיק אין באָרד און ענט־פערט:

„און אייך, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, דאַרף איך איצט גראַטולירן מיטן נייעם געהילף אין „רויטן קרייץ”! מען האָט מיר היינט דערציילט, אַז דער וואַרשעווער אָבער־פּאָליציימייסטער גענעראַל מייער איז באַ־שטימט געוואָרן פאַר אייער שטעלפאַרטרעטער.”

די דאָזיקע ווערטער זענען געווען אַזוי ווי אַ באָמבע פאַר דעם סענסיטיוון גוטשקאָוו. ער האָט זיך אַ הייב געטון פון אָרט, זיך ווידער אַ זעץ געטון צוריק און איבערגעפרעגט געגנוי, פון וואַנען די אינפאָרמאַציע שטאַמט.

אויב דאָס איז אמת, וועט ער גלייך רעזיגנירן: סטייטש! באַשטימען אַ פּאָליציי־גענעראַל פאַר זיין פאַרטרעטער; קיינער האָט זיך דאָך מיט אים נישט מיישב געווען... ער באַפעלט דעם שאָפער זיך אָפּשטעלן ביים מאָנקער טעלעגראַף ביוראָ. מיר וויקלען זיך אויס פון די פוטערס און שפּרייזן אַריין אין דומפּיקן צימערל, באַלויכטן פון אַ קעראָסין־לעמפּל. גוטשקאָוו ווענדט זיך צו מיר: „זייט אַזוי פריינטלעך, פּראָפּאָרטשיק, און שרייבט אָן פאָלגנדע טעלעגראַמע: צום גראַף מוסין־פּושקין, פאָר־זיצער פון אַלרוסישן רויטן קרייץ, פּעטראָגראַד. אויב עס איז אמת, אַז גענעראַל מייער האָט באַקומען אַ שטעלע אין רויטן קרייץ, וועל איך זוכן אַ פּאָסטן אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. גוטשקאָוו.”

מיינע געפרוירענע פינגער זיינען פּשוט אָנגעוואַרעמט געוואָרן פון וויציקן אינהאַלט פון דער טעלעגראַמע. דער וואַרשעווער אָבער־פּאָליציי־

מייסטער איז געווען אַ ביטערער רעאַקציאָנער און עס האָט מיר הנאה געטון צו זיין עדות פון אָט דער סצענע. ווי איך האָב זיך שפּעטער דער־וווסט, איז די נאָמינאַציע פון גענעראַל מייער צוריקגערופן געוואָרן.

שוין שפּעט אין אָוונט זענען מיר אָנגעקומען קיין אָסאָוועץ און גלייך פאַרפאָרן צום קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג, דעם אַלטיטשקן גענעראַל סעמיאָנאָוו. זיין פּריוואַטע וווינונג האָט זיך געפונען אין פּאַרט נומער צוויי, אין אַ טיפן קעלער אונטער דער ערד, וועלכע איז געווען באַוואַקסן מיט גראָז.

אינגאַנצן האָט די פעסטונג געהאַט דריי פּאָרטן — אָבער, ווי מיר האָבן געקענט זען אויף מאָרגן פאַרטאָג, איז דער קאַמופלאַזש געווען אַ פולקאָמער: אַלץ ארום איז באַוואַקסן מיט אַ געדיכטן סאָסנע וואַלד. לכבוד אונדז האָט דער קאָמענדאַנט אָפּגעגעבן אַ באַפעל צו באַשיסן דעם שונא, וועמענס פּאָזיציעס האָבן זיך געפונען נעבן גראַיעווע, מיט די שווערסטע האַרמאַטן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב געזען, ווי אַ פּלאַטפאָרם צערוקט זיך אין וואַלד און עס הייבן זיך אויף פון אונטער דער ערד דריי שווערע צוועלף־אינטש קאַנאָנען, די גרעסטע וועלכע זענען דעמאָלט באַנוצט געוואָרן. דער קאָמענדאַנט הייסט אונדז פאַרשטאָפּן די אויערן, עפענען די מיילער, און נאָכהער גיבן די האַרמאַטן אַ דונער, שפּייען ארויס אין אומבאַוווסטן ווייטן צונגען מיט פלאַמען און רויך און נאָכדעם גיבן זיך די רעדער אַ צי צוריק און די קאַנאָנען לאָזן זיך לאַנגזאַם ווידער אַראָפּ אונטער דער ערד, וועלכע דעקט זיי צו מיט דער פּלאַטפאָרם.

מיר האָבן אָבער נאָך נישט באַוויזן צו באַוואונדערן די נייע אַרטילע־ריע־טעכניק, ווי איבער אונדזערע קעפּ דרייט זיך דער כאַראַקטעריסטי־שער פּייף פון גראַנאַטן. דאָס ענטפערן די דייטשן. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער טאָגטעגלעכער דועל אין דער קליינער פעסטונג אָסאָוועץ.

מיינע מיטפאָרער זענען צופרידן, כאָטש ווען מיר פאָרן צוריק, הערן זיי נישט אויף צו קריטיקירן צווישן זיך די הויפּט־אָנפירער פון דער אַרמיי, זייער נישט קאָמפּעטענץ, און איבערהויפּט דאָס פעלן פון מאָדער־נע איינריכטונגען, אָט אַזעלכע למשל, ווי מיר האָבן געזען אין אָסאָוועץ.

מיין לעצטער וויזיט אין אָסאָוועץ איז שוין געווען פאַרבונדן מיט איינער פון די טראַגישסטע געשעענישן אין ערשטן וועלט־קריג, מיט דער ערשטער דייטשער אַטאַקע דורך גיפט־גאַזן אויפן רוסישן מיליטער.

דאָס איז געווען אין זומער 1915, דוכט זיך, אין מיטן יוני. אונ־דזער פונקט האָט פּלוצלינג באַקומען אַ טעלעפאָן פון אָסאָוועץ, אַז די דייטשן האָבן אַטאַקירט די רוסישע פּאָזיציעס מיט עפּעס אַ מין גאַז, וועלכער האָט געמאַכט אַ חורבן אין גאַרניזאָן. עס זענען נויטיק וואָס מער קישעלעך מיט זויער־שטאָף, וועלכע מען דאַרף באַקומען אין די ביאַליסטאָקער אַפּטייקן. מיט גרוים מי האָבן מיר דעמאָלט צונויפגע־זאַמלט אייניקע אַזעלכע קישעלעך און אַ פּאָר שעה אַרום האָט אונדז אונדזער אויטאָמאָביל געבראַכט אין די וועלדלעך פון אָסאָוועץ. דאָס איז געווען אַ מייל פינף הינטערן פראָנט. עס האָט זיך פאַר מיינע אויגן באַוויזן אַ בילד וואָס מען קען נישט פאַרגעסן. אין דעם פרישן, שמעקנ־דיקן סאָסנע־וואַלד, אין שיינענדיקן זומערדיקן טאָג, זענען געלעגן הונ־דערטער סאָלדאַטן אויף דער הוילער ערד און געאָטעמט שווער, זיך געשטיקט און זיך געוואָרפן אין קראַמפן. צווישן זיי האָבן זיך געדרייט דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס מיט פלעשלעך אין די הענט. געגעבן זיי עפּעס צו שמעקן, געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן אויף דער ברוסט... ווען מיר זענען אָנגעקומען מיט די זויער־שטאָף קישעלעך, האָבן די דאָקטוירים און די קראַנקן־שוועסטערס אָנגעהויבן דאָ איינעם, דאָ דעם צווייטן צו געבן אַ ציִ טון די רערלעך פון די קישעלעך. דער אומגליקלעכער פּאַציענט פלעגט אויפלעבן אויף אַ ווײַלע, איינאָטעמענדיק דעם היילנדיקן זויער־שטאָף. אָבער לאַנג האָט מען אים נישט געלאָזט אָטעמען; הונדערטער האָבן געוואַרט און קישעלעך זענען געווען ווייניק. האָט מען אָפּגעריסן מיט געוואַלד דאָס רערל פון איין אומגליקלעכן און געגעבן אַ ציִ טון אַ צווייטן, ווען דער שכן האָט געקוקט און זיך ווייטער געשטיקט. קער־פּערס האָבן זיך אויסגעבויגן אַנטקעגן דער שיינענדיקער זון אין שמעקנדיקן וואַלד און גלייך דערויף פאַרגליווערט געוואָרן, ווײַל עס איז שוין נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. די אָרימע רוסישע סאָלדאַטן, אַזעלכע

עלנטע און אומבאהאָלפענע, זענען געשטאָרבן ווי פליגן, געכאַפּטע אין א שפּינוועבס, פון וועלכן מען קאָן זיך שוין נישט ארויסבאַקומען...

„טאַטעלע, א קאַפּיטשקע לופט — א ביסעלע אָטעם!״... — דאָס האָט מען געהערט ארום אונדז אין יענעם ליכטיקן יוני־טאָג, ווען די דייטשן האָבן אטאַקירט מיט גאַזן. מען האָט נאָך דאָ נישט געהאַט קיין מאַסקעס, נישט געוווסט, אז א שטיקל וואַטע מיט כלאָרין וואָלט פאַר־לייכטערט די ליידן, אָדער אינגאַנצן דעם גאַז נישט צוגעלאָזט... עלנטע זענען מיר דאָן געווען מיט אונדזער אַרטילעריע, ביקסן און בראַוועו מענטשן מאַטעריאַל.

איך האָב דאַן ראַפּאָרטירט צו מיין שעף: „פון די אַכט הונדערט פאַרסמטע סאָלדאַטן פון גוואַרדיע־פינישן פּולק, זענען ביז אויף דער נאַכט זעקס הונדערט געשטאָרבן אין גרויסע מאַטערנישן. די איבעריקע שיקן מיר ארויס אין די שפּיטאָלן קיין ביאַליסטאָק״...

און כאָטש אויף די פראָנטן איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער, האָט אין די שטעט פון „טיל״, פון הינטערלאַנד, געהערשט דאַן עפּעס א מאָדנע קרענקלעך־פריילעכע שטימונג. אָפיצירן האָבן געגעסן פון דאָס בעסטע, געצאָלט הויכע פּרייזן פאַר בראָנפן און ווייבער... לייכטזיניקע פרויען פון אַלע עקן פון רוסלאַנד זענען אָנגעלאָפן, ווי שמעטערלינגען, אין די שטעט און שטעטלעך נעענטער צום פראָנט און צוזאַמען מיט די אָפיצירן און „נייע״ גבירים געפּראַוועט „הוליאַנקעס״ און געשאַפן יענע פאַרביקייט און לייכטזיניקייט, וועלכע איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר רוסישע יאָרידן. פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט זיך שאַרף געביטן דער צוזאַמענשטעל פון די אייגפאַכע סאָלדאַטן: עס זענען שוין נישט געווען כמעט יענע יונגע פּולקן, מיט וועלכע מען האָט דעם קריג אָנגע־הויבן; זיי זענען פאַרניכטעט געוואָרן אין די מאַזורער אָזערעס, אין די אויגוסטאָווער וועלדער, אין די קאַרפּאַטן בערג און ביי די טייכן נידע און בזורע הינטער וואַרשע און לאָדזש. אַנשטאָט די יונגע סאָלדאַטן פון פאַראיאָרן זענען אָנגעקומען די עלטערע „זאַפּאַסנע״, די פּויערים־רע־זערוויסטן פון די ווייטע דערפער אין צענטראַל רוסלאַנד און סיביר, געזונטע פּויערים מיט בלאָנדע בערד, טאַטעס פון גרויסע פאַמיליעס, פון „סאָכע״ אָפּגעריסן. פלעגן זיי גיין מיט סאָלדאַטן־לידער איבער די

גאַסן, זענען די לידער געווען בענקנדיקע, די שטימעס הייזעריקע, פאַר־דאגהטע... די סאָלדאַטן האָבן באַקומען דריי, פיר רובל אַ חודש אויף אַלע באַדערפעניש, אין דער צייט ווען דער קלענסטער געהאַט פאַרן יינגסטן אָפיציר האָט באַטראָפן צוויי הונדערט רובל אַ חודש. נישט געווען פאַר וואָס צו קויפן „מאַכאָרקע" — דעם דאָזיקן ביליקן פּויערים טאַבאַק — נישט געווען אפילו קיין פּאַר קאָפּיקעס אויף פּאַפּיר, כדי צו שרייבן אַ בריוול אין ווייטן דאָרף צום ווייב און קינדער. די וואַנט צווישן די אָפיצירן און סאָלדאַטן אין דער אַרמיי איז אַלץ געוואַקסן. איך פלעג אָפטמאָל כאַפּן אַ שמועס מיט די עלטערע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף אונדזער פּונקט, און אַן אומעט פלעגט מיך אַרומכאַפּן פון זייער שווערער, פיינלעכער פרעמדקייט צו אַלץ וואָס קומט פאָר אַרום, צו זייערע עלטסטע, צו דער מלחמה, צו דער קראַנקהאַפטער פרייליכקייט פון די, וואָס האָבן פאַרמאָגט לייכטע געמיטער און לייכט געלט...

„עך, וואַשע בלאַגאָראָדיע, (אַן אָפיצירן־טיטל) — פלעג איך אַמאָל הערן פון אַן אויפריכטיקן שמועסער — לאָמיר נאָר ענדיקן די „באַרסקע" מלחמה, וועט מען זיך דאַרפן אַ נעם טון מאַכן אָרדענונג אין מאַמעלע־רוסלאַנד"...

אין די פינצטערע בליקן פון די באַבערדלטע סאָלדאַטן, אין די צופּעליקע ווערטער, וואָס פלעגן זיך אַרויסרייסן פון זייערע מיילער, האָבן זיך שוין דייטלעך געהערט די ווייטע דונערן פון אַנקומענדיקן רעוואָלוציע־שטורעם.

* * *

דערווייל אָבער איז אין מיין נאָענטער סביבה פאָרגעקומען אַ גע־שעעניש, וועלכע האָט אויפגעטרייסלט נישט נאָר אירע דירעקטע אַנ־טיילנעמער, נאָר די גאַנצע שטאָט ביאַליסטאָק. מיין שעף — דער גוואַרדיע־פּולקאָווניק דאַווגאַל — דער רוסישער אַריסטאָקראַט און קרוב למלכות, האָט זיך טויטלעך פאַרליבט אין דעם ביאַליסטאָקער שענסטן יידישן מיידל סאָניע בעקער. בדרך הכלל איז דאַווגאַל געווען אַ גרויסער „ווייבערניק" און זייענדיק אַליין יונג, שיין און רייך האָט אים נישט געפעלט קיין דערפאָלג.

עפּעס איז געווען אַ פאַרבאָרגענער כּישוף אין זיינע טונקל־בלויע אויגן, וועלכע ער פלעגט ווי אַ נעץ פאַרוואַרפן אויף זיין אָנגעמערקטן קרבן און עס איז געווען זייער שווער זיך אַרויסצופּלאָנטערן פון זיי.

אָבער דאָס מאָל האָט דאָווגאָל געטראָפן אויף איינע, וועלכע איז געווען שטאַרקער פאַר אים סיי מיט איר אומגעוועגלעכער שיינהייט, סיי מיט איר געבוירענער אַריסטאָקראַטישקייט און אינטעליגענץ.

אַליין אַ טאָכטער פון אַ רייכן פאַבריקאַנט און אַן אָנגעזעענעם באַלעבאָס אין שטאָט, ר׳ כאַצקל בעקער, האָט סאָניע נאָך זייענדיק אַ שילערין, אַרויסגעשיינט ווי אַ בריליאַנט פון צווישן דעם בוקעט פון שיינע יידישע טעכטער, מיט וועלכע ביאַליסטאָק איז געווען באַרימט. אָבער סאָניע האָט געהערט צו די ווייניקע פון זיי, וועלכע זענען אויך אַרומגע־גאַנגען מיט קריסטלעכע יונגעלייט.

ביאַליסטאָק האָט געקוקט מיט אַ קרום אויג אויף דער קליינער גרופּע שילערינס, מערסטנס פון רייכע פאַבריקאַנטישע הייזער, וועלכע האָט זיך געלאָזט אַריינציען אין קרייז פון די יונגע אולאַנער און הוזאַנער אָפיצירן. ווען סאָניע איז נאָך געווען אַ שילערין אין לעצטן קלאַס פון קאָמעריץ־שולע, האָט זיך אין איר טויטלעך־פאַרליבט דער זון פון פּאָפּו־לערן נאָטאַריוס קלאָבוקאָוו; אַ געוויסע צייט איז סאָניע אויך נישט געווען גלייכגילטיק צום בילד־שיינעם מיליטערמאַן, אָבער אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט אים סאָניע פאַרלאָזט. קלאָבוקאָוו האָט זיך אַריינגעשאָסן אַ קויל אין האַרץ, וואָס מען האָט מיט גרויס שוועריקייטן אַרויסגענומען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך לאַנג אָפּגעמאַטערט אין שפּיטאָל.

אָבער סאָניע איז זיך ווייטער געגאַנגען איר וועג מיטן פאַרבאָרגענעם שמייכל פון דער „דזשיאָקאָנדע״, מיטן רעטזעלהאַפטן בליק פון אַ הייליקער, וועלכע פאַרשפּרייט זינד אַרום זיך.

ווען די מלחמה איז שוין געווען אין צווייטן יאָר, איז געוואָרן אַן אָפּטער גאַסט אין ביאַליסטאָק דעם צאַרס קוזין, דער הערצאָג אַלעק־סאַנדער לייכטענבערגסקי. ער האָט געדינט אין אַרמיי־שטאַב און איינמאָל בעת אַ שפּאַציר אין שטאָט־גאָרטן איז ער געפאַנגען געוואָרן פון סאָניעס גרינע אויגן און מאָדנעם שמייכל. ער איז שוין דעם אָוונט אין שטאַב נישט געפאָרן. זיין „קייזערלעכע האָהייט״ האָט באַקומען ליבע־פיבער...

די דאָזיקע „קראַנקהייט" האָט געדויערט ביז אינמיטן זומער 1916, ווען זיין בייזער „פעטער", דער הויפּט קאָמאַנדיר פון אַלע אַרמייען, האָט דעם פאַרליבטן פּרינץ לייכטענבערגסקי אַריבערגעוואָרפן אויפן קאַווקאַזער פראָנט צו מלחמה האַלטן מיט די טערקן און נישט פאַרדרייען זיך אַ קאָפּ מיט אַ ביאַליסטאָקער שיינער יידישקע.

די טעג פון טרויער אָבער פאַר סאָניעטשקען האָבן זיך לאַנג נישט געצויגן.

אויף איר לעבנס-סצענע האָט זיך באַוויזן פּולקאָווניק דאָווגאַל. דער דאָזיקער שעף מיינער איז שוין לאַנג געווען פאַרליבט אין סאָניען. ער איז געווען באַפריינדעט מיטן הערצאָג, מען פלעגט זיך צוזאַמענטרעפן און פאַרברענגען — אָבער כל זמן זיין קייזערלעכע האָהייט איז געווען דער ליבהאַבער, האָט דאָווגאַל נישט געוואַגט אַריינגיין אים אין וועג. ווי נאָר אָבער דער פּרינץ איז פאַרשוווּנדן, האָט דאָווגאַל אָנגעהויבן זיין געוועלנלעכע טאַקטיק פון אַ דאַמען-צויבערער... אָבער דאָס מאָל האָט דאָס נישט געהאָלפן. סאָניע האָט נאָך אַלץ געבענקט נאָך איר פריינט און דאָווגאַלס סטראַטעגיע האָט געמוזט געענדערט ווערן. איך פלעג זען, ווי ער דאַרט איין פאַר מיינע אויגן. ער פלעגט נישט אויפהערן רעדן וועגן סאָניען. אַלע פרווון האָבן פאַר אים פלוצלינג פאַרלוירן דעם אינטערעס. ער האָט אָנגעהויבן מער טרינקען, ווי געוועגלעך, אָפּזיצן שעהען לאַנג און שווייגן, פאַרקוקט אויפן סופית.

איך האָב שוין אָנגעהויבן קלערן, אַז אויך ער וועט זיך אַריינשיסן אַ קויל אין האַרצן, ווי דאָס האָבן געטון אַנדערע ביז אים...

אָבער פלוצלינג האָב איך דערזען, אַז עפּעס אַן ענדערונג איז פאָרגעקומען מיטן פּולקאָווניק: ער איז געוואָרן פריילעכער; איין מאָל האָט מען זיך לאַנג געשושקעט מיטן פּאָפּ, פּאָטער ניקאָליי... פון מיר האָב איך געזוכן באַהאַלט מען עפּעס. מיינער אַ פריינט, דער שטאַבס-קאַפּיטאַן באַריטאָנאָוו (שפּעטער אַ גענעראַל אין דער רויטער אַרמיי) האָט מיר פאַרטרויט אין אַ געוויסן פרימאָרגן דעם „סוד": היינט פאַרנאַכט קומט פאַר די שמד-צערעמאָניע פון סאָניטשקען אין דער צערקווע פון רעאַל-שול און גלייך נאָכדעם איר חופּה מיטן פּולקאָווניק דאָווגאַל. מיר האָט אַ זעץ געטון אין קאָפּ די איינגעבוירענע שנאה צו שמד און צו משומדים. איך

האָב געוווּסט, אַז איך ריזיקיר זייער פּיל, ווען איך וועל מיין סוד אַנט־דעקן, אָבער איך האָב זיך נישט געקענט העלפן. איך מוז לויפן צו סאָניעס עלטערן און אָנזאָגן זיי, אַז היינט פּירט מען זייער טאָכטער צום שמד... די וווינונג זייערע איז געווען אויף פּאַבריטשנע גאַס.

איך האָב לאַנג געקלאַפּט אין טיר ביז אַ ייִנגערע שוועסטער סאָניעס האָט מיר געעפנט. זי איז געווען דערשראָקן און פאַרוויינט: „סאָניע איז נישט געקומען נעכטיקן; די עלטערן און די ברידער זענען ערגעץ אויף אַ זומער־וווינונג״...

איך זאָג איר פּשוט און קלאָר, אַז איר שוועסטער וועט זיך היינט שמדן אין צערקווע פון דער רעאַל־שולע. אויב זי קען נישט אַריבער־ברענגען די עלטערן, וועלכע זענען ערגעץ ווייט, זאָל זי אָנזאָגן קרובים, זאָל זי לויפן צום רב. אַליין בין איך אין מיליטער־דינסט און קען מער גאָרנישט טון. איך האָב אַזוי אויך אויף זיך צופיל גענומען.

* * *

איך האָב מורא געהאַט, אַז דערציילנדיק דעם סוד וועגן סאָניעס שמד האָב איך פאַרקאָכט אַ קאַשע, דעריבער בין איך דעם טאָג אָפּגע־פאָרן פון ביאַליסטאָק, כלומרשט צוליב אַ דרינגנדע דינסט־אַנגעלעגנהייט. ווען איך בין צומאָרגנס צוריק געקומען, האָב איך קיין שום אומגע־וועגלעכס נישט באמערקט. די שרייבערס זענען, ווי געוויינלעך, אויפגע־שטאַנען פון די פּלעצער; שטאַבס־קאַפּיטאַן כאַריטאָנאָוו האָט פריינטלעך געשמייכלט... ער דערציילט מיר, אַז ער האָט נעכטן בייגעוווינט ביידע צערעמאָניעס פון שמד און פון דער חופּה; אַז דער טויף־פאָטער איז גע־ווען דער הויפּט־קוואַטערמייסטער פון דער אַרמיי — דער גענעראַל דאַנילאָוו. נאָר וואָס דען, אין לעצטן מאָמענט האָט דער פּאָפּ ניקאָליי געראַטן, מען זאָל די צערעמאָניעס נישט דורכפירן אין דער רעאַל־שולע אויף ניישטאָט־גאַס, וועלכע איז אַרומגערינגלט מיט ייִדן. עס קען דערי־בער זיין אַן אומאַנגענעמלעכקייט.

מען האָט דעריבער די חתונה געפּראַוועט אין דער צערקווע פון בראַניצקים פּאַלאַץ, וועלכער געפינט זיך אין שכנות, אָבער אין אַ פאַר־מאַכטן, אָפּגעשלאָסענעם פּאַרק, וווּ קיינער קען נישט צוקומען.

אַ וועלט וואָס איז פאַרבײַ...

דאָס האָב איך שוין נישט געקענט פאַראויסזען... שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פיל מיטגלידער פון דער בעקער־משפחה האָבן טאַקע געוואוינט אויף ניי־שטאָט, ביים אַריינגאַנג אין רעאַל־שולע. איך מיין אָבער, אַז זייער אינטערווענץ וואָלט ווייניק געהאָלפן. עפּעס זענען געווען אין סאָניעס געזיכט־שטריכן פון אַ זינדיקער מאַדאָנע, וועלכע האָבן נישט געלאָזט קיין אָרט פאַר פאַמיליען־סענטימענטן.

* * *

דער עפּילאָג פון דער געשיכטע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין יאָר 1917, אין שפּיטאָל פון רויטן קרייץ אין דער רוסישער שטאָט טולע, נעבן מאָסקווע:

קראַנק מיט פלעקן־טיפוס, מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור, ליגט סאָניע אויפן שפּיטאָל־בעטל. נעבן איר זיצט איר אומגליקלעכער טאַטע, ר׳ באַצקל בעקער. טרערן גיסן זיך אויף זיין לאַנגער גרויער באָרד, ווען ער זעט, צו וואָס פאַר אַ מדרגה זיין שיינע טאָכטער איז דערגאַנגען.

איר מאַן, פּולקאָווניק דאָווגאַל, איז געטויט געוואָרן פון אַ דייטשן שראַפּנעל בעת דער גרויסער אָפענסיווע פון ברוסילאָווס אַרמיי.

שפּעטער אין פּעטערבורג האָט מיר ר׳ באַצקל אַליין דערציילט:

„מיין איינציקער פאַרלאַנג איז געווען, סאָניטשקע זאָל אָפּזאָגן ווידוי מיט מיר און קומען צו קבר ישראל. שטעלט אייך פאָר, אַז אַ טאָג פאַרן טויט איז זי געקומען אין גאַנצן צום באַוווּסטזיין און שלום געמאַכט מיט איר אַלטן טאַטן און איר אַלטן גאָט”.

XVI.

ראָמאַנטישע פּעטש אין סווּסלאַטש

עס איז אַרוים אַ נייע מאָדע:
רויטע סטענגעס, ווייסע קליידער,
און אין סעדל נאָכן טשאָלענט
לאַכט מען, קושט מען אַלץ כּסדר.

עס איז אַרוים אַ נייע מאָדע:
שיכלעך, טיכלעך און פּערפומען;
און אַרום איין מיידל טאַנצן
בחורים אַ גאַנץ מזומן...
(ח. נ. ביאַליק)

ווען ח. נ. ביאַליק האָט געשריבן די דאָזיקע ווערטער אין די ערשטע יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט (אין העברעאישן ליד: „מנהג חדש יש בעולם"), האָט דאָס יידישע שטעטל זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבן אויסטשוכען פון יאָרהונדערט־לאַנגן ווינטער־שלאָף צווישן אַלקער און בית־מדרש. שטורמישע טייכלעך פון אָנקומענדיקן פרילינג האָבן פאַרפלייצט דעם פיל־דורות־אַלטן לעבנס־שטייגער...

איך בין אין יענע יאָרן פון מיין נישט־געזעטיקטער יוגנט נייגער ארומגעפאָרן איבער יי ד י ש ע ישובים, וועלכע זענען צעוואָרפן געווען צווישן ביאַליסטאָק, גראָדנע און בריסק. איך האָב כלומרשט געדאַרפט באַזוכן קרובים, אָדער דערלידיקן אַ געשעפטס־שליחות פון אַ

קלענערער באַדײַטונג פאַר מײַן זיידן ר׳ לײזער ליפשיץ, װעלכער איז „געלעגן״ מיט קונדן און געלט אין יעדן שטעטל פון גאַנצן ראַיאָן.

אין דער אמתן אָבער האָבן מיך נישט געצויגן די געשעפטלעכע אָפּעראַציעס, אָדער אפילו די אַזוי גאַסטפרײַנטלעכע קלײנשטעטלדיקע פּעטערס און מומעס. עס האָט מיך דאַקעגן געצויגן די רײזע אַלײן, דאָס אומבאַקאַנטע, דאָס „אַנדערשקייט״ פון די נײַ־באַזוכטע פּלעצער.

איך האָב דאָן נישט ווייניקער ליב געהאַט דאָס לאַנגזאַמע שלעפּן זיך מיטן „יידישן״ פערד־און־וואָגן דורכן געדיכטן, שמעקנדיקן סאָסנע־וואַלד צווישן ביאַליסטאָק און זאַבלודאָווע, ווי איך האָב הײַנט ליב, ווען דער עראָפּלאַן נעמט מיך מיט שטורעם און ברענגט מיך איבער נאַכט פון ניו־יאָרק קיין פּאַריז... אַז איך וויל זײַן אויפריכטיק, וועל איך נאָך אפשר צוגעבן, אַז יענע רײזעס פון שטעטל צו שטעטל, פון דאָרף צו דאָרף דורך זינגענדיקע וועלדער און מחיהדיקע מיט זאַנגען באַגילדעטע פּעלדער, זענען געווען פיל־פּיל אָנגענעמער און געשמאַקער, ווי דאָס לויפעניש צווישן די הימלען פון הײַנטיקן טאָג: „האַצמאַך, ווי לויפסטו?״ — גיב איך זיך אַמאָל אַלײן אַ פרעג, ווען איך דערזע זיך פּלוצלינג אין די הימלען איבער דער דזשאַנגל פון בראַזיל, אָדער איבער דער „פּאַמפּאַ״ פון אַרגענטינע...

איך האָב נאָך געהאַט דאָס גליק צו באַזוכן די יידישע שטעטלעך סײַ אַלס יונגער רעאַל־גימנאַזיסט, סײַ שפּעטער מיט יאָרן אַלס דער מיטבויער פון די קאָאָפּעראַטיוו־בענק אין פּוילן. דער אונטערשייד פון 20־30 יאָרן האָט זיך געלאָזט טיף פילן אין די געענדערטע לעבנס־פאָרמען, אין דער קולטורעלער אַנטוויקלונג, כאָטש עקאָנאָמיש, אין ענינים פון פּרנסה, זענען די יידן געבליבן די זעלבע קבצנים, געלעבט פון זעלבן מאַרק־טאָג, נישט געהאַט מיט וואָס איבערצוקומען די וואָך. אָבער אויך שפּעטער, ווי מיט אַ דור פריער, איז דעם רבֿ שטוב געווען דער צענטער פאַר די מיושבֿדיקע עלעמענטן פון שטעטל, און אַרום לערער אָדער דאָקטאָר האָט זיך געזאַמלט די פּראָגרעסיווע יוגנט. איך האָב ליב געהאַט אָט די ביידע פליגלען פון דער יידישער ווירקלעכקייט, און אַזוי האָב איך זיך פאַרפרײַנדט מיט איר און אַזוי איז זי געבליבן טיף אײַנגע־

ד״ר ה. שאַשקעס

באַקן אין מיין האַרצן ביז איצט, ווען איך ווייס שוין, אַז די בעסטע פריינד מיינע איז צעזייט געוואָרן דורך די אשעס פון די קרעמאַטאָריעס...

אַט פאַר איך אריין אַ יונגער און אַ שטראַלנדיקער אין שטעטעלע סוכאָוואָליע, אין דער אַלטער ליטוויש־יחסנותדיקער נעסט, נעבן ביאַ־ליסטאָק. ביים ראַנד פון שטעטל שטייט די שוואַרץ־גרויע הילצערנע שול, אַ מייסטערשטיק פון דער ספּעציעלער אינדיש־כינעזישער אַרכיטעק־טור, וועלכע האָט פאַרבלאָנדזשעט מיט הונדערטער יאָרן צוריק אין אַ רייע יידישע קהילות; דעכעלעך משופּעדיקע, באַלקאָנען קונציק געשניצטע ווי שפּיצן און שפּינוועבס, קופּערנע באַצירונגען וואָס גרינען מיט שימל, אָבער לויכטן מיט זכרונות.

קוקט איר אָן די שול אָט דאָ אין סוכאָוואָליע, אָדער אין נאָענטן זאַבלודאָווע, אָדער גאָר אין וואָלפּע, צי שוין אין ווייטן גאַמבין, דוכט זיך אייך, אַז די געביידעס דאַרפן שטיין צווישן די אינדישע פּאַגאָדעס ביים הייליקן טייך גאַנגעס. ווי קומען זיי דאָ אין גרוי־מאָנאָטאָנעם ראַם פון איין־שטאָקיקע שטעטלשע הייזלעך?

קומט איר מיט מיר אינעווייניק, זעט איר די געפאַרבטע הירשן אויף די ווענט, און די צוועלף מזלות, און דאָן די צענדליקער נעמען פון אַמאָליקע פּרנסים, חשובע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן דאָ ביים מזרח־וואַנט געדאַוונט, געלערנט מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

און נישט ווייט אין שכנות באַזוך איך דעם אַלטן פּאַטריאַרכאַלן רב, דעם פאָטער פון אַ גרויס־פאַרצווייגטער פאַמיליע פון לומדים און געלערנטע. אָט פון דעם אַלטן רבס שטיבעלע איז מיט זעכציק יאָר צוריק אַרויסגעפלויגן אין דער וועלט אַ וווּנדער־שוואַלב, וועלכער האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין געניאַלן פּראָפעסאָר מאַקס איינהאָרן, וועלכער האָט דאָ אין אַמעריקע נייע האָריזאָנטן אַנטדעקט פאַר די פאָרשונגען פון מאָגן־קראַנקהייטן.

און טאָקע אין זעלבן זומער, ווען איך בין אריינגעפאָרן אין וואָל־קאָוויסק אויף אַ קורצן באַזוך, האָט מען מיך אָנגעפירט אין אַ וווינונג פון אַן אַנדער מיטגליד פון דער זעלבער משפּחה איינהאָרן.

אויף דער טיר איז געהאַנגען אַ בלעכל פון אַ מעדיצין־דאָקטאָר. האָב איך דעריבער דערוואַרט צו טרעפן אינעווייניק אַ גלוח אָן אַ היטל.

אָבער ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען עס האָט זיך אויפגעהויבן מקבל פּנים זיין די יונגע געסט אַ ייד מיט אַ שיינער באָרד, אין אַ זיידענער יארמולקע, פאַר וועלכן עס איז געלעגן אַן אָפענע גמרא. דאָס איז געווען דער רוסישער מיליטערישער דאָקטאָר איינהאָרן, דער גרויסער למדן און וויסנשאַפטסמאַן, פאָטער פון באַגאַבטן לירישער דוד איינהאָרן.

אין יענער געגנט צווישן וואָלקאָוויסק און גראָדנע קייקלט זיך מיין וואָגן אַריין אין דריי אַלטע שטעטלעך: וואָלפּע, פּיעסק, לונע. אין וואָלפּע קען איך זיך נישט אָפּוווּנדערן פון דער שול מיטן דריי־שטאָקיקן דאַך און איבערהויפּט פון ארון־קודש דאָרטן מיט די געשניצטע לייבן און אָדלערס, איבער וועלכן אַנ—סקי האָט אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג געשריבן.

אָבער נישט ווייניקער וווּנדערלעך זענען דאָ די יידישע פּויערים, וואָס זייען טאַבאַק. יעדער קרעמער, יעדער בעל־מלאכה פאַרמאָגט אַ גערטנדל, וווּ די טאַבאַק־בלעטער וואַקסן נישט ערגער, ווי ערגעץ אין דרום־רוסלאַנד. ביז די פּוילישע רעגירונג האָט נישט איבערגענומען די געגנט און פאַרוועלט יידן ברעכן איר „מאָנאָפּאָל", האָבן די וואָלפּער קליינע פּלאַנטאַטאָרס זייער פּרנסה פיין געצויגן פון ביטערן טאַבאַק־בלאַט.

און מיט אייניקע מייל ווייטער פאָר איך שוין אַריין אין אַ זאַמדיקער געגנט, וווּ אפילו תבואה קאָן נישט וואַקסן, רופט מען דאָס שטעטעלע פּיעסק, וואָס מיינט זאַמד. בין איך דאָרט גראָד אָנגעקומען נאָכדעם, ווי מען האָט דאָרט אויסגעוויילט פאַר אַ רב אַ זיידענעם יונגעמאַנטשיק, אַ לערנער פון דער מירער ישיבה. מיין בעל־אכסניא איז, ווייזט אויס, נישט צופרידן געווען מיטן אויסוואַל, האָט ער ביטער באַמערקט: „איר קענט דאָך די מעשה מיט משה רבינו. ווען ער האָט דערהרגעט דעם מצרי, זאָגט דער פּסוק: „ויפן כה וכה, וירא כי אין איש, ויטמנהו בחול". איז דער טייטש אין שייכות מיט אונדזער רב: „ער האָט אים געדרייט אהין און אהער און געזען, אַז ער איז קיין מענטש נישט, האָט מען אים באַגראָבן בחול, אין פּיעסק"... יענע ביטער־שניידנדיקע מיינונג וועגן פּיעסקער דעמאָלסטדיקן רב איז, ווי איר זעט, טיף שטעקן געבליבן אין מיין זכרון...

אָבער אז איך בין געקומען קיין לונע, אין דעם אינטעליגענטן שטעטל, וואָס האָט זיך אַזוי מאַלעריש צעלייגט אויף די ברעגעס פון טייך ניעמאַן, האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען דאָרט אַ נייעם טיפּ רב: דער יונגער הויכוויקסיקער ברונעט מיטן שוואַרצן בערדל און יאַר־מולקע פירט אונדז צו דער עלעקטרישער סטאַנציע, וועלכע ער האָלט אין אויפבויען פאַר „זיין" שטעטל, צו אַ באָד מיט שטענדיק פליסנדיקע הייסע און קאַלטע וואַסער; צו אַ גערטנדל ווו יינגלעך שפּילן זיך...

ווו איז ער איצט יענער פייערדיקער יונגערמאַן, וואָס איז גלייכ־צייטיק געוואָרן אַ „מעיאָר" און אַ „רעליגיעזער פּאַסטוך".

און איצטער פאָרן מיר מיט אייך קיין סווויסלאָטש, אָדער שטשיס־לעוויטש, ווי יידן פלעגן דאָס שטעטל רופן. מיט קיין אַלטערטימלעכקייטן האָט זיך סווויסלאָטש נישט אויסגעצייכנט. מיט גרויסע לומדים יאָ: דער רב דאָרט איז דאָן געווען דער גאון ר׳ שניאור זלמן, דער פאָטער פון קלעצקער ראש־ישיבה ר׳ אהרן קאָטלער, וועלכער ציט דעם גאָלדענעם פאָדים דאָ אין אַמעריקע.

אין מיטן שטעטל איז געווען אַ גערטנדל מיט טובערקולאָזע ביימ־לעך, וואָס האָט געדינט אַלס דער שפּאַציר־פּלאַץ פאַר דער יוגנט. אַרום גערטנדל איז געווען אַ פּאַרקאַן, אָבער אָנשטאָט טירלעך צום אַריינגיין, זענען דאָ געווען טרעפּלעך, דורך וועלכע מען פלעגט אַרויפגיין אין גאָרטן. ווען איך האָב געפרעגט, פאַרוואָס זענען דאָ טרעפּלעך, אָנשטאָט טירלעך, האָט מען מיר דערקלערט, אַז דאָס איז צוליב די חזירים, וועלכע שפּאַרן זיך דורך אַלע טירלעך און פאַראומריייניקן דעם גאָרטן: אויף טרעפּ קענען דאָך חזירים נישט אַרויפגיין... דער איינפאַל איז מיר דאָן שטאַרק געפעלן, כאָטש מיין שפּעטערדיקע לעבנס־דערפאַרונג האָט מיך געלערנט, אַז עס זענען פאַראַן חזירים, וואָס שטופּן זיך גראָד אויף טרעפּ אַלץ העכער און העכער, נאָר דאָס זענען שוין געווען נישט יענע סווויסלאָטשער חזירים.

יאָ! יענער זיסער פרילינגס־אָוונט אין שטשיסלעוויטש, איך האָב אים שפּעטער לאַנג נישט פאַרגעסן. אָט הערט אַ מעשה! גלייך פון פור האָט מען מיך אַרויפגעפירט צום נייעם טאַנצמייסטער אין סאַלאָן. „דאָרט

וועט איר טרעפן אַלע יונגע מיידלעך און בחורים, דאָרט שפּילט מען מען טאַנצט, איר וועט זיך נישט לאַנגווייליקן״.

גייען מיר צום נייעם טאַנצמייסטער. שוין פון די פענצטער פון זײַן דירה דערטראָגן זיך די קלאַנגען פון אַ מאַנדאָלינע־אָרקעסטער, וועלכער צערייסט זיך אין אויסשפּילן די דאַן פּאָפּולערע רוסישע ראָמאַנסן. עס קלינגען די סטרונעס און צוזאַמען מיט זיי ווערט אַלץ הילכיקער דאָס פרויען־געלעכטער, און אַלץ שאַרפער אַ באַפעלערישע מענער־שטימע, וועלכע איז נישט צופרידן מיט די שפּילערס.

מיר פאַלן גלייך אַריין אין סאַלאָן, וווּ אויף די שטולן און אויף קאַנאַפּעס זיצן די שטעטלשע שיינהייטן, האַלטנדיק די אַמאָל מאָדערנע בײַכיקע שפּיל־אינסטרומענטן. עס איז דאַן געווען אַ מאָדע אויף מאַנדאָלינע־שפּיל און דער טאַנצמייסטער איז דאָס גלײַכצײַטיק געווען דער מוזיק־לערער. מיט אונדזער אָנקומען ווערט אַ שטיקל טומל: פאַרט „קאַוואַלערן״ אין שילער־מונדירן שוין מיט לייכט שפּראַצנדיקע וואָנצע־לעך... די מיידלעך פאַרריכטן שנעל די פריזורן, אַ פּאָר קליינשטעטלדיקע פּראַנטן קוקן קרום אויף די פּריש־אָנגעקומענע קאָנקורענטן.

אָבער גלייך ווערט די שפּיל באַנײַט. מיר באַטראַכטן דעם לערער: אַ ציגיינער־טיפּ אין אַ רוסישער אויסגענייטער בלוזע, מיט ברענענדיקע „זשוליקאַוואַטע״ אויגן, מיט פלינקע לאַנגע הענטלעך, וואָס דיריגירן דעם מאַנדאָלינע־אָרקעסטער; קוקנדיק אויף די הענטלעך, זעט איר באַשיינ־פּערלעך, אַז זיי ווילן אַלץ אָוועקלקחענען, וואָס וועט זיי נאָר אונטער־קומען... דאָס ווערט נאָך מער בולטער, ווען עס הייבט זיך אָן די לעקציע פון טענץ און דער ציגיינערישער לערער דרייט מיט זיינע שילערינס, ווייזנדיק זיי די נייעסטע פיגורן פון טאַנץ פּאַ־ד׳עספּאַן... דעם צייכ־דאָקטאָרס פרוי, אַ יונגע „ציג״ פון אַ יאָר אַכצן, איז די קעניגין פון סאַלאָן. דער טאַנץ־לערער גיט זיך אָפּ אָם מערסטן מיט איר און צוזאַמען בילדן זיי טאַקע אַן עלעגאַנט פּאָרל, ווען זיי לאָזן זיך אַרוים טופּענדיק אַגרעסיוו, געבנדיק דעם בײַשפּיל פון אַ נייעם טאַנץ.

אָבער צווישן אונדז אין צימער געפינט זיך אַ יונגער סטודענט, נאָר־וואָס פון פּעטערבורגער אוניווערסיטעט, וועלכער איז לגמרי נישט צופרידן מיט דעם אופן, ווי אַזוי דער טאַנץ־לערער וויל זיך אויף אַ מינוט

נישט צעשיידן מיטן ציין־דאָקטאָרס ווייב. דעם סטודענט רופן דאָ אַלע מארק באָריסאָוויטש און מען דערציילט מיר, אַז ער איז פאַרליבט אין דער טאַנצנדיקער ציין־דאָקטאָרשע און אַז ער זוכט נאָר אַ געלעגנהייט אָנצוהייבן אַ קריג מיטן טאַנץ־מייסטער, וועלכער איז, ווייזט אויס, דער גאָט פון אַלע דאַמען דאָ.

אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט נאָך דעם זעלבן אָוונט. ווען דער אייפערזיכטיקער סטודענט האָט עטלעכע מאָל געבעטן דער ציין־דאָקטאָרשע טאַנצן מיט אים אַ וואַלס און זי האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגעזאָגט אונטערן תירוץ, אַז ער טאַנצט שלעכט און טרעט איר דערביי אויף די פיס.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט: מארק באָריסאָוויטש האָט אָנגערופן זיין פאַרגעטערטע דאַמע מיטן אײדעלן נאָמען „פּראָווינציעלע קו". דער טאַנץ־מייסטער, אַלס ערן־ריטער, האָט דעם סטודענט געכאַפּט פאַרן קאָלנער, אויף וואָס מארק באָריסאָוויטש האָט געענטפערט מיט אַ קלינגענדיקן פּאַטש...

עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ שטופּעניש צום אַרויסגאַנג... ביז טיף אין דער נאַכט האָב איך געשפּאַצירט מיט דעם אויפגערעגטן סטודענט אין גערטנדל אָדער „טיעלאַטניק" (קעלבער־שטאַל), ווי די סווישלאָטשער האָבן אים גערופן.

איך האָב זיך דעמאָלט דערוווסט וועגן דער גרויסער ליבע, וואָס האָט געפּלאַמט אין מארק באָריסאָוויטשעס הארצן; וועגן דעם, אַז ער האָט זיך נאָך געליבט מיט דער שיינהייטס־קעניגין פון שטעטל, איידער זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם אידיאָט, דעם ציין־דאָקטאָר...

איך האָב געהאַט גרויס מיטלייד מיטן דערציילער, וועלכן דער טאַנץ־מייסטער האָט אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער...

יאָרן זענען אַריבער, צווישן די גריסן, וואָס איך פלעג אָפּנעמען פון די שטעטלעך, וועלכע איך האָב באַזוכט, איז אויך געווען די נייעס, אַז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך מיין אָפּפאָרן פון סווישלאָטש, איז די יונגע קאָזע, די ציין־דאָקטאָרשע, אַנטלאָפן מיטן פאַרליבטן טאַנץ־מייסטער אַזש קיין באַראַנאָוויטש... אַז דאָרטן האָט ער זיך מיט איר

געהאַלטן אײניקע װאָכן און נאָכהער איז ער אַלײן אַנטלאָפֿן פֿון איר װײַט, גאַנץ װײַט...

אָבער מײַן נײַע באַגעגעניש מיט מאַרק באָריסאָװיטש, דעם אַמאָל באַלײדיקטן געליבטן, האָב איך דורכגעלעבט בײַ גאָר דראַמאַטישע אומשטענדן.

דאָס איז געװען סוף 1920, אין כאַרקאָװ, װען איך האָב פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון אַדמיניסטראַטיװן שעף פֿון דער ציװילער און מיליטערישער עװאַקואַציע אין אוקראַינע. עס איז געװען דאַן, װען לױט לעניִנס פֿאָדע־רונג האָט מען אַרײַנגעצױגן אין מלוכה־דינסט אַלערלײ „ספּעצן״ (עקספּערטן), װעלכע מען האָט אָנגעטרױט אַפֿילו די העכסטע מלוכה־אַמטן, שטענדיק אָבער איז דאָס געװען אונטערן קאָנטראָל פֿון אַ קאָמוניסט.

בײַ אונדז אין ביוראָ, פֿון װאַנען עס איז קאָנטראָלירט און דיריגירט געװאָרן די קאָמפּליצירטע עװאַקואַציע־מאַשין פֿון אוקראַינע, איז דער קאָמוניסטישער קאָמיסאַר געװען אַן אײנפֿאַכער רוסישער אַרבעטער, אַ שנײַדער סערגעי זועװ. אָבער אַז די מלחמה מיט פּױלן האָט זיך געענ־דיקט און מיר האָבן געדאַרפֿט אױספֿירן די פֿונקציע פֿון צוריקשיקן דאָרטן די הונדערטער טױזנטער פּױלישע געפֿאַנגענע סאָלדאַטן, האָט דער ראַט פֿון פֿאָלקס־קאָמיסאַרן באַשטימט פֿאַר אונדז אַ נײַעם „נאַטשאַלניק״, אַ קאָמוניסט, װעלכן מיר האָבן געקענט פֿון די מאָסקװער צײַטונגען, אָבער קײנמאָל פּערזענלעך נישט געזען. זײַן נאָמען איז געװען טאָװאַרישטש (חבר) מאַקאַר. אין דער פֿאַראָרדענונג, װאָס איז דאַן דערשינען אין דער אָפֿיציעלער צײַטונג, איז געװען געזאָגט, אַז חבר מאַקאַר װערט אױך גלײַכצײַטיק באַשטימט אַלס מיטגליד פֿון דער אַל־אוקראַינישער טשעקאַ...

אין יעדן פֿון אונדז האָט דאָס האַרץ אָנגעפֿאַנגען שטאַרקער צו קלאַפּן: קײנעם האָט נישט געשמעקט די פּערספּעקטיװע פֿון האָבן איבער זיך אַ באַלעבאָס, װעלכער איז גלײַכצײַטיק דער האַר פֿון לעבן און טױט איבער די דרײַסיק מיליאָן אײַנװױנער פֿון אוקראַינע. אָבער מיר האָבן געמוזט קוקן דער װירקלעכקײט אין די אױגן.

ד״ר ח. שאָשקעס

אין איינעם אַ פֿרימאָרגן באַקומט אונדזער קאָמיסאַר סערגעי זועוו אַ טעלעגראַמע, אַז היינט ביי־טאָג וועלן קומען קיין כאַרקאָוו צוויי גאָר געהויבענע געסט: דער פֿאָרזיצער פֿון דער אַל־רוסישער טשעקאַ פֿעליקס דזשערזשינסקי, און אונדזער נייער קאָמיסאַר, טאָוואַרישטש מאַקאַר.

אַלע שעפֿן פֿון די אָפּטיילונגען, צווישן זיי, פֿאַרשטייט זיך, אני הקטן, האָבן געדאַרפֿט אַרויספֿאָרן אויפֿן וואָקזאַל זיי דערוואַרטן.

דזשערזשינסקיס נאָמען איז דאַן געווען אויף אַלעמענס ליפּן; מען דערציילט לעגענדעס וועגן זיין אכזריות און זיין ריקזיכטלאָזיקייט; מען האָט געוווּסט, אַז לענין איז זיין נאָענטער פֿריינט און דעקט מיט זיין נאָמען אַלץ, וואָס דזשערזשינסקי טוט.

איך בין דעריבער געווען איבערראַשט, ווען פֿון סאַלאָן־וואַגאָן פֿון מאָסקווער צוג איז דער ערשטער אַרויס אַ שמייכלענדער, עטוואָס איינגעבויגענער בלאָנדין מיט אַריסטאָקראַטישע געזיכטס־שטריכן, מיט אַ פֿיין צעקאַמט בערדל, אין וועלכן עס האָבן שוין געבלישטשעט זילבער־פֿאָסן.

איך פֿיל נאָך איצט די ווייכקייט, כמעט ווייבלעכקייט פֿון זיין האַנט, און איך זע פֿאַר זיך דעם סוכאָטע־פֿיבער אין זיינע גרויע אויגן. ער איז אָנגענעם־העפֿלעך, רעדט מיט אַ באַמערקבאַרן פּוילישן אַקצענט, ווען ער שטעלט אונדז פֿאָר דעם חבר מאַקאַר, וועלכער האַלט זיך סערוויליש־אונטערטעניק אין דער אָנוועזנהייט פֿון מעכטיקן טשעקאַ־שעף. אָבער איך קען שווערן, אַז חבר מאַקאַרס געזיכט, די סאַרקאַסטישע אויגן און מעפֿיסטאָפֿעליש־געשניצטע ליפּן, האָב איך שוין ערגעץ־ווו געזען. ווען ער דערנענטערט זיך צו מיר, כּדי זיך פֿאָרשטעלן, האָב איך זיך פּלוצלינג אַלץ דערמאָנט: אָט איז ער דאָך ווידער דער סוויסלאָטשער סטודענט, וועמען דער טאַנץ־מייסטער האָט געכאַפּט פֿאַרן קאַרק און באַקומען דערפֿאַר אַ פֿייערדיקן פּאַטש... און די פּראָווינצער שיינהייט, וואָס איז אַנטלאָפֿן מיט אַ געליבטן אַזש קיין באַראַנאָוויטש, און די בייכיקע מאַנדאָלינעס און אַפֿילו דעם ריח פֿון די ביימלעך אין טעליאַטניק־גאָרטן, ווען דער באַליידיקטער מאַרק באָריסאָוויטש האָט זיך פֿאַר מיר פֿאַרטרויט מיט דער געשיכטע פֿון זיין ליבע און זיינע ביטערע אַנטוישונגען.

אויף אַ מינוט פאַרהאַלט מאַקאַר זיינע אויגן אויף מיר, ווי אַ שאָטן לויפט דורך איבער זיין פּנים, און ער גיט אַ זאָג אַזוי ווי פאַרבייגייעדיק:

„צי זענט איר נישט אַמאָל דער שילער, וועלכן איך האָב באַגעגנט?..."

איך ענטפער קורץ: „יאָ, דאָס בין איך..."

„זייער אינטערעסאַנט!" — באַמערקט מאַקאַר און באַגריסט זיך מיט מיין שכן.

אָט פון דער דאָזיקער אומשולדיקער באַגעגעניש ערגעץ אין אַ שטעטל אין גראָדנער גובערניע, איז פאַר מיר שפּעטער אַרויסגעקומען אַ גרויסע לעבנס-טובה.

XVII.

מיט אַ דיפּלאָמאַטישן וואַגאָן קיין מאָסקווע

נאָכדעם ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין נייער שעף אין כאַרקאָווער עוואַקואַציע־דעפּאַרטאַמענט — מאַקאַר — איז דאָס טאַקע געווען יענער סטודענטל, וועלכן מען האָט אין שטעטל סוויסלאָטש אַרויסגעוואָרפן פון טאַנץ־קלאַס פאַרן קאָלנער, איז מיר געוואָרן אַביסל לייכטער אויפן האַרצן. כאָטש מאַקאַר פלעגט זיך אונטערשרייבן מיט די שרעקלעכע בוכשטאַבן: מיטגליד פון ווו־טשע־קאַ (אַלאוקראַאינישע טשע־קאַ), וועלכע איז דאַן פאַרוואָרפן געווען מיט „אַרבעט" ביים ליקווידירן די דעניקין־פּעטליוראַ באַנדעס, ווי אויך מיטן קאַמף קעגן קאָנטר־רעוואָלוציע, סאַבאָטאַזש און שפּעקולאַציע, האָב איך אָבער געוווסט, אַז מיר וועט שוין גאָרנישט געשען, אויב נאָר איך וועל האַלטן קאָפּ און נישט מאַכן קיין פעלערן. איך האָב זיך געקלערט, אַז עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס ער איז נישט געקומען קיין כאַרקאָוו מיט אַ זעקס מאָנאַטן פריער, ווען די זעלבע טשעקאַ האָט אין אַ צאַרטער פרילינגס־נאַכט אַרעסטירט די קהילה־פאַרוואַלטונגס מיטגלידער, איינשליסנדיק מיין ווייניקייט און אָפּגעהאַלטן אונדז אין טויט־קאַמערן אַ שיינע פאָר וואָכן, ביז מיר זענען בשלום פון דאָרט אַרויס אויסגעלייטערטע און אויסגערייניקטע פון יעדן חטא.

אָבער עס איז געוואָרן אַלץ שווערער פאַר אַ מענטש, ווי מיר, וועלכן מען האָט געקענט אין שטאָט אַלס פירער פון די „צעירי ציון", צו באַקליידן אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט, ווי אַדמיניסטראַטיווער שעף פון דער עוואַקואַציע פון קריגס־געפאַנגענע און פליכטלינגע אין גאַנץ אוקראַינע. עס האָט זיך געפאָדערט דערצו אַ קאָמוניסטישע פאַרטיי לעגיטימאַציע.

עס איז געווען ווייניק, וואָס מיינע אונטערשריפטן אויף די דאָקומענטן פלעגן מוזן באַשטעטיקט ווערן דורך די פּאַרטייאישע קאָמיסאַרן, די איבער־ריקנס גאַנץ סימפּאַטישע חברים זוועו און בודאַנאָוו. מען האָט אָנגעהויבן אַלץ שטאַרקער צו דריקן, אַז איך זאָל אַליין אַרויסנעמען אַזאַ לעגיטימאַ־ציע... אַזוי ווי דאָס איז פאַר מיר געווען אויסגעשלאָסן, איז ביי מיר געבליבן, אַז אָנשטאָט ווייטער צו עוואַקואירן הונדערטער טויזנטער אַנ־דערע, זאָל איך מיך אַליין וואָס פריער עוואַקואירן... זייענדיק געבוירן אין ביאַליסטאָק, וועלכע איז דאַן אַריבער צו פּוילן, האָב איך דערצו געהאַט אַ געזעצלעכן רעכט לויטן ריגער טראַקטאַט, און איך האָב געוואָלט זיך געזעגענען מיטן לאַנד לאַיאַל און מיט כבוד, נישט גלאַט אַנטלויפן.

יעדן טאָג פלעגן מיר וועגן דעם רעדן און זוכן וועגן מיט מיין פריינט און קאָלעגע פון זעלבן אַמט, דר. לייב וואָלמאַן, וועלכער איז געווען דער מעדיצינישער שעף פון דער עוואַקואַציע, אָבער פאַרשטייט זיך, אויך ער האָט אַ פּאַרטיי לעגיטימאַציע. דר. לייב וואָלמאַן, דער איצטיקער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון אַמעריקאַנער „אָזע", כאָטש אַ געבוירענער אין אוקראַינע, האָט אָבער געענדיקט דעם וואַרשעווער אוניווערזיטעט, געלעבט לאַנגע יאָרן אין פּוילן און דעריבער אויך געהאַט אַ געזעצלעכן גרונט זיך אומצו־קערן אַהיים, — משמיינס געזאָגט.

איך דערמאָן זיך די סצענע אין קאַבינעט פון פאָלקס־קאָמיסאַר טאַ־ראַסענקאָוו, ווען מען האָט מיך אַריינגערופן, איך זאָל אַרויסזאָגן מיין מיינונג אַלס אַדמיניסטראַטיווער שעף, צי דר. לייב וואָלמאַן איז טאַקע אַ „פּאָליאַק", צי חס־וחלילה אַן „אוקראַינער"... איך האָב זיך איבערגעקוקט מיטן בלאַסן דאָקטאָר, וועלכער האָט געוואַרט אויף זיין אורטייל און אַ קלערער געטון: „נישט דאָ איז דיין אָרט; דו מוזט זיך אַריבערטראָגן ערגעץ־ווו אין אַ יידישער סביבה, וו מען קאָן זיך איינגאַנצן אויסלעבן אין גייסט פון דיין בכבודיקן משכילישן טאַטן אין בערדיטשעוו און אין דער טראַ־דיציע פון יענער פאָלקסטימלעכער אינטעליגענץ, צו וועלכער דו געהערסט". איך האָב באַטראַכט די אַלע צוגעשטעלטע דאָקומענטן, — דיפּלאָמען און ציטונגס־אַרטיקלען אין דער וואַרשעווער פּרעסע, — אָנגעוויזן ספּעציעל אויף איינעם פון זיי, וו דער יונגער סטודענט וואָלמאַן שטורעמט קעגן די יידישע רענעגאַטן פון וואַרשעווער מיטל־שולן, וועלכע האָבן זיך אין אַן

ערב ראש־השנה אַוועקגעלאָזן שמדן, כדי אָנצוקומען אין צאַרישן אוניווערסיטעט. דער אַרטיקל האָט דאַן געמאַכט אַ גרויסן רושם, ווייל שטאַרק איז געווען דער ווייטיק איבערן מאַסן־שמד פון צענדליקער באַלעבאַטישע קינדער, וואָס האָבן פאַרקויפט זייער פאָלק צוליב אַ נישטיקער קאַריערע... דאָס אַלץ האָט געדאַרפט דינען אַלס באַווייז, אַז דר. וואָלמאַן איז געווען טעטיק אין פוילן און געהערט דעריבער דאָרטן. און אַזוי האָבן מיר געפסקנט: דאָס ברוינע פּאַפּירל, אַז דר. וואָלמאַן איז אַ „פּאָליאַק", איז געחתמעט געוואָרן, צו זיין גרויסער פרייד, אפשר נישט קלענער, ווי די, ווען מען האָט נישט לאַנג אונטערגעשריבן זיין אויסגעבענקטע אַמעריקאַנער בירגערשאַפט. דורך אַ שווערן דערנער וועג איז געגאַנגען אונדזער דור...

גלייך נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן מיינע אייגענע צרות. איך בין געוואָרן „גרויס אין די אויגן" די פירער פון דער אַמאָליקער „יעווסעקציע" (יידיש־קאָמוניסטישע סעקציע).

צו מיר אין אַמט איז אייניקע מאָל אַריינגעקומען דער פאָרזיצער פון דער „יעווסעקציע", דער אַסקעטיש־פאַנאַטישער סעגאַלאָוויטש (עלטערער ברודער פון דיכטער) און געפרעגט, וואָס וועט זיין דער „תכלית?

דאָס האָט געזאָלט הייסן: „ווי לאַנג וועסטו נאָך בלייבן אויף דיין אַמט אָן אַ פּאַרטיי־צעטל?" זיין געל פּנים אין דער ראַם פון גרויען בערדל האָט דערביי אויסגעדריקט אַזוי פיל עקשנותדיקע פרומקייט צו זיין פּאַרטיי, אַז דאָס האָט מיר דערמאָנט דעם ווייטיק פון אַן אַמאָליקן פרומען ייד, ווען ער האָט געזען, אַז אַ יונגערמאַן ווערט אַן אפּיקורס. נאָך יעדן אַזאַ וויזיט האָב איך געפילט, אַז דער באָדן ברענט מיר שוין אונטער די פיס, אַז מען דאַרף זיך אָפּטראָגן... אָבער די רוסישע און אוקראַינישע קאָמוניסטן אין זעלבן אַמט פלעגן מיך באַרואיקן: „דיר וועט גאָרנישט געשען, כל־זמן דו וועסט אָרנטלעך אַרבעטן"... אויך מאַקאַר האָט מיך באַרואיקט מיט זיין האַלב־פריינטלעכן, האַלב־דעמאָנישן שמייכל.

דערווייל האָט זיך פאָלגנדעס פאַרלאָפן: כדי צו פאַרשטאַרקן די צוגעבונדנקייט פון כאַרקאָווער פראָלעטאַריאַט צום סאָוויעטישן רעזשים, האָט מען באַשלאָסן צונויפצורופן אין גרויסן שטאָט־טעאַטער אַן „אומפּאַרטייאישע קאָנפערענץ" פון די אויסגעקליבענע פאָרשטייער פון אַלע

פאַבריקן און אינסטיטוציעס. אין יענער צייט האָבן נאָך האַלב־לעגאַל עקזיסטירט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, און די וואַלן זענען דעריבער פאָרגעקומען אין אַ לײדנשאַפטלעכער אַטמאָספערע פון קאַמף מצד די „אומפאַרטייאישע" (אַזוי האָבן אָפּיציעל געהייסן אַלע פאַרטייען) קעגן די קאָמוניסטן. אַכציק פּראָצענט פון די געוויילטע פאָרשטייער זענען טאַקע געווען קעגנער פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי.

אין גרויסן זאַל פון אונדזער אַמט, — אוקרגלאַוועוואַק — האָבן זיך פאַרזאַמלט די מיטאַרבעטער פון דריי קאָמיסאַריאַטן (רעגירונגס דעפּאַרטאַמענטן), כדי אויסצוקלײבן די דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ. עס זענען געקומען די עלעגאַנטע באַאַמטע פון אויסערן מיניסטעריום, פון קאָמיסאַריאַט פאַר אויסלענדישן האַנדל און אונדזערע אייגענע מיטאַרבעטער.

די קאָמוניסטן זענען געווען אין דער מינדערהייט און אויסגעוויילט זענען געוואָרן „אומפאַרטייאישע", צווישן זיי דר. וואָלמאַן און איך.

די אַטמאָספער אין שטאָט איז געוואָרן זייער הייס און מען האָט מיט שפּאַנונג דערוואַרט, וואָס וועט זיך אָפּשפּילן אויף דער קאָנפערענץ אין שטאָט־טעאַטער.

צום ברייטן „האָל" פון טעאַטער שטראָמען הונדערטער דעלעגאַטן: אַרבעטער, פּויערים, אינטעליגענטן. מען קאָנטראָלירט שטרענג די אײנגאַנגס־בילעטן. אויך אונדזער גרופּע דעלעגאַטן שטופּט זיך אַרײַן אין דער גרויסער ענגשאַפט. איך באַמערק, ווי אויף די מאַרמאָרנע טרעפּ שטייט דער געוועזענער בונדיסט, אָבער איצטיקער פלאַמענדיקער קאָמוניסט דוד שוואַרצמאַן. מיר פלעגן אַמאָל אַרויסטרעטן צוזאַמען אויף יידישע פאַרזאַמלונגען און שאַרף דיסקוטירן.

דער דאָזיקער לאָדזשער יונגערמאַן איז שוין אָבער איצט נישט געווען גלאַט אַזוי אַ יידישער רעדנער. מיר האָבן געוווסט, אַז ער איז אַ פאַרברענטער פאַרטיי־מענטש און דערצו נאָך אַ מיטגליד פון כאַרקאָווער מעכטיקער „טשעקאַ". די מפּלה פון זײַן פאַרטיי ביי די וואַלן האָט אים, ווייזט אויס, אַרויסגעבראַכט פון גלייכגעוויכט און ווען ער האָט מיך

דערזען צווישן די דעלעגאַטן, — מיך זיין אַלטן ציוניסטישן אָפּאָנענט — האָט ער אויסגעשריגן הויך און שאַרף, אַנרופנדיק מיך ביים נאָמען:

„וואָס טוט איר דאָ? טראָגט זיך אָפּ קיין פּאַלעסטינע!״ הונדער־טער האָבן געהערט דעם אויסגעשריי און זיך פאַרוואונדערט אומגעקוקט אויפן אומגעוואונטשענעם „פּאַלעסטינער״... דאָס בלוט האָט מיר אַ זעץ געטון אין קאָפּ; אַ ווילדער כעס האָט מיך אַרומגעכאַפּט קעגן דאָזיקן לאָדזשער בחור, וואָס האָט אַליין מיט אַ פּאָר חדשים צוריק פאַרראַטן זיין אייגענע פּאַרטיי צוליבן טאָפּ לינדזן... איך פאַרגעס, ווי איך געפין זיך און שריי אויס אויפן גאַנצן האַל: „שוואַרצמאַן! איר באַנוצט דאָך די אייגענע ווערטער, וואָס די „דעניקינצעס״ פלעגן באַנוצן בנוגע יידן! איר זענט דער זעלבער שוואַרצמאַהניק!״ און אַ טויטע שטילקייט האָט פּלוצלינג באַהערשט די הונדערטער שטראָמענדע דע־לעגאַטן. „וואָס וועט דאָ באַלד פּאַרקומען? ווער בין איך דאָס צו באַליי־דיקן עפנטלעך אַ שעף פון דער אַלמעכטיקער טשעקאַ?״

דער ענטפער איז באַלד געקומען. שוואַרצמאַן שרייט אויס צו די מיליציאַנטן (פּאָליציי), וואָס באַוואַכן געדיכט דעם טעאַטער: „אַרעסטירט אים, נעמט אים״. אייניקע פּאָר פעסטע הענט כאַפּן מיך אַרום... אָבער פּלוצלינג דערהער איך הינטער זיך די שטימע פון מאַקאַר: „היי! ביטע חברים, לאָזט אים אָפּ. ער איז מיין מיטאַרבעטער, איך גאַראַנטיר פאַר אים!״ דאָס איז געווען אַ באַפעל. די „קלעשטשעס״, אין וועלכע מען האַלט מיך, לאָזן אָפּ. איך דריי זיך אום און דערזע ווי מאַקאַר שטייט מיטן בלאָנדן, פּראָפעסאָריש־אויסזעענדיקן שירווינטן, — דעם אינטעלי־גענט פון ווילנע — וועלכער איז דער וויצע־מיניסטער פון אינערן און נייער שעף פון פּאָליציי. איך דאַנק זיי וואַרעם, אָבער דערוויל גייט אַראָפּ שוואַרצמאַן פון די טרעפּ און דערנעענטערט זיך צו אונדזער גרופּע: „וואָס? — איר באַפרייט אים? גיט ער אַ זאָג מיט אַ פאָרוואורף צו מאַקאַרן — איר האָט דען גאָרנישט געהערט, ווי ער האָט מיך אָנגערופן שוואַרצמאַהניק?״ מאַקאַר, נישט רעכענענדיק זיך, וואָס פיל אַרום אונדז הערן אים, ענטפערט שאַרף: „איך האָב אָבער אויך געהערט אייער אויס־געשריי „קיין פּאַלעסטינע!״ דאָס דערמאָנט ווירקלעך דעם לאָזונג פון די דאָנער קאָזאַקן... דאָס איז נישט די ריכטיקע פאָרם פון ווענדן זיך

צו אַ פּאַרטיי־קעגנער, איך זאָג דאָס אײַך, ווי אַן אַלטער באָלשעוויק״. שוואַרצמאַן דערפֿילט דעם שטאָך, פֿאַרבײַסט די ליפּן און דרייט זיך אויס. איך גיי אַרײַן אין קאָנפֿערענץ־זאַל מיטן טיפֿן באַשלוס וואָס פֿריִער צו פֿאַרשווינדן פֿון כאַרקאָוו, פֿון דער אומפֿאַרמײַדלעכער נקמה פֿון פֿאַרביסענעם „טשעקיסט״ שוואַרצמאַן.

אין צוויי טעג שפּעטער באַקום איך דעם אויפֿטראָג צו פֿאָרן קיין מאָסקווע מיט אַן אָפֿיציעלער שליחות פֿאַרבאַרייטן דעם וועג פֿאַרן צוריקקער קיין ליטע און לעטלאַנד פֿון די פּליכטלינגען, וועלכע זענען דערצו באַרעכטיקט לויטן שלום־אָפּמאַך מיט די דאָזיקע לענדער. צוויי „עשאַלאָנען״ מיט די עוואַקואירטע זענען שוין אַרויסגעשיקט געוואָרן אין פּראַכט־וואַגאָנעס; איך דאַרף פֿאָרן פֿאָראויס, כּדי צו דערלעדיקן די גרענעץ־פֿאָרמאַליטעטן און אויך אָפּגעבן אַ באַריכט אין מאָסקווער אויסערן קאָמיסאַריאַט וועגן דער אַרבעט אין אוקראַינע.

איך בין גליקלעך, וואָס עס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אײַנצואָרדענען אין אַ באַקוועמען וואַגאָן פֿון עוואַקואַציע־צוג דעם שאַוולער רב און גרויסן פֿרײַנט פֿון מײַן פֿאָטער, ר׳ מאיר אטלאס; ער איז נאָר־וואָס געווען „סנדק״ אויפֿן ברית פֿון מײַן בכור און מיר איז באַזונדערס ליב אים צו דינען ווי אַ זון. אין זעלבן וואַגאָן פֿאָרט אויך דער באַרימטער העברעאישער פּעדאַגאָג ד. טשאַרנאָ, דער גלענצנדער קאָוונער אַדוואָקאַט דימאַנטשטיין, דער קאָאָפּעראַטיווער לידער און מײַן חבר אַקסעלראָד.

* * *

איך באַקום אַ פּלאַץ אין דיפּלאָמאַטישן סאַלאָן־וואַגאָן, וועלכן מען האָט „צוגעטשעפּעט״ צום שנעל־צוג, וואָס גייט פֿון כאַרקאָוו קיין מאָסקווע. עס רעדט זיך אַזוי „שנעל־צוג״. עס איז דעמאָלט געווען אַ צײַט, ווען לאָקאָמאָטיוון האָבן קיין קוילן נישט געהאַט; מען האָט זיי געהייצט מיט האָלץ, וואָס מען האָט געקליבן בעתן פֿאָרן. די רייזע האָט געדויערט נישט זיבעצן שעה, ווי אין פֿרידנס־צײַטן, נאָר ווייניקסטנס דרײַ טעג. עסנוואַרג האָט מען געדאַרפֿט מיטנעמען מיט זיך, ווי אַמאָל אין די אַלטע, גוטע צײַטן און מען האָט זיך געטיילט מיטן שטיקל ברויט און געטרוקנטע פֿיש אָדער קעז מיט די, וואָס האָבן קיין שפּייז נישט געקענט באַקומען.

ד״ר ח. שאָשקעס

אונדזער „סאַלאָן־וואַגאָן" האָט אַמאָל געהערט צום צאַרישן אייזנבאַן־מיניסטער. שפּעטער האָט מען אים געשענקט דעם פּאָרזיצער פון די אוקראַינער פאָלקס־קאָמיסאַרן ראַקאָווסקין, און ער האָט שוין אויסגעליען דעם וואַגאָן צו באַזונדערס וויכטיקע דעלעגאַציעס, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט פאָרן קיין מאָסקווע. דאָסמאָל איז דער וואַגאָן, מיט די רויטע פּלושענע בענק, מיט די פאַרמאַכטע צימערלעך צום שלאָפן און מיטן זאַמל־סאַלאָן אינמיטן, פול געווען מיט גאָר אינטערעסאַנטע פּאַסאַזשירן. די באַדייטנדיקסטע פון זיי זענען געווען: יהודה נאָוואַקאָווסקי, דער פאַר־טרעטער פון פאָלקס־קאָמיסאַר פאַרן אויסלענדישן האַנדל און ביעלאָבראָ־דאָוו, דער מיליטערישער פּראָקוראָר פון ראַטנפאַרבאַנד, אויף וועלכן מען האָט געזאָגט אין אַלע אויסלענדישע צייטונגען, אַז ער איז דאָס געווען דער אָנפירער און אויספירער פון דער עקזעקוציע פון ניקאָלאַי דעם צווייטן און דער גאַנצער צאַרישער פאַמיליע. ביעלאָבראָדאָוו אַליין, אַ געוויקסיקער בלאָנדין מיט אַ קורץ בערדל און גרוי־שטאָלענע ענערגישע אויגן, האָט דעם פאַקט קיינמאָל נישט באַשטעטיקט, אָבער אויך נישט אָפּגעלייקנט...

עס זענען געווען נאָך אינטערעסאַנטע פּאַסאַזשירן: אַ פלינקער שוואַרץ־אויגיקער יונגערמאַנטשיק מיט אַ קמיץ־בערדל, אָנגעטון אין אַ בונטן קאַווקאַזער כאַלאַט מיט אַ זילבערנעם פּאַס און אַ פאַרביקער, גאָלד־גע־שטריקטער היטעלע. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס טער־עמעליאַן, דער פאָרשטייער פון בוכאַרע אין מאָסקווע. געווען אויך דער קליינער, דאַרער ניקאָלאַי פּאָפּאָוו, שפּעטערדיקער סאָוויעטישער קאָנסול אין וואַרשע. פּאָפּאָוו איז געווען אַ מיטגליד פון מיליטערישן־ראַט, אַן אָרנטלעכער גע־טרייער קאָמוניסט. אַ ביסל האָט ער זיך געשעמט פאַר מיר צוליב זיין ווייב; ער האָט געוווסט, אַז ווען זי איז געווען נאָך בעת די צאַרישע צייטן אַ סטודענטין אין כאַרקאָוו, האָט זי מיך אָנגערופן עפּנטלעך „זשיד" בעת די וואַלן צום סטודענטן־ראַט. אָבער ער האָט זיך פאַרליבט אין איר, ווייסנדיק, אַז זי איז געווען רעאַקציאָנער און אַזוי איז זי געבליבן... וועגן דעם האָב איך זיך געקענט איבערצייגן מיט יאָרן שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן אין וואַרשע, אין דער געביידע פון דער סאָוויעטישער אַמ־באַסאַדע אויף פּאָזנאַנסקע גאַס.

עס זענען מיט אונדז מיטגעפאָרן אַ בולגאַרישער קאָמוניסטן־פירער,

וועמענס נאָמען איך געדענק נישט. איך דערמאָן זיך נאָר, אַז ער האָט געטראָגן אַ לאַנגע רבנישע שוואַרצע באָרד און נישט געגעסן קיין פלייש...

מיר האָבן אויך אַריינגענומען פון רחמנות־וועגן צוויי יונגע יידישע סטודענטקעס פון סווערדלאָוו־אוניווערסיטעט אין מאָסקווע. מיט זיי האָבן זיך אַממערסטן באַשעפטיקט די עלטסטע אין ראַנג, יהודה נאָוואַקאָווסקי און דער פּראָקוראָר ביעלאָבראָדאָוו. זיי האָבן געזונגען שיינע רוסישע לידער און אַ ביסל באַלויכטן די לאַנגע טעג און נעכט, ווען דער צוג האָט זיך געשלעפּט צווישן קורסק־אָריאָל־טולאַ.

יהודה נאָוואַקאָווסקין האָב איך, פאַרשטייט זיך, געקענט פון פריער יאָרן־לאַנג איז ער געווען דער אַנערקענטער פירער פון די טעריטאָריאַ־ליסטן, שפּעטער סאָציאַליסטן־ציוניסטן. ער איז געווען די רעכטע האַנט אַלס פּאָליטיקער פון טיפּן, קרישטאַל־ריינעם שרייבער און דענקער בן־אדיר, וועלכער איז אָנגעגאַנגען פאַרן טעאָרעטיקער פון דער פּאַרטיי. אָבער אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע זענען זיך זייערע וועגן פונאַנדערגעגאַנגען!

בן־אדיר איז אַוועק אין אויסלאַנד אין עמיגראַציע און געשטאָרבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין אַמעריקע, אָבער נאָוואַקאָווסקי איז אַריבער צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ווי יעדער גר האָט ער אַ סך „מצוות" אָנגעהויבן אָפּהיטן שטרענגער ווי די אַלטע באָלשעוויסטישע „רביים"... אַליין איז ער געווען אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער מיט אַ שוואַרץ־גרוי באָלעבאַטיש בערדל. ער האָט בשום אופן נישט אויסגעזען ווי אַ מינים־טער. גיכער, ווי אַ רב אין אַ קליין שטעטל; גערעדט רוסיש מיט אַ שאַרפּן יידישן אַקצענט און אַמאָל אויך מיט אַ ניגון, זיך האַלטנדיק ביים שפּיץ־באָרד. זיין פאָטער איז געווען אַ רב אין אַ קליין שטעטל אין דרום רוס־לאַנד און אויך זיין זון יהודה האָט באַקומען סמיכות אויף רבנות.

איצטער פאָרט ער קיין מאָסקווע זיך פאַרענטפערן פאַרן סקאַנדאַל, וואָס ער האָט געמאַכט, צונעמענדיק אין ראָסטאָוו די גאַנצע שפּייז און מאַטעריאַלן, וואָס זענען דאָרט געווען אָנגעזאַמלט אין די קאָאָפּעראַטיוון פון דער דאָנער געגנט; יהודה האָט דאָס קוואַליפיצירט אַלס „מלחמה רויב", אָנגעלאָדעוועט הונדערטער וואַגאָנעס מיטן בעסטן עסנוואַרג און אַוועקגעשיקט קיין באַרקאָוו און מאָסקווע.

איז געוואָרן אַ גוואַלד: אמת, די קאָאָפּעראַטיוון זענען געווען אָנגעפירט דורך סאָציאַליסטן, — נישט קיין קאָמוניסטן, — אָבער די דאָנער אַרבעטער זענען געבליבן אָן שפּייז. זיי האָבן פּאַרוואָרפן מיט טעלעגראַמעס דעם קרעמל, מען זאָל זיי שיקן צוריק זייער אייגנס, אַניט וועט מען נישט אַרבעטן... פּאָרט נאָוואָקאָווסקי זיך פּאַרענטפערן פאַרן לייכטן „רויב״, וועלכן ער האָט דורכגעפירטביי זיינע אַמאָליקע חברים און היינטיקע פּאָליטישע קעגנער.

אַזוי דערציילט מיר די מעשה דער אַלטער באָלשעוויק פּאָפּאָוו, וועלכער איז, ווייזט אויס, מקנא נאָוואָקאָווסקין זיין מיניסטאָרן־אַמט און האָט אויך נישט ליב זיין רבנישן אַקצענט אין רוסיש.

אגב קיבעצט מען יהודהן פאַר גאָר אַ דעליקאַטער מעשה: כאָטש ער איז שוין אין די הויכע פופציקער, האָט אים זיין ווייב געבוירן מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אַ בן־זקונים. נישט געגנוג דאָס, האָט ער, דער „באָלשעוויסטישער קאָמיסאַר״, אויפן אכטן טאָג איינגעאָרדנט אַ „ברית״ מיט אַלע פּיטשעווקעס. אפילו „שפּיריטעס״ האָט מען דאַן געבראַכט פון צענטראַלן שפּיטאָל אין כאַרקאָוו, ווי עס פּאַסט פאַר טשערנאָבילער חסידים... דאָס — זאָגט מיר פּאָפּאָוו — איז די צווייטע סיבה, פאַרוואָס מען האָט נאָוואָקאָווסקין איינגעלאַדן קיין מאָסקווע...

אין די אָוונטן, ווען אונדזער צוג שלעפּט זיך צווישן דעם אומעטיקן איינטאָניקן לאַנדשאַפט פון צענטראַל־רוסלאַנד, זיצן מיר אין אַלגעמיינעם סאַלאָן ביי אָנגעצונדענע ליכט, שמועסן און זינגען.

דער אָנפירער פון דער זינגענדיקער קאַפּעליע איז טער־עמעליאַן, דער בוכאַרער דיפּלאָמאַט. זיין פּאַרביקער כאַלאַט, זיין קליין היטעלע מיט גאָלד און זילבער דורכגעוועבט, זיינע גלאַנציקע שוואַרצע אויגן זענען אַ נאַטירלעכע דעקאָראַציע פאַר די זיסלעכע קאַווקאַזער לידער וועגן די בערג עלברוס און קאַזבעק און וועגן „מיין זיידן אַכמעט, וואָס וווינט דאָרט אין „אַאול״ (דאָרף). עס העלפן אים די צוויי „סווערדלאָווקעס״, די סטודענטקעס אין די גראָבע שינעלן, וועלכע מיר האָבן פון רחמנות־וועגן אַריינגענומען אין אונדזער לוקסוס־וואַגאָן. מען ווייסט, אַז דאָס זענען צוויי יידישע מיידלעך פון ערגעץ אַ שטעטל אין דער אוקראַינע,

כאָטש קיין סך וועגן דעם רעדט מען נישט. אָבער אָט ענדיקט ער מיט די פערזן:

„מיר פאַרמאָגן אויף קאַווקאַז
שטאַרקן ווײַן מיט שאַרפן גאַז.
העלדן־אָדלערס אויף קאַזבעק,
און זיי קעמפן נעכט און טעג...

דאַן שטעלט ער אָן אויף די מיידלעך זײַנע אַליוון־פּעטע ברענענדע אויגעלעך און הייבט אָן מורמלען צו זיי עפּעס אַ ניגון, וועלכער קומט מיר פּאָר באַקאַנט: לאַנגזאַם הייב איך זיך אָן צו דערמאָנען אָפּגעריסענע פערזן פון דעם ליד, און איך גיב אַ זאָג צום זינגער:

„דאָס איז דאָך שוין נישט קיין קאַווקאַזער ניגון, נאָר אַ יידישער. עפּעס וועגן צוויי שיינע מיידלעך, צווישן וועלכע איר קלייבט אויס אַ כּלה...״

דער בוכאַרער זינגער לויכט פּלוצלינג אויף.

— יאָ, — ענטפערט ער — דאָס איז אַ פיין יידיש ליד און לאָמיר אים טאַקע צוזאַמען זינגען...

און איבערן האַלב־טונקעלען סאַלאָן צעקלינגען זיך די ווערטער וועגן „איינער, וואָס הייסט רבקהלע און אירע שוואַרצע אויגן ברענען ווי פייער. צינדן מיך אָן״... און וועגן דער צווייטער מיט בלאָנדע צעפּ און אויך וועגן דעם, אַז דער זינגער ווייסט נישט „ווער פון זיי ביידע וועט זײַן מײַן כּלה״ א. אַ. וו. און דערבײַ קוקט ער נאָך אָן זיס־פאַרעגנד די צוויי סטודענטקעס, וואָס „כאַפּן די סמייע״ פון גרויס מתיקות...

„אַזוי גאָר, פאַניע, טער־עמעליאַן? פון וואַנען אָן זינגען דאָס טערער קאַזאַקן יידישע לידער און נאָך מיט אַ ליטווישן אַקצענט דערצו?

אָבער טער־עמעליאַן ווערט נישט נתפּעל פון דער פראַגע און איז זיך מיט אַן אינטימען שמייכל מתודה צו די סטודענטקעס און צו מיר.

„איך בין אַזוי אַ קאַזאַק, ווי איר זענט ציגיינער: איך הייס פראַדקין און בין אַ זון פון באַראַנאָוויטשער רב. אין מלחמה בין איך מגולגל גע־וואָרן אין טיפן קאַווקאַז, דאָרט מלחמה געפירט, בלוט פאַרגאָסן קעגן די טערקן, און דעריבער טראָג איך איצט מײַן גאָלד־זילבערנע „קאַפּעלע״ און טערקישן כאַלאַט: עלעהיי זאָל זיך אײַך דוכטן, אַז דאָס איז אַ יאַרמולקע

און א קאפאטע, וואס איז דען די נפקא־מינה? און לאמיר ניט מפסיק זיין און ווייטער זינגען...

און מען האט טאקע געזונגען, — דעם גאנצן אוצר פון יידישע פאלקס־לידער און אויך פון גאלדפאדענס רעפערטואר. אויך נאוואקאווסקי האט האלב־הייזעריק צוגעבאמקעט, ווי עס פאסט פאר א בכבודיקן מיניסטער, וואס האט נאך „סמיכה" דערצו...

* * *

ווען מיר דערנענטערן זיך צו מאסקווע און אין אויפגייענדן פאר־טאג באווייזן זיך די גאלדענע קופאלן פון די קרעמעל־קירכן — זינגט טער־עמעליאן און מיט אים די גאנצע חברה מיט גרויס התלהבות!

„לאמיר אלע, אלע אינאיינעם
דעם חבר לענין מקבל פנים זיין"

אויך דער מיליטערישער פראקוראר ביעלאבראדאוו זינגט מיט דעם ניגון מיט א טיפן באס...

XVIII.

פסח אונטער מאַכנאָס באַנדעס

עס איז געווען א מאָדנער ערב־פּסח אין יאָר 1919 אין דער דעמאָל־סטיקער הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע, אין כאַרקאָוו.

דעם גאַנצן ווינטער האָבן זיך געביטן רעגירונגען; עס זענען שוין געקומען און אוועק די קייזערלעכע דייטשן, ווייס־רוסישע הוזאַרן, העט־מאַנישע קאָזאַקן און פּעטלוראַס היידאַמאַקן; איצט האָט נאָך קוים געזשיפּעט די באָלשעוויסטישע מאַכט, אָבער פון דרום הינטער ראָסטאָוו האָט זיך קיין כאַרקאָוו געריסן דעניקינס אַרמיי און גענעראַל שקוראָס גזלנים אויף קורץ־געוויקסיקע קאַלמיקער־פערדלעך פלעגן זיך שוין באַ־ווייזן נישט ווייט פון דער הויפּט־שטאָט.

די זעכציק טויזנט יידן אין האַלב־מיליאָניקן כאַרקאָוו האָבן דערי־בער געלעבט אין טויט־שרעק, וועלכע איז נאָך פארגרעסערט געוואָרן דורך דעם, וואָס טאָג־איין טאָג־אויס זענען דורך די פארבלוטיקטע וועגן פון אוקראַינע געקומען שליחים פון שטעט און שטעטלעך און דערציילט וועגן שוידערלעכע פּאָגראָמען און צענדליקער פלעצער, וועגן קאָזאַצקע אַטאַמאַנען, וואָס רויבן, מאָרדן, שענדן. און דאָ פלוצלינג קומט די ידיעה, אַז עס קייקלען זיך איבער די זייטיקע שליאַכן קיין כאַרקאָוו צוויי־רעדערדי־קע וועגענער — „טאַטשאַנקעס” האָט מען זיי גערופן — אין וועלכע עס זיצן צעיאַכמעטע יונגען אין קודלעוואַטע פוטערנע היטלען, אין צעשפּילעטע שינעלן, ארומגעוויקלט מיט באָמבעס און קוילן. אין די וועגעלעך שטייען קוילן־וואַרפער, וועלכע שיסן אָן א שום סיבה און זייען טעראָר פון די

שטורמישע שוועלן אויפן טייך דניעפער ביז די גרענעצן פון קורסקער גובערניע, וועלכע איז דאן נאך פעסט געווען אין סאוויעטישע הענט.

און דערוויילע רוקט זיך אן דער פסח, אבער ווער האט דען געקענט קלערן וועגן מצות, וויין, קניידלעך און די אלע גוטע זאכן, וועלכע האבן באשיינט אונדזער פרייהייטס־יום־טוב אין אלע צייטן זינט איך געדענק זיך.

די יידישע קהילה אויף קוליקאווסקער גאס, די ערשטע דאן דעמאק־ראטיש־געוויילטע פארשטייערשאפט אין אוקראינע, האט יא באזארגט א געוויסן טייל פון דער באפעלקערונג מיט עפעס דיקע פלעצלעך פון שווארצן מעל, וועלכע האבן דערמאנט מצות, אין יענע געפערלעכע טעג און נעכט האט מען מער געקלערט וועגן ארויסגיין מיטן לעבן, איידער וועגן כשרות.

אבער ווען איבערן גראנד־האטעל אויף פאוולאווסקין פלאץ, אין סאמע צענטער פון דער שטאט, האט זיך באוויזן די שווארצע פאן פון די מאכנאווצעס און איבער די גאסן האבן זיך געטראגן ווילדע לידער צונויפגעמישט מיט ווילדע שיסערייען, האבן אלע יידישע פארטייען אין דער קהילה באשלאסן, אז עפעס מוז באלד געטון ווערן, כדי צו באשיצן דאס לעבן און כבוד פון דער צאלרייכער יידישער באפעלקערונג.

ווי איך האב שוין דערמאנט, איז נאמינעל די מאכט געווען אין די הענט פון די באלשעוויקעס, אבער עס איז נאך נישט ארגאניזירט געווען דורך זיי נישט די ארמיי און נישט די פאליציי. די וויניקע פאלקן פון דער „רויטער גווארדיע״ זענען אפגעגאנגען מיט בלוט אין שלאכטן מיט איבערוועגנדע פיינטלעכע כוחות. עס האט זיך געפילט, אז אט־אט וועלן די באלשעוויקעס מוזן עוואקואירן אוקראינע.

שוין דער פאקט אליין, וואס די מאכט דעמאלסט איז געניוט געווען צו א קאמפראמיס און אריינגעלאזט אין שטאט דערוויילע דעם שטאב פון די מאכנאווצעס, איז געווען א בייזער אנזאג פון א וואקסנדיקער אנארכיע.

דער פרעזידענט פון דער קהילה, ר׳ מאיר אראנסאן (ברודער פון בארימטן קיעווער און שפעטער תל־אביבער רב), האט אונדז אלעמען צונויפגערופן אויף א דרינגענדער זיצונג, כדי בעראטן זיך, ווי צו באגע־גענען די אלץ וואקסנדע געפאר פון א שחיטה.

זיין שוואַרצע צעפּאַטלטע באָרד האָט זיך נערוועז באַוועגט אויף רעכטס און לינקס, ווען ער האָט גערופן די פירער פון אַלע יידישע פּאַרטייען פאַרגעסן זייערע רייסערייען אין דער דאָזיקער גורל־שעה.

פון עקסטרעם־לינקן פליגל, ווו עס איז געזעסן די פּראַקציע פון בונד מיט אירע לידערס מאַקסים שטערן און לעוו גינזבורג איז אַרויס דער פאָרשלאָג, מען זאָל באַוואָפענען די יידישע יוגנט און גרינדן אַ זעלבסט־שוץ.

מיין טעמפּעראַמענטפולער חבר און גלענצנדער רעדנער אַברהם לעווינסאָן (איצט באַקאַנטער פּאָעט־דראַמאַטורג אין ארץ ישראל) שטיצט היים דעם דאָזיקן געדאַנק. דער דאָן נאָך יונגער פּלאָמענדיקער אַדוואָקאַט יוסף טשערניכאָוו (אומגעקומען אין אַ ווילנער תּפיסה) לייגט צו זיין פייער צום געדאַנק ווענן שאַפן אַ יידישע באַוואָפנטע מאַכט. עס העלפט אים דער פּועלי־ציוניסטישער פירער נח בארו (איצט אין לאָנדאָן), אויפן עקסטרעם־רעכטן פליגל הייבט זיך אויף דער כאַרקאָווער מיליאָנער און וואַלד־סוחר לעאָן סיניאַוווסקי (אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ) און מאַכט אַ סענסאַציאָנעלע דערקלערונג: „ברידער יידן! לאָמיר מאַכן דער־ווייזן די ערלים, אַז מיר לאָזן זיך נישט אויסשעכטן ווי הילפלאָזע שעפּסן. לאָמיר מאָביליזירן אונדזער יוגנט, באַוואָפענען זי און פאַרטיידיקן דעם כבוד פון אונדזער פאָלק, פון אונדזערע ווייבער און קינדער. איך אַליין און אַ גרופּע פון מיינע פריינט זענען מנדב די גאַנצע סומע געלט, וואָס עס וועט זיין נויטיק צו עקוויפּירן און אויסצוהאַלטן די זעלבסטשוץ־בריגאַדע"... עס איז געווען אַן איבעראַשנדער זשעסט פון אַ ברייט־האַרציקן רוסיש־יידישן גביר, וועלכן מיר האָבן אַלע געקענט ביז איצט פאַר אַ לעב־יונג, וואָס האָט זיך ווייניק אינטערעסירט מיט קהלשע ענינים. אַזאַ צוזאָג האָט געשמעקט מיט קאָלאָסאַלע געלט־מיטלען, וועלכע זענען גאָרנישט געווען בנמצא אין דעמאָלסט באַרימטן כאַרקאָוו, אָבער סיניאַוווסקי האָט אונדז דאָן דערמעגלעכט צו אָרגאַניזירן אַ גאָרנישט שלעכטע יידישע קליינע אַרמיי.

למען האמת מוז מען זאָגן, אַז צו אונדז זענען אויך צוגעטרעטן אַ גרופּע קריסטלעכע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן צוגעשטעלט צו אונדזער

זעלבסט־שוץ אַרום הונדערט רוסישע אינטעליגענטן, איבערהויפּט באַנק־באַאַמטע.

די גרויסע שטיינערנע געביידע פון דער קהילה אויף קוליקאָווסקער גאַס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פעסטונג. געוועז פון אַלע מינים האָט אונדז צוגעשטעלט דער באָלשעוויסטישער קאָמענדאַנט פון כאַרקאָוו טאָוואַרישטש קין, אַ יונגער העלדישער אידעאַליסט, וועלכער איז געווען ווייט פון פאַרטייאישן פאַנאַטיזם. ער האָט מיט שמחה אויפגענומען די ידיעה, אַז עס ווערט געשאַפן אין שטאָט אַן אָרדענונגס־מאַכט, וועלכע וועט אפשר ראַטעווען די טעראָריזירטע באַפעלקערונג פון די טאָג־טעג־לעכע רציחות און רויבערייען. קין האָט נישט געטרויעט זיין פאָליציי, אין וועלכער עס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט פיל קרימינעלע עלעמענטן. קין האָט געוווּסט, אַז די תפיסות ווערן אָפגעהיט ביי טאָג דורך וועכטער־באַנדיטן, וועלכע לאָזן זיך אין די נעכט אַרויס אויפן יאַגד אין די פינצטערע גאַסן צוזאַמען מיט די כלומרשטע אַרעסטירטע פאַרברעכער...

כדי אָנצופירן מיטן זעלבסט־שוץ, איז געגרינדעט געוואָרן אַ שטאַב פון פאַרטייאישע פאָרשטייער, וועלכע האָבן הינטער זיך אַ געוויסע מיליטערישע דערפאַרונג. צווישן זיינע מיטגלידער בין איך אויך געווען אַלס פאָרשטייער פון דער „צעירי־ציון" פראַקציע. צוזאַמען מיט מיר זענען דאָרט געזעסן דער סטודענט־טעכנאָלאָג מעזשאָוו פון די פּועל״צ. דער שטענדיק עטוואָס געהיימניספולער אונטער זיינע בלויע ברילן „בונד"־פאָרשטייער לעוו גינזבורג און דער ברייטהאַרציקער גדבן אונדזע־רער סיניאַוווסקי.

אין משך פון אייניקע טעג האָבן געשטראָמט אין דער קהילה־געביידע הונדערטער יונגע־לייט, וועלכע האָבן זיך פאַרשריבן אַלס מיטגלידער פון זעלבסט־שוץ. מערסטנטיילס זענען דאָס געווען דעמאָביליזירטע אָפיצירן און סאָלדאַטן פון דער צעפאַלענער רוסישער אַרמיי, וועלכע האָבן גוט געוווּסט, ווי צו באַגיין זיך מיט געווער. מען האָט יעדן אַרויסגעגעבן אַ ביקס מיט קוילן, אַ שינעל מיט הויכע שטיוול, וואָס זענען אונדז מיט אַ ברייטער האַנט באַזאָרגט געוואָרן דורכן קאָמענדאַנט קין.

אַרום דער געביידע זענען צעשטעלט געוואָרן צענדליקער קוילן־

וואָרפער, נעבן וועלכע עס זענען טאָג־און־נאַכט געלעגן גוט־דערפּאַרענע סאָלדאַטן פון זעלבסט־שוץ.

מיט דער צעירי־ציוניסטישער אָפּטיילונג, וועלכע איך האָב רעפּרע־זענטירט אין שטאַב, האָט אָנגעפירט דער געוויקסיקער בלאָנדער אינזשי־ניער רפאל בוכוויץ, אַ דעמאָביליזירטער אָפיציר פון דער צאַרישער אַרמיי. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן זיך צוצוקוקן, ווי ער האָט מושטירט די מיטגלידער פון זיין „דרוזשינע״, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען די פּאַרטיי־לידערס ישראל מערעמינסקי, אברהם און ליפּע לעווינ־סאָן, וועלכע זענען טאַקע געווען גוטע רעדנערס, אָבער האָבן אויסגעזען אַביסל אומגעוועגלעך מיט דער לאַנגער ביקס אין די הענט און אין די שינעלן, אין וועלכע די פּיס האָבן זיך געפּלאָנטערט.

אונדזער שטאַב איז פאַראייניקט געוואָרן דורך דירעקטע טעלעפאָן־דראָטן מיט די פּאָליציי־באַצירקן, ווו עס האָבן זיך געפונען שטענדיק אונדזערע חברים, און מיטן הויפּט־קאָמענדאַנט קינס ביוראַ.

יעדן אָוונט פלעגן אונדזערע פּאַטרולן שפּרייזן איבער די פינצטערע און אויסגעליידיקטע כאַרקאָווער גאַסן, אויף וועלכע מען האָט נישט געטאָרט גיין אָן אַ דערלויבעניש נאָכן „קוירפיו״; מען האָט דערביי אָפּגעשטעלט פאַרדעכטיקע עלעמענטן, אַריינגעגאַנגען אין הייף און הייזער, פון וועלכע עס האָבן זיך געהערט געשרייען...

אין פאַל פון אַן אומגעוועגלעכער געשעעניש האָט מען טעלעפאָנירט אין צענטער פון קוליקאָווסקער גאַס, פון וואַנען דער אַמטירנדיקער שטאַב־מיטגליד פלעגט אַרויסשיקן פאַרשטאַרקונג.

* * *

עס איז געקומען די ערשטע נאַכט פּסח. אין די פאַרשלאָסענע און פאַרבאַריקאַדירטע וווינונגען פון דער גרויסער שטאָט האָבן יידן דאָך אָפּגעריכט דעם סדר און געזאָגט די הגדה. מען האָט געפרעגט קשיות און דער תירוץ איז געווען אומברחמנותדיק, ווי שטענדיק: ״עבדים היינו״...

אַרום טיש פון מיין פאָטערס סדר איז געזעסן אונדזער פאַמיליע, געזופּט דעם רויטן באָרשטש, וועלכן מיר האָבן דאַן באַנוצט פאַר „ארבע כוסות״ און פאַרביסן מיט דער דיקער שוואַרצער מצה מיטן קאַרטאָפל

אַלס יום־טובדיקע סעודה. איך אייל זיך, איך קאָן אפילו נישט פאַרבלייבן צום צווייטן טייל פון דער „הגדה״, ווייל עס איז היינט גראד מיין ריי אין שטאַב פון זעלבסט־שוץ, ווו איך דאַרף האַלטן דינסט די גאַנצע נאַכט.

איך גיי אַריין צוזאַמען מיט מיין פרוי, נאָך דאָן אַזאַ יונגע און צעשראָקענע, כמעט א קינד, כדי זיך איבערטאָן אין מיינע לעדערנע בגדים. מיין פרוי ווייס, אַז איך דאַרף גיין איבער גאַסן, דורך וועלכע עס לויערן געפאַרן, צו אַ פּלאַץ, אויף וועלכן עס קוקן אוים פון לעכער און באַהעלטענישן באַנדיטן און רוצחים מכל המינים. זי קוקט מיך אָן מיט אירע גרויסע בלויע, מיט טרערן־פאַרצויגענע אויגן, ווי זי וואָלט מיר פאַרגעוואָרפן: „וואָס פאַר אַ נחת האָב איך דאָס מיט דיר אין די ערשטע האָניק־יאָרן פון אונדזער חתונה־לעבן. שטענדיק אין מלחמות, זיצונגען, רייזעס... און איצטער גייסטו אויף אַ טויט־געפאַר!״ אָבער זי זאָגט גאָרנישט, נעמט אַראָפּ פון טיש מיין גרויסן שוואַרצן קאָלט־רעוואָלווער און העלפט מיר אים צושפּיליען צום פּאַס. נעמט אַרוים פון דער גלעזערנער שאַפּקע דעם קליינעם זילבער־גלאַנציקן „נאַגאַן״, דעם צווייטן רעוואָלווער, און פאַרשטעקט אים אין מיין לעדערנער „קורטקע״. איך קוק זי אָן, ווי זי באַזאָרגט מיך מיטן טויטן־וואָפן און האָב גרוים מיטלייד מיט איר, אַזוי ווי איך האָב דאָס געהאַט מיט אייניקע וואָכן צוריק, ווען צו אונדז זענען דערגאַנגען די ידיעות וועגן די האַידאַמאַקעס און דעם חורבן, וואָס זיי מאַכן אָן אין די אוקראַאינישע יידישע קהילות.

איך בין דאָן אין אַן אָוונט געקומען אין שטוב און אַ זאָג געטון צו מיין ווייב: „דו ווייסט, נאַדיע, אויב די רוצחישע קאָזאַקן וועלן זיך אַריינרייסן אין אונדזער דירה, וועל איך דיך און זיך דערשיסן מיט אָט דעם רעוואָלווער!..״ אויך דאָן האָט זי מיך אויף אַ ווײַלע דערשראָקן אָנגעקוקט, אָבער דערנאָך פעסט געענטפערט: „איך קלער גאָר אַנדערש נישט״... איצט גיי איך אַרוים פון מיין וווינונג, נאָכדעם ווי די גאַנצע משפחה האָט אָפּגערוקט פון דער אַרויסגאַנג־טיר די טישן און קאַסטנס, וועלכע האָבן געזאָלט דינען אַלס אַ באַריקאַדע קעגן איינברעכן זיך פון אומגעבעטענע געסט.

מאָדנע הילכן מיינע טריט אויף דעם ברוק פון פּאַוולאָווסקען פּלאַץ, ווו מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש.

ערגעץ פון דער ווייטנס קנאַלט אויס אַ ביקס; הינטער זיך דערהער איך דאָס קלאַפּן פון די גומענע רעדער פון אַ „ליכאַטש", אַ קאַרעטע, אין וועלכער עס פאָרן געוועזענע אין דער נאַכט פאַרדעכטיקע עלעמענטן. איך דריי זיך אום: אין דער ריכטונג צום „גראַנד־האָטעל", ווו מאַכנאָס שטאַב געפינט זיך, טראָגן זיך פערד און פון דער קאַרעטע שיינען ארויס אונטער דעם לבנה־ליכט פוטערנע קאָזאַקע היטלען און באַוואַקסענע פנימער. איך פאַרשטעק זיך שנעל אין דער פינצטער פון אַ טויער און לאָז זיי פאַרבייפאָרן. זיי רייסן זיך איין די שטימען, זינגענדיק דאָס דאַן פּאָפּולערע ליד:

„עך, דו עפּעלע,
ווו דערקייקלסט זיך?
אוי וויי! — אַ קעפּעלע
פאַלט אראָפּ אויף גיך..."

בשלום אויסגעמיטן די שכורע חברה־לייט, דערנענטער איך זיך צו דער קהילה־געביידע, ווו אויף יעדן שריט שטייען שוין וועכטער, וואָס פרעגן דעם „דורכגאַנגס־פּאַראָל" (סימן). יענע סדר־נאַכט איז דער וואָרט־סימן געווען „מצרים", אַ זכר פון יציאת־מצרים...

אין גרויסן זאַל ליגן אויסגעלייגט איינגעוויקלט אין זייערע „שינעלן" די יידישע יונגען, גרייט אויפצושפּרינגען אין מינוט פון „טרעוואָגע" (אַלאַרם). נעבן זיי שטייען איינגעשטעלט אין „קאָזלעס" די ביקסן מיט די גלאַנצנדיקע „שטיקעס" (שפּיזן). אין דערבייאיקן צימער איז די ביוראָ פון שטאַב מיט די פיל טעלעפאָן־אַפּאַראַטן אויפן טיש, מיט אָנגעוואָרפענעם געווער אויפן דיל.

איך פאַרנעם מיין פּלאַץ ביי די טעלעפאָנען, דורך וועלכע פון צייט־צו־צייט גיבן אָפּ באַריכטן די פּאַטרול־קאָמאַנדירן אויף די גאַסן.

פּלוצלינג דערהער איך אַ טומל אויף די טרעפּ, געדעמפטע געשרייען און אַ קלאַפּן פון שווערע שטיוול. די טיר פּראַלט אויף מיט אַ קנאַק. דער ערשטער באַווייזט זיך דער פעסט־געבויטער דיקער חבר שפּונט, דער הילפס־קאָמיסאַר פון זעלבסטשוץ, אַליין אַ געוועזענער פראָנט־אָפיציר.

אַ שטענדיק זאַכלעכער און רואיקער, איז ער אָבער דאָסמאָל שטאַרק אויפגעבראַכט. הינטער אים באַווייזן זיך צוויי מאַטראָסן אין זייערע שוואַרצע קיילעכדיקע היטעלעך מיט די הענגענדע סטענגעס פון הינטן, אַרום זייער קערפּער זענען אַרומגעוויקלט פּאַסן מיט קוילן. איינער פון זיי האַלט אין האַנט די אונדז אַזוי גוט־באַקאַנטע בלעכענע פלאַש מיטן שמאָלן העלדזל: דאָס איז אַ געפערלעכע האַנט־באָמבע, וועלכע רייסט אויף, ווען מען גיט אַ צי דעם רינג, מיט וועלכן דאָס העלדזל ענדיקט זיך... הינטער די מאַטראָסן זעט מען צענדליקער „שטיקעס" אין די הענט פון אַלאַרמירטע זעלבסט־שוץ מיטגלידער.

חבר שפּונט ראַפּאָרטירט: די דאָזיקע צוויי מאַטראָסן האָבן מיר געכאַפּט מיט געווער אין די הענט. זיי זאָגן, אַז זיי געהערן צום שטאַב אין „גראַנד האָטעל". זיי ווילן נישט אוועקגעבן זייער געווער און דראָען אויפרייסן אונדז מיט דער באָמבע. איך בעט אייער פאַראָרדענונג!"

אין אַ סעקונדע האָב איך מיט מיין אויג אַרומגעכאַפּט די גאַנצע לאַגע. דער מאַטראָס מיט דער באָמבע האַלט שוין דעם פינגער אין איר רינג, גרייט צום אויפרייסן... זיין רויט געזיכט דריקט אויס אומענדלעכע אַנטשלאָסנקייט און צאָרן. דער אַנדערער האַלט זיין רעוואָלווער אַראָפּ־געלאָזן, אָבער אויך זיינע אויגן בליצן מיט רציחה. אין אַזאַ לאַגע קענען נישט העלפן קיין הונדערטער סאָלדאַטן: איין אומגליקלעכע באַוועגונג און מיר ווערן אַלע אויפגעריסן אין דער לופטן...

אין געפערלעכע מאָמענטן בלייב איך נאָך איצטער ניכטער און קאַלט... איך ווענד זיך צום מאַטראָס מיט דער באָמבע: „זאָג נאָר, חבר, וואָס אייגנטלעך ווילסטו איצט טון?" איך סטאַרע זיך אין גאַנצן באַ־הערשן און שמייכל אפילו. דער באָמבע־מאַטראָס ברומט אַרויס: „אָדער איר פירט אונדז צוריק צום האָטעל, אָדער דער טייוול וועט אונדז אַלעמען נעמען"... דערביי דרייט ער זיין פינגער אין פאַטאַלן רינג. איך גיב אַ פאַראָרדענונג אונדזערע מיליציי־לייט, זיי זאָלן אַלע פאַרלאָזן דעם צימער, איבערלאָזנדיק שפּונטן און מיך אַליין מיט די מאַטראָסן. איך נעם אַרויס פון מיין פּאָס דעם רעוואָלווער, לייג אים אויפן טיש און בעט אויך שפּונטן, ער זאָל טון דאָס זעלבע.

אומבאַוואָפנט דערנענטערן מיר זיך צו די מאַטראָסן, וועלכע האָבן דערוויילן זיך אָפּגערוקט און אָנגעשפּאַרט אין וואַנט, כדי מען זאָל זיי נישט כאַפּן פון הינטן.

„הערט, חברים — זאָג איך צו זיי — איך גיב אייך מיין ערן־וואָרט, אַז אייך וועט גאָרנישט געשען. מיר קעמפן נאָר קעגן באַנדיטן און רויבער, אָבער נישט קעגן די מיטגלידער פון דער מאַכנאָ־אַרמיי. קאָמאַנדיר שפּונט וועט אייך באַגלייטן אין גראַנד־האָטעל און איבערגעבן דער וואַך דאָרטן. איך לאָז אייך איבער מיט די רעוואָלווערן. איר קענט מיט זיי שיסן מיך אָדער חבר שפּונט, אָבער די באָמבע לייגט אַוועק אויף מיין טיש. איך האָב נישט קיין רעכט אַרויסצולאָזן אייך אויפן גאַס מיט אַ באָמבע אין די הענט... אַלזאָ, דאָס זענען מיינע באַדינגונגען און טוט, ווי איר פאַרשטייט"...

דער צווייטער מאַטראָס רייסט איבער: „אָבער ווו איז די גאַראַנטיע, אַז אייערע מענטשן וועלן אונדז נאָך דאָ אין געביידע נישט ליקווידירן?..."

„איך וועל אייך פּערזענלעך אַרויספירן פון קוליקאָווסקער גאַס צו־זאַמען מיט חבר שפּונט. אויפן ווייטערן וועג זענען שוין די שאַנסן גלייך: איר בלייבט דאָך ביי אייערע רעוואָלווערן"...

די מאַטראָסן האָבן אינסטינקטיוו דערפילט, אַז איך מיין עס אויפ־ריכטיק. די באָמבע ווערט פּאָרזיכטיק אַרויפגעלייגט אויפן טיש און איך לייג זי אַריין לאַנגזאַם אין שופלאָד. צוזאַמען מיט שפּונטן און נאָך צוויי חברים פירן מיר די מאַטראָסן אין גאַס אַרויס, איך באַגלייט זיי אביסל און נאָכהער געזעגענען מיר זיך מיט אַ געוויסער האַרציקייט אפילו. אויף מיין שטערן טרוקענען זיך לאַנגזאַם אויס די קאַלטע טראָפּנס שוייס, וועלכע האָבן זיך באַוויזן צוזאַמען מיט דער באָמבע... חבר שפּונט דערציילט מיר ביים צוריקקער אין שטאַב, אַז די מאַטראָסן האָבן קיין ליגן נישט געזאָגט: די וואַך ביים האָטעל האָט זיי דערקענט, סאַלוטירט און אַריינגעלאָזט גלייך אינעווייניק: ווייזט אויס, גאָר וויכטיקע מיטגלי־דער פון דער מאַכנאָ־גרופּע זענען זיי געווען. מיט צוויי חדשים שפּעטער איז שפּונט אַליין דערשאָסן געוואָרן דורך אַ ווייסן אָפיציר אויפן פּאָל־טאַווער וואָקזאַל.

אָבער מיר איז באַשערט געווען צו ענדיקן יענע סדר־נאַכט מיט נאָך א גרעסערער איבערראַשונג.

ויהי בחצי הלילה... פּונקט צוועלף אין דער נאַכט קלינגט דער טעלעפאָן און איך דערהער די גוט־באַקאַנטע שטימע פון „צעירי ציון״־קאָמאַנדיר, רפאל בוכוויץ:

— חבר שאָשקעס! מיר האָבן נאָר־וואָס געכאַפּט אויף ריבנע גאַס דריי באַנדיטן. זיי האָבן שעהען־לאַנג מיט ברענענדיקע ליכט געפּייניקט א יידישע פאַמיליע, כדי פון זיי ארויסצובאַקומען דעם פּלאַץ, ווו דאָס צירונג איז באַהאַלטן... זיי האָבן פאַרוואונדעט דעם באַלעבאָס, פאַרגוואַלטיקט זיין טאָכטער... מיר האַלטן די באַנדיטן דאָ אין גאַס. ביטע, פאַראָרדענען, וואָס מיט זיי צו טון?

איך האָב גוט געוווּסט, וואָס די דאָזיקע פראַגע באַדייט. הייסן בוכוויצן, ער זאָל די באַנדיטן אוועקפירן אין דער כאַרקאָווער תפיסה, וואָלט געמיינט, אַז מען וועט זיי מאָרגן גלייך ארויסלאָזן אויף דער פריי און זיי וועלן זיך ווידער א לאָז טון, שוין דאָס־מאָל אפשר צוזאַמען מיט זייערע וועכטער, אויף נייע רויבערייען און גוואַלט־טאַטן... עס איז קלאָר: די באַנדיטן מוזן באַלד באַצאָלן מיט זייער לעבן. אַז אינזשיניער בוכוויץ, דער ערנסטער און געוויסנהאַפטער קאָמאַנדיר, שטעלט פאַר א זאַך, דאַרף מען זיך באַציען צו אים מיטן גרעסטן צוטרוי.

אָבער דאָך ציטערט דאָס טעלעפאָן־טרייבל אין מיינע הענט: איך ווייס, אַז מיין תשובה איז איצט א טויט־אורטייל פאַר דריי מענטשן, אמת, באַנדיטן, אָבער דאָך מענטשן.

אין קאָפּ דרייט זיך מיר דער דערמאָנטער פּסוק, וואָס קלינגט שוין, מיט דעם פאַרטיקן פּסק־דין:

„הבא להורגך, השכם להורגו״... די מערדער וועלן דאָך דיך, דיין פאַמיליע מ אָ ר ג ן טויטן, אויב דו לאָזט זיי ה יי נ ט פריי...

איך ענטפער דורכן טעלעפאָן: „חבר בוכוויץ, איך ווייס גאַנץ גוט, פאַרוואָס איר פרעגט מיך און וואָס פאַר א תשובה איר דערוואַרט פון מיר... אָבער, צי זענט איר אבסאָלוט זיכער, אַז דאָס זענען די מערדער און אַז אַלע דריי זענען גלייך שולדיק?״

דערהער איך די אביסל ציטערנדע שטימע פון בוכוויצן:

„אָבער דאָ, נעבן פּאָליציי־באַצירק אויף ריבנע גאַס, פון וואַנען איך דער צו אייך, שטייען דאָך די קרבנות פון די באַנדיטן. זיי זענען געברענט און פאַרבלוטיקט. זיי דערציילן, מיט וואָס פאַר אַ סאַדיזם מען האָט זיי געמאַטערט, ווען מען האָט באַליידיקט און געפּייניקט שעהען־לאַנג זייער טאָכטער"...

און ווידעראַמאָל קומט מיר ארויס פון אונטערן באַוווסטזיין די געשיכטע מיט דינה בת לאה, וועלכע שכם בן חמור האָט מבזה געווען און ווי שמעון און לוי האָבן גענומען זייערע שווערדן און זיך ווי געהעריק נוקם געווען. וואָס דען: הכזונה יעשה את אחותינו? דאָרט אויף ריבנע גאַס שטייט דאָך איצט אויך אַ וויינענדיקע און פאַרשוועכטע שוועסטער מיינע...

„חבר בוכוויץ — קלינגט שוין פעסט מיין שטימע דורכן טעלעפאָן — ליקווידירן די מערדער דאָרט אויפן פּלאַץ און קומט צוריק אין שטאַב"...

מער איז מיר קיינמאָל אין לעבן נישט אויסגעקומען צו זיין אַ שופט אין דיני נפשות...

* * *

מיין ליל שימורים איז געענדיקט. עס איז זעקס אזייגער פאַרטאָג און איך גיי איבער די פרילינג־גאַסן פון דער דרום־שטאָט צוריק צו מיין וווינונג, וועלכע געפינט זיך אויף דעם קאָסטיורינסקער געסל. אויפן ראָג פון ריבנער גאַס דערזע איך פּלוצלינג אַ געלאַף, דאָס האָבן די איינוווינער נאָך דער „קוירפיו"־נאַכט זיך געזאַמלט ארום עפּעס אַ געשעעניש.

גלייכצייטיק גיט מיר אַ שנייד דער געדאַנק: דאָס איז דאָך דער פּלאַץ, ווו בוכוויץ און זיינע מענטשן האָבן דערשאָסן די מערדער...

מיט אַ געמישט געפיל שטופּ איך זיך דורך צום ווינקל אויפן טראָטואַר, ווו הארט ביים וואַנט ליגן אויסגעלייגט דריי קערפּערס. באַלד וועט קומען דער טויטן־וואָגן זיי צונעמען, אָבער איך באַטראַכט אויפמערקזאַם די דורך מיר פאַרמשפּטע טויטע. זיי ליגן איצט רואיק; פּנימער יונגע, פּויערישע; איינער אין אַ צעשפּילעטער מאַטראָסן־בלוזע, די איבעריקע צוויי אין סאָלדאַטן־שינעלן; גאַרנישט זאָגט עדות וועגן זייערע

מעשים אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט און אויף זייערע פּלענער אויף שפּעטער.

מענטשן טויטע, דערוועקן זיי אפשר א רחמנות געפיל, אָט דווקא צוליב זייער אומבאַהאָלפנקייט...

מיט אַן אָראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, אָבער מיטן באַוווּסטזיין, אַז מער וועלן אָט די דריי יונגע געשטאָרבענע נישט מאָרדן מיינע ברידער, קער איך זיך אום צו מיין באַשיידענעם צימער. מיין פרוי וואַרט אויף מיר; זי האָט די נאַכט מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט; עפּעס האָט זי געהערט שיסערייען, געשרייען; נישט געוווּסט, וווּ איר מאַן איז, ווי עס גייט אים אין דער סדר־נאַכט מיטן היטן באַרקאָוו.

* * *

יאָרן שפּעטער, ווען אינזשיניער רפאל בוכוויץ איז געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער וואַרשעווער האַנטווערקער שולע אויף סטאַווקי גאַס, פלעגן מיר זיך ביי אונדזערע באַגעגענישן אָפט אומקערן צו יענער עקזע־קוציע פון די באַנדיטן אין דער סדר־נאַכט. ווייזט אויס, אַז עפּעס נישט דערזאָגטעס איז געבליבן ביי יעדן פון אונדז אויפן האַרצן, און וואָס מער מיר האָבן גערעדט, אַלץ מער איז דאָס נישט דערזאָגטע בולט אַרויס־געקראָכן.

איצטער, נאָכדעם ווי רפאל בוכוויץ איז אַליין אומגעקומען פון די נאַצישע באַנדיטן, מאַטער איך זיך נישט מער מיט קשיות אויף יענער נאַכט פון קשיות:

„עס איז קלאָר, אַז — הבא להורגך איז השכם להרגו.״

XIX

אין אַרעסט ביי די דעניקינצעס

צווישן די מיטגלידער פון דער באַלעבאַטישער פאַמיליע, ווו איך בין דערצויגן געוואָרן, פלעגט די תפיסה־געביידע אויפן עק פון וואַשלי־קאָווער גאַס אין ביאַליסטאָק אָנוואַרפן פשוט אַ מורא. מען האָט אַפילו נישט געטאָרט אַרויסרעדן דאָס וואָרט „טורמע" אין שטוב. מען האָט די תפיסה גערופן „די הויכע פענצטער", כאָטש אינגאַנצן איז די געביידע באַשטאַנען פון צוויי שטאָק.

מיין באָבע מאַשע ע"ה פלעגט סטראַשען מיך, איר קלייניטשקן אייניקל, וועלכער האָט ליב געהאַט אַרויסלקחנען אַ שטיקל לעקעך, אָדער אַזוי אַן אַפּעלסין פון איר פאַרשלאָסענעם בופעט.

— מיט דיין געשמדטן האַלדז וועסטו נאָך חלילה טרעפן אין די „הויכע פענצטער"...

שפּעטער, אַז עס איז געקומען די רעוואָלוציע פון „פינפטן" יאָר און אויך פיינע גבירישע קינדער זענען נכשל געוואָרן און מען האָט זיי געשלעפּט אין תפיסה, איז דער מיסטיציזם פון דער טורמע־געביידע אַ היבש ביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אָבער דאָך איז ביי מיר טיף אין האַרצן איינגעבאַקן געוואָרן די שרעק פון געפינען זיך פלוצלינג הינטער די „גראַטעס".

נאָך איצטער קלינגען אין מיינע אויערן אַזוי אומעטיק, ווי אַ טויטן־מאַרש דער קלאַנג פון אייזערנע קייטן אויף די פיס פון מאַרשירנדיקע אַרעסטאַנטן, וועלכע מען האָט געפירט מיטן עטאַפּ דורך די גאַסן פון מיין געבורטסשטאָט: זייערע באַוואַקסענע פנימער, זייערע קליידער פון

גראָבער זאַק־סחורה מיט די פּיר־קאַנטיקע רויטע „בובנע״־טייז אויפן פּלייצע, אַ סימן פון פאַרמשפּטע „קאַטאָרזשניקעס״ האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה, וועלכע מען האָט לאַנג נישט געקענט פאַרגעסן.

איך געדענק אָבער, אַז עס זענען געווען גראַדאַציעס אין אָפּשאַצן די פאַרברעכנס, פאַר וועלכע מען האָט אַריינגעזעצט אין די „הויכע פענצטער״. זיצן פאַר גנבה, אָדער ווער רעדט נאָך פאַר אַ גזילה, איז געווען עקלהאַפט אין די אויגן פון דער סביבה, צו וועלכער איך האָב געהערט אַלס קינד. דערפאַר אָבער געדענק איך, אַז ווען מען האָט הערש־קען דעם געלן איינגעזעצט פאַר נאָכמאַכן „באַנדעראָלן״ (פּאַפּירלעך פון שטייערן אָפּצאָל), וועלכע מען האָט געקלעפּט אויף סיגאַרעטן און הייוון־פּעקלעך, אָדער יאָשע דעם רופא פאַר קינסטלעך „אָראָפּלאָזן״ די געדע־רים, כדי אַ ייד זאָל פאַרשפּאָרן דינען דעם קיסר, האָט מען „געסמאָטש־קעט״, מיטפילנדיק מיט די ליפּן און געקליבן נדבות פאַר די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע.

עס האָט עקזיסטירט אַ מין פּסיכאָלאָגישער שטילער אָפּמאַך צווישן די שענסטע יידישע באַלעבאַטים, אַז אָפּנאַרן „פּאָניע גנב״ דורך אַביסל קאָנטראַבאַנדע, וואָס מען שמוגלט אַריבער איבערן גרענעץ, אָדער דורך אָפּדרוקן פאַלשע „גערבאָווע״ פּאַפּיר און באַנדעראָלן, אָדער אנטלויפן קיין אַמעריקע נאָך דעם, ווי מען האָט געגעבן די זעלנער־שבועה דעם קיסר, איז נישט אַזאַ מין פאַרברעכן, מיט וועלכן אַ פאַמיליע דאַרף זיך שעמען. דאָס איז געווען דער אינסטינקטיווער פּראָטעסט פון געדריקטן און אָפּגעשפּאָטן ייד, קעגן דער צאַרישער מאַכט, וואָס האָט אַליין באַנוצט אומגעזעצלעכקייטן, כדי אים צו רואינירן און פאַרטיליקן.

אזוי ווי דורכן חלום געדענק איך יענעם שבת, איך בין דעמאָלסט אַלט געווען קוים פינף יאָר, ווען אַלע יידן אין שטאָט זענען אויפגעצייי־טערט געוואָרן פון דער ידיעה, אַז דער פּוילישער דאָקטאָר גראַנאָווסקי האָט געכאַפּט אַ יידיש יינגל, וואָס האָט „געטרייסלט״ עפּל אין זיין גאָרטן, אַריינגעשלעפּט אים צו זיך אין שטוב און אויסגעברענט אויף זיין שטערן מיט „ליאַפּיס״ דאָס וואָרט „גנב״ מיט רוסישע בוכשטאַבן... רעדלעך אויפגערעגטע יידן האָבן זיך געקליבן אויף יאַטקע־גאַס אונטער אונדזערע פענצטער. אַפילו מיין פאָטער, דער למדן און משכיל, האָט

געלאָשן זיין הייסן ווייטיק מיט געשרייען, מען זאָל גיין און צעשמעטערן די שטוב פון מערדערישן דאָקטאָר. יידן זענען טאַקע אום שבת געלאָפן אויף „ניי־וועלט", וווּ די נבלה איז געשען און געוואָרפן שטיינער אין דאָקטאָר גראַנאָווסקים דירה. פּאָליציי האָט געכאַפּט אַ פּאָר יונגעלייט און אַרעסטירט. אָבער דאָס־מאָל האָט די גאַנצע שטאָט געהאַלטן מיט די אַרעסטירטע און אפילו דער „רעגירונגס־לאָיאַלער" שטאָט־פירער יחיאל־בער וואָלקאָווסקי איז געלאָפן זיך משתדל זיין, מען זאָל באַפרייען די „צעבונטעוועטע" יידן...

דאָס וואָרט „גנב", אויסגעברענט אויפן שטערן פון אַן אומשולדיק יידיש יינגל, האָט פאַראייניקט אַלע ביאַליסטאָקער יידן אין אַ פּראָטעסט. וואָס האָט גאָר לאַנג געדויערט. די רעגירונג אָבער האָט דעם דאָקטאָר נישט באַשטראָפט, אפילו קיין אויספאָרשונג איז נישט פאַראָרדנט גע־וואָרן. דערפאַר האָט מען זיך מיטן דאָקטאָר אָפּגערעכנט גאָר אויף אַן אַנדער אופן: שוין אַ חודש שפּעטער נאָך דער שאַנד־טאַט האָבן יינגלעך פון די אָרימע קוואַרטאַלן פאַרוואָרפן מיט שטיינער דאָס הויז פון דעם אַנטיסעמיט, גראָד דאַן, ווען זיין בן־יחיד איז געלעגן אין אַ היץ־קראַנק־הייט. צי דאָס איז געווען צופעליק, צי חברה האָט געוווּסט, אַז דאָרטן ליגט אַ קראַנקער, האָט מען נישט געקענט דערגיין. אַ פאַקט איז אָבער, אַז גראַנאָווסקים בן־יחיד איז מיט איניקע טעג שפּעטער געשטאָרבן פון זיין קראַנקהייט. דער דאָקטאָר און מיט אים די באַדייטנדע גרופּע פּולישע פריינט האָבן געמאַכט אַ גוואַלט, אַז יידן האָבן דערהרגעט אַ קריסטלעך יינגל.

די יידן־פרעסערישע צייטונג „נאָוואָיע ווּרעמיאַ" אין פּעטערבורג האָט אפילו אָפּגעדרוקט אַ טעלעגראַמע פון גראַנאָווסקין אונטער אַ רעשיקן קעפּל: „יידן האָבן געטויט מיין קינד"...

אָבער מיט איין יאָר שפּעטער איז פאָרגעקומען אין ביאַליסטאָק אַ געשעעניש, וועלכע האָט צעטיילט די יידן אויף צוויי מחנות. דאָס איז געווען דאַן, ווען אַ מיטגליד פון דער רייכער פאַבריקאַנטן־פאַמיליע מאַרקוס האָט געשמיסן זיין יידיש דינסט־מיידל...

מיר האָבן דעמאָלסט געוווינט אויפן זעלבן הויף, וווּ די געשעעניש

איז פאַרגעקומען און דעריבער איז זי בולט איינגעקריצט געוואָרן אין מיין זכרון.

איך געדענק דעם „געוואַלד״, וואָס די פרוי מאַרקוס האָט געמאַכט, ווען זי האָט פּלוצלינג פעסטגעשטעלט, אַז מען האָט פון איר „קאַבינעט״-צימער אַרויסגעטראָגן ווערטפולע זאַכן. זי האָט געשריגן, אַז דאָס איז נאָר די דינסט שולדיק, אַז זי איז אַ גנבטע, אַ „וויסל פון אויג״... נאָכהער איז פון פאַבריק געקומען דער פאַבריקאַנט מאַרקוס און אַן אויפגערעגטער פון דער גנבה האָט ער באַשלאָסן פירן די אויספאָרשונג אויף אייגענער האַנט. און געטון האָט ער דאָס אויף אַזאַ אומגעווענלעך-קרימינעלן אופן, אַז עס איז נאָך לאַנג געבליבן אַ רעטעניש, ווי אַזוי איז ער צו דעם געקומען.

מען האָט אַרויסגערופן פון אונטן, פון דער „צירולניע״ שעיה דעם פעלדשער, מיט גראָבע גאָלדענע סיגנעטן אויף די רויטע פינגער (ער האָט מיר יאָרן-לאַנג געשוירן מיין קינדעריש קעפּל און דעריבער געדענק איך אַזוי גוט זיינע בייזע פינגער...), מען האָט גענומען דאָס דינסט-מיידל אויפן „צימבל״, זי זאָל זיך מודה זיין, ווו זענען די געגנבטע זאַכן און ווער האָט איר געהאָלפן אין דער גנבה? דאָס מיידל אָבער האָט געלייקנט „שטיין און ביין״. דאַן האָט מען זי געבונדן מיט אַ שטריק, אַוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע און מיט אַ לעדערנעם פּאַס געשמיסן אַזוי לאַנג ביז זי האָט געחלשט. שעיה דער פעלדשער איז דאָס געווען די „מעדיצינישע קראַפט״, וואָס האָט זי געהאַלטן ביי די הענט בעת דער עקזעקוציע און שפּעטער זי אָפּגעמינטערט מיט אַמאָניאַק (האַרץ-טראָפּנס)...

דאָס מיידל אָבער האָט זיך נישט מודה געווען, האָט מען זי משלח געווען פון שטוב, אָראָפּשטויסנדיק פון אַלע טרעפּ. לויט דער עצה פון פריינט האָט דאָס געשלאָגענע און באַליידיקטע דינסט-מיידל גלייך גע-מאַכט אַן „אָבדוקציע״ ביי אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט באַשריבן אירע אויפגעבלאָזענע וווּנדן אויפן געשמיסענעם לייב.

עס האָט זיך פאַרקאָכט אַ קאַשע, וועלכע האָט זיך געענדיקט אין אַן עפנטלעכן משפט. דער איינשטימיקער פּסק פון די געשוואָרענע ריכטער

איז געווען: „שולדיק", און דער גביר מאַרקוס איז פאַרמשפּט געוואָרן צו אייניקע יאָרן „אַרעסטאַנטסקע ראָטעס" אין סיביר...

יידן און יידענעס פלעגן זיך ווינטשן כאָטש פאַרמאָגן אַ טייל פון דעם געלט, וואָס האָט אָפּגעקאָסט דער פּראָצעס. מען האָט געשמירט פּאָליציי און אויספאָרשונגס־ריכטער; מען האָט געקענט אייגנטלעך דאָן אָפּקויפן די גאַנצע ביאַליסטאָקער אַדמיניסטראַציע פאַרן געלט. אָבער די צוועלף פּשוטע פּויערים און בעלי־מלאכות, די באַנק מיט די געשוואָרענע ריכטער, האָט זיך קעגנגעשטעלט די פּרוון פון לאָזן זיך אונטערקויפן: פאַר זייערע אויגן האָבן געברענט די בלויע געשמיסענע פּאַסן אויפן קערפּער פון אַן אָרים יידיש דינסט־מיידל. עס האָט זיי אויך אויפגערעגט די חוצפּה פון אַ גביר, וועלכער דערלויבט זיך אויף אַ „זעלבסט־געריכט".

„שולדיק! שולדיק!" — האָט זיך געטראָגן דער אורטייל איבער גאַנץ ביאַליסטאָק און באַגעגנט געוואָרן מיט געמישטער רעאַקציע. אַרבעטער, בעלי־מלאכות און אויפגעקלערטע יונגע־לייטלעך זענען געווען צופרידן פון פּסק־דין, געהאַלטן, אַז מען דאַרף „זיי" אָנלערנען, די חוצפּהדיקע גבירים, וואָס מיינען, אַז אַלץ מעג מען.

„סאָלידע" באַלעבאַטים און נגידישע באַלעבאָסטעס, זענען געווען אויסער זיך: „סטייטש, צוליב עפּעס אַ דינסט־מיידל, אַ „פּאַמוניצע" אַוועקשיקן קיין סיביר אין „אַרעסטאַנטסקע ראָטעס" (אַ מין קאַטאָרגע) אַ בכבודיקן פאַבריקאַנט, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט באַגנבענען... עס איז דאָך לעצטנס טאַקע נישט מעגלעך אויסצוהאַלטן פון די דינסטן. זיי לאָזן אַריין דורך די קיך־טירן „קאַוואַליערן", שטאָפּן זיי אָן מיט כל־טוב פון דער באַלעבאָסטעס טיש... אַ הפקר וועלט איז דאָך געוואָרן. מען קען שוין מער נישט אויסהאַלטן!"

מיין פאָטער, וועלכער האָט בייגעוווינט דעם פּראָצעס, האָט שפּעטער דערציילט, ווי דער פאַרמשפּטער מאַרקוס האָט גלייך נאָכן אורטייל אַראָפּגענומען זיין גאָלדענעם זייגער מיט דער דיקער קייט, איבערגעגעבן דאָס זיין זון, דעם בר־מצוה־בחור, וועלכער האָט דערביי ביטער געוויינט און הויך אַ זאָג געטון: „זון מיינער, איך בין באַגאַנגען אַן עבירה, און איצט גיי איך אָפּקומען מיין שטראָף"...

ביי אונדז אין שטוב, געדענק איך, האָבן זיך די מיינונגען צעטיילט: מיין זיידע ר׳ לייזער ליפּשיץ און מיין טאַטע האָבן שטאַרק פאַראורטיילט דאָס שמייסן פון דינסט־מיידל, אָבער מיין באָבע און מיין מאַמע צוזאַמען מיט אַנדערע טוויזנטער יידישע באַלעבאָסטעס, וואָס האָבן נעבעך „געליטן״ פון דינסטן, האָבן מיטגעוויינט מיט די מאַרקוסעס.

ווען מען האָט דעם פאַרמשפּטן אוועקגעשיקט קיין סיביר, זענען אים נאָכגעפאָרן זיין ווייב און קינדער און אין דער פריי־געוואָרענער דירה אויף „מאַרקוסעס געסל״ האָבן מיר זיך אריינגעצויגן. יאָרן־לאַנג איז מיר אויסגעקומען שלאָפן אין זעלבן „קאַבינעט״, ווו די „עקזעקוציע״ איז פאָרגעקומען. אָבער ווען מיר האָט וויי־געטון אין האַלדז און מען האָט גערופן שעיה דעם פעלדשער, ער זאָל מיר דאָרטן אַ „שמיר״־טון, פלעגט ער מורא האָבן אריינצוגיין אין „קאַבינעט״. ער האָט זיך מיט ניסים אַרויסגעדרייט פון תפיסה פאַרן אָנטייל נעמען אין דער „שמייס צערע־מאָניע״ און ער האָט מער נישט געוואָלט אָנקוקן דאָס פּלאַץ פון זיין פאַרברעכן... די פאַמיליע מאַרקוס איז געוואָרן זייער רייך אין טאָמסק, סיביר: עס האָט זיי אָפּגעגליקט אין לעדער־האַנדל. איבערן שיקזאַל אָבער פון געשמיסענעם דינסט־מיידל איז ביי אונדז אין פאַמיליע יאָרן לאַנג אָנגעגאַנגען אַ כאַראַקטעריסטישער דיספּוט. מיין באָבע האָט געשוואָרן מיט כל־ערליי שבועות, אַז זי האָט אַליין געהערט, אַז די שיף, אין וועלכער די „מרשעת״ איז געפאָרן קיין אַמעריקע, איז אונטערגעגאַנגען אין אַ ים־שטורעם, און דער זיידע מיינער האָט דערציילט פון נישט ווייניקער באַגלויבטע קוועלן, אַז דאָס דינסט־מיידל איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, דאָרט רייך חתונה געהאַט און זי וווינט איצט אין אַ פּאַלאַץ אין דער „שטאָט״ בראָנקס...

* * *

עס איז דאָ אַ רוסיש שפּריכוואָרט: „פון אָרימקייט און פון תפיסה קען זיך קיינער נישט איינהיטן״. אין די שטורמישע יאָרן פון אונדזער דור, ווען מלחמות און רעוואָלוציעס האָבן אָפּגעווישט פאַרמעגנס, פאַר־ברענט אַלטע איינגעזעסענע נעסטן, דערפירט מענטשן צו פאַרשידענע נסיונות, האָט דאָס דאָזיקע שפּריכוואָרט אויסגעהאַלטן די פּראָבע. אין די פריערדיקע דורות, ווען מען האָט לאַנגזאַם געלעבט, ווען די גרעסטע

מעגלעכע קאַטאַסטראָפע איז געווען די שריפה אין שטעטל, האָט מען זיך ווי עס איז איינגעהיט פוןביידע זאַכן. מיינע זיידעס, צום ביישפּיל, וואָלטן זיך קיינמאָל נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז זייער „אויסגעצערטלט" אייניקל, דער בן־יחידל פון ר' אברהם, זאָל דאַרפן אויסשטרעקן די האַנט נאָך אַ נדבה... יאָ! ווען איך בין אַנטלאָפן פון היטלערס פּוילן, נאָך אייניקע חדשים פון זיין הערשאַפט אין וואַרשע און אָנגעקומען אין טריעסט, איטאַליע, מיט מיין ווייב און קינד, האָב איך געהאַט נאָר זעקס לירעס אין קעשענע. איך האָב נישט פאַרמאָגט אפילו מיט וואָס צו באַצאָלן דעם טרעגער, נישט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן. בין איך אַוועק אין יידישן הילפס־קאָמיטעט און גלייך מיט אַלע נויטבאַדערפטיקע באַקומען שטיצע אַרום צען ענגלישע פונט...

אויך בין איך נישט אָפּגעהיט געוואָרן פון זיצן אין תפיסה... צוויי מאָל בין איך געזעסן, ביידע מאָל, חלילה, נישט פאַר „גנבענען בייגל"...

אייגנטלעך האָט מען מיך אויך אַ דריטן מאָל אַרעסטירט. דאָס איז אָבער געווען נאָר אויף אַ האַלבן טאָג, צווישן אַ צעזונגענער „כּאַליאַס־טרע" סטודענטן אין שמאָלן געסל נעבן קראָקאָווער אוניווערזיטעט. געווען איז דאָס אין ענדע פון 1916 יאָר, ווען דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט גאָר שלעכט געהאַלטן מיטן דייטש אין דער מלחמה, ווען אונטער־ערדישע שטורמען האָבן פאַראויסגעזאָגט די רעוואָלוציע און ווען צו דער פּילבאַרסטער טייל פון דער באַפעלקערונג, איר סייסמאָגראַף, די סטו־דענטישע יוגנט, איז די רעוואָלוציע שוין פאַקטיש אָנגעקומען דורך דעמאָנסטראַציעס אין די גאַסן פון אַלע אוניווערזיטעט־שטעט... די סיבה איז געווען, וואָס די רעגירונג האָט אָנגעהויבן מאָביליזירן די סטודענטן אין דער אַרמיי אריין און אין דער זעלבער צייט איבערגעלאָזט הונדערטער טויזנטער געניטע מיליטער־לייט אין דער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע, נישט נעמענדיק זיי אויפן „פראָנט". די סטודענטן האָבן זיך געבונטע־וועט: מען איז הייזעריק געוואָרן, שרייענדיק: „נעמט אַוועק די זשאַנדאַר־מען און פּאָליציאַנטן אויף דער מלחמה מיטן דייטש, לאָזט זיי נישט אין די שטעט אויף דער מלחמה מיטן רוסישן פאָלק!" דאָס איז געווען דער שלאָג־וואָרט דעמאָלסט אין אַלע הויך־שולן און, פאַרשטייט זיך, די פּאָליציי האָט די דעמאָנסטראַציעס צעטריבן מיט „נאַהאַיקעס". אויך

יענעם ווינטערדיקן טאָג פון דעצעמבער 1916 זענען טויזנטער פון אונדז געווען פאַרזאַמלט אויפן ברייטן סומסקאַי פּלאַץ אין כאַרקאָוו, און געשטורעמט מיט אויסגעשרייען קעגן דער פּאָליציי. איך בין אויך געווען צווישן די רעדנער, וואָס זענען געשטאַנען אויפן ראַנד פון דער פאָנטאַן־שיסל און געשאָטן „פעך און שוועבל״ אויפן רעזשים פון ניקאָלאַי און ראַספּוטין, וועלכער פירט „אונדזער״ גרויס רוסיש פאָלק צום אָפּגרונט.

און נאָכהער זענען טאַקע געקומען די זשאַנדאַרמען און פּאָליציי, ארומגערינגלט אונדזער יונגע חברה, אריינגעשטופּט אין שמאָלן געסל צווישן פּלאַץ און אוניווערזיטעט און דאָרטן מעטאָדיש און סיסטעמאַטיש געקאַטעוועט אונדז מיט „לאָקשן״, ווי אין קרויט אריין. שפּעטער האָט מען אָפּגעקליבן א גרופּע פון די „אָנפירער״, צוזאַמען א מאַן פופציק, און מען האָט אונדז מיט א פאַראַד אריינגעפירט אין פּאָליציי־אוטשאַס־טאָק (פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט), ווו מיר האָבן פאַרבראַכט די נאַכט אין א שטיקנדער לופט און אָן א זופּ וואַסער. דערפאַר אָבער האָבן מיר געזונגען אומגעשטערט רעוואָלוציאָנערע לידער און געשריגן, ווי באַנומענע: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! הורראַ!״

אין אַלגעמיין איז דאָס געווען נישט אזוי געפערלעך, סיי פאַרן צאַר און סיי פאַר אונדז אליין... מען האָט אונדז צומאָרגנס ארויסגעלאָזט שוין מיט א מאַרקע פון „העלדן״, מישטיינס געזאָגט, וואָס האָבן געליטן פאַרן „פאָלק״.

אָבער יענעם „קינדערשן״ ארעסט רעכן איך נישט. דערפאַר אָבער זענען די אַנדערע צוויי ארעסטן געווען מער ערנסט: איינער אין 1919 דורך גענעראַל דעניקינס מענטשן און דער צווייטער אין פרילינג 1920 דורך דער כאַרקאָווער טשעקאַ, ווען זי האָט ארעסטירט די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהילה, וועמענס מיטגליד איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין.

ווען די „דעניקינצעס״ זענען אין יאָר 1919 געקומען קיין כאַרקאָוו און ארויסגעשטויסן פון דאָרטן די „באָלשעוויקעס״, איז זייער לאָזונג (סלאָגאַן) געווען: „מיר קעמפן פאַר יושר און רעכט!״

אָבער אפילו קיין איין טאָג האָבן די ווייס־רוסישע באַנדעס נישט געהאַלטן וואָרט! אָפענע און געהיימע מערדערייען, רויב און געלט־

אויספּרעסונגען זענען אַרויף אויפן סדר־היום גלייך נאָכן אָנקומען פון די „וווּנדער־העלדן" מיט די גאָלדענע און פּלושענע שליפּעס. פון אָנפאַנג זענען נאָך גבירים און „פּאָליטיש־כשרע" געווען באַשיצט, און מען האָט „געריייניקט" נאָר צווישן די אָרימע און לינקע; אינמיטן פון סומסקאָי פּלאַץ זענען דעמאָלסט געשטאַנען תליות, אויף וועלכע עס זענען געהאַנגען געוואָרן די געכאַפּטע קאָמוניסטישע טוער. איך קאָן נאָך ביז איצט נישט פאַרגעסן די תליה, אויף וועלכער עס איז צוויי טעג נאָכאַנאַנד געהאַנגען דער יידישער בעקער טעוועליאָוו, אַן אַרבעטער פירער. זיין לאַנגע געלע באָרד, וועלכע ער האָט זיך געלאָזט אָנוואַקסן, כדי מען זאָל אים נישט דערקענען, האָט אים נישט געראַטעוועט פון אַן אייגענעם פּראָוואָקאַטאָר: מען האָט אים אַנטדעקט, געהאַנגען און די באָרד האָט זיך צוזאַמען מיט זיין ערד־בלייכן ליידנדן געזיכט געוויגט אויפן שטריק פון דער תליה... שפּעטער האָט מען דעם דאָזיקן שענסטן כאַרקאָווער פּלאַץ אַ נאָמען געגעבן „פּלאַץ טעוועלעוויאָוואַ".

אין יענער צייט פון תליות און אינקוויזיציע־פּייניקונגען אין געהיימע קעלערס, האָט מען אַמאָל אין אַ פרימאָרגן שטאַרק אָנגעקלאַפּט אין צימער ביי די ריפקינדס אויף קאָסטיורינסקער געסל, ווו איך האָב געוווינט מיט מיין פרוי.

דער קלאַפּ איז געווען אַ קלאָרער אָנזאָג: דעניקינס פּאָליציי קומט מיך נעמען. מיט פאַרפרעסטע ליפּן און געמאַכטער רואיקייט, כדי נישט צו דערשרעקן מיין פרוי, שליס איך אויף די טיר און אין צימער גייען אַריין צוויי אָפיצירן, אַ קוירנעל און אַ לייטענאַנט. בפירוש נישט קיין פּאָליציי־באַאַמטע, נאָר אַרמיי אָפיצירן, וואָס האָט מיך אַביסל פאַרוווּנדערט. מען הייסט מיר זיך גלייך אָנטון און מיטגיין מיט זיי. אויך מיין פרוי ווערט אַרעסטירט, וואָס איבעראַשט מיך שוין גאָר שטאַרק: וואָס פאַר אַ פאָרוווּרפן קען מען האָבן קעגן איר?

די אָפיצירן פאַרהאַלטן זיך געגוג העפלעך, פירן אונדז אַרויף אין אַ ביוראָ אויפן נאָענטן פּאַולאָווער פּלאַץ. דאָרט זיצט עפּעס אַ שרייבערל, הייסט מען אים אַרויסגיין. אונדזביידע בעטן די אָפיצירן זיך זעצן און נאָכהער ווענדט זיך דער קוירנעל מיט אַ טראַגישן „שעפּטשען" פון אַ ביליקן פּראָווינצער אַקטיאָר: „אייער לעבן געפינט זיך אין געפאַר

לויט אונדזערע ידיעות געהערט איר ביידע צו אַ קאָמוניסטישער אָרגאַני־זאַציע, וואָס שטרעבט אָראָפּצוּוואַרפן אונדזער רעזשים... איר ווייסט מיט וואָס עס שמעקט?״

„יאָ! מיר ווייסן זייער גוט מיט וואָס עס שמעקט. אָבער עס איז דאָך אַן אַבסורד: איך בין אַ מיטגליד פון דער לאָקאַלער בּאַרקאָווער קהילה פאַרוואַלטונג און פאָרזיצער פון שטאָטישן „צעירי ציון״ קאָמיטעט. איך בין אויך נאָר־וואָס געוואָרן פאַרוואַלטער פון דער יידישער קאָאָפּעראַטיוו־באַנק און אויף דער דאָזיקער שטעלע ארויסגערוקט געוואָרן דורך די ציוניסטישע קרייזן... וואָס פאַר אַ סודות אַזעלכע זענען דאָס פאַראַן אין מיין טעטיקייט, פאַר וועלכע מען סטראַשעט מיך מיט געפערלעכע קאָנסעקווענצן?״

אָבער דאַן הויבט אָן צו רעדן דער לייטענאַנט. ער רעדט פרעך און גזלניש:

דערציילט אונדז נישט קיין מעשיות, איר יאָלד איינער, וועגן ציוניזם און „זשידאָווסקע״ קהילות. מיר ווייסן גוט ווער איז זענט! איר האָט זיך פאַרמאַסקירט מיט אַלערליי דריידלעך. נישקשה, ווען איר וועט אָפּזיצן אַ פּאָר טעג אין „מאַרסעל״, וועט איר שוין אַליין „אויסזינגען״, וואָס מיר ווילן פון אייך. דערווייל אַרעסטירן מיר נאָר אייך אַליין. אייער פרוי וועט בלייבן פריי״.

דער לייטענאַנט קלינגט אָן. עס קומען אריין צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן, מען נעמט מיך אַוועק אין דער גוט־באַקאַנטער „מאַרסעלסקאַיאַ גאַסטיניצאַ״, ווו אין יענע טעג זענען געווען פאַרהאַלטן הונדערטער אמתע און פאַלשע „פאַרברעכער״ קעגן רעזשים.

נישט איך, נישט מיין פרוי ווייזן אַרויס צעבראָכנקייט און טרערן, נאָר אַן אומענדלעכער צער בלייבט אין אירע אויגן. מיין האַרץ קוועטשט זיך אַזש צונויף פון באַוווּסטזיין, אַז זי איז מעוברת איז זעקסטן חודש, אַז איך לאָז זי אַליין... אָבער איך בין גליקלעך, וואָס זי איז פריי און וועט לאָזן אין גאַנג דעם גאַנצן נייטיקן מעכאַניזם, מען זאָל מיך אויך באַפרייען.

דער „מאַרסעל־האָטעל״, וואָס איז דורך דעניקינס געהיים־פּאָליציי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תפיסה פאַר ספּעציעלע פאַרברעכער, געפינט

זיך אײנגאַנצן אַ פּאָר בלאָק פֿון דאַנען. מען פֿירט מיך דורך דעם באַלעבטן פּאַוולאָווסקן פּלאַץ. מענטשן שטעלן זיך אָפּ קוקן אויפֿן אַרעסטאַנט. דאָ און דאָרט זע איך אַ דערשטוינט באַקאַנט געזיכט. איך ווײס אָבער נישט, פֿאַרוואָס האָט מען מײַן פֿרוי געהײסן בלײַבן אין ביוראָ, וווּ די אויספֿאָרשונג איז פֿאָרגעקומען. עפּעס איז דאָס נישט גלאַטיק. אָבער אַז מען פֿירט מיך אַרײַן אין „מאַרסעל" אויף ריבנע גאַס, אַז איך גײ דורך די פֿינצטערע שמוציקע קאָרידאָרן, אַז מען שטופּט מיך אַרײַן אין אַ טונקל צימערל, וווּ איך פֿיל, אַז איך טרעט אויף מענטשן, וואָס ליגן אויפֿן דיל, אָבער קײנעם זע איך נישט, ווערט מיר שוין גאָר שלעכט אויפֿן האַרצן. פּלוצלינג כאַפּט מען מיך אָן פֿאַר דעם פֿוס און אַ באַקאַנטע שטימע באַגריסט מיך: „אָ, מען האָט אײַך אויך אַרײַנגעזעצט. וועל איך כאָטש האָבן „קאָמפּאַניע"... די שטימע געהערט צום פּאָפּולערן „בונדישן" פֿירער אין כאַרקאָוו, צו מײַן פֿרײַנט מאַקסים שטערן (הײַנט אין ריאָ דע זשאַנעיראָ). איך האָב געהערט, אַז ער איז ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, אַז זײַן פֿאַמיליע איז שרעקלעך אומרואיק. איצט זוכט ער זיך אָפּ אין פֿינצטערן קבֿר פֿון „מאַרסעל".

ווערט מיר אַביסל לײַכטער אויף דער נשמה, וואָס עס וועט זײַן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. מאַכט פֿאַר מיר שטערן אַ פּלאַץ אויפֿן דיל, וווּ איך קען זיך אַוועקזעצן. דערווײַל ווערן מײַנע אויגן צוגעוווינט צו דער פֿינצטערקײט און צוליב אַ פֿאַרבאָרגענעם זונען־שטראַל, וואָס גנבֿעט זיך אַרײַן פֿון ערגעץ אַ שפּאַלט אין פֿאַרמויערטן פֿענצטער, זע איך שוין, אַז אין צימערל, וווּ עס האָט מסתּמא געוווינט אַמאָל אַן אײנזאַמער אורח אין האָטעל, ליגן און זיצן אפֿשר אַ צוואַנציק שמוציקע, באַוואַקסענע יונגעלײַט, מערסטנטײלס לויטן אויסזען קריסטלעכע אַרבעטער. קײן באַקאַנטע צווישן זײ, אויסער שטערנען, געפֿין איך נישט. שטערן דערצײלט מיר, אַז ער האָט נישט קײן שום האָפֿענונג פֿון דאַנען זיך אַרויסצובאַקומען, ווײַל מען באַשולדיקט אים, און מיט רעכט, צו זײַן אַ לידער פֿון די אָרטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן (ער איז געווען וויצע־פּרעזידענט פֿון שטאָט־ראַט) און פֿון „בונד". בײדע זאַכן זענען געווען „טריפֿה" פֿאַר די דעניקינצעס, ער איז זיכער, אַז מען וועט אים שטילערהײט „ליקווידירן" און איז דעריבער גליקלעך, וואָס איך וועל

פֿאַרברענגען מיט אים די איינציקע טעג און ברענגען זיין לעצטן גרוס זיין פֿאַמיליע, אויב נאָר מען וועט מיך אויך נישט פֿאַרפּלאָנטערן אין אַ שווערן פֿאַרברעכן...

און אַזוי זענען אַוועק דריי טעג, בעת וועלכע מען פֿלעגט אַרויסנעמען פֿון צימער און אַוועקפֿירן אין אַן „אומבאַוווסטער״ ריכטונג איינציקע פֿון אונדזערע „מיטבירגער״ און ברענגען נייע אויף זייער פּלאַץ...

אָבער אין אַ געוויסן פֿאַרנאַכט האָט מען אויסגערופֿן מאַקסים שטערנס נאָמען. תּחילת האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז דער סוף. אָבער ווען אין דער „קאַמער״ איז אַריין דער הויפּט־פּראָקוראָר פֿון קרייזגעריכט, וועמען שטערן האָט אַמאָל געראַטעוועט פֿון אַ הונגער־טויט, איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס איז די רעטונג. אין צען מינוט אַרום רופֿט מען אויך מיין נאָמען. אַ שמוציקער, מיט קריכנדע ווערים איבער מיין קערפּער און קליידער, גיי איך אַרויס אויף דער גוט־באַקאַנטער ריבנער גאַס, ווו אונטן וואַרט שוין אויף מיר מיין אַזוי געענדערטע פֿרוי... דאָס־מאָל האָבן מיר זיך שוין נישט געשעמט אויסצודריקן אונדזערע געפֿילן: זענען דאָך נישט געשטאַנען דערביי דעניקינס אָפֿיצירן!

און גלייך אַנטדעקט זיך אויך דער סוד פֿון מיין אַרעסט! ווען מיין פֿרוי איז געבליבן אַליין מיט די אָפֿיצירן, האָט איר דער פֿרעכער לייטענאַנט אָפֿן און קלאָר פֿאָרגעלייגט, אַז פֿאַר פֿופֿציק־טויזנט רובל, וואָס איז דאַן געווען אַ פֿאַרמעגן מיט געלט, פֿאַר וועלכן מען האָט געקענט לעבן צוויי יאָר, וועט מען מיך באַפֿרייען... קיין געלט האָבן מיר נישט געהאַט... האָט מיין פֿרוי אָפּגעהאַנדלט מיין באַפֿרייאונג פֿאַר איר גאָלדענער קייט, קדושין־רינגל און גאָלדענעם זייגער... די אונטערהאַנדלונגען האָבן אָבער געדויערט אַ פּאָר טעג, און דעריבער האָב איך דערווייל געמוזט וואַרטן אין „מאַרסעל״.

הונדערטער יידן זענען דאַן געפֿאַלן אַ קרבן פֿון אָט דעם שאַנטאַזש.

אָבער אַ באַדינג האָט מען אונדז געשטעלט: מיר מוזן נאָך דעם זעלבן אָוונט פֿאַרלאָזן כאַרקאָוו און אַוועקפֿאָרן אויף קאַווקאַז. ווייזט אויס, אַז די שאַנטאַזשיסטן האָבן מורא געהאַט, אַז איך מיט מיינע

פאַרבינדונגען זאָל נישט מאַכן קיין צו גרויסן טומל וועגן דער טראַנ־זאַקציע...

„עס איז געזינטער פאַר אייך, איר זאָלט שווייגן און קיינעם קיין וואָרט נישט דערציילן, אַז נישט..." דער ריטערישער לייטענאַנט האָט גאַנץ געניו אָנגעוויזן מיין פרוי דעם פּלאַץ אויפן האַלדז, ווו אַ שטריק וועט פאַרצויגן...

XX.

דער צווייטער אַרעסט

אויף מאָרגן נאָכדעם ווי דעניקינס אָפיצירן אין כאַרקאָוו האָבן מיך באַפרייט פון תפיסה, בין איך שוין געווען אין צוג אין דער ריכטונג פון קאַווקאַז.

אין דער אמתן האָב איך גאָר געדאַרפט זיין צופרידן מיטן באַפעל, איך זאָל פאַרלאָזן כאַרקאָוו, ווייל אויף קאַווקאַז, וואָס האָט זיך געפונען אין רשות פון אויטאָנאָמע קאָזאַקישע אַטאַמאַנען, האָט מען געלעבט פרייער און בעסער, ווי אין אוקראַינע. עס איז אָבער געווען געפערלעך צו פאָרן מיט דער באַן. מיר האָבן געוווסט, אַז אויף געוויסע סטאַנציעס רייסן זיך אַריין אין די וואַגאָנעס צעווילדעוועטע „דעניקינצעס", שלעפן אַרויס יידן און שיסן זיי אויפן אָרט. פיל פון אונדזערע באַקאַנטע זענען אויף אַזאַ אופן פאַרשווונדן געוואָרן אויף אייביק.

אָבער מיר האָבן קיין ברירה נישט. זיץ איך מיט מיין פרוי אין צוג, וואָס טראָגט זיך איבער די סטעפעס פון אוקראַינע און נאָכהער פאַלט ער אַריין אין די בונט־צעוואַקסענע גרינבוימיקע קאָרידאָרן אַרום רואיקן דאָן און שטורמישן טערעק.

ווען דער צוג האָט זיך נאָר אַ ריר געטון פון דער טומלדיקער סטאַנציע ראָסטאָוו, האָבן מיר איבערגעלעבט אַ טויט־שרעק: עס איז געווען אין אָוונט. דער וואַגאָן איז געווען פול מיט ציווילע פאַסאַזשירן, מערסטנטיילס קאָזאַקישע פרויען און קינדער. קיין שום יידיש פנים האָב איך אַרום זיך נישט באַמערקט. כדי אָפּצוציען אויך פון זיך די אויפמערקזאַמקייט אַלס אַ ייד, האָב איך אויף דער ברוסט געטראָגן דעם מיליטערישן

אָרדער פון „וולאַדימיר מיט שווערדן", וועלכן איך האָב באַקומען אין 1915 פאַר די שלאַכטן אין פּרייסן. דאָס איז געווען אַזאַ מין „קמיע", מען זאָל ווייניקער קוקן אויף מיין נאָז...

אָבער ווען דער צוג איז שוין געווען אין פּוילן גאַנג, האָבן זיך פּלוצלינג ביי אַלע פענצטער באַוויזן די כאַראַקטעריסטיש באַוואַקסענע פּנימער פון טערער קאָזאַקן. זיי האָבן אָנגעהויבן קריכן אין וואַגאָן. שטופּנדיק זייערע שווערע קערפּערס דורך די ענגע פענצטער, שילטנדיק דערביי מיט קנאַקעדיקע רוסישע קללות די מאַמעס און באָבעס ביז אין ווייטע דורות אַריין...

מיר האָבן געמיינט, אַז עס איז שוין דער סוף. אָט זענען שוין אַ צענדליק פון זיי אין וואַגאָן, אין שוואַרצע „בעקעשעס" מיט זילבערנע קינזשאַלן אויף די פּאַסן. אַפילו די גויאישע פּאַסאַזשירן צלמען זיך פאַר שרעק און וואַרטן בלאַסע, וואָס ס'וועט דאָ פּאַרקומען...

עס דערנענטערט זיך צו מיר אַ קאָזאַק און זאָגט באַפעלעריש: „רוקט זיך אָפּ, איך וויל זיך זעצן!" פאַרשטייט זיך, אַז איך פאָלג. אויך די אַנדערע קאָזאַקן זעצן זיך פונאַנדער צווישן די פּאַסאַזשירן. מיין פרוי, וועלכע איז אויף דער צייט, באַקומט שטאַרקע ווייטיקן פון שרעק און קען זיך נישט איינהאַלטן פון קרעכצן.

דאָ הערן מיר דעם שוואַרץ־בערדיקן קאָזאַק מיט די קינזשאַלן, ווי ער זאָגט מיט רחמנות: „וואָס איז מיט דיר, „גאָלובושקאַ" (טייבעלע), וואָס טוט דיר וויי?"

איך עפן מיין מויל פון איבעראַשונג: אַ סענטימענטאַלער קאָזאַק? אַזוינס האָב איך נאָך נישט געזען. זאָגט אים מיין פרוי פּשוט: „איך דאַרף אינגיכן האָבן אַ קינד און איר האָט מיך דערשראָקן, פון דעם זענען די ווייטיקן".

פאַרענטפערט זיך דער קאָזאַק: „אָ, האָט קיין מורא נישט, אייך וועט גאָרנישט געשען. עס איז אונדז פּשוט דערעסן געוואָרן מלחמה צו האַלטן, זענען מיר אַנטלאָפן פון פראָנט. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די רעדער פון וואַגאָן ביז דער צוג איז אַריינגעפאָרן אין אונדזערע קאָזאַקישע געגנטן; נאָכהער האָבן מיר זיך אַ הייב געטון פון די רעדער און אַריין דורך די פענצטער. אָט אַזוי ווי קאָזאַקן טוען דאָס, בעת דער

„דזשיגיטאָווקע״ (אַקראָבאַטישע איבונגען) מיט פערד... אפשר אַ זופּ בראָנפן, „קראַסאַוויצאַ״ (שײנהײט)? דאָס העלפט אין אַלע צרות״... און דער קאָזאַק רוקט אונטער מײן פּרוי אַ פלאַש „מאָנאָפּאָלקע״, פון װעלכע זי מוז אָבער אָפּקערן דעם פּנים.

אַזוי פאָרן מיר אַרײן אין דער באַגלײטונג פון די קאָזאַקן־דעזער־טירן אין די בערג־קײטן פון קאַווקאַז. פון װײטן שײנט אַרויס פון גאָלדענעם מדבר־זאַמד דאָס שנײיִקע „היטל״ פון לעגענדאַרן בארג קאַזבעק, הינטער אים, אויף דער ליניע פון האָריזאָנט, באַווײזן זיך די שפּיצן פון הויכן בארג עלבּרוס, אָבער פאַר מיר איז קלאָר: דעניקין, זײנע סאָלדאַטן און זײן רעזשים פאַרשווינדן שוין הינטער די בערג, אויב קאָזאַקן אַנטלויפן פון פראָנט... און כמעט נאָך דעם זעלבן טאָג האָב איך געזען אין דער שטאָט פּיאַטיגאָרסק, ווי עס הוידען זיך אויף תּליות דרײ קערפּערס פון געכאַפּטע קאָמוניסטן, װעלכע מען האָט באַשולדיקט אין דערמאָרדן דעם גענעראַל רוזסקי, האָט מען אָבער געקענט פילן: דאָס זענען די לעצטע טעג פון „װײסן״ רעזשים...

* * *

װען די „רױטע״ האָבן װידער פאַרנומען כאַרקאָװ מיט אײניקע מאָנאַטן שפּעטער, בין איך שוין צוריק געװען דאָרט אויף מײן פּאָסטן אַלס פּאַרװאַלטער פון דער יידישער קאָאָפּעראַטיװער־באַנק.

עס האָבן נאָך דאַן עקזיסטירט פּאַרטײען בײ יידן אויסער די קאָמו־ניסטישע. עס זענען געװען טעטיק פאַרשידענע ציוניסטישע גרופּירונגען און אויך דער „בונד״. די כאַרקאָװער דעמאָקראַטישע קהילה אונטער דער ענערגישער לײטונג פון ר׳ מאיר אַראָנסאָן, אַ ברודער פון קיעװער און שפּעטער תּל־אביבער רב, האָט באַזאָרגט כּשרע שפּײז פאַר דער נויטבאַדערפטיקער יידישער באַפעלקערונג. עס איז אַריבער דער פּסח פון 1920 און אַלע יידן האָבן באַקומען שװאַרצלעכע מצות און שטאַרקן „מעד״ אויף „אַרבע כּוסות״.

טיף געריהרט דורך די זכרונות פון יענער עפּאָכע, דערמאָן איך זיך אָן מײן פאָטער ז״ל, װעלכער האָט אין זײן כאַרקאָװער גלות פונאַנדער־געבויט אַ בית־מדרש מיט לומדים, מיט אַ טעגלעכן שיעור, פאַרגעזאָגט

דורכן שאווּלער גרויסן רב ר׳ מאיר אַטלאַס. און כאָטש עס איז געווען געפּערלעך צו גיין אין די גאַסן, האָט ער אָבער קיינמאָל נישט פֿאַרפֿעלט קיין מנין און קיין בלאַט גמרא אין יענעם בית־מדרש אויף פּושקינסקע גאַס, ווו מיין פֿאָטער און ר׳ זיסל גאָלדבערג פֿון ביאַליסטאָק און ר׳ שלמה זאַלצמאַן פֿון ווילנע (ר׳ חיים עוזרס שוואָגער) האָבן געהאַלטן „די ערן־וואַך״ ביי דער תורה...

אין קהילה־ראַט, ווו מיין פֿאָטער האָט פֿאַרנומען אַ פּלאַץ צווישן די „רעכטע״ און איך — צווישן די „לינקע״ (צעירי ציון), פֿלעג איך אָפּטמאָל געשטעלט ווערן אין פֿאַרלעגנהייט דורך זיינע פֿאָרשלאָגן וועגן אַסיגנירן קרעדיטן פֿאַר דער ישיבה אָדער פֿאַר די „מוסרניקעס״. מיר זענען דעמאָלט געווען אָרים אין מיטלען און די גרעסטע זאָרג איז געווען ברויט פֿאַר די הונגעריקע, אָבער אָט שטייט מיין פֿאָטער אויף דער טריבונע און רייסט מיט אַפילו די מערהייטס־פֿראַקציע, די אַלגעמיינע ציוניסטן, מיט זיינע אַרגומענטן, אַז אונדזער ערשטן חוב מוזן מיר באַצאָלן יענע האַלב־הונגעריקע, פֿאַרחושכדיקע יונגעלייט, די בני־תורה, וועלכע האַלטן אויף דעם פֿלאַם פֿון יידישקייט אין היינטיקן מאַטעריאַלי־זירטן כאַרקאָוו. ר׳ מאיר אַראָנסאָן, אַ ציוניסטישער מנהיג, שטיצט די פֿאָרשלאָגן פֿון מיין פֿאָטער. איך האַלט זיך אָפּ פֿון שטימען, משום כבוד אב, אָבער מיינע חברים שטימען קעגן... שפּעטער, אין ביאַליסטאָקער קהילה־ראַט, אַלס ראש פֿון דער רעליגיעזער פֿראַקציע, האָט מיין פֿאָטער פֿאַרגעזעצט די דאָזיקע מלחמה פֿאַר חיזוק התורה לאַנגע יאָרן ביז זיין טויט (אין 1937). פֿיל איינצלהייטן וועגן דעם האָט מיר שוין אין ניו יאָרק דערציילט זיין שטענדיקער אָפּאָנענט און גרויסער פֿאַרערער, דער לידער פֿון „בונד״, מיין פֿריינט בנימין טאַבאַטשינסקי, וועלכער רעדט וועגן זייער לאַנגיעריקער מיטאַרבעט אין דער קהילה מיט דער גרעסטער פּיעטעט.

אין מאַי פֿון יענעם יאָר (1920) איז אין כאַרקאָוו פֿאָרגעקומען דער אַלגעמיינער צוזאַמענפֿאָר פֿון דער צעירי־ציוניסטישער פּאַרטיי. כאָטש די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט קיין דערלויבעניש נישט געגעבן, האָבן אָבער אַלע געוווּסט, אַז אַזאַ צוזאַמענפֿאָר קומט פֿאָר. עס זענען דאָן

געקומען די פאַרשטייער פון יעקאַטערינאָסלאַוו אידעלסאָן און ישראל ריטאָוו (ביידע היינט אַרבעטער־פירער אין ארץ ישראל).

מען האָט אָבער געמוזט זיין פאָרזיכטיק און נישט צופיל דעמאָנסט־ריךן דעם צוזאַמענפאַר אין דער עפנטלעכקייט. מען האָט דעריבער געביטן די פּלעצער פון יעדער זיצונג.

די לעצטע פייערלעכע זיצונג האָב איך דערלויבט אָפּהאַלטן אין זאַל פון אונדזער קאָאָפּעראַטיוור־באַנק, וועלכע האָט זיך געפונען אויף סלעסאַרנעם געסל. איך בין געווען זיכער, אז קיינער פון אונדזער פּער־סאָנאַל וועט נישט מסרן דער מאַכט. איך מוז דאָ דערביי דערמאָנען די טאָלעראַנץ, וואָס האָט דאַן געהערשט צווישן אונדזערע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער. דער פּרעזידענט איז געווען דער באַרימטער אַדוואָקאַט יהודה בעהאַם, אליין אַ פירער פון דער ס.־ס־פּאַרטיי און דאַן אַ קעגנער פון ציוניזם. אָבער ווען איך האָב געשטעלט אַ פאָרשלאָג, מען זאָל דערלויבן מיינע חברים זיך צונויפקומען אויף דער שלום־זיצונג אין זאַל פון אונדזער באַנק, האָט בעהאַם מיטגעשטימט. איך בין זיכער, אַז דער טייערער יהודה בעהאַם, וועלכער איז איצט אַ באַוווסטער אַדוואָקאַט אין תל־אביב און אויסער דעם איינער פון די פירער פון דער ארץ ישראלדיקער קאָאָפּע־ראַציע, האָט געוויס קיין חרטה נישט אויף זיין „ליבעראַליזם" צו ארץ ישראל מיט 27 יאָר צוריק...

בקיצור, דעם צענטן מאַי האָט זיך די שלום־זיצונג פון דער צעירי־ציון קאָנפערענץ געענדיקט און שוין אויף מאָרגן (ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווסט) האָט דאָס שיק־ייִנגל פון אונדזער באַנק אריינגע־שיקט וועגן דעם אַ ראַפּאָרט אין „טשעקאַ" (געהיים־פּאָליציי). און אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען מיך אַרעסטירט.

* * *

ווען דער שאַרפער קלונג האָט 12 אזייגער אינמיטן נאַכט אָפּגע־הילכט אין דער דירה, ווו איך האָב געוווינט אין אַ צימערל, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען מיך... מיין פרוי און איך האָב זיך שנעל אָנגעטון, קוקנדיק מיט אַנגסט אויף דעם וויגעלע, ווו עס איז געשלאָפן אונדזער צוויי חדשימדיקער זונעלע. גראַד דעם אָוונט איז ער

שטאַרק קראַנק געוואָרן, מען האָט אים געשטעלט „באַנקעס״ און איינ־געוויקלט אין קאָמפּרעסן. ווען אין מיין צימער זענען אריין דער געוויק־סיקער מאַטראַס פון שווארצן פלאָט מיט צוויי באַוואָפנטע סאָלדאַטן, איז דאָס קינד געשמאַק געשלאָפן.

מען ווייזט מיר דעם אָרדער: „ארעסטירן שאַשקעסן נאָכן באַזוכן זיין דירה״.

אין מיין קליין צימערל איז נישט געווען קיין סך צו זוכן; מער נישט, דאָס ביסל ביכער האָבן פארשאַפט אַביסל „קלאָפּאָט״ דעם מאַטראַז.

איך פּרוביר — ווי יעדער איינער אין אַזעלכע פאַלן, פרעגן: „פאַרוואָס ארעסטירט מען מיך?״ אויף דעם באַקום איך אַ תשובה: „דאָס ווייס איך נישט, אָבער העכסט־וואַרשיינלעך, אורטיילנדיק פון אינהאַלט פון אייערע רוסישע ביכער און פון די צאָלרייכע העברעאישע תפילה־ביכלעך, זענט איר אַ שאָוויניסט״...

כ׳לעבן, דער פּרימיטיווער מאַטראַז האָט געטראָפן. ווי מיר האָבן שפּעטער זיך דערוווּסט, איז מיין ארעסט פאַראָרדנט געוואָרן דורך דער „פּערטער״ טשעקאַ אָפּטיילונג: „נאַציאָנאַליזם און שאָוויניסטישע טע־טיקייטן״.

פון צייט־צו־צייט כאַפּ איך אַ קוק אויף דעם וויגעלע, וווּ מיין קראַנקער „בחור״ אָטעמט שווער איינגעוויקלט אין קאָמפּרעסן. איך שמייכל צו מיין פרוי, זי שמייכלט צו מיר: מיר גיבן זיך קוראַזש... אָבער ביידע קלערן מיר דאָס זעלבע: „וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל אין לעבן אָנקוקן? וועל איך נאָך אַמאָל זיין אַ טאַטע צו מיין קינד?״

אין די פענצטער קוקט שוין אריין דער שיינענדער דרומדיקער פּרימאָרגן. מיין פרוי לאָדעט אָן אויף מיינע פּלייצעס דאָס זעקל, דעם געוועגלעכן אַרעסטאַנטן באַגאַזש, אַ קישן, אַ לייכטע קאָלדרע, אַביסל וועש, אַ לאַבן ברויט...

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר ביים געזעגענען דעקלאַמיר איך מיט „גאַלגן־הומאָר״ די ווערטער פון דעם דעמאָלסטדיקן „הויף־פּאָעט״ „דעמיאַן ביעדני״:

ד״ר ח. שאַשקעס

מיראָוואָי פּאָזשאַר ראַזדויעם,
מי נאַ גאָריע וסיעם בורזשויאַם
מיראָוואָי פּאָזשאַר וו׳קראָווי...
(די בורזשויעס אויף צו להכעיס
וועט די וועלט, ווי אין קדחות
זיך צעפלאַקערן אין בלוט...)

און מיין פרוי שמייכלט... און אָט פירן מיך שוין די באַוואָפנטע סאָלדאַטן איבער די אַזוי באַקאַנטע כּאַרקאָווער גאַסן: דאָ איז די קאָאָפּעראַטיווע באַנק, וווּ איך שטעל מיינע ערשטע טריט אין דינסט פון דער גרויסער אידעע; דאָ איז דער בית־מדרש, וווּ יעדער ציגל איז באַהויכט מיט דער פאַנאַטישער איבערגעגעבנקייט פון מיין פאָטער; דאָ איז דער שפּיטאָל, וווּ מיט צוויי חדשים צוריק איז פאָרגעקומען דער ברית פון מיין קינד, אויף די קני פון זיין גרויסן סנדק ר׳ מאיר אַטלאַס... און אָט איז שוין די גוט באַקאַנטע טשערניאַקאָווסקאַ גאַס מיט די דראַמאַטיקע צוימען אַרום, מיט די שטאַרק באַוואָפנטע וועכטערס, די געפענגעניש פון דער „טשעקאַ״.

מיטן זאַק אויפן רוקן גיי איך טיפער אין די קעלערס פון אַמאָליקן פּאַלאַץ פון די צוקער־מאַגנאַטן, וועלכן מען האָט פאַרוואַנדלט אין אַ צייטווייליקער תפיסה.

איך ענטפער מעכאַניש אויף די פראַגן, ווען מען נעמט צו ביי מיר די זאַכן: „נישקשה, אין אונדזער קעלער איז געגוג ווייך צו שלאָפן, איר דאַרפט נישט דאָרטן קיין קישנס״...

און נאָכהער עפנט זיך די טיר אין אַ דומפּיקן פינצטערן קעלער־צימער און מיין וועכטער עצהט מיר, איך זאָל טרעטן פּאַוואָליע, ווייל איך קען נאָך צעקוועטשן די מענטשן, וואָס ליגן אויף דעם דיל.

דערמאָן איך זיך, אַז איך בין אַמאָל שוין געווען אין אַזעלכע אומשטענדן און בלייב שטיין, ביז מיינע אויגן וועלן עפּעס דערזען אין דער פינצטערניש.

אָבער פּלוצלינג דערפיל איך אויף מיין געזיכט אַ באָרד און אַ קוש, און נאָכהער די שטימע פון כּאַרקאָווער ראש־הקהל, ר׳ מאיר אַרנסאָן:

„ברוך הבא, אַן אורח! אויך אײַך געגומען! מיר האָבן דאָ אַ שיינע קאָמפּאַניע..."

ווערט מיר אַביסל פרייליכער. זע איך שוין שפּעטער, אַז אויך כורגין, דער קהילה־סעקרעטאַר ליגט אויסגעצויגן ווי אַ גראַף אויף דעם שטיינערנעם דיל, און לאַזאַווסקי, דער מנהל פון „קרן קימת" און שעפּ־שעלעוויטש, פון דער קהילה און פון „תרבות"... אַ וווּנדערבאַרע חברה פון „שאָוויניסטן", צווישן וועלכע איך וועל דאָך נישט זײַן איינזאַם. אויך אַרנסאָנס זון, דער יונגער סטודענט, איז מיט זײַן טאַטן, ווײַזט אויס, דורך אַ טעות אַרעסטירט געוואָרן.

און עס גייען אַוועק שעהען. מיר עסן צוזאַמען דעם וואַסערדיקן לינזן־גריץ מיטן לײַמיקן ברויט און מיר רעדן וועגן אַלץ אין דער וועלט. מיר פאַרשטייען שוין, אַז מען האָט נישט אַרעסטירט יעדן אינדיווידועל, נאָר אונדז אַלס אַ גרופּע. מעגלעך, אַז אין אַנדערע קעלערס ליגן נאָך מיט־גלידער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג. לאָמיר זיך מיט זיי דורכקלאַפּן... נישקשה, מיר וועלן זיך אויסלערנען די תורה פון „קלאַפּער" אלף־בית...

די איבעריקע אַרעסטאַנטן אין קאַמער געהערן, ווײַזט אויס, נישט צו דער פּאָליטישער גרופּע. לויט זייער שפּראַך זענען דאָס קרימינאַליסטן און שפּעקולאַנטן. האַלטן מיר זיך באַזונדער. ר' מאיר דאַווענט אויסנווייניק שחרית, צודעקנדיק זײַן קאָפּ מיט אַ נאָז־טיכל און מיר הערן זיך צו צו די טיפע ווערטער פון די תפילות, וועלכע באַקומען אַ נײַע באַדײַטונג אין אַ פינצטערער תפיסה...

בײַטאָג קומט אַרײַן אַ וועכטער און פרעגט, ווער עס וויל גראָבן אין גאָרטן? עס וווּנדערט אונדז, וואָס עס געפינען זיך אַזוי ווייניק אַמאַטאָרן צווישן די אַרעסטירטע יונגע און געזונטע קרימינאַליסטן. זיי שווייגן געהיימניספול, אָבער אונדזער גרופּע נעמט אָן מיט פאַרגעניגן דעם פאָרשלאָג און די לאָפּעטעס, וועלכע מען גיט אונדז אין די הענט. ווען מיר זענען געקומען צוריק, איז אונדז קלאָר געוואָרן די סיבה, פאַרוואָס די קרימינאַליסטן האָבן נישט געוואָלט גיין אויף דער פרישער לופט. איינער פון זיי ווענדט זיך צו אונדז שפּאָטיש:

„וואָס? שוין אויסגעגראָבן אייער אייגענעם קבר אויף הײַנט בײַ דער נאַכט?..."

„טפו זאָלסטו ווערן! וואָס פאַר אַ קבר?״ — פרעג איך דערשראָקן.
„נו, וואָס דען האָט איר דאָרט געגראָבן? בייטן פאַר בלומען? זיצט נאָך אַ פּאָר טעג, וועט איר שוין ווּיסן״...

און ער איז געווען גערעכט, דער גנב: מיר האָבן נישט וויסנדיק דערפון געגראָבן אַ לאַנגן קבר נעבן פּאַרקאַן פון גאָרטן, ווו נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט מען מקבר געווען אַ גרופּע געשאָסענע קרימינאַליסטן, וועלכע מען האָט געבראַכט אין אונדזער קאַמער פון דער שטאָטישער תפיסה.

דאָס איז געווען אַ זייגער ניין אין אָוונט. צוועלף זענען זיי געווען, באַשולדיקטע אין אָנפאַלן און רויבערייען. איך געדענק נאָך דעם צונאָמען פון זייער פירער, וועלכער איז געווען אַן אוקראַינישער כאָכאָל, אָבער דאָך האָט מען אים גערופן מיטן יידיש־קלינגענדיקן צונאָמען „לייבאַ״. צווישן זיי איז געווען אויך אַ שיקסע, די פריינדין פון „לייבאַ״, וועלכע מען האָט אַרויסגערופן אַלס נאָוויקאָווא. איינער איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען פינקעלשטיין. זיי האָבן אַלע געציטערט פאַרן בליק פון „לייבאַ״, וועלכער האָט נישט פאַרלאָרן זיין רוצחישע חוצפה, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז פון טורמע ברענגט מען צוריק אין די קעלערן פון „טשעקאַ״ נאָר אויף געשאָסן צו ווערן.

אין שאָטן פון דער נאָענטער אויספירונג פון טויט־אורטיילן איבער זיי זענען מיר, די יידישע „שאָוויניסטן״, געזעסן שטיל און דערדריקט. עס איז נאָך אונדזער גליק געווען, וואָס קיינער האָט זיי נישט דערציילט, אַז דאָס האָבן מיר שוין פאַרטיק געמאַכט דעם קבר פאַר זיי... קוקנדיק אויף „לייבאַס״ הענט, האָט מען געקענט גלייבן, אַז ער איז פעאיק צו דערשטיקן יעדן פון אונדז, נאָך איידער מען וועט אים שטעלן „צום ווענטל״.

און ביי האַלבע נאַכט האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. מיטגלידער פון דער „טשעקאַ״־קאָמאַנדע, אין לעדערנע קורטקעס און מיט רעוואָלווערן אין די הענט, האָבן געעפנט די טירן פון קאַמער און אָנגעהויבן אויסרופן די פאַרמשפּטע פאַרנוויין. דער ערשטער איז „לייבאַ״, האַלטנדיק די האַנט פון זיין געליבטער. ער האָט געזונגען עפּעס אַן אוקראַיניש דאָפּס־

פארוואלטונג און מיטארבעטער פון דער כארקאָווער יידישער פאָלקס־באנק אין יאָר 1920

אין דער ערשטער רייע זיצן צוו. אנד. יהודה בעהאם, איצט פאָרזיצער פון אדוואָקאטן־ראט אין תל־אביב, ד"ר חיים שאָשקעס, ר' יצחק בערגער (אגראָנאָם אין א"י), דער מנהל פון „הארץ" א. שעוועליאָוו א. א.

ליד וועגן אַ קארשן־גאָרטן... אין צען מינוט אַרום הערן מיר דעם רויש פון אַ שווערן מאָטאָר צונויפגעמישט מיט אַ שיסעריי. מיר ווייסן, וואָס עס באדייט: „לייבאַ" און זיין געליבטע זענען געפאַלן אין גרוב ביים פאַרקאַן...

ר' מאיר ארנסאָן דערנענטערט זיך צום פאַרמשפּטן ייד פינקעל־שטיין און רוימט אים איין אַ סוד. יענער ציטערט אויף און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ"... און די שטילקייט פון פינצטערן קעלער ווערט דורכגע־שניטן מיט די דראמאטיש־באקאנטע ווערטער: „אָשמנו, בגדנו" — דאָס זאָגט ר' מאיר ווידוי מיט אַ פאַרבלאָנדזשעטער יידישער נשמה...

אַ שעה צייט דויערט דאָס ארויספירן די זעקס פאַרלעך, און יע־דעם מאָל דריקן זיך ספּאָנטאַניש צונויף אונדזערע הערצער, ווען מיר הערן דעם רויש פון דעם מאָטאָר און דעם טויבן אָפּקלאַנג פון די שאָסן. מער זענען מיר שוין נישט ארויסגעגאנגען גראָבן די ערד אין גאָרטן, ווען מען האָט אונדז „העפלעך" איינגעלאַדן אויף פרישער לופט...

נאָך דריי טעג זענען מיר געזעסן אין די קעלערן פון „טשעקאַ", נאכהער האָט מען אונדז פּלוצלינג אַריינגעטראָגן די פּעקלעך מיט די קישנס און וועש, אויסגעשטעלט אונדז אין רייען צוזאמען מיט אנדערע אַרעסטירטע און פאַראָרדנט מאַרשירן אין דער ריכטונג צו דער קאַ־טאָרזשנער טורמע אויפן „ליסן בארג" אין צווייטן עק פון שטאָט.

מיר מאַרשירן אַרומגערינגלט פון רייטער און פוסגייער מיט אויס־געשטרעקטע רעוואָלווערן אין די הענט; איך גיי דורך גאסן, וועלכע איך האָב געזען אין פריידן און יוגנט־פאַרוויילונג. אין קאָפּ בויערט נאָר איין געדאנק: „וואָס מאכט מיין קינד?" ווען מיר פאַרדרייען זיך אויף יעקאַטערינאָסלאַווער גאס, גיט מיר אַ פלאַטער פאַר די אויגן דער געל־שוואַרצער זיידענער שאַל, וועלכן איך האָב געקויפט פאַר מיין פרוי אַלס מתנה... און הינטערן גרויסן שאַל שפּרינגט צו מיר צו מיין פרוי מיט די ווערטער: „אַלץ איז גוט! דאָס קינד איז געזונט! האָף אויף באפריי־אונג!.."

אַלזאָ, שטייט זי מסתם גאנצע טעג און וואַרט אויף מיין דורכ־מאַרש... און ווער זייגט דאָס קינד? טרערן באוואַסערן מיין פנים.

ד"ר ח. שאַשקעס

ר' מאיר אַרנסאָן שפּרייזט נעבן מיר מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, זיין שווארצע באָרד גיט צו אַ באַזונדערן כאַראַקטער אונדזער פּראָצעסיע.

מען קאָן אים גוט אין שטאָט, מענטשן כאַפּן זיך פאַרן קאָפּ און צער ליגט אויף זייערע פּנימער: „אַט פירט מען אונטער רעוואָלווערן די ערשטע דעמאָקראַטיש־געוויילטע כאַרקאָווער קהילה!..״

די ברייטע טויערן פון דער „קאַטאָרזשנער״ טורמע עפענען זיך און שלינגען איין אונדז מיט אונדזערע וועכטער. אַ נייַ קאַפּיטל הייבט זיך אָן פאַר מיר. וואָס ברענגט ער, וואָס זאָל איך דערוואַרטן?

XXI.

דער ווידוי פֿון אַן עקספּערט אין ביילים־פּראָצעס

די כאַרקאָווער „קאַטאָרזשנע" (שווערע) תפיסה אויפֿן „ליסן באַרג" האָט אין פֿרילינג 1920 געווימלט מיט אַזאַ פֿאַרשידנאַרטיקן עולם פֿון אַרעסטאַנטן, וועגן וועלכן עס האָט זיך אפילו נישט געחלומט דעם צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן, ווען ער האָט די טורמע געבויט.

לויט די אָנגענומענע „תקנות" האָבן אין אַזאַ תפיסה געדאַרפֿט זיצן קרימינעלע פֿאַרברעכער — מערסטנטיילס מערדער, מיט אַן אורטייל נישט ווייניקער ווי צען יאָר. אויסער דעם איז אַ באַזונדער אָפּטיילונג געווען באַשטימט פֿאַר „געפֿערלעכע" רעוואָלוציאָנערן, וועלכע מען האָט געמשפּט לויט די פּאַראַגראַפֿן 102 און 129 מיט מינדעסטנס פֿינף יאָר „זיצן"... אָבער ווען גרישאַ זינאָוויעוו האָט בעת זיין קורצער „וואַקאַציע" אין כאַרקאָוו אַרויסגעלאָזן דעם רוף, אַז „מען דאַרף אַ קוועטש טון", האָט זיך די יחסנדיקע טורמע אָנגעפֿילט מיט אַרעסטירטע פֿון אַלע שטאַנדן און קלאַסן: פֿירער פֿון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען: רוסישע, אוקראַאינישע, יידישע, גרוזינישע; שפּעקולאַנטן פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן געזוכט מאַכן אַ „קערבל" אין יענער טומלדיק־הונגעריקער צייט; באַנדיטן און מערדער, ביי וועלכע אַ מענטשנס לעבן איז ווערט געווען אַ „שישקע פּולווער" און זיי פֿלעגן אין די פֿינצטערע גאַסן און געסלעך באַרויבן און דערשיסן אַ דורכגייער גרוויזאַם און קאַלטבלוטיק; פּראַוואָסלאַווע און קאַטוילישע גייסטלעכע, וואָס האָבן זיך דווקא איינגעשפּאַרט דאַוונען „בציבור" אין דער צייט פֿון מיליטערישן טעראָר; און פֿירער פֿון דער פּוילישער אונטערגרונט־באַוועגונג, וועלכע מען האָט חושד

געווען, אַז זיי העלפן זייער אַרמיי, וואָס האָט זיך דאַן געדרוקט אויף קיעוו...

ווען מען האָט אויפן ברייטן תפיסה־הויף אַריינגעפירט דעם נייעם „עטאַפ" מיט אַרעסטירטע, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אונדזער גרופּע פון קהילה־פּרנסים, האָט אונדז דער ייִדישער אויספאָרשונגס־ריכטער, דיאַמאַנד, אָפּגעגעבן „מזל טוב". דער יונגער דיאַמאַנד האָט אַמאָל געאַרבעט אין דער קהילה־קאַנצעלאַריע, געקאַנט יעדן פון אונדז פּערזענלעך און אויך איצט, ווען ער האָט שוין פאַרנומען די פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע פון אַ טשעקאַ־אויספאָרשער, האָט ער פונדעסטוועגן אַרויסגעוויזן פריינטלעכקייט צו אונדז און גרויס דרך־ארץ צום קהילה־פּרעזידענט ר' מאיר אַרנסאָן, וועלכער האָט מיט אַזאַ שטאָלצקייט דורכגעטראָגן נאָר וואָס דורך די כאַרקאָווער גאַסן זיין לייבן־קאָפּ מיט דער דעקאָראַטיווער שוואַרץ־גרויער באָרד.

דיאַמאַנד זאָגט, אַז ער וועט זען, אַז אונדזער גרופּע זאָל זיין צוזאַמען אין איין קאַמער און אַז אויב ר' מאיר וועט וועלן דאָרטן מאַכן אַ „מנין", זאָל מען אים נישט שטערן. „לײדער — זאָגט ער — איז די תפיסה אַזוי פול, אַז מיר וועלן מוזן זיצן זאַלבע פופציק אין איין צימער, אָבער דערפאַר וועט יעדער פון אונדז באַקומען אַ הילצערנע ברעט אויף צו שלאָפן".

ווען מען באַזוכט אונדז, ווי דער שטייגער איז, איידער מען פירט אַריין אין דער געביידע, טאַפּט מען אָן עפּעס אַ ספרל ביי ר' מאירן אין בוזעם־קעשענע. ר' מאיר ווערט בלאַס און ערשטן מאָל קלינגט שוין זיין קול מיט תחנונים, ווען ער ווענדט זיך צום אויספאָרשונגס־ריכטער:

„חבר דיאַמאַנד, איך בעט אייך, נעמט נישט צו דאָס דאָזיקע ספרל... דאָס איז דאָך דער „תניא" פון מיין רבין דעם צדיק ר' שניאור זלמן פון ליאַדי... מיט הונדערט צוואַנציק יאָר צוריק איז ער אויך געזעסן ביים צאַר פּאַוועל אין תפיסה און דער הייליקער „תניא" איז דעמאָלט געבוירן געוואָרן און באַלויכטן דעם גלות... איך וועל זיך פילן פריי הינטער די גראַטעס, ווען דער „תניא" וועט זיין מיט מיר".

און חבר דיאַמאַנד דערלויבט מיטנעמען דעם „תניא", ער זאָגט אונדז דאַן אויך, אַז מען באַשולדיקט אונדזער גרופּע פּרנסים אין פּראָפּאַ־

גאַנדירן ענגהאַרציקן פּאַלעסטיניזם און אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט ארץ ישראל. ווי לאַנג מיר וועלן זיצן און וואָס פאַר אַ שטראָף מיר וועלן באַ־קומען, קאָן מען נאָך איצט נישט וויסן...

* * *

אין אונדזער קאַמער, אין וועלכער מען פירט אונדז אַריין, זעט אויס ווי אַ גן עדן אין פאַרגלייך מיטן קעלער פון דער טשעקאַ־תפיסה, וווּ מען האָט אונדז ביז איצט געהאַלטן... כאָטש אַרעסטירטע מוזן אויך דאָ טיילווייז ליגן אויף דער „פּאָדלאָגע", ווייל עס פעלן אויס הילצערנע בעטלעך, אָבער דאָך קומט אַריין ליכט בייטאָג דורך די שווער פאַרגראַ־טעוועטע פענצטער, און אויך ביינאַכט איז די „קאַמער" באַלויכטן מיט אַן עלעקטריש לעמפל.

מיר געוווינען זיך צו לאַנגזאַם צום תפיסה־רעזשים מיט די צוויי שיסלען וואַסערדיקן געקעכץ, וואָס מען ברענגט אַריין אין אַ קעסל, צום נישט אויסגעבאַקענעם ברויט, וואָס קייט זיך, ווי ליים, און צו די פּופּצן מינוטיקע שפּאַצירן אויפן טורמע־הויף, בעת וועלכע מען כאַפּט אָפּ אַביסל דעם אָטעם פון דער געדיכטער קאַמער־לופט.

אויף מאָרגן ברענגט מען אין תפיסה נאָך צוויי פּרנסים: דעם אוני־ווערזיטעט־פּראָפעסאָר האַרקאַווי, אַ רעפּרעזענטאַנט פון דער אַסימילירַ־טער אינטעליגענץ און דעם טייערן, תמימותדיקן ר' יהושע שעפּשעלע־וויטש, אַ ציוניסט (שפּעטער אין דער אַדמיניסטראַציע פון תל אביבער „הארץ").

מיר אַלע שלאָפן אויף שכנותדיקע הילצערנע „קאַיקעס", און אַז עס הייבן אָן אָנקומען פּעקלעך פון אונדזערע משפחות, עסן מיר זיי אויף בשותפות און טיילן זיך אויך מיט די אַרעסטאַנטן, וואָס זענען איינזאַם און קיינער שיקט זיי גאָרנישט פון דרויסן.

מאָדנע פאַרשווינען האָבן זיך צו אונדז צוגעקלעפּט אָט צוליב די אַפּעטיטנע פּעקלעך. עס טרעט נישט אָפּ פון אונדז אַ יונגער שגץ, אַ געוועזענער קאָזאַקן־אָפיציר, וועלכער גייט אָנגעטון צעריסן און צעפליקט אין לייוונטענע מיליטערישע הויזן און אַ בלוזע, אָן אַ העמד אויפן לייב און באָרוועס... פון אייניקע געשפּרעכן מיט אים דרינגט אַרויס אַליץ מער, אַז מען האָט אים אַרעסטירט נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט קיין דאָקו־

מענטן נישט געהאַט און זיין גרעסטע מורא איז, טאָמער אַנטדעקט מען ווי ער הייסט אין דער אמתן און וואָס ער האָט אָפּגעטון... מען פילט, אַז ער האָט פיל פאַרברעכנס אויפן געווייסן. אפשר איז ער אַ באַנדיט אָדער אַ פּאָגראָמשטשיק, אָדער גאָר אַ שפּיאָן פון די „ווייסע״. אָבער אין טורמע זענען מיר אַלע גלייך, און אַז אַ „קאָלעגע״־אַרעסטאַנט קוקט מיט הונגעריקע אויגן, ווי איר עסט ברויט מיט קנאָבלדיקן כשרן ווורשט, אַ מתנה פון דער היים, גיט איר אים זיין חלק, מעג דער הונגעריקער זיין דער זעלבער, וואָס האָט נישט לאַנג דערמאָרדעט אייערן אַ נאָענטן...

און איינמאָל רופט מען אַרויס דעם קאָזאַקישן יונגנמאַן אין קאַנצעלאַריע פון תפיסה און אין אַ שעה אַרום קומט ער צוריק אַ טויטבלאַסער, מיט אַ משוגענעם בליק אין די אויגן. ער דערציילט אונדז:

— „זיי האָבן געפונען די חצופה, מיין געליבטע, געבראַכט זי דאָ, און זי האָט מיך דערקענט... דערציילט זיי אַלע איינצלהייטן, און איצטער וועט מען מיך שוין „שטעלן צום ווענטל״... אָט צוליב דער מסורטע האָב איך פאַרלוירן מיין ווייב, מיינע קינדער, געהרגעט, געגזלט, אַפילו אין צערקווע חתונה געהאַט מיט איר, כאָטש איך האָב זיך נישט געגט מיט מיין ערשטער ווייב. איצטער האָט זי געטייטלט אויף מיר מיטן פינגער און נאָך געשמייכלט דערביי, די זונה״.

מיט איין טאָג שפּעטער האָט מען דעם חברה־מאַן צוגענומען, מיר האָבן גוט געוווסט, אַז זיין זינדיקער קערפּער האָט זיך אויפגעהערט צאַפּלען, נאָך איידער דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף ביינאַכט...

נאָך אַן אַרעסטאַנט דערנענטערט זיך צו אונדז, אָבער מיר האָבן באַמערקט, כאָטש ער איז אונדזער שכן, האָט ער אונדז אויסגעמיטן אין די ערשטע טעג; שפּעטער אָבער האָט ער זיך אָנגעהויבן שטאַרק צוהערן צו אונדזערע געשפּרעכן. מיר האָבן גערעדט רוסיש צוליב פּראָפעסאָר הארקאַווי און כורגין, וועלכע האָבן נישט געקענט קיין יידיש. ספּעציעל האָט זיך דער שכן אונדזערער צוגעהערט, ווען ר׳ מאיר ארנסאָן האָט דערציילט זיינע חסידישע מעשהלעך אָדער פּאָפּולאַריזירט די אידעען פון „תניא״. איינמאָל גייט ער צו צו אונדזער גרופּע און שטעלט זיך פאָר נישט דרייסט:

— „מיין נאָמען איז מיכאַאיל פּיעאָדאָראָוו, איך בין אַ מאַלער״.

ער האָט אויסגעזען סימפּאַטיש און מיר נעמען אים אויף וואַרעם. ער זעצט זיך אויפן ברעג פון מיין הילצערנעם בעטל און הערט זיך צו, ווי ר׳ מאיר דערציילט:

— „ווייסן מיר דאָך, פאַרוואָס מיר זיצן, נישט פאַר גנבה אָדער גזלה, חלילה, און אויך נישט פאַר אָפּנאַרן די מלוכה; מיר זיצן, ווייל מיר זענען יידישע פּרנסי־קהל, וואָס האָבן הייליק אָפּגעהיט די געבאָטן, וואָס מען האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט און די גרעסטע צווישן זיי איז לערנען תורה מיט יידן און זאָרגן וועגן ישוב ארץ ישראל. האָט דאָך ר׳ עקיבא, ווען די רוימער האָבן אים איינגעזעצט, געזאָגט: „ווי ווייל איז דיר עקיבא! דו זיצסט דערפאַר, וואָס דו האָסט געלערנט; וואָלסטו נישט געלערנט, וואָלט מען דאָך דיך נישט אַרעסטירט...״

— „פאַרשטייט זיך, מיר האָבן געקענט אויסמיידן די תפיסה, ווען מיר זאָלן ענדערן אונדזער טאַקטיק און אויספאָלגן בלינד אַלץ וואָס די מושלים פאָדערן פון אונדז. מוז איך אייך אָבער דערמאָנען דעם וווּנ־דערבאַרן משל, וואָס אונדזער ר׳ עקיבא האָט דאַן געגעבן: „דער פוקס איז געגאַנגען ביים וואַסער און דערזען, ווי דער פיש שטעקט אַרויס זיין קאָפּ פון טייך, זאָגט צו אים דער פוקס: „קום אַרויס אויף דער יבשה, וועלן מיר צוזאַמען גיין שפּאַצירן״. ענטפערט אָבער דער פיש: „ניין, כל זמן איך בין אין וואַסער, בין איך כאָטש זיכער, אַז איך האָב מיט וואָס צו אָטעמען, וועל איך אָבער אַרויסגיין מיטן פוקס אויף דער יבשה, דאַן ווער איך גלייך דערשטיקט...״ דעם נמשל, מיינע פריינט, דאַרף איך אייך נישט דערקלערן...״

קוקט אונדז פיעדאַראָוו מאָדנע אָן און גיט אַ זאָג:

— „איר זענט מיר אַלע געוואָרן אַזוי נאָענט. איך וואָלט וועלן אייער גרופּע אויסמאָלן און פאַראייביקן אין אַ בילד. מען האָט מיר דערלויבט האָבן מיינע קאָלירטע בלייַשטיפטן מיט זיך, ביטע, אַנטזאָגט נישט!״

זענען מיר געוואָרן מסכים, און אין משך פון איניקע טעג פּאָזירן מיר פאַרן מאָלער. דערווייל אָבער נעמט מען ביי אונדז צו אונדזער חבר שעפּשעלעוויטש, און געשען איז דאָס דעריבער, ווייל ער איז געווען אַ

פאַבריקאַנט, און מען האָט אים הינטער די אויגן פאַרמשפּט אויף פינף יאָר צוואַנגס־אַרבעט צוליב עפּעס אַ סכסוך מיטן שטייערן־אַמט.

און אַז מען איז געקומען אים נעמען פון קאַמער אין אַרבעטס־לאַגער, איז אונדז אַלעמען געוואָרן פינצטער אויף די הערצער. דער איינציקער, וואָס האָט ליבלעך און אַזוי ווי אומבאַהאָלפן געשמייכלט, איז געווען שעפּשעלעוויטש אַליין. ער האָט געגומען זיין פּעקל אויף די פּלייצעס און דער ערשטער אָנגעהויבן זינגען די „התקוה״. מיר אַלע האָבן מיט ענטוזיאַזם אונטערגעהאַלטן די התלהבותדיקע מעלאָדיע און אַזוי געזעגנט זיך מיט אונדזער טייערן חבר.

יאָרן שפּעטער האָבן מיר מיט שעפּשעלעוויטשן, בעת דער באַגעגעניש אין תל אביב, אין פרייִדן דערמאָנט יענעם רירנדיקן פרימאָרגן, ווען די „התקוה״ האָט אים אַרויסבאַגלייט אין צוואַנגס־לאַגער.

איינמאָל, נאָכן פאַזירן פאַרן בילד, רופט מיך אָפּ פּיעאָדראָאָוו אָן אַ זייט, פירט מיך צו אין ווינקל צום פאַרגראַטעוועטן פענצטער און זאָגט:

— „עפּעס דריקט מיר אויפן האַרצן, איך וויל זיך פאַר אייך פאַרטרויען. אייער יידישע גרופּע, וואָס באַהאַנדלט מיך אַזוי פריינטלעך, איז דאָך אַפילו נישט חושד, אַז איך בין געווען ביז גאָר נישט לאַנג איינער פון די גרעסטע אַנטיסעמיטן אין רוסלאַנד. דאָס זענען דאָך געווען מיינע קאַריקאַטורן, וועלכע די „רוסקאַיע זנאַמיאַ״ (אַן עקסטרעם רעאַקציאָנערע כוליגאַנישע צייטונג אין פּעטערבורג) האָט געדרוקט קעגן יידן. איך בין דאָך אויך געווען דער קאַליגראַפישער עקספּערט מצד דער באַשולדיקונג בעתן ביילים־פּראָצעס. מיר האָט מען איבערגעגעבן צו אַנאַליזירן די האַנטשריפט פון די איבערגעכאַפּטע בריוו פון די חסידישע רביים פון דער שניאורסאָן פאַמיליע. איך האָב אויך צוזאַמענגעשטעלט דעם אַלבום מיט בילדער, ווי אַזוי יידן צאַפּן בלוט פון קריסטלעכע קינדער...״

(שטרייכער האָט די זעלבע בילדער מיט יאָרן שפּעטער גענוצט אין „שטירמער״).

אינסטינקטיוו האָב איך זיך אַ רוק געטון פון פּיעאַדראַאָוון און באַמערקט קאַלט:

— „אַזוי, דאָס זענט איר דער מאַלער, וואָס האָט אונדז אַזויפיל נישט פאַרדינטע צרות און בייז־בלוט פאַרשאַפט?"

פיעאָדאָראָוו כאַפּט מיך אָן פאַר דער האַנט און זעצט פאָר אָן אויפגערעגטער:

— „ניין, גייט נישט אַוועק! איך ווייס, אַז איך פאַרדין, איר זאָלט מיר אַלע אַ שפּיי טון אין פּנים, די האַנט נישט געבן, אָבער איך פיל אויך, אַז דאָס זענען מיינע לעצטע טעג אויף דער ערד, אַז איך בין שוין אַ פאַרמשפּטער צום טויט. איר טאָרט נישט דעריבער אָפּזאָגן אַ צום טויט־פאַראורטיילטן דאָס אויסהערן זיין ווידוי... אָט הערט ווייטער:

„מיין יידן־האַס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מיר האָט זיך געדוכט, איך קען לויט דער האַנטשריפט דערקענען, ווער עס איז אַ גוי און ווער עס איז אַ ייד. אָט בין איך געווען יאָרן־לאַנג אַ פּראָפעסאָר פון מאַלעריי אין כאַרקאָווער מיידל־אינסטיטוט פון דער קייזערין מאַריע, ווו קיין יידישע קינדער ווערן גאָרנישט אָנגענומען, אָבער איך פלעג נאָכזוכן לויט דער האַנטשריפט, צי מיין שילערין שטאַמט נישט פון משומדים און אויב יאָ, פלעג איך זי אויך פאַרפאָלגן. דאָס איז געווען שטאַרקער פון מיר אַליין, עפּעס אַ קרענקלעכע מאַניע פון יידן־האַס, וואָס האָט מיך נישט איינמאָל געשטויסן צו שפּייען אויף אַ ייד פון הינטן, כדי מיט דעם מיין שנאה אויסלאָדעווען... שוין אָבער מער ווי אַ יאָר, אַז איך פיל געוויסנסביסן. נאָך מער, די רבנים מיט די לאַנגע בערד, וואָס איך האָב געמאָלן אַלס קינדער־מערדער, קומען מיר צו־חלום און ווילן מיך שטיקן... איר פאַרשטייט, מיינע אייגענע בילדער זענען לעבעדיק געוואָרן און זענען זיך אָן מיר נוקם... ווען מען האָט מיך אַרעסטירט און באַשולדיקט אַלס אַקטיוון קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, האָב איך זיך נישט נאָר אַליין מודה געווען, נאָר נאָך דערמאָנט פאַר די אויספאָרשונג־ריכטערס פאַרברעכנס, פון וועלכע קיינער האָט נישט געקאָנט וויסן; איך האָב זיי געהייסן זוכן און נישטערן אין אַלטע צייטונגען, ווו מיינע קאַריקאַטורן, אָפּטמאָל נישט אונטערגעשריבענע, זענען געווען בייזוויליק און אויפהעצנדיק...

„איך האָב געוווסט, וואָס מיך האָט דערוואַרט, אָבער דער טויט שרעקט מיך נישט, אַ באַשפיגן לעבן האָב איך געלעבט"...

דער מאָלער מיט די ברענענדע אויגן און ליידנשאַפטלעך־נערוועזע באַוועגונגען הויבט אָליין מער אָן דערמאָנען איינעם פון די קרענקלעכע דאָסטאָיעווסקי־טיפּן, וועלכע זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן רוסישן פאָלק...

איך דערצייל שפּעטער די געשיכטע צו די חברים פון אונדזער גרופּע, און מיר באַשליסן מער נישט פאַזירן פאַר פּיעדראַווון: טריף איז זיין מאָלער־פענדזעל, וואָס האָט געהאָלפן פאַרשפּרייטן דעם עלילת־דם. דאָס בילד איז געבליבן נישט געענדיקט...

דערווייל גייען אַריבער וואָך נאָך וואָך; איינמאָל האָט מען אונדז אַרויסגערופן אויף אַ „זעאונג" מיט קרובים. דאָס לעבט מען איבער זייער שווער... פון צוויי זייטן מיט דראָט־באַצוימטע ווענט שטייען אַרעסטאַנטן און קרובים. מען זעט זיך קוים אָן און אַלע שרייען צוזאַמען מיט באַנו־מענע קולות.

יעדער וויל וואָס־מער אין די אייניקע מינוטן זאָגן, און אַז מען קומט צוריק אין קאַמער, דערמאָנט מען זיך, אַז די וויכטיקסטע זאַכן האָט מען פאַרגעסן פרעגן.

מיין פרוי איז מיך געקומען זען מיטן דריי חדשימדיקן זונעלע אויף די הענט... איך באַמערק, אַז דער קליינער האַלט שוין זיין קעפּעלע זעלבסטשטענדיק אויף זיינע פּלייצעלעך; אַז ער טראָגט אַ ניי בלוי קליידל, אַז מיין פרוי האָט געשוואָלענע רויטע אויגן, מן הסתם שלאָפט זי נישט, וויינט טעג און נעכט... שריי איך צו איר: ווען וועט זי מיר שיקן סיגאַרעטן „חרות" (פרייהייט")? פאַרשטייט זי, וואָס איך מיין און ענטפערט, אַז מען האָט איר צוגעזאָגט אַזעלכע סיגאַרעטן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום...

קומען מיר אַלע פון דער זעאונג צעבראָכענע און מיט נישט באַפרי־דיקטע אינפאָרמאַציעס.

דער ראש־הקהל ר׳ מאיר אַרנסאָן האָט אונדז נאָכדעם געזאָגט, אַז זיין ווייב האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיט געלט קען מען עפּעס מאַכן, כדי אים צו באַפרייען, אָבער ער האָט עם קאַטעגאָריש פאַרבאָטן און אויסגעשריגן: „איך בין אומשולדיק און אני מאמין בהשם יתברך"...

ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט ער אונדז, אַז די זעלבע תשובה האָט מיט זעקס־הונדערט יאָר צוריק געגעבן אַן אַנדער ר׳ מאיר, אַ סך אַ גרעסערער פון אים. דער מהר״ם מרוטענבערג. ווען אַ משומד האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה, האָבן די יידן געוואָלט געבן שוחד, מען זאָל אים אויסקויפן. אָבער ר׳ מאיר האָט געענטפערט: „אני מאמין בהשם! גאָט איז מיין האַר און איך בין זיין קנעכט; די נשמה איז סיי־ווי־סיי זיינע, איי דער גוף, וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט דאָס?"

ווען דער בישאָף האָט זיך צופעליק דערוווּסט וועגן דער תשובה פון מהר״ם, איז ער נאָכמער אַריינגעפאַלן אין ביטערן כעס און אים געמאַטערט זיבן יאָר אין תפיסה. ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מען אים באַגראָבן טאַקע אין דער ערד פון זיין קאַמער, אין וועלכער ער איז אַזוי לאַנג געזעסן און נאָר נאָך פערצן יאָר האָט די קהילה אויסגעקויפט די איבערבלייבעניש פון הייליקן מת און אים געבראַכט צו קבר ישראל... דער מהר״ם האָט זיך פאַראייביקט מיט דער טיף עלעגישער תשעה באב קינה: „שאלי שרופה באש"...

און אונדזער ר׳ מאיר גיט צו מעלאַנכאָליש: „און אני מאמין באמונה שלמה, אַז איך וועל נאָך קומען צום קבר־ישראל דווקא אין ארץ ישראל און פאַרשפאָרן דעם שווערן „גלגול המחילות" אַזש פון קראָקאָוו אַרויס"...

דאָ מוז איך צוגעבן, אַז דער דעמאָלסטדיקער ווונטש פון ר׳ מאירן אין קראָקאָווער תפיסה איז פולשטענדיק מקוים געוואָרן. ער איז מיט אַ יאָר צען שפּעטער געבראַכט געוואָרן צו זיין רו אין תל־אביב בשכנות מיטן קבר פון זיין גרויסן ברודער הרב הגאון אַרנסאָן, וועלכער איז געווען יאָרן־לאַנג רב אין קיעוו און שפּעטער רב ראשי אין תל־אביב.

די שווערסטע איבערלעבעניש אין תפיסה איז פאַר אַלעמען געווען די שעה צווישן זעקס און זיבן פאַרנאַכט. ווען די טיר פלעגט זיך אָפּשליסן, דער וועכטער איז אַריין אין באַגלייטונג פון אַ באַאַמטן מיט באַוואָפנטע זעלנער. דער באַאַמטער האָט געהאַלטן צוויי שטיקלעך פּאַפּיר אין האַנט און צוויי צעטלען מיט נעמען. אויף איינעם זענען געווען אויסגערעכנט די אַרעסטאַנטן, וואָס מען נעמט אַרויס פון אונדזער קאַמער צוזאַמען מיט זייערע זאַכן און פון אַנדער צעטל האָט מען אויסגערופן

ארעסטירטע, וועלכע האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן די קאַמער אָן זייערע זאַכן. דער אונטערשיד איז בסך הכל געווען: האָט מען אייך איינגעלאַדן „מיט די זאַכן״ (ס׳וויעשטשאַמי) האָט דאָס געמיינט, אַז איר זענט פריי; אָבער טאָמער חלילה האָט מען א זאָג געטון „אָן די זאַכן״ (בעז וויעשטשעי), האָט דאָס געמיינט — טויט... אַזעלכע זענען אַוועקגעפירט געוואָרן צוריק אין די קעלערן פון „טשעקא״ און ארום האַלבע־נאַכט האָט מען זיי געשאָסן אונטערן רויש פון אַן אויטאָמאָביל־מאָטאָר.

איצט שטעלט זיך פאָר די געשפּאַנטע שטימונג צווישן פּופּציק מענטשן אין אַזאַ מאָמענט, ווען דער באַאַמטער הויבט אָן לייענען דעם צעטל. אַלע פאַרהאַלטן דעם אָטעם; יעדער דאַוונט צו זיין גאָט בלחש... איז דער באַאַמטער געווען מענטשלעך, פלעגט ער שנעל און ערנסט אָפּפּטרן זיין פליכט, אָבער אַז עס פלעגט אַריינקומען דער לאַטיש איידוס, וואָס האָט ליב געהאַט זיך צו איזדעקעווען איבער די הילפלאָזע ארעסטאַנטן, פלעגט ער כלומרשט אַ טעות האָבן און נאָכן איבערלייענען דעם צעטל מיט די באַפרייטע, האָט ער אַ זאָג געטון: „אָן די זאַכן״, טויט הייסט דאָס, און נאָכהער אַ קוק טון אין די בלאַסע פּנימער פון די אויסגערופענע און זיך באַלד פאַרריכטן: „ניין! איר זענט דאָך גאָר פריי״... נישט ביי איינעם מן הסתם איז פון אַזאַ „וויץ״ געבליבן אַ האַרץ פעלער אויפן גאַנצן לעבן...

נאָך דעם זעלבן אָוונט, ווען עס איז פאָרגעקומען מיין דראַמאַטישער געשפּרעך מיט פיעדאָראָוון, האָט מען אויסגערופן זיין נאָמען: „אָן די זאַכן״, ס׳האָט טרוקן געקלונגען זיין אורטייל...

ער האָט זיך מיט וואַקלדיקע שריט דערנענטערט צו מיר און מיט אַ ציטעריקער שטימע שטיל געבעטן: „זאָגט מיט מיר, איך בעט אייך, אַ פּאָר ווערטער פון תהילים״. איך באַהערש שנעל מיין פאַרשטענדלעכע אויפרעגונג, נעם אריין זיינע אויסגעשטרעקטע הענט אין מיינע און זאָג פּאָר שטילערהייט אין העברעאיש: „חנני ד׳ כי אומלל אָני, רפאני ה׳, כי נבהלו עצמי, ונפשי נבהלה מאוד ואתה ד׳ עד מתי״ (האָב אויף מיר רחמנות, גאָט, ווייל איך בין אומגליקלעך, הייל מיך, גאָט, ווייל מיינע ביינער זענען דערשראָקן און אויך איז דערשראָקן מיין נשמה און — ביז וואַנען, גאָט?).

איך האָב די צופעליק ארויסגעכאַפּטע פון זכרון פסוקים איבערזעצט אין רוסיש און ער האָט זיי ווידערהאָלט...

ווען די טירן פון קאַמער האָבן זיך ווידער פאַרשלאָסן, האָב איך אַ זאָג געטון צו מיינע חברים:

„זעט נאָר וואָס פאַר אַן איראָניע פון גורל: אַ פּרנס פון כאַרקאָווער קהילה גיט דעם לעצטן טרייסט אַ צום טויט־פאַרמשפּטן אַנטיסעמיט, וואָס האָט זיינע ברידער אזוי פיל צרות פאַרשאַפט!״

* * *

נאָכדעם איז געקומען אַ פאַרנאַכט, ווען דער תפיסה־באַאַמטער האָט אויך אויסגערופן אונדזערע נעמען: „מיט די זאַכן!״ — באַפרייט אונדז ברוך השם!

מיר נעמען אויף די פּלייצעס די פּעקלעך, אין וועלכע עס ליגט דאָס קישן מיט די קאָלדרעס מיטן ווינטערדיקן מאַנטל. ר׳ מאיר האַלט אין זיין האַנט דאָס ספר „תניא״ און כאַפּט דאָרט אַ קוק פון צייט־צו־צייט, איידער די שווערע תפיסה־טויערן עפענען זיך פאַר אונדז. מיר מוזן גיין דעם לאַנגן וועג צופוס, ווייל אין שטאָט זענען נישטאָ מער קיין „איז־וואָזשטשיקעס״.

גייען מיר ציטערנדיקע, שווייגנדיקע אין יענעם הייסן זומער־פאַרנאַכט. די נשמות זענען אזוי ווי אויסגעליידיקט, עפּעס פילט זיך גאָרנישט די שמחה פון דער אזוי־לאַנג געוואַרטער באַפרייאונג.

די שטאָט זעט אויס ווי אָפּגעשטאָרבן, די מענטשן מיט דערשראָ־קענע, אומעטיקע געזיכטער.

איך קלינג אָן אין מיין דירה און אַנטקעגן מיר גייט ארויס מיטן קינד אויף דער האַנט מיין פרוי. דאָסמאָל האַלטן מיר זיךביידע נישט איין פון טרערן, נישט ווי אין יענעם פאַרטאָג, ווען מען האָט מיך אוועק־גענומען און מיר האָבן זיך אזוי באַמיט קיין שוואַכקייט נישט ארויס־צווייזן...

XXII

דאָס לומדישע שטעטל אמדור

איך זיץ אין בוענאָס איירעס, אין ביבליאָטעק-צימער פון מיין אַלטן און חשובן פריינט ר׳ ידידיה עפּראָן.

מיר טרינקען הייסע גלעזער טיי, איינע נאָך דער צווייטער, דערביי האַלטן מיר דעם צוקער אין מויל, „וו׳פּריקוסקו״ (צובייסנדיק) לויטן אַלטן רוסישן מנהג.

פון די גלעזער שלאָגט אַ פּאַרע און דורך דער פּאַרע שווימען ארויס בילדער און געשעענישן פון וויטן עבר, פון טייערן ליטווישן שטעטל, פון וואַנען מיט מער ווי פופציק יאָר צוריק האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע די פאַמיליע עפּראָן.

יאָ! מיט פופציק יאָר צוריק! אַ יובל אַ גאַנצער און נאָך מער איז אַריבער, ווען ר׳ מאָטיע טויבעס, ר׳ ידידיה עפּראָנס פאָטער, האָט אַ זאָג געטון צו זיין ווייב און זיינע זין:

„עס איז גאָר קיין תכלית נישט צו זיצן אין אמדור און האָדעווען נייַן סאָלדאַטן פאַרן רוסישן קיסר. לאָמיר זיך צוהערן צום רוף פון באַראָן הירש און פאָרן קיין אַרגענטינע אַקערן און זייען און שניידן... דאָ איז שוין נישטאָ אויף וואָס צו האָפן, דאָרטן ערגעץ וויַיט וואַרטן אויף אונדז פעטע פעלדער און זוניקע לאַנקעס; דאָרטן וועלן מיר זיך איינשפּאַנען אין דער מזלדיקער סאָכע און גאָט וועט העלפן!...״

און כאָטש פרומע יידן אין אמדור און אין דער גאַנצער יידישער וועלט האָבן געמורמלט, אַז דער באַראָן איז אַן אפּיקורס און שוין דער־מיט אַליין זענען זיינע אידעען פּסול, אַז אַ באַוועגונג, וואָס ווערט

געבוירן אָן אַן „ארבע־כנפות״ וועט קיין יידישע גאולה נישט ברענגען, איז די פֿאַמיליע עפֿראָן געפֿאָרן און מיט איר נאָך הונדערטער פֿאַמיליעס פֿון ליטע, פֿון בעסאַראַביע, פֿון אוקראַינע, פֿון ווייטן רומעניע.

מען האָט די קינדער ארויסגענומען פֿון די ישיבות, פֿון די חדרים, פֿון די קלייזן און וואַרשטאַטן... מען האָט זיך געשלעפּט מיט דער פֿור דורך די זאַמדיקע וועגן קיין גראָדנע, קיין פּאַריעטש, קיין לאַנדוואַראָווע ביז צום גרענעץ.

אין דעמאָלסטדיקן בוענאָס איירעס זענען געווען נישט מער ווי אַ צוויי־הונדערט יידישע נפשות; אין איצטיקן — מער ווי צוויי־הונדערט־טויזנט, כן ירבו... עפּעס האָט זיך געביטן אין דער וועלט אַרום און, פֿאַרשטייט זיך, האָט אויך ר׳ ידידיה עפֿראָן אַ שיין־ביסל דורכגעלעבט און זיך היבש געענדערט אין די לעצטע צוויי־און־פֿופֿציק יאָר. נאָכאַמאָל ווידערהאָלט זיך דאָך נישט אַזאַ ציפֿער אין מענטשלעכן לעבן... געווען דער גרינדער און פֿירער פֿון דעם יק״א חינוך־נעץ; אינספּעקטאָר פֿון די שולן אין אַלע קאָלאָניעס; לאַנגיעריקער אינספּעקטאָר פֿון היצעם־היאַס. נו, און איצט איז ער דער גרינדער און פּרעזידענט פֿון מכון ללימודי היהדות, פֿון יידישן לערער־אינסטיטוט, וווּ מען לערנט תנ״ך און גמרא מיטן זעלבן זיסן ניגון, ווי עס האָט אַמאָל אָפּגעקלונגען אין היימישן שטעטל.

ר׳ ידידיה, דער למדן און פּקח, זיצט נישט מיט מיר אַליין; מיר זענען ארומגערינגלט מיט ספֿרים און ביכער אין אַלע לשונות. אָט שטייען די הויפּט־מחותנים, דער תלמוד בבלי און ירושלמי. און נעבן זיי שפּאַנישע מיטל־אַלטערלעכע ספֿרים, קאָמפּלעטן פֿון „הכרמל״ און „שאלות ותשובות״ פֿון די אחרונים. די נייע העברעאישע ליטעראַטור און די פּאָעטן אין יידיש קוקן זיך איבער חבריש מיט זייערע קנאַישע פּאַרגענער, די חיבורים פֿון ליטווישע גאונים, אַזוי ווי ר׳ ידידיה אַליין האָט אין זיך געשאַפֿן די גליקלעכע סינטעזע צווישן אַלט־מאָדישן שטעטלשן בית־מדרש־ייד און דורכאויס מאָדערנעם הויך־קולטורעלן דענקער, שרייבער און פּעדאַגאָג.

איך האָב דעריבער אַזוי ליב אונדזערע שעהען־לאַנגע שמועסן וועגן דער וועלט פֿון נעכטן, וועלכע ער געדענקט אַזוי פֿריש, מיט אַלע פּי־

טשעווקעס, אַזוי־ווי ער וואָלט אָקאָרשט מיט אַ וואָך צוריק פאַרלאָזט זיין ישיבה־באַנק אין אלטן יחוסדיקן שטעטל אמדור, וואָס איך האָב באַזוכט שוין פיל יאָרן שפּעטער, ווי ער אַליין האָט פון דאָרטן אויסגעוואַנדערט.

מיר רעדן און דערמאָנען זיך און רייסן איבער איינער דעם אַנדערן מיטן:

„צי געדענקט איר? צו ווייסט איר?..״

מען גיסט־אָן צוויי פרישע גלעזער קאָכעדיקן טיי און דורך דער פאַרע, וואָס וויקלט זיך אין קנוילן, זע איך זיך אַליין מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק, ווען איך בין אין אַ שנייאיקן פאַרנאַכט ארויסגעפאָרן פון גראָדנע קיין אַמדור, כדי צו גרינדן דאָרטן אַ קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־באַנק.

איך געדענק אַזוי ווי איצט דאָס אַראָפּפאָרן פון דער הויכער באַר־גיקער גאַס, ווו שערעשעווסקים טאַבאַק־פאַבריק איז געשטאַנען, אַראָפּ צום טייך ניעמאַן צו, צו די קליינינקע הייזלעך פון פאָרשטאָט, צו וועלכע מיר טרייסלען זיך איבער די ברעטער פון דער צייטווייליקער „פּאָנטאָנעם״ בריק, וועלכע שאָקלט זיך אויף די פּעסער, וואָס האַלטן זיך קוים אויף דער וואַסער־פלאַך. שפּעטער האָט מען שוין פאַרריכט די אייזערנע בריק, וועלכע איז צעשטערט געוואָרן בעת דער סאָוויעטיש־פּוילישער מלחמה, אָבער איצטער רירן זיך די פערד פּאַוואָליע און שרעקעדיק און עס דוכט זיך, אַז אָט־אָט גליטשן מיר זיך אַריין אין וואַסער. דער ניעמאַן איז נאָך נישט פאַרפרוירן און אַ שטאַרקער שניי הויבט־אָן פאַרשטעלן פאַר אונדז דעם שאָסיי, וואָס פירט קיין אמדור.

שמואלקע דער בעל־עגלה, אַ געזונטער געלער ייד, וואָס ברומט ימים־נוראימדיקע ניגונים דעם גאַנצן וועג, ער איז דער בעל־שחרית אין גראָדנעם פורמאַנישן קלויז, פאַרזיכערט מיר, אַז אין דריי שעה וועלן מיר דורכמאַכן די איבער צוואַנציק וויאָרסט, וואָס טיילן אונדז אָפּ פון שטעטל אמדור, אָבער ווען די שניי־זאַווערוכע פאַרשטאַרקט זיך, פאַר־לירט ער שוין אויך זיין זיכערקייט... ווייזט־אויס, מיר בלאָנדזשען. מיר פילן שוין מער נישט די האַרטקייט פון שאָסיי אונטערן שניי. די פערדישע קאָפּיטעס קריכן אריין אין טיפע גריבער און שלעפּן זיך קוים פון דאָרטן אַרויס.

שמואלקע זינגט זיך דערביי מיט אַ הייזעריקער שטימע „מן המצר" און פון דעם דרינג איך אַרויס, אַז ער איז פאַרקראָכן אין אַ צרה, פון וועלכער ער זוכט אַן אויסוועג דורך שמייסן אַכזריותדיק די פערד... אַ וונדערלעכער שניי־טישטעך בלענדט אזש מיט זיין ווייסקייט, פאַרדעקנ־דיק יעדן סימן, נאָך וועלכן מען זאָל זיך קענען אָריענטירן, ווו מיר זענען.

שעהן ציען זיך און אַ זיסע מאַטקייט פאַרשלעפערט מיך און איינגע־וויקלטן אין אַן אומגעלומפערטן בערישן פוטער, וועלכער לאָזט נישט צו דעם נאַכט־פראָסט ווייטער ווי צו מיינע נאָז־לעכער.

נאָר אָט רייסט איבער מיין דרימל אַ פריילעכער אויסגעשריי פון בעל עגלה. „מען זעט שוין נאָוואָסיאָלקי! איצטער וועט שוין גיין ווי אַ מזמור"... און גלייך דערויף צעזינגט זיך שמואלקע: „לדוד מזמור: לד' הארץ ומלואה תבל ויושבי בה"...

מיר זענען, הייסט עס, שוין ווידער אויפן גלייכן וועג. אין נאָוואָ־סיאָלקי, ווייס איך, האָט יאָרן־לאַנג געוווינט אַ רייכער און ליבעראַלער רוסישער פריץ סאָלאָוויי, ארום וועלכן עס האָבן געלעבט בכבוד פיל שטעטלשע יידן. סאָלאָוויי האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע פּאָעמע אין רוסיש: „דער נביא" (פּראָראָק), וועלכע איז געווען פול מיט געוואַגטע ראַדיקאַלע אידעען, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט זיינע פויערים זיך צעבונטעווען און דערהרגענען זייער פּאָעטישן פריץ מיט פלעקענער... דאָס האָט געטראָפן גראָד מיט אַ פּאָר יאָר פריער, איידער די פייערלעך פון נאָוואָסיאָלקי האָבן אונדזער שליטן אַרויסגעפירט אויפן ריכטיקן וועג...

אין שטעטל אמדור זענען מיר אָנגעקומען ארום פיר פאַרטאָג, און פאַרפאָרן אין אַן אַכסניא, וואָס איז געווען האַלב־שענק, האַלב־„זאַיאַזד" פאר בעלי־עגלות. וועגן אויסטון זיך דאָרטן און שלאָפן האָב איך אפילו נישט געקענט קלערן. האָב איך דעריבער געפּאָלגט די עצה פון מיין פורמאַן, זיך געזעצט צוזאַמען מיט אים ביים רויכערדיקן נאַפט־לעמפל נעבן הילצערנעם טיש, און מיר האָבן געזופט הייסן געלן וואַסער, אָנגע־גאָסן פון דער קופערנער „בוניע", וועלכע פאַרטרעט דאָ דעם אַריסטאָק־ראַטישן סאַמאָוואַר.

דערווייל זענען אָנגעפאָרן די „בוידן״ מיט סחורה פון ביאַליסטאָק און אין דער „טשאַינע״ (טיי־הויז) איז געוואָרן טומלדיק. עס איז אויך געקומען מיט אַ שליטן דער משכילישער שניט־קרעמער דוד ראַבינאָוויטש פון ברעסטאָוויץ, וועלכן איך האָב געקענט אַמאָל נאָך אַלס קונד פון מיין זיידן. אויך ער וויל נישט וועקן זיינע קרובים, צו וועלכע ער פאָרפאָרט שטענדיק און מיר צעשמועסן זיך דעריבער, כדי צו פאַרקירצן די שעהען וואַרטעניש ביז דאָס שטעטל וועט זיך אויפכאַפּן.

דער שניט־קרעמער ראַבינאָוויטש פון ברעסטאָוויץ איז נישט געוועזן קיין גלאַט־זיך אַזוי אַ קליין־שטעטלדיקער סוחרל: זיינע מאַטעמאַטישע ידיעות זענען געווען צו באַוווּנדערן; מיט זיין העברעאיש און רוסיש שרייבן האָבן זיך געצאַצקעוועט אַלט און יונג; אויסער דעם איז ער געווען אַ בקי אין ש״ס און אַ גרויסער שאַך־שפּילער... ווען איך דערמאָן זיך איצט, אַז אפילו אין ז יי ן שטעטל איז ער נישט געווען קיין אויסנאַם, אַז נאָך אַנדערע באַלעבאַטישע יידן האָבן פאַרמאָגט דאָרט אַ שׂכל מיט קענטעניש און אינטעליגענץ, באַגרייף איך ערשט ביי וואָס פאַר אַ פּוסטקייט מיר זענען שטיין געבליבן...

דערציילט מיר ראַבינאָוויטש פון ברעסטאָוויץ: „מיט יאָרן צוריק פלעגט פאָרן אָט פון דאַנען, פון אמדור קיין ביאַליסטאָק, אַ פורמאַן, וועלכן מען האָט גערופן הערשל שוליאַק. ער איז געווען דער „דיליזשאַנס״ (שליח פאַר סחורות). איינער פון זיינע פיס איז געווען אַ קינסטלעכער, אַן אייזערנער, און מיט דעם, ווי אַזוי ער האָט זיין פוס צעבראָכן, איז פאַרבונדן אַ שיינע מעשה: מיט יאָרן צוריק איז געווען רב אין אמדור דער גרויסער למדן ר׳ אברהם עזרא. מען האָט געציטערט פאַר זיין וואָרט און אויטאָריטעט ווייט אויסער די גרענעצן פון אמדור, ווו ער איז געזעסן אויפן כסא הרבנות 44 יאָר. אָבער הערשל שוליאַק, אַ חוצפּהניק און גראָבער יונג, האָט פון רב, ווייזט־אויס, נישט געהאַלטן.

ווען מען האָט געבויט אין אמדור דעם קלויסטער, איז הערשל שוליאַק געווען באַשעפטיקט מיט פירן קלעצער. אויך חול־המועד־פּסח, ווען בעלי־מלאכות אַרבעטן נישט, האָט הערשל געפירט די קלעצער פון וואַלד. דער רב ר׳ אברהם עזרא איז אַרויס אין מאַרק און פערזענלעך זיך ביי אים געבעטן נישט מחלל יום־טוב זיין, אָבער הערשל שוליאַק

האָט זיך אויסגעלאַכט. דער שטרענגער רב, נישט קענענדיק דערלאָזן צו אַזאַ חוצפּה, האָט אים געשאָלטן... גלייך אויף מאָרגן איז אַ שווערער קלאָץ געפאַלן אויף הערשלען און צעשמעטערט זיין פוס... פון דעמאָלסט אָן ביזן טיפער עלטער האָט ער זיך געמוזט באַגנוגענען מיט אַן אייזער־נעם פלאָקן, אַנשטאָט זיין רעכטן פוס... פון דעמאָלסט אָן האָט מען יאָרן־לאַנג געציטערט פאַרן רבס קללה"...

* * *

ווען ר׳ ידידיה עפראָן אין בוענאָס איירעס הערט־אוים די געשיכטע, וואָס ראַבינאָוויטש האָט מיר דערציילט אין יענער פינצטערער נאַכט אין אמדור, שמייכלט ער זיך פונאַנדער:

„נו, יאָ! איך האָב אַליין געקענט דעם „אייזערנעם פוס" הערשל שוליאַק... און דער רב ר׳ אברהם עזרא איז טאַקע געווען מיין עלטער־פעטער. און מיינט נישט, אַז נאָר אַ קנאי, וואָס שיט מיט קללות. איך געדענק אויך אַנדערע געשיכטעס, צום ביישפּיל: ר׳ אברהם עזרא פלעגט וואַרטן נאָך קבלת־שבת ביז אַלע באַלעבאַטים האָבן איינגעלאַדן די בעסער־אויסזעענדע אורחים און צו זיך אין שטוב פלעגט ער ברענגען די איבערגעבליבענע, קראַנקע, קריפּלען, בעלי־מומים. די רביצין האָט פּרובירט פּראָטעסטירן, פאַרוואָס ער ברענגט אין שטוב קראַנקע און שמוציקע געסט, וועלכע קענען זיין אַ געפאַר פאַר די קינדער... ענטפערט ר׳ אברהם עזרא:

„וואָלט אין דעם געשטעקט אַ סכנה, וואָלט דאָך די תורה געזאָגט, אַז מען טאָר נישט"...

„איר באַוואונדערט — זאָגט מיר ר׳ ידידיה — ראַבינאָוויטשן דעם שניט־קרעמער, וועלכער איז אַ מושלם אין אַ סך ריכטונגען, וועל איך אייך דערמאָנען נאָך אייניקע מער־שטויגענדע פערזענלעכקייטן פון אַמאָליקע קרעמער אין מיין היימיש שטעטל. אָט נעמט, למשל, ר׳ ברוך עין, וועלכער איז געקומען צו אונדז פון שטשיסלאָוויטש (סוויסלאַטש). אַ גאַנצן טאָג איז ער געשטאַנען אין זיין קראָם אויפן מאַרק און געמאָסטן מיט אַ הילצערנעם אייל קרעטאָנען און סאַטינען. אָבער אין די פרייע שעהען זיינע האָט ער געפירט אַ „שאלות ותשובות פּאָלעמיק מיט די תורה־ריזן, ר׳ צבי הירש חיות און ר׳ שלמה באַבער. אָט זעט אַליין!..."

ר׳ ידידיה לאָזט זיך אוועק צו איינע פון זיינע ביכער־שאַפעס, נעמט פון דאָרט אַרויס אַ געבונדענעם קאָמפּלעט פון „הכרמל״ פאַרן יאָר תרל״ו (1876) און ווייזט מיר־אָן אַ טיפן חידוש פון אמדורער שניט־קרעמער ר׳ ברוך עין איבער מדרש „חזית״...

אָדער, נעמט, למשל, דעם „המליץ״ אין די אַכציקער יאָרן, אין בריוו־קעסטל, וועלכן מען האָט דעמאָלסט גערופן „תבת נח״. פרעגט אָן עפּעס אַ לעזער: „ווו געפינט זיך ערגעץ אין גמרא: „תנו רבנן, איזהו חכם הרואה את הנולד״״ (די רבנן האָבן געלערנט, אַז דער איז אַ חכם, וואָס זעט פאָרויס).

ענטפערט אויף דעם דער אימפּולסיווער רעדאַקטאָר פון „המליץ״ צעדערבוים פּערזענלעך: „חפשתי בכל תלמוד בבלי וירושלמי ולא מצאתי מאמר כזה״(איך האָב געזוכט אין גאַנצן תלמוד־בבלי וירושלמי, און איך האָב אַזאַ מאמר נישט געפונען).

אָבער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום מוז דער זעלבער „המליץ״ אָפּדרוקן אַ בריוועלע פון אַן אמדורער קרעמער בזה הלשון:

„און איך האָב נישט געזוכט אין גאַנצן תלמוד, נאָר גלייך געעפנט די מסכתא תמיד און דאָרט יאָ געפונען דעם מאמר״...

יאָ! אַגב יחסנען זיך צוויי יידישע שרייבערס מיט זייערע אמדורער עלטער־זיידעס: אברהם ליעסין מיטן פלאַם־פייערדיקן „תשובת־שמואל״, און ב. ריווקין מיטן אמדורער דיין ר׳ איסר — הנקרא דער גרויסער...

* * *

איצט זיץ איך צוריק אין דער בעל־עגלהשער „טשאַינע״ אויפן אמדורער מאַרק, זופּ נאָך אַלץ די זעלבע בלאַסע טיי און שמועס מיטן קורץ־וויקסיקן קרעמערישן משכיל ראַבינאָוויטש, וועלכער וואַרט צוזאַמען מיט מיר ביז עס וועט ווערן טאָג.

צום ברונעם אינמיטן מאַרק „טיאַפּקען״ איבערן טיפן שניי פרי־אויפגעשטאַנענע באַלעבאַטעס מיט עמערס. בערדיקע יידן לויפן מיט די טלית־זעקלעך אונטערן אָרעם דאַווענען דעם ערשטן מנין אין סענדערס אָדער ברעגמאַנס בתי־מדרשים, אָדער גאָר אין דער גרויסער „קאַלטער״ שול.

ראַבינאָוויטש מיינט, אַז מיר דאַרפן אַריינגיין אין בערגמאַנס בית־מדרש. דאָרטן וועט מען אפשר טרעפן חנא פעלדמאַן, דעם בירגער־מייסטער און פאַקטישן שטעטלטן „באָס", ער איז אַן אבל און קומט פרי דאַווענען.

איך האָב נאָך געקענט פעלדמאַנען, ווען ער איז געווען אַ חדר־ייִנגל אין ביאַליסטאָק און שפּעטער אַוועק אַלס איידעם קיין אַמדור. ענערגיש און מאָדערן געבילדעט, האָט אים דאָס שטעטל אָנגעטרויט די פירונג פון איר קהילה און נאָכהער האָבן אים סיי די גויים, סיי די ייִדן אויסגעוויילט אַלס בירגער־מייסטער פון אמדור. וואָס איז געווען אַ גרויסער כבוד אין פּוילן נאָך דער ערשטער מלחמה.

פעלדמאַן צוזאַמען מיטן ענערגישן רב ר' ראובן כ״ץ זענען דאָס געווען די מענטשן, וועלכע מיר האָבן אָנגעטרויט מיטן אָנפירן די ייִדישע באַנק. היינט איז ר' ראובן כ״ץ דער רב אין פּתח־תקוה, שוין אַ ייִד בן־שבעים (לאַנג זאָל ער לעבן), אָבער דעמאָלסט האָט נאָך אַ שוואַרצע לאָקן־באָרד אַרומגערינגלט זיין קלוג פּנים.

אין בערגמאַנס בית־מדרש האָבן מיר טאַקע געטראָפן דעם בירגער־מייסטער חנאן, אָפּכאַפּנדיק שנעל דעם לעצטן קדיש. גרויס איז געווען זיין שמחה פון דער אומדערוואַרטעטער באַגעגעניש מיט אַן אַלטן חבר, אָבער ווייל מיר זענען שוין דאָרטן געקומען, איז ער אונדז מכבד מיט אַביסל געשיכטע וועגן גרויסע ייִדן, וועלכע זענען אין משך פון איבער הונדערט יאָר דורכגעגאַנגען דורכן באַשיידענעם הילצערנעם בית־מדרש מיטן קליינעם ארון־קודש און דער שטאַכעטן־בימה אין מיטן.

„אָט אויף דער בימה איז געשטאַנען קרוב זעכציק יאָר דער שמש ר' ליימע. ער איז געווען אויך דער בעל־קריאה און אַ גרויסער מופלג דערצו. פאַרשטייט זיך, ער איז געווען אַ ביטערער אָרימאַן, נאָר קיינמאָל זיך נישט געקלאָגט אויף דעם יאָך פון געפינען פּרנסה פאַר אַ ווייב און אַ פולע שטוב מיט קינדערלעך. אַ גרויסער „מסתפּק במועט" (זיך באַנוגנט מיט ווייניק) געווען.

ר' ליימע פלעגט אַרויסנעמען די טאַבאַק־פּושקע, אַריינשטעקן דאָרטן זיינע צוויי פינגער, אָננעמען דעם גרינעם פּודער און אַריינציען

אים אין די נאָז־לעכער, האָט מען געזען, אַז עס קומט אים צו חיות סיי פון דער שאַרפקייט און סיי פון ניסן.

אָבער אַז מען האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס נעמט ער נישט אַ צווייטן שמעק־טאַבאַק, ווען ער האָט פון דעם אַזאַ הנאה, האָט ער געענטפערט: „עט, מען דאַרף נישט: צופיל תאוה״...

נאָך דעם זעלבן טאָג האָב איך געהאַט אין אַמדור אַ באַגעגעניש מיט די יידישע בעלי־עגלות, צו וועלכע איך בין פאַרגעשטעלט געוואָרן דורך דעם בירגער־מייסטער פעלדמאַן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, אַז זיי איז געשטאַנען פאַרלירן די פרנסה, ווייל דער גראָדנער פוילישער מאַגיסטראַט האָט געקויפט אַן אויטאָבוס, וועלכער זאָל אָנ־האַלטן די פּאַסאַזשיר־קאָמוניקאַציע צווישן גראָדנע און אַמדור: די פורן וואָלטן דאַן געוואָרן אַן איבעריקע זאַך. פעלדמאַן האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף די בעלי־עגלות אויסלייען געלט, זיי זאָלן קויפן בשותפות אַן אייגענעם אויטאָבוס, אייניקע פון זיי, די יינגערע, זאָלן זיך אויסלער־נען צו זיין שאָפערן און מעכאַניקער און אויף אַזאַ אופן וועלן זיי ווייטער האָבן פון וואַנען צו לעבן. מיר איז דער פּראָיעקט געפעלן געוואָרן און איך האָב אַסיגנירט אויף דעם די נויטיקע סומע געלט פון צענטראַלן באַנק.

ווען איך בין צוזאַמען מיטן בירגער־מייסטער געגאַנגען צום שענק, וועלכער איז געווען אַ מין בעלי־עגלות קלוב, זענען שוין אין שענק געזעסן צוויי יידישע שכורים: דאָס האָבן זיי געמאַכט „קידוש״ באַצייטנס לכבוד דער טרויעריקער געשעעניש פון דאַרפן אָוועקוואַרפן די פערד־און וואָגן, וועלכע האָבן געגעבן פרנסה זייערע טאַטעס און זיידעס, און ווערן גאָר „מעכאַניקער״ אויף דער עלטער.

ווען איינער פון די שכורים דערזעט אונדז, הייבט ער אויף אויסנ־ווייניק צו זינגען „תהילים״ מיט אַ ניגון פון אַ הספד:

״אשרי תמימי דרך״... און דער צווייטער ענטפערט אים מיט אַ פּסוק פון „ונתנה תוקף״: „אוי! מי יחיה מי ימות!״ און צעוויינט זיך דערביי אויפן קול...

איך פיל, אַז אַ שטיק שטעטלש־יידיש לעבן גייט דאָ אונטער מיטן ברענגען דעם אויטאָמאָביל, אַז דאָס איז אויך אַ הספד נאָך יאָשקע

סאָטסקען, דעם אַמאָליקן יידישן פּאָליציאַנט, דעם געוועזענעם ניקאָלאַיעווסקן סאָלדאַט, וואָס האָט געזאָגט תהילים אויסנווייניק, כאָטש ער האָט נישט געקענט קיין עברי; אַז דאָס באַקלאָגן זיי אויך איגנאַשקען, דעם ערל, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף די פערד און ווען עס איז געווען קאַלט, פלעגט ער אַריינגיין זיך אָנוואַרעמען אין בית־מדרש; איגנאַשקע דער גוי האָט גערעדט גוט יידיש און אַז מען האָט אים געכאַפּט ביים אַרויסגיין פון בית־מדרש גנבענען האָלץ, פלעגט ער שווערן מיט פאַרלירן זיין „חלק עולם־הבא", אַז מער וועט זיך דאָס נישט איבערחזרן...

* * *

מיר זיצן נאָך אַלץ אין ר׳ ידידיה עפּראָנס ביבליאָטעק־צימער אין בוענאָס איירעס. פאַרנאַכטיקע שאָטנס שוועבן אַרום און מישן זיך צונויף מיט די בילדער, וועלכע מיר האָבן אַרויסגערופן פון ווייטן־און נאָענטן עבר: „אָפּגעווישט, אָפּגעמעקט! קיינער נישטאָ דאָרט, קיינער!.."

טרייסט איך אָבער ר׳ ידידיהן:

„ניין! נישט אינגאַנצן אָפּגעמעקט! אָט זעגט איר דאָך דאָ אין אַרגענטינע דער גרינדער פון אַ המשך, פון מכון ליהדות־סעמינאַר; אָט איז אייער ברודער ר׳ חיים־צבי אַ רב אין ברוקלין און שאַ! איך האָב מיט אַ יאָר צוויי צוריק באַזוכט די שטאָט פּאָקיפּסי, אין ניו־יאָרק סטייט, איז זי דאָך אינגאַנצן אַ ירושה פון די אַמדורער עפּראָנס: דער דאָקטאָר, דער אַפּטייקער און גדליה עפּראָן דער גבאי פון שול.

איך האָב אין פּאָקיפּסי אויך באַזוכט די פאַבריק פון דינאַמיט־און מאַגנעזיום, וועלכע די עפּראָנס האָבן געגרינדעט אין קריג און באַקומען אַ דאַנק פון פּעטערסאָן, דער אַמעריקאַנער קריגס־מיניסטער...

אָבער וואָס זאָל מען זיך אַליין נאַרן: פּאָקיפּסי אין ניו־יאָרק איז נישט און וועט קיינמאָל נישט זיין דאָס יחוסדיקע, תורהדיקע, פאָלקס־טימלעכע יידישע שטעטל אַמדור אין אַמאָליקער גראָדנער גובערניע...

XXIII

גראָדנער רבנים און פאָלקס-מענטשן

מיין זיידע, ר׳ לייזער ליפשיץ, איז אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק אַלס איידעם פון גראָדנע. פאַרשטייט זיך, דאָס איז געווען שוין מיט לאַנגע יאָרן צוריק. איך האָב אפילו אויסגערעכנט, אַז גראָד איצט ווערט הונדערט יאָר זינט מיין זיידע ר׳ לייזער איז געבוירן געוואָרן, כאָטש געשטאָרבן איז ער צו 75 יאָר.

און אַזוי ווי איך האָב זיך דערצויגן אַלס קינד ביים זיידן אין דער רחבות־הדיקער שטוב, ווו מיין פאָטער ר׳ אברהם איז די ערשטע יאָרן געווען אַן איידעם אויף קעסט, פלעג איך זיך אָנהערן אַלס קינד מעשיות פון גראָדנע, אָדער האראָדנע, ווי יידן האָבן גערופן די דעמאָלסט „גובערנסקע״ רואיקע שטאָט ביי די שטילע ברעגעס פון ליטווישן טייך ניעמאַן.

לויט מיין זיידנס דערציילונגען, וועלכע זענען דאָ אָפגעשטעמפלט געוואָרן אויפן פרישן וואַקס פון מיין קינדערישן זכרון, איז גראָדנע געווען אַ שטאָט פון סאַמע ווונדערלעכע רבנים, גבירים־לומדים, יראי־שמימדיקע בעלי מלאכות. דער זיידע איז געווען אַ גרויסער פאַטריאָט פון זיין געבורטס־שטאָט און איך בין געווען אַביסל אייפערזיכטיק, וואָס אין ביאַליסטאָק זענען גאָרנישט בנמצא אַזעלכע צדיקים און חסידים, וואָס צוליב זייער זכות לעבן מיר דאָך אַלע...

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך פלעג קומען אין גראָדנע סיי אַלס סטודענט צו חברים און חברטעס, סיי שוין אין די לעצטע יאָרן אַלס קאָאָפּעראַטיווער באַנק־אינספּעקטאָר, זענען דעם זיידנס ענטוזיאַסטישע דערציילונגען אַ היפּש ביסל אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן: אויך אין גראָדנער



דער פארדינסטפולער ביאליסטאָ־
קער עסקן ר׳ אברהם שאָשקעס,
פאָטער פון דעם מחבר פונעם בוך

ר׳ לייזער און מאשע ליפשיץ מיט
זייער אייניקל חיים שאָשקעס

„שווייצאַרישן טאָל" האָבן יינגלעך און מיידלעך געשטיפט, ווי מיר האָבן דאָס געטון אין ביאַליסטאָקער שטאָט־גאָרטן; אויך אין שרעשעוועסקים פאַפּיראָסן־פאַבריק האָבן זיך יידישע אַרבעטער געבונטעוועט קעגן צאַר ניקאָלאַי און די קאַפּיטאַליסטן, גענוי ווי דאָס האָבן געטון זייערע ברידער אַרבעטער אין יאַנאָווסקים פּאַפּיראָסן־פאַבריק אין ביאַליסטאָק; פון דער אַנדערער זייט האָבן יידן־לומדים אויסגעזונגען דעם אייביקן גמרא־ניגון אין דער אַלטער לבוש־שול אין גראָדנע מיט דער זעלבער זיסקייט, ווי איך האָב דאָס געהערט אין מיין אייגענעם יחיאל־נעכעס בית־מדרש אין ביאַליסטאָק.

אָבער אַ טייך האָט גראָדנע פאַרמאָגט אַ ליכטיקן, זילבער־ברייטן וואַסער־פּאַס, צווישן הויכע גאָלדזאַמדיקע ברעגעס, מיט שמעקעדיקע געדיכטע סאָסנע־וועלדער, און איבערן ניעמאַן־טייך האָבן זיך שיפלעך געגליטשט מיט צעזונגענער יוגנט; האָבן זיך אַזוי לאַנגע געהילץ־פלאָטן געצויגן, פון וועלכע אין די נעכט פלעגן געהיימניספולע פייערלעך אַרויסלייכטן און אומעטיקע רוסיש־פּוילישע לידער האָבן אָפּגעקלונגען אין די וועלדער אַרום.

אין ביאַליסטאָק האָט מען זיך נישט געשיפט, ווייל קיין טייך איז ניט געווען און געבאָדן האָט מען זיך אין סקאָרופּער סאַדזשאַווקע, וווּ די בראָדיקע וואַסערן האָבן דערמאָנט די רפואהדיקע בלאָטעס אין געבענטשטן מאַריענבאַד.

געוויס, געוויס איז גראָדנע געווען פּאַעטישער, טרוימענדער און רואיקער, ווי מיין צעיאַכמעט־פאַררויכערטע געבורטס־שטאָט ביאַליסטאָק.

איך דערמאָן זיך אַן עפּיזאָד אין פרילינג 1914 יאָר, ווען איך בין דורכגעפאָרן מיט אַ שתדלנות אין גראָדנע, דער גובערניע שטאָט, ווו דער גובערנאַטאָר האָט געוווינט און צו אים פלעגט מען פאָרן מיט אַלערליי ביטעס.

אין ווילנע האָבן דאַן געשפּילט קלאַרא יאַנג און יונגוויץ. אין גראָדנער גובערניע אָבער האָט מען צוליב עפּעס אַ קאַפּריז נישט דערלויבט שפּילן קיין יידיש טעאַטער.

האָט מיך געבעטן דער אַלטער אַדוואָקאַט טרייבוש, דער פּאָרזיצער פון ביאַליסטאָקער מפיצי־השכלה חברה: „איר פאָרט אין ווילנע, אפשר וועט איר זיך דאָרטן זען מיט די יונגוויצעס און בעטן זיי, זיי זאָלן זיך

אויסקראַצן א דערלויבעניש אויף א פּאָר פאָרשטעלונגען אין ביאַליס־טאָק. סיי זיי און סיי אונדזער חברה וועלן פון דעם גאַנץ פיין פאַרדינען.״

בין איך גלייך נאָכן אָנקומען קיין ווילנע אוועק אין זומער־גאָרטן, ווו קלאַרא יאָנג האָט דאַן געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג, און זיך גע־מעלדעט צו דעם יונגוויץ פאַרן הינטער די קוליסן.

איך קען נישט פאַרגעסן די לעקציע, וואָס די דעמאָלט יונגע און רייצנדע קלאַרא האָט מיר דאַן געגעבן: לויטן מנהג פון יענער צייט האָט א יידישער סטודענט זיך געווענדט צו א דאַמע אין אַלע שפּראַכן, וועלכע איר ווילט, נאָר נישט אין יידיש.

ווען איך האָב א פרעג געטון ביי קלאַרא יאָנג, אין רוסיש, אין וועל־כער שפּראַך איך זאָל צו איר רעדן, האָט זי א לאַך־געטון מיט אירע שעל־מישע אויגן און געענטפערט פריינטלעך:

„צו א יידישער שוישפּילערין, מיין פריינט, ווענדט מען זיך אין יידיש, דאָס איז דאָך אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך.״

די דאָזיקע לעקציע איז מיר שפּעטער צונוץ געקומען אין מיין גאַנצן לעבן.

איך האָב די יונגוויצעס דערקלערט, אַז אויך מיר אין ביאַליסטאָק וואָלטן וועלן הערן די „פּערל״ פון „דזשייקעלע בלאָפער״ און כאַפּן א ציטער, ווען קלאַרא יאָנג זינגט: „אין דער נאַכט, ווען די ליבע דער־וואַכט״... און זיי האָבן מסכים געווען, אַז עס לוינט טאַקע א פאָר טון קיין ביאַליסטאָק. אי, דער גראָדנער גובערנאַטאָר דערלויבט נישט, וועלן מיר פּרובירן דעם אַלטן מיטל: א „שמיר״־טון וועמען מען באַדאַרף, אפשר וועט דאָס העלפן.

נאָך דעם זעלבן פאַרטאָג בין איך שוין געזעסן מיט בעַזע יונגוויצן אין עקספּרעס־צוג ווילנע־גראָדנע.

צען אַזייגער אין דער פרי האָבן מיר באַזוכט דעם דירעקטאָר פון גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע, אויף וועלכן מען האָט געזאָגט, אַז ער איז א גוטער פריץ — ער נעמט...

און כּך־הוה, דער בייכיקער פריץ, מיט דער ברייט־צעקעמטער באָרד האָט אַלץ צוגעזאָגט: „געוויס, געוויס וועט ער געבן א דערלויבעניש אויף א פּאָר פאָרשטעלונגען. אָט מאָרגן וועט דאָס געשען...״

און בועז יונגוויץ האָט ארויסגענומען פון טאַש צוויי נייענקע קנאַ־קנדיקע פינף און צוואַנציקער, און דאָס אריינגעשטעקט אין האַנט פון פריץ מיט די גאָלדענע, אַדלערדיקע קנעפּ. יענער האָט באַדאַנקט מיט יענעם שמייכל פון אַ דאָקטאָר (אַן אמאָליקן), וועלכער שעמט זיך אביסל צו באַקומען האָנאָראַר פאַר זיין הייליקער מיסיע.

מיר זענען אוועקגעפאָרן, אָבער דער גוי האָט אָפּגענאַרט און אונדזער מי און געלט זענען ווי אין וואַסער אריין.

* * *

נאָכהער געדענק איך אַ גראָדנע שוין פון די לעצטע יאָרן, ווען ליפּשיץ איז געווען דער דירעקטאָר פון סוחרים־באַנק און פיין, דער פירער פון האַנטווערקער־קאָאָפּעראַטיוו. ווען דער יונגער בחור משה רובינשטיין איז געזעסן דאָרט ביי אַ טישל, געשריבן חשבונות און אריינגעקוקט אין ציַיטונג „היינט". שפּעטער מיט יאָרן איז שוין דער זעלבער בחורל, דער רעדאַקטאָר פון דער מעקסיקאַנער „שטימע" און אַ צווייטן בחורל, סאַ־לאָוועיטשיק, האָב איך ערשט מיט אַ צייט צוריק באַגעגנט אויפן פלי־פּלאַץ אין סאַאָ־פּאולאָ, בראַזיל, וווּ ער איז פּאַרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אָבער די איבעריקע דרייסיק טויזנט יידן וועל איך שוין אין ערגעץ מער נישט באַגעגענען: מיין בענקשאַפט נאָך זיי וויין איך אויס אין דער שטילקייט פון שלאָפלאָזע נעכט, אין פרעמדע האָטעלן און אונטער טראָ־פּישע הימלען.

* * *

דעריבער טאַקע גיי איך צוריק צו יענעם קינדערישן שבתדיקן טיש, וועלכער האָט געפינקלט מיט ווייסקייט, וויין און זילבער, און מיט די אויגן פון מיין טאַטע־מאַמע און ליכטיקע שוועסטערלעך, און הער זיך ווידער־צו וואָס דער זיידע דערציילט ווען זיין „האָראָדנע".

„נו, ווייסט איר דען, וואָס פאַר אַ הייליקער צדיק ומקובל עס איז געווען ר' נחומקע דער שמש, וואָס מיט אים האָט געקלונגען גאַנץ ליטע און פוילן. ער שטייט נאָך איצט אַזוי לעבעדיק פאַר מיינע אויגן, אַ מיטל־געוויקסיקער, מיט אַ קורצער זילבער־ווייסער באָרד, אַ דאַרער, מיט אַ

קרענקלעך־געלן פּנים... ער איז געוואָרן שמש אין לבושם שול, ווייל ער האָט נישט געוואָלט לעבן פון רבנות... ער האָט באַדינט די לערנער אין שול, דערלאַנגט זיי גמרות, צעטראָגן די שאלות־ותשובות פון איין רב צום צווייטן און אויך אַריינגעפּלאָכטן אין זיי זיין אייגענע גוואַלדיקע לומדות.

„אָבער ר׳ נחום איז מערסטנטיילס געווען באַרימט אַלס גוטער מלאך פון די אָרימע: ער איז שטענדיק געלאָפן זאַמלען נדבות פאַר באַלעבאַטים־יורדים, פאַר אָרימע כלות, אפילו פאַר גויים, וועלכע זענען געווען אין אַ צרה.

ער איז אויסגעשטאַנען כלערליי בזיונות פון גבירים מיט שטיינער־נע הערצער, אָבער דאָס האָט אים נישט אָפּגעשטעלט אין אַרומלויפן פון הויז צו הויז און באַקומען דאָס זייניקע פאַר די אָרימע. און געטראָפן האָט אַמאָל, אַז ער האָט שטאַרק געקלאַפּט אין טיר פון אַ גראָדנער אַד־וואָקאַט פר., אַ ייד אַ מומר להכעיס, וועלכער האָט פיינט געהאַט אַלץ, וואָס שמעקט מיט יידישקייט. ווען יענער אַ דערצאָרנטער האָט געעפנט די טיר און האָט דערזען ר׳ נחומקען מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט, האָט ער אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. ר׳ נחומקע האָט אָבער רואיק אָפּ־געווישט זיין באַק און אַ זאָג געטון: „נו, גוט, דאָס איז אַ מתנה פאַר מיר, אָבער וואָס וועט זיין מיט די מתנות פאַר מיינע אָרימע יידן?...” דער אַדוואָקאַט פר. האָט אים גענומען פאַרן קאַרק און אַרויסגעוואָרפן. אָבער ווען מיט אַ יאָר שפּעטער האָט מען פר. אַרעסטירט אַלס מיטשולדיקן אין פעלשן וועקסלען, און זיין פאַמיליע האָט קיין ברויט נישט געהאַט, איז ר׳ נחום געווען דער, וואָס האָט זיי שטילערהייט געבראַכט וועכנט־לעכע שטיצע און אויך געטראָגן פעקלעך מיט כשרן עסן די גאַנצע יאָרן, וואָס פר. איז געזעסן אין תפיסה... ווען ר׳ נחום איז געשטאָרבן, זענען נאָך זיין לויה נאָכגעגאַנגען טויזנטער יידן און קריסטן, און אַלע צייַ־טונגען אין גרויסן רוסלאַנד האָבן געווידמעט אַרטיקלען דעם שטילן צדיק, וואָס האָט ליב געהאַט יעדן ליידנדיקן מענטשן.”

דער זיידע מיינער ווייזט אונדז דאָס בילד פון ר׳ נחומקען אין זיין אָרימער לייוונטענער קאַפּאָטע און ריפּסענעם היטל פון אַ יידיש־ליטווישן בעל מלאכה: אַזוי פיל גוטסקייט שיינט אַרויס פון זיין ליידנדיקן געזיכט,

אַזוי ווי ער וואָלט אין זיך געטראָגן דעם גאַנצן ווייטיק פון אַ וויינענ־דיקער וועלט...

נאָכהער הערן מיר די מעשה פון דער מלחמה צווישן „עמך" אין גראָדנע און דעם שטאָט־תקיף באמע (ר' יעקב) פרומקין.

באמע איז געווען אַ באַנקיר און אַ זייער ענערגישער מנהיג, פאַר וועלכן אפילו דער „איספּראַווניק" האָט געציטערט.

דאָס האָט ער און זיין ברודער זושע געבויט דעם שאָסיי צווישן מינסק און גראָדנע. ער איז אויך געווען דער גבאי אין דער גרויסער שול דאָן, ווען דער חזן ליעדער איז געקומען אויף פּראָבע דאַווענען אַ שבת און ראש־חודש בענטשן.

נח ליעדער, כאָטש אַ סובאָטניק, האָט אָבער געשמט פאַר אַ גרויסן מנגן, און עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס שוסטערס און שניידערס האָבן אָפּגעדאַוונט שנעל דעם ערשטן מנין אין זייערע שולעכלעך, און געלאָפן הערן נחן זאָגן „ויהי רצון"...

און עס איז טאַקע געווען וואָס צו הערן: אַזאַ מתיקהדיקער דאַווענען איז דאָ געווען אַ נייעס. אָבער מעשה־שטן, האָבן זיך אַ פּאָר פון די „שער און אייזן" ארויסגעכאַפּט מיט בראַוואָ־פּאַטשן פון גרויס התפעלות.

דאָס איז געווען שוין צו־פיל פאַרן שטאָט־תקיף באמע פרומקין. זיין שטימע האָט אַ דונער געטון:

„וואָס טוט זיך דאָ? שוסטערס און שניידערס האָבן זיך אָנגעגעסן מיט רעטעך און געקומען אַ דעה זאָגן אויף נעמען אַ חזן! ניין, דער חזן איז נישט אונדזערער!"

אין שטאָט האָט זיך געטון חושך! חברה בעלי מלאכות האָבן זיך געבונטעוועט; באמע איז דעם נאָענטסטן שבת געקומען אין בית־מדרש, באַגלייט פון „אָקאָלאָדאָטשניקעס" (פּאָליציי), ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר קלעפּ, אָבער אויסגעפירט האָט ער, דער באַנקיר און גביר, ליעדער איז אין גראָדנע נישט געבליבן... „האראָדנע וועט קיין חזן נישט נעמען אויף שוסטערס מבינות" — האָט באמע דערקלערט מיט טריאומף.

יאָ! גראָדנע האָט געהאַט מענטשן מיט שטאַרקע כאַראַקטערן: ווען באַצקל ראַטנער, דער גביר, וואָס איז געווען אַביסל „געכאַפּט אין דער מעשה", האָט זיך פאַרנומען בויען אַ כאָר־שול און מען האָט שוין געגראָבן

דעם פונדאַמענט, איז געקומען צו לויפן ר׳ לייב זלמן, דער לומדישער באַלעבאָס, ביי וועלכן רבנים האָבן שאלות געפרעגט, און מיט אַ גמרא אין דער האַנט האָט ער אויסגעשריען צום פאַרזאַמלטן עולם: „איך וועל פאַר אייך אין די אויגן פאַרברענען אביין און רבאָן, אויב איר וועט ווייטער גראָבן דעם פונדאַמענט פאַר אַ זינדיקער שול״. און מען האָט טאַקע נישט געגראָבן: גראָדנע האָט שוין קיינמאָל קיין כאָר־שול נישט געהאַט...

און דעם גרויסן דאָקטאָר זאַמקאָוו, געדענקט איר? מען האָט אים גערופן דער „מלאך רפאל״, און אויב זאַמקאָוו האָט נישט געקענט געפינען קיין רפואה, איז שוין דער חולה געווען אַ פאַרמשפּטער... און כאָטש זאַמקאָוו איז געווען רייך און אָנגעזען ביי יידן און קריסטן, האָט דאָס אים נישט געשטערט אין אַ געוויסן ערב פּסח שיקן זיין יידישע דינסט צום דיין רב אברהם פרעגן אַ שאלה:

„צי מעג מען עסן פּסח הערינג?...״

געווען איז עס אויך אויף „יהדיקע״, אין די גאַסן, וווּ די אָרימקייט האָט געוווינט, אַ ייד אַ שוסטער מיט אַ רויטער באָרד און פעסטן הילוך, אַלע האָבן אים געקענט, צדוק דעם שוסטער. ער האָט זיך געשטעלט אַלס זיין לעבנס־ציל, אַז די יידישע סאָלדאַטן פון דער רוסישער דיוויזיע זאָלן עסן כשר. האָט ער איינגעפירט דעם כשר־קעסל און זיך פּשוט מוסר־נפש געווען, זאַמלענדיק די גראָשנס און די קאָפּיקעס, כדי אַ יידישער זעלנער זאָל חלילה קיין טריפה נישט עסן. און כאָטש צדוק איז געווען אַ פּשוטער שוסטער, האָט אים די גאַנצע שטאָט אָפּגעגעבן כבוד, ווי אַ תלמיד־חכם: „עפּעס אַ שפּאַס, אַן אָרימער שוסטער פאַרלאָזט זיין וואַרשטאַט און שמייעט אַרום מיט אַן אַרויסגעשטרעקטער האַנט, כדי יידישקייט זאָל נישט ליידן...״

און אין דער געגנט פּאָדאָל, אין די גאַסן, וווּ די רייכע באַלעבאַטים האָבן געוווינט, איז אויך געווען די באַרימטע פאַבריק פון פּסחדיקן ספּירט, וועלכע האָט געהערט צו ר׳ האַצקל יאפע (דער פאָטער פון ליבן דיכטער לייב יאפע, דער שפּעטערדיקער קרן־היסוד־דירעקטאָר אין ירושלים).

יפהס בראָנפן און שערשעווסקים פּאַפּיראָסן האָבן באַרימט געמאַכט גראָדנע אין דער וועלט.

ביי ר׳ חאַצקל יפהן האָט געאַרבעט אַלס וואַסער־טרעגער איינער לאַנדע, אַ ייד אַ לץ. איז איינמאָל אין אַן ערב־שבת, ווען ר׳ חאצקל האָט געשלאָסן זיין פאַבריק און מיט אַלע אַרבעטער זיך געקליבן גיין און פאָר־באַרייטן זיך צום שבת, איז זיי אַרויס אַנטקעגן דער וואַסער־טרעגער לאַנדע און אויפן קול געשטעלט ר׳ חאצקלען פאָלגנדע קשיא:

„וואָס איז די מעשה, פאַניע יפה, ווען מיינע עמערס וואַסער גייען אַריין צו אייך אין „פּאָדוואַל״, ווערט פון זיי בראָנפן, און אַז איר גיט מיר יעדן ערב־שבת אַ קוואָרט בראָנפן, האָט עס דעם טעם פון וואַסער?״

ר׳ חאצקל איז אַרויס פון דער קיצלדיקער לאַגע, פאַראָרדנענדיק, אַז מהיום והלאה זאָל לאַנדע דער וואַסער־טרעגער באַקומען יעדן ערב־שבת צ וו יי קוואָרט בראָנפן. אפשר וועט דאָס שטילן זיין דורשט און איינ־שטילן זיין בייזע צונג...

* * *

און אַזוי שיילן זיך אויס פון די גרויע יאָרהונדערטער ליכטיקע גע־שטאַלטן פון יום־טובדיקע יידן, וועלכע האָבן באַשיינט אונדזער שבתדיקן טיש אין דער אַלטער היים. אויסגעלאָשן זענען שוין די ליכט, פאַרטויבט די זיסע זמירות, אָבער בולט זענען אויסגעטאָקט אין מיין זכרון די ריזן פון עבר.

שטיי איך אין אַ זומערדיקן שבת בייטאָג אויף אַ הויכן זאַמדיקן ברעג פון ניעמאַן, דאָרטן וווּ שערעשעווסקים שפּיטאָל קוקט אַרויס ווי אַן איינזאַמער טורעם.

מיט מיר שטייט מיין פריינט אַדוואָקאַט יצחק גאָזשאַנסקי און זיין ברודער, דער דירעקטאָר פון דער האַנטווערקער שול.

דאָ נישט ווייט פלעגט אין איינזאַמקייט שפּאַצירן די פּוילישע שרייבערין, עליזאַ אָרזשעשקאָ, וועלכע האָט פאַראייביקט גראָדנער יידן אין אירע ווערק: „דאַי קוויאַטעק״ (גיב אַ בלום), געווידמעט דעם צדיק ר׳ נחומקען, וועלכן זי האָט געקענט און פאַרערט און „גדליה יוזעפאָ־וויטש״, וואָס איז געווען פּאָפּולער ווייט איבער די גרענעצן פון רוסלאַנד; אירע לירישע בילדער פון גראָדנע, דער שטאָט ביים שטילן ניעמאַן, האָבן גערירט מיט זייער ראָמאַנטישקייט.

אָבער אַז זי איז געשטאָרבן, זענען נאָר ייִדישע אינטעליגענטן נאָכגעגאַנגען נאָך איר לויה: די פאַרביסענע אָרטיקע פּוילישע „יוכעס״ האָבן איר נישט געקענט מוחל זיין איר ליבע צום פּשוטן, אָרימען ייד.

און אָט גייט פאַרביי „פלושקענדיק״ מיטן ראָד דער קליינער דאַמפּ־פער „רוסאַלקאַ״. דאָס פירט ער פּאַסאַזשירן קיין דרוזגעניק, שלעפּנדיק זיך מיט דער „שנעלקייט״ פון אַ מייל אַ שעה...

אויפן „פּאַראַכאָד״ געפינט זיך אַ גרויסער אויפשריפט: „אייגנטום פון די ברידער אשכנזי״.

דאָס זענען דאָך די קינדער פון באַרימטן גראָדנער גביר און מופלג ר׳ בנימין אשכנזי, אויף וועלכן דער מינסקער גדול ר׳ לייזער ירוחם האָט אַזוי געוויינט ביים הספד, אויסרופנדיק צום סוף: „בנימין, בנימין! ידיד השם ישכן לבטח!״ (גאַנץ פריינט זאָל רוען אין זיכערקייט). אָבער די קינדער און די אייניקלעך זענען וייט, וייט אַוועק פון גאַונישן טאַטן...

נאָכהער גייען מיר צום ברעג, וווּ עס עפנט זיך די מאַלערישע פּאַנאָ־ראַמע פון הויכן באַרג אויפן זילבערנעם טייך און די קליינינקע הייזלעך פון פאָרשטאָט, ארייַנגעטוליעט צווישן גרינע סעדער.

דאָ איז ערגעץ וווּ — לויט דער מסורה אין אונדזער פאַמיליע — געשטאַנען דאָס הויז פון מיין עלטער־זיידן ר׳ חיים־חייקל ליפשיץ. זיין זון אליהו, מיין זיידנס ייִנגערער ברודער, שפּעטער אַ באַקאַנטער שרייַ־בער און משכיל פון ליבוי און ריגע, פלעגט וועגן זיין הויז זאָגן מיט שפּאַס: „כי כל ביתי נאמן הוא״, אַז מיין גאַנץ הויז איז אַ שטיק ניעמאַן. דער שיינער שפּיל פון ווערטער מיטן פּסוק פון פּרשה בהעלותך איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר מיין שאַרף־צונגיקן עלטער־פעטער, וועלכער האָט זיך געקריגט מיט אַ וועלט מענטשן אויף די עמודים פון „המליץ״.

* * *

און אַדיע, מיין ליבע, שטילע, באַשיידענע גראָדנע, אַזוי שפּילעוודיק צעוואָרפן אַרום דעם ליטווישן טייך, אַזוי בלוטיק־אייגן איינגעוועבט אין די זייטן פון אונדזער טויזנט־יאָריקן קאַפּיטל געשיכטע ליטע־פּוילן.

XXIV

אַ גענעראַלשע לאָזט אַ ירושה דעם רב.

דרוזגעניק... דער אָפּרו־פּלאַץ פון אונדזערע באָבעס און מאַמעס ביי די שטילע ברעגן פון טייך ניעמאַן. איך ווייס נישט, וואָס איך וואָלט געגעבן, ווען איך קען זיכער זיין, אַז דאָרט ווייט עקזיסטירט נאָך אַ יידישער ישוב, אַז אין אָנהייב זומער וועלן זיך דאָרט ווידער צונויפפאָרן פון אַלע עקן ליטע, פּוילן און רוסלאַנד יידן און יידענעס פון אַלע שטאַנדן, איינע כדי צו היילן זייערע קראַנקהייטן און מיחושן, נאָך אַנדערע, כדי גלאַט אַזוי אַן אָטעם טון מיטן אומפאַרגלייכלעכן סאָסנע־וואַלד און אָפּרייניקן דעם שטאָטישן שטויב פון די פאַרמאַטערטע לונגען.

איך ווייס אָבער, אַז עס זענען נישטאָ קיין יידן אין דרוזגעניק, ווי עס זענען נישטאָ מער די מאַמעס און מומעס און שוועסטערס און פעטערס פון אַלע שטעט און שטעטלעך אַרום, וועלכע פלעגן דאָס צוזאַמענשטעלן דעם טומלדיקן פיל טויזנט קעפיקן עולם, וואָס האָט אָנגעפילט זינט קנאַפּע הונדערט יאָר די הילצערנע „דאַטשעס" פון ליטווישן קוראָרט.

פאַר אונדזערע באָבעס און מאַמעס איז דרוזגעניק געווען אַלץ, אַלץ אין דער וועלט: זיי פלעגן גלויבן אין די וווּנדערלעכע אייגנשאַפטן פון די הייל־וואַסערן, אין וועלכע מען האָט זיך געבאָדן און אויך געטרונקען אין דעם, אַז דער טיפער וואַלד און מאַלערישער טייך ניעמאַן זענען אַ סגולה צו מרה־שחורה און נערוון קראַנקהייטן און איבערהויפּט, אַז נאָך אַ „סעזאָן" אין דרוזגעניק האָט מען אַ „גוטן ווינטער" און עס קרעכצט זיך ווייניקער.

ד״ר ח. שאַשקעס

אין דרוזגעניק פלעגן געשלאָסן ווערן שידוכים דורך וועלט־שדכנים, וועלכע האָבן געלויערט אויף די יונגע כלה־מיידלעך פון ווילנע, גראָדנע, ביאַליסטאָק, אָדער גאָר פון „טיף ראָססעי״ און צונויפגעפּאָרט זיי מיט די סטודענטן און גלאַט באַלעבאַטישע בחורים אין גאָלדענע ברילן און מיט שטאַרק אָנגעפּאָמאָדעוועטע וואָנצעס, ווי די מאָדע איז געווען אין די יאָרן פון מיין פריסטער קינדהייט, ווען מען פלעגט מיך ברענגען יאָר־איין, יאָר־אויס אין ליבן, אומפאַרגעסלעכן דרוזגעניק.

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס מען האָט מיך אָפּגענומען פון חדר אויף גאַנצע זעקס וואָכן און אַמאָל נאָך מער, איז גענוג געווען, אַז דער אָטעם זאָל זיך פון שמחה אין מיין ברוסט אָפּשטעלן: אַ שפּאַס, זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פרייער זומער־פייגעלע, פאָרן מיטן באַן און נאָכהער מיטן פור, לויפן און שווימען, זינגען און שפּרינגען, נישט זייענדיק אויס־געשטעלט אויף פעטש פון טאַטן און רבין... העכסטנס, באַקומט מען אַמאָל אַ קניפּ פון דער מאַמען אָדער באָבען, אָבער ווער רעכנט זיך מיט אַזעלכע קלייניקייטן?

שוין גאַנץ פאַרטאָג שלעפּט מען די קערב און די פּעק בעטגעוואַנט אויפן „איזוואָזטשיק״, וואָס וואַרט ביים טויער; נאָכהער זעצט מען מיך מיט די שוועסטערלעך אַרויף אויף די פּעקלעך; נאָכהער קוק איך אַרום מיט אַ נערוועזן ציטער דורכן פענסטערל פון וואַגאָן און עס לויפן פאַרביי וועלדער און פעלדער און טייכן מיט בריקן; אָט איז סאָקאָלקע, קוזניצע, און גראָדנע; אומעטום שפּאַרן זיך אַריין אין דריטן קלאַס נייע פּאַסאַ־זשירן, מיט וועלכע מיין ענערגישע באָבע מאַשע צעשמועסט זיך גלייך און געפינט אויס ווייטע קרובהשאַפט דורך פאַרשידענע קאַנאַלן. און אָט פאַרהאַלט זיך דער צוג אויף דער סטאַנציע „פּאָריעטשע״, פון וואַנען עס פירט דער שליאַך קיין דרוזגעניק.

דאָ שטייגן מיר אַלע אַרויס מיט גרויס טומל און געשרייען: מען האָט אַלץ מורא, טאָמער איז אין וואַגאָן געבליבן אַ פּעקל אָדער גאָר אַ קינד, חלילה.

אין פּאָריעטשע, אַ קליין אָרים שטעטעלע, וואָס לעבט פון די דורכ־פאָרנדיקע געסט, כאַפּן מיר איבער דאָס האַרץ ביים רב אין שטוב: מיין באָבע זאָגט, ער איז אונדזערער אַ ווייטער קרוב, איך געדענק אים

ווי דורכן חלום: אַ שווארצער יונגערמאַנטשיק, אַנגעטון אין אַ ציצענעם כאַלאַט מיט בלומען, זיין ווייב מיט אַ בלאַס־געל פּנים אין אַ גרויס שייטל און אַ מאַסע קינדערלעך, וואָס וואַלגערן זיך אויף די טרעפּלעך ביים אַריינגאַנג און אויף דער פּאַדלאָגע אין שטוב. דער רב האַנדלט אויך צו מיט מאַנופאַקטור און גאַלאַנטערעי; אָבער די באָבע מיינע זאָגט, אַז דאָס ביסל סחורה אויף די פּאָליצעס באַשטייט פון בראַקירטע רעשטלעך און אַז שוין צוזאַמען מיט די הייוון, אויף וועלכע דער רב באַזיצט דעם אויסשליסלעכן „מאָנאָפּאָל״ אין שטעטל, שטאַרבט ער מיט זיין פאַמיליע דריי מאָל אַ טאָג פון הונגער.

עס איז מיר געווען אַ וויטיק צו הערן עפּעס אַזוינס וועגן אַ רב און איך בין דעריבער זייער צופרידן געווען, ווען מיין באָבע מאַשע האָט אַרויסגענומען פון איר „רייזע־טאַש״, וועלכן זי פלעגט אָנטון בעת אונדזערע זומערדיקע „עקספּעדיציעס״ קיין דרוזגעניק, אַ בלויאינקן פינף־רובלדיקן פּאַפּירל און געבן דאָס דער בלאַס־געלער רביצין פאַר די קליינע פישלעך מיט דער אַלטער שבתדיקער חלה, וואָס מיר האָבן דאָ געגעסן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מער, ווי עס קומט פאַר אַזאַ באַשיידענעם צובייסעכץ.

די באָבע זאָגט, אַז מיט פינף רובל לעבט מען דאָ מער ווי אַ וואָך און מען מאַכט נאָך אַ שיינעם שבת דערצו.

נאָכהער דינגען מיר אַ „באַידל״, מיט וועלכן מען וועט זיך שלעפּן די פופצן מייל זאַמדיקן וועג, וועלכער ציט זיך פון פּאָריעטשיע ביז דרוזגעניק.

שפּעטער מיט יאָרן פלעגט מען שוין פאָרן מיט אַ שאָסיי און מיט אויטאָמאָבילן און עס האָט געדויערט בליץ־שנעל, אָבער אין מיין קינדהייט האָט דער וועג געדויערט אַרום זעקס שעה דורך טיפע זאַמדן און בלאָטעס און דורך געדיכטע סאָסנאָווע וועלדער, אין וועלכע שטילקייט האָט געזונגען מיט קוים דערהערטע קלאַנגען...

מיין פאַנטאַזיע האָט אין דער טונקעלער טיפקייט פון די וועלדער געזען חיות און גזלנים, אָבער די איינציקע פאַרשוינען, וועלכע פלעגן מיך דערשרעקן אויפן וועג, זענען געווען „יידישע גזלנים״, אָרימע לייט נעבעך, וועלכע האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן בעל־עגלה־געלט,

און דעריבער זיך געשלעפּט קיין דראָזגעניק צו־פוס, אויסשטרעקנדיק די האַנט נאָך אַ נדבה...

דאָסביידל אָן „רעסאָרן", געצויגן דורך אַ דאַר „יידיש" פערד, האָט אונדז אויסגעטרייסלט די ביינער און מיר זענען דעריבער גליקלעך געווען אָנצוקומען אין שטעטעלע ראַטניצע, וווּ מען שטייגט אַרויס און מען בייסט עפּעס איבער אין קרעטשמע.

איך ווייס, אַז דאָס האַרץ ביי מיין פריינט בערעביטשעז, דעם פּרעזי־דענט פון מעקסיקאַנער יידישער קהילה, וועט אַזש זיך אַ צאַפּל טון, ווען ער וועט איבערלייענען דעם נאָמען פון זיין פּיטשינקע שטעטעלע ראַט־ניצע, אָבער איך מוז אים זאָגן, אַז ביי מיר אין זכרון איז עס געבליבן ווי אַ הויפן אָנגעוואָרפענע הילצערנע הייזלעך מיט שטרויענע דעכער, אָן פאַרבן און אָן גרינס, אַזוי ענלעך צו מאַרק שאַגאַלס מאָטיוון, איבער וועלכע עס שוועבט עפּעס אַ פאַנטאַסטישע פיגור אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אומעטיקע אויגן און צעפּאַטלטער באָרד.

ווי אַזוי פון אַזעלכע שטרויענע שטעטלעך האָבן זיך אין דער גרויסער וועלט אַריין אַרויסגעריסן אַזוי פיל ענערגישע, דינאַמישע יידן, רבנים און סוחרים, שרייבער און רעוואָלוציאָנערן, בלייבט שוין אַ סוד פון יענער פאַרשווונדענער עפּאָכע פון יידישער וויטאַליטעט, וועלכע וועט אפשר אין אַן אַנדער גלגול ווידער אַמאָל אַ שפּריץ טון, ווי אַ מעכטיקער פאָנטאַן...

שוין אין גאַנצן צוויי מייל צו דראָזגעניק; אָט הויבן זיך־אָן די ערשטע „דאַטשעס" מיט געשניצטע גאַניקעס און בלוי־געפאַרבטע לאָדנס. אָט הערן מיר, ווי עס שטורמען די וואַסער־פאַלן פון געצוימטן טייך ראַטניטשאַנקע, באַהאַלטן צווישן בערג, געדיכט באַוואַקסן מיט הונדערט יאָריקע דעמבעס. דאָקטוירים פלעגן דאַן נישט דערלויבן אונטערצושטעלן די פּלייצעס אונטערן קאָכיקן שוים פון די וואַסערן מער ווי אַ מינוט צייט, אַזוי רויט איז דער קערפּער געוואָרן, ווי נאָר מען איז אַריין אין וואַסער.

נאָכהער עפנט זיך די פאַרבן־רייכע פּאַנאָראַמע אַרום שטיל־פליסנדן טייך ניעמאַן, איינגעצאַמט אין אַ ראַם פון גרינע לאָנקעס, שטעכעדיקע שאָטן־וועלדער און זאַמד־בערג מיט מאַלעריש צעשאָטענע אָרימע הייז־

לעך, וועלכע זעען אויס פון דערווייטנס ווי פאַרכשופטע פּאַלאַצן. מיין אויג, וואָס איז געוווינט געווען צו דער ענגשאַפט פון די ביאַליסטאָקער גאַסן, קען פשוט נישט פאַרטראָגן די בלענדנדיקע שיינקייט פון דער רחבותדיק־צעגאָסענער נאַטור, וועלכע אַנטדעקט זיך אַלץ מער און מער אין איר פּרעכטיקער נאַקעטקייט.

אויפן שפּיגל פון טייך גליטשן זיך אומענדלעכע פּלאָטעס מיט גע־פּלאָכטענע קלעצער, און אויף זיי שטייען באַבערדלטע גויים אין פוטערנע היטלען, כאָטש עס איז זומער אויף דער וועלט. און שטופּן די פּלאָטעס מיט לאַנגע שטעקנס פאָראויס און פאָראויס, דערביי זינגען זיי עפּעס אַזעל־כע מאָדנע אומעטיקע לידער.

עס איז שוין פאַרנאַכט, ווען מיר קומען־אָן צו אונדזער „דאַטשע", וועלכע אונדזער פאַמיליע פאַרנעמט פון יאָר־צו־יאָר. פון פּאַרק דער־טראָגן זיך די קלאַנגען פון סטרונע־אָרקעסטער, וואָס שפּילט דאָרט צוויי־מאָל אַ טאָג.

ווייסע און רויטע בלימלעך וואַקסן אין מיטן פון די נישט ברוקירטע גאַסן, דאָס איז אַזוי אומגעווענלעך פאַר מיר, אַ גרויס־שטאָ־טיקן ייִנגל, וועלכער פלעגט מקריב זיין זיין היטל, כדי אויסרייסן אַ בלימל אין גויאישן גאָרטן פון זיין היים־שטאָט...

* * *

מיר וווינען אין דער „דאַטשע" פון דער „גענעראַלשע", וועלכע האָט גראַד היינטיקןווינטער איבערגעלאָזט איר גאַנצן פאַרמעגן מיט די הייזער, מיט די גערטנער, מיט דעם טייערן מעבל און בילדער אלס ירושה צום דאָרטיקן רב רובינסאָן.

נאָך איצטער, ווען איך האָב שוין הינטער זיך אַ שטיק לעבן פול מיט שפּאַנענדיקע אומגעווענלעכע איבערלעבענישן, קען איך נאָך אַלץ קוים פאַרשטיין יענע געשעעניש מיט דער גענעראַלסקער ירושה, וועלכע איז איבערגעגאַנגען צום קליינשטעטלדיקן רב מיטן הדרת־פּנים פון אַ ייִדישן פּרינץ, וועמענס געזיכט האָט זיך פשוט געבעטן אויפן לייוונט פון אַ געניאַלן האָלענדישן מאָלער.

די ירושה, וואָס די גענעראַלשע האָט איבערגעלאָזט דעם יונגן און שיינעם רב רובינסאָן האָט דאַן אַרויסגערופן אַ סענסאַציע אין די

גערדיכט־באַוווינטע שטעט און שטעטלעך פון „תחום־המושב״ און אַזוי ווי מיר האָבן גראָד געוווינט אין יענעם „מאַיאָנטעק״, וואָס איז אַריבער צום רב, האָב איך דעם פאַקט געקענט אָבסערווירן פון דער נאָענטן.

איך געדענק די „גענעראַלשע״ אַליין, וואָס אירע הייזער האָבן פאַרנומען די צוויי גאַסן אַנטקעגן דער רוסישער צערקווע.

זי איז געווען די אַלמנה פון אַ גענעראַל, וועלכער האָט זיך אויסגע־צייכנט אין טערקישן קריג און געווען פון די מקורבים פון קייזערלעכן הויף.

נאָך זיין טויט האָט זי זיך באַזעצט אין דרוזגעניק און פאַרדונגען די רייך־מעבלירטע „דאַטשעס״ צו פאַרמעגלעכע זומער־געסט פון אַלע עקן רוסלאַנד.

פּלוצלינג איז זי פאַרשלאָפּט געוואָרן אויף אַן אומבאַוווּסטער קראַנקהייט און קיין דאָקטאָר האָט פאַר איר קיין רפואה נישט געקענט געפינען.

זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע און געוואַנדערט אָפּגעזונ־דערט, אָנגעשפּאַרט אויף איר זילבערנעם שטעקן צווישן די שאָטנס פון אַלטע טאָפּאָל־ביימער. איך פלעג זי זען אָפטמאָל אין אירע איינזאַמע שפּאַצירן מיט די קאָסמעס גרוי־ווייסע האָר, וואָס פלעגן פאַלן אויף אירע אומהיימלעך־גלאַנצנדיקע אויגן... זי האָט מיך געשראָקן, ווי עפּעס אַ מכשפה־געשטאַלט פון אַן אַנדער וועלט. איך פלעג אַנטלויפן פון איר, שעפּטשענדיק פרום: „מכשפה לא תחיה״...

אָבער איינמאָל האָבן זיך אין דער טונקל פון דער שאָטנדיקער אַלייע באַגעגנט דער שלאַנקער רעמבראַנדט־שיינער ראַטניצער רב און די אומהיימלעכע עפּעס זוכנדע מעלאַנכאָלישע פריצטע.

מען האָט געזען פון דערווייטנס, ווי זי האָט דעם רב פאַרהאַלטן, ווי זי רעדט צו אים... קיינער האָט זיך קיינמאָל נישט דערוווּסט, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן און וואָס איז איבערהויפּט ווייטער פאָרגעקומען צווישן דער גענעראַלשע און דעם רב.

אָבער עפּעס האָט זיך אָנגעצונדן אין דער קראַנקער נשמה פון דער פריצטע און זי האָט זיך לאַנגזאַם אומגעקערט צו אַ נאָרמאַלן שמייכל און לעבנס־לוסט.

אויף איר קינסטלעריש געשניצטער טעראַסע האָט מען זי געזען יעדן טאָג, שמועסנדיק מיטן רב. דער רב האָט זיך איבערגעצויגן מיט זיין פֿאַמיליע, אַן אינטעליגענטע פֿרוי און בילד־שיינע טעכטער, אין דער שכנות פֿון דער גענעראַלשעס הויף... מען האָט דערציילט לעגענדעס װעגן קידוש און הבדלה־וויין, וועלכן מען ברענגט פֿון רבס שטוב צו דער גענעראַלשע און אַז דאָס דערהאַלט זי ביי די כחות.

די שטעטלשע יידן און די אָנגעפּאַרענע זומער־געסט האָבן מיט שפּאַנונג נאָכגעפֿאָלגט דעם אויסטערלישן פֿאַל. מען האָט געשמועסט, אַז דער רב האָט די גענעראַלשע געוואונען פֿאַרן יידישן גלויבן און אַז זי זאָל זיך האָבן געשלאָגן מיט דער דעה מגייר צו זיין. מערסטנטיילס האָט מען אויפֿן גאַנצן ענין קרום געקוקט. מיין באָבע מיט אירע חברטעס און סתּם בכבודיקע יידענעס פֿלעגן אַפֿילו אויסשפּייען, ווען אין די טונקעל־זומער־דיקע פֿאַרנאַכטן פֿלעגט דער ענין קומען אויפֿן טאָג־אָרדענונג.

איינמאָל אין אַ שבתדיקן אָוונט איז די גענעראַלשע געשטאָרבן... צו איר טויטן־בעט האָט מען דעם לאַנג־האָריקן פּאָפּ אין דער זילבערנער ריאַסע מיטן שמעקנדיקן ווייררויך־בעכער נישט צוגעלאָזט. דאַקעגן האָט די שטאַרבנדע אַלטע פּריצטע נישט געוואָלט אָפּלאָזן דעם רב פֿון זיך ביז זי האָט פֿאַרמאַכט אירע אויגן...

און אַז מען האָט אין אייניקע טעג אַרום געעפֿנט די צוואה פֿון דער גענעראַלשע, האָט מען אויסגעפֿונען, אַז זי האָט איבערגעלאָזט איר גאַנצן „מאַיאָנטעק" מיט די דאַטשעס און מיטן מזומן דעם רב אַלס דעם איינ־ציקן יורש... די נאָענטע קרובים, די נאַטירלעכע יורשים, האָבן פֿאַרפֿירט אַ פּראָצעס, געשטעלט די בעסטע אַדוואָקאַטן, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן: דער רב האָט געוואונען און זיך אַריינגעצויגן אין דער גענע־ראַלסקער געביידע מיט די גלעזערנע באַלקאָנען און רייך־מעבלירטע צימערן, באַהאַנגען מיט בילדער פֿון גרויסע קונסט־מאָלער.

אַפֿילו ביי אונדז אין דער דאַטשע זענען די ווענט באַצירט געווען מיט פּראַכטפֿולע אייל־בילדער פֿון אַ גרויסן ווערט, מיט וואַנט־שפּיגלען און שוואַר־פּלושענע פּריצישע מעבל.

מיט פֿיל יאָרן שפּעטער, אויפֿן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין אין יאָר 1925, האָב איך דערזען דעם רב רובינסאָן אויף דער קאָנגרעס־

טריבונע, מען האָט אים דאָרט אַוועקגעזעצט, כדי ער זאָל צוגעבן סטיל און יידיש חן דער סצענע, אויף וועלכער עס האָבן דאַן געקעמפט ווי לייבן דר. חיים ווייצמאַן און וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי.

דער ראָטניצער רב איז דאַן געווען רב אין גראָדנע. זיינע וווּנדערלעכע שוואַרצע לאָקן זענען שוין געוואָרן ווייס ווי מילך; אַ מאָטע אַריסטאָ־קראַטישקייט האָט געלויכטן פון זיין געטאָקט פּנים, אָבער די אויגן זענען געווען די זעלבע, ווי אַמאָל אין דרוזגעניק, ווען ער האָט פאַרכישופט מיט זיי די געהיימניספולע גענעראַלשע און אַ וועלט מיט קריסטן און יידן, וואָס האָבן אים געהאָלפן מיט זייערע נדבות אויפבויען דעם מאָדערנעם שפּיטאָל פאַר אָרימע קראַנקע, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער שטאָלץ פון גאַנצן געגנט.

* * *

אין יענעם זומער פון יאָר 1905 איז אין דרוזגעניק געקומען גאָר אַ חשובער גאַסט. דער שוין דאַן באַליבטער און גרויסער שלום־עליכם. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן אונדז אין טראָפּס ווילע און אַרומ־גערינגלט פון סטודענטן מיט געשאָרענע בערדלעך, ווי די מאָדע איז דאַן געווען, פלעגט ער שפּאַצירן איבער די אַלייען פון אַלטן פּאַרק מיט זיין פרוי, די רעפּרעזענטאַטיווע און מיט קלוגשאַפט בלישטשענדע יידישע מאַטראָנע. מיר יונגוואַרג זענען אים נאָכגעלאָפן, זיך געהאַלטן נאָענט צו זיין טוכענער פּעלערינע און ווייכן ליטעראַרישן קאַפּעליוש, כדי צו הערן די וויציקע דיאַלאָגן אין רוסיש צווישן אים און זיינע פאַרערער.

איינמאָל האָט מען אָפּגעדונגען אַ גאַנצן דאַמפער, אָנגעפּאַקט אים מיט הונדערטער געסט, אַוועקגעזעצט אין מיטן שלום־עליכמען און זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבערן ניעמאַן צום באַרג אַנטקעגן, וווּ עס איז געלעגן צעוואָרפן אָן אָרים ליטוויש שטעטל באָלטאַשישקי. דאָרט, אויף דער לאָנקע, האָט געזאָלט פאָרקומען אַ פאָרלעזונג, וועלכע די פּאָליציי אין דרוזגעניק האָט פאַרווערט אָפּצוהאַלטן. מיר האָבן געקלע־טערט אויפן זאַמדיקן באַרג, זיך שפּעטער פונאַנדערגעזעצט אויפן געדיכטן גרינעם גראָז און דער אומפאַרגעסלעכער מייסטער פון יידישן הומאָר האָט אונדז געפירט צום קייכנדיקן געלעכטער, רעציטירנדיק דעם „פריזיוו״ און די יום־טובדיקע קינדער־מעשהלעך.

פון פאַרוואָרפענעם ליטווישן שטעטעלע מיט די קליינינקע שטרוי־באַדעקטע הייזלעך האָבן זיך אָנגעהויבן ארום אונדז זאַמלען יידן אין לאַסטיקע כאַלאַטלעך און חדר־יינגלעך, וועלכע האָבן געגלאָצט פאַרוווּנדערט מיט די אויגן אויפן רייך־געקליידטן עולם מיט גרויסשטעטיקע זומער־געסט, וועלכע קוקן פאַרגעטערט אויפן מאָדנעם „רעדנער" מיט די לאַנגע האָר, דיקע ברילן און ליבלעכן שמייכל איבער די אַראָפּגעלאָזענע וואָנצעס; איך האָב געהערט, ווי איין יינגל רופט זיך אָן צום צווייטן: „זע נאָר, זע נאָר, חאצקל, ווער קען דאָס זיין? מסתם אַ יידישער קיסר?"

העכער האָט שוין זיין פאַנטאַזיע נישט געקענט דערגרייכן; אָבער ווי גערעכט איז ער געווען: דעם קעניג פון קלאַסישן יידישן הומאָר האָבן מיר אין יענעם ליכטיקן זומער־טאָג געהערט אויף דער לאַנקע נעבן פאַרגעסענעם ליטווישן שטעטל באַלטאַשישקי...

* * *

אויך אין דרוזגעניק האָט זיך אַריינגעכאַפּט דאָס רעוואָלוציאָנערע פייער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דאַן טראָגן איבער גאַנץ רוסלאַנד. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס נאָך אין די זומערן פריער, ווען דער ווילנער פעדלער, וואָס האָט פאַרקויפט געשניצטע הילצערנע טינטערס און ליאַל־קעס מיט אַן אויפשריפט „אַן אָנדענק פון דרוזגעניק", פלעגט קומען אין די קיכן צו אונדזערע יידישע דינסט־מיידלעך און זינגען מיט זיי עפּעס מאָדנע לידער.

איך געדענק זיין הייזעריקע שטימע, ווען ער פלעגט נעמען די הויכע טענער פון:

„גלינג־גלאַנג, גלינג־גלאַנג,
קלינגט דער האַמער מיט זיין געזאַנג."

איך האָב ליב געהאַט הערן זיינע מעשיות וועגן יידישע אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן צעבראָכן זייערע קייטן אויפן וועג „קיין סיביר"; וועגן אַן אָרימען יידישן אַרבעטער, איינעם הירש לעקערט, וואָס האָט געשאָסן אויפן באַראָן, דעם ווילנער גובערנאַטאָר, דערפאַר וואָס יענער האָט געשמיסן אַ ייד...

די דינסט־מיידלעך, טעכטער פון אָרימע יידישע היימען אין קליינע שטעטלעך, וואָלטן די נשמה אוועקגעגעבן פאַרן פעדלער, וועלכער זינגט אַזוינע שיינע לידער און ברענגט זיי גרוסן פון אַ ווייטער וועלט.

מען האָט אים געקאָרמעט מיט די געפילטע קאַטשקעס און מיטן געפּרעגלטן „אָולניק", וואָס מען האָט באַצייטנס אַראָפּגענומען פון דער באַלעבאָסטעס טיש.

נאָכהער האָט געטראָפן אַן אומגליק און דער פעדלער האָט אויפגע־הערט צו קומען. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער „אוריאַדניק" האָט אים אַרעסטירט און ער זיצט אין „פּייער־לעשער הויז" ביז מען וועט אים אַוועקשיקן מיטן עטאַפּ קיין גראָדנע.

אויף די וועראַנדעס האָבן גבירטעס גערעדט מיט אויפרעגונג וועגן פעדלער, וועלכן מען האָט געגעבן צו לייזן און אפילו „געשטאָפּט" מיט „פייגל־מילך" און ער האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן פאַר אַ מענטש פון „יענע", פון די „לעקטריק־לייט", וואָס זענען קעגן קיסר און דער רעגי־רונג... ווער וואָלט זיך דאָס אַזוינס געקענט פאַרשטעלן אפילו?...

אָבער די דינסט־מיידלעך זענען געלאָפן צום „פּייער־לעשער" שפּייכ־לער, ווו זייער העלד איז געזעסן און געבראַכט אים „פּולמעסלעך" מיט פיש, מיט געקעכץ און געבראָטענעם עפּל...

דאָס איז אַלץ געווען נאָך פאַרן יאָר 1905, ווען מען האָט שוין אין דרוזגעניקער פּאַרק געזען סטודענטן מיט רויטע בלימלעך אין די לאַצן און געהערט אין די אָוונטן רעוואָלוציאָנערע לידער אויף די שיפלעך, וואָס גליטשן זיך איבערן שטילן ניעמאַן.

נאָכהער איז געקומען די שריפה, בעת מען האָט געבויט ליפּשיצעס נייעם האָטעל און עס זענען פאַרברענט געוואָרן דריי יידישע אַרבעטער.

זייער לויה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דער רעגירונג און „עקספּלואַטאַטאָרן". מען האָט געזונגען די „מאַרסאַ־ליעזע" און אויסגעשריגן: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג, עס לעבע די פרייהייט, עס לעבע די קאָנסטיטוציע!"

אַ סטודענט אין אַ בלוי היטל און מיט אַ בלאָנד בערדל האָט גע־האַלטן די פייערדיקע רעדע. דער דרוזגעניקער געלער „אוריאַדניק" מיט דיביידע פּאָליציאַנטן האָבן זיך ערגעץ פאַרשטעקט. אָבער אין אַ פּאָר

טעג אַרום איז געקומען אַ זשאַנדאַר פון גראָדנע, געפונען און פאַרהאַלטן דעם בלאָנדן סטודענט און אַוועקגעפירט אים מיטן דאמפער אין דער „גובערנסקער" טורמע אַריין... מער האָבן מיר שוין דעם סטודענט נישט געזען.

* * *

עס איז געקומען יענעם זומער אויף „קוראַציע" אין דרוזגעניק דער גערער רבי מיט אַ גרויסן „הויף", שמשים, גבאים, ווייבער, שוויגערס און טעכטער. אַלע זענען זיי געווען געקליידט אין שווערן סאַמעט און זיידנס.

אין די פאַרנאַכטן, ווען די מוזיק האָט געשפּילט, פלעגן די חסידישע דאַמען שפּאַצירן, ווי פאַרביקע פּאַוועס איבער דעם פּאַרק, איינגעצויגן אין ברייטע קרינאָלינען מיט דינע טאַליעס און לאַנגע „שלעפּעס", וועל־כע האָבן אויפגעהויבן וואָלקנס מיט שטויב.

מיין באָבע און איר מתנגדישע רביצן האָבן באַטראַכט די חסידישע ווייבער מיט אַ קריטישן בליק: „זע נאָר, וואָס פאַר אַ לוקסוס זיי ציען דאָס אַרויף אויף זיך, ווי מען בלאָזט זיך דאָס, ווי די הענדיקעס!"

אביסל זענען אין דעם געווען קערנער פון קנאה: די חסידישע דאַ־מען זענען מערסטנטיילס געווען פון עפּעס אַן עקזאָטישער שיינקייט און מיט בליקן פון אונטער די צניעותדיקע ברעמען האָבן זיי געפאַנגען נישט איין ליטוויש־מתנגדישן מאַנסביל.

די מענלעכע סוויטע פון רבין פלעגט זיך אין פּאַרק נישט באַווייזן: זיי פלעגן ליגן אויסגעלייגט אין וואַלד אַרום דעם „האַמאַק", אין וועלכן עס איז געזעסן דער קליינגעוויקסיקער רבי מיט דער דאַן נאָך שוואַרצער באָרד און געזאָגט תורה, מערער מיטן ווונק און מיט די הענט, איידער מיט דער שוואַכער שטימע, וועלכע מיר האָבן קוים געהערט. די גאַנצע חסידים־גרופּע מיט זייער פירער דעם רבין איז מיר אויסגעקומען אַזוי ווייט און פרעמד. ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט ריכטן, אַז מיר פּערזענ־לעך וועט אויסקומען מיט פיל יאָרן שפּעטער, שוין אונטער די נאַציס, שפּילן אַזאַ באַדייטנדיקע ראָלע און ראַטעווען דאָס לעבן פון אַלטן און גרויסן רבין, אָבער אויך וועגן דעם וועלן מיר נאָך דערציילן...

אין די אָוונטן, ווען די גרייז־גרויע טאָפּאָל־ביימער האָבן זיך גע־סודעט מיטן ווינט, פלעגט זיך דערהערן אויף דער ראַטניצקי גאַס די זיסע, קלינגענדיקע שטימע פון מענדל דעם זייגערמאַכערס זון: דאָס זאָגט ער איבער דאָס קאַפּיטל ישעיה, וואָס ער האָט היינט אין חדר געלערנט.

נאָך איצט קלינגען זיי מיר אין די אויערן די מיט פּאַטאָס פולע פּערזן פון גרויסן נביא, אַזוי ווי מענדלס חדר־ייִנגל האָט זיי אויסגעזונ־גען אין דער טונקל־סאַמעטענער נאַכט.

מען האָט זיין פרייש קול געהערט אויף אַלע באַלקאָנען. און ישעיהס ווערטער זענען אַריינגעדרונגען אומבאַוווסטזיניק אין אַלעמענס הערצער.

„אָט דאָס איז אַ טייער ייִנגל, דאָס איז אַ מתנה פון גאָט" — האָט מיין באָבע געשאָקלט מיטן קאָפּ — „נישט ווי דו, וואָס לויפסט אַרום גאַנצענע טעג און פאַרגעסט אַפילו, וואָס דו האָסט אין חדר געלערנט."

מיין באָבע האָט היינט געטראָגן אויף מיר אַ שנאה אין הארצן, ווייל איך האָב זיך אָפּגעזאָגט אין פּאַרק איבערגרייסן דעם „הוידען" זיך און זיך שטעלן דאַוונען „מנחה" אונטער אַ גראָבן אַלטן בוים.

„ער וועט זיך נאָך חלילה שמדן אויך" — האָט זי צוגעגעבן מע־לאַנכאָליש, קוקנדיק אויף מיר...

די קאַפּיטלען פון ישעיהן האָבן אַלץ טיפער געוווימערט אין דער שטילקייט פון דער דרוזגעניקער נאַכט.

איצט איז דאָרט שטיל געוואָרן: קיינער זאָגט נישט קיין קאַפּיטל נבואה, קיינער זאָגט אַפילו נישט קיין קדיש...

אוועק מיטן רויך פון די קרעמאַטאָריומס!

XXV

אַמעריקע אָדער ארץ־ישׂראל — מיט 50 יאָר צוריק

איך געפין זיך אין פּערו, שווימענדיק אין די וואָלקנס איבערן פּאַסיפישן ים. אין די אויערן קלינגען מיר נאָך אָפּ די שטימען אין דער היים פון עדוואַרדאָ פלאַטאַאו, אין סאַנטיאַגאָ, ווו מיר האָבן דעם פאָריקן אָוונט געפירט אַ דיסקוסיע, צי דאַרף מען, צי מעג מען ברענגען יידישע יתומים פון אייראָפּע — אין די פאַרמעגלעכע יידישע הייזער פון לאַטיין־אַמעריקע.

אַרום שיין־געדעקטע טישן זיצן פיינע, היימישע יידן, וועלכע זענען מיט יאָרן צוריק געקומען קיין סאַנטיאַגאָ פון אַלע טיילן פון אַמאָליקן רוסלאַנד, פוילן און ליטע און דורך שווערע קאָפּשווינדלערישע זיגזאַגן זיך אַרויפגעאַרבעט אין שאָטן פון די מיט שניי־באַדעקטע קאָרדיליערן.

כּמעט קיינער פון זיי קאָן זיך נישט באַקלאָגן אויף די פעטקייטן פון לאַנד, זענען זיי אַלע מיט דער מיינונג, אַז דאָס ביסל געבליבענע יידישע יתומים וועלן זייער תּיקון באַקומען נישט אין שפּאַניש־אינדישע לענדער צווישן די טייכן אַמאַזאָנע, לאַ פּלאַטאַ און ריאָ גראַנדע, נאָר דווקא אין „לענדעלע” צווישן ירקון און ירדן אין ארץ־ישׂראל.

אויבנאָן זיצט ברוך צוקערמאַן. איך האָב זיך מיט אים דאָ גאַנץ צופעליק געטראָפן: איך, פאָרנדיק פון אַרגענטינע; ער, קומענדיק פון דער אַנדערער זייט, פון קאָלאָמביע. ביידע האָבן מיר געלאַנדעט ביים גאַסטפריינטלכן טיש פון דער ליבע אַדעלאַ פלאַטאַאו.

אַז אין ווייטן סאַנטיאַגאָ פאַרבלאָנדזשען געסט, ווי ברוך צוקער־מאַן און איך, נעמט מען אונדז אויף יום־טובדיק, ווייל מען זיך דורך

זיי נענטער באהעפטן מיטן כלל ישראל: קומט דאָך צוקערמאַן פון ירושלים און איך פון ניו יאָרק.

אָט איז ר׳ שמואל גאָרען, דער פּרעזידענט פון דער קהלה. איך בין מיט אים געווען ביים אויסערן־מיניסטער, דעם זעלבן טאָג, בעטנדיק מען זאָל כאָטש אביסעלע עפענען דאָס לאַנד פאַר יידישע אימיגראַנטן. איך האָב אזש געשמייכלט, ווען דער יונגער, נאָך נישט דערפאַרענער מי־ניסטער האָט מיט בעטנדיקע אויגן אָנגעקוקט זיין פריינט ר׳ שמואל גאָרען, ער זאָל אים אַרויסהעלפן מיט אַ תשובה אויף מיינער אַ קיצלדי־קער פראַגע... געענטפערט האָט טאַקע קלאָר און זאכלעך, אין אַ קלאָרן שפּאַניש, ר׳ שמואל אליין.

ביי מיין רעכטער זייט זיצן מ. שאַפּיראָ מיט זיין בעסאראבער לע־בנס־באַגלייטערין; ער איז אַ לאַנדסמאַן פון סאָקאָלקאַ, נעבן ביאַליסטאָק, אַ פּראָדוקט פון אַ גוטער תרבות־שולע. מיט אונדזער פּלאַטאַאו באַמיט ער זיך צו שטעלן אויף דער געהעריקער הויך דאָס יידישע שול־וועזן אין טשילע.

עס זיצט דאָ דובינאָווסקי, דער רעדאַקטאָר פון „יידישן וואָרט״, מיט זיין אשת־חיל, און ירוחם ראַפּאַלאָווסקי, דער לעצטער, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון פאַר־מלחמהדיקן ביאַליסטאָק מיט זיין פאַ־מיליע. די פרוי ראַפּאַלאָווסקי האָט זיך פאַרעקשנט צו האַלטן אירע רעדעס דווקא אין ליטוויש־קלינגענדיקן יידיש, טראָץ דער שפּאַנישער אסי־מילאַציע אַרום... פון דער לינקער זייט זינגט מיט טאַלאַנט אַ חסידיש ליד די וויצע־פּרעזידענטין, אלישבע ראַבינאָוויטש, אַ נאָענטע קרובה פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. עפּעס אַ גלגול פון אַ שאַרפן חסיד זיצט אין דער דאָזיקער אנערקענטער פרויען־פירערין, וועלכע איז דאָ מיט יאָרן צוריק געקומען פון אַלעקסאַנדראָווסקי, דאָס זיץ־אָרט פון גרויסע רביים און פייערדיקע חסידים...

ברוך צוקערמאַן הייבט אָן זינגען אַ ניי חלוציש ליד און ווען ער ענדיקט, באַמערק איך שטיל: איך נשיר את שירת ציון על אדמת נכר? (פאַרוואָס זינגען מיר ציונס לידער אויף פרעמדער ערד?) — ווייל נישט קוקנדיק אויף דער ווארעמקייט דאָ אין שטוב און אנדערע שטיבער,

איז אינדרויסן דאָך קאַלט און פרעמד, און אין אַ דור אָרום, איז דער עתיד דאָ צוגעחתמעט...

ווערט ווידער אומעטיק... קומט מען נאָכאַמאָל צום באַשלוס, אַז כאָטש די רעגירונג האָט אונדז דערלויבט צו ברענגען פופציק געטאָ־יתומים — דאַרף מען זיי דאָך פאַרקירעווען קיין ארץ־ישׂראל; דערמאָן איך בײַ דער געלעגנהייט די פאַרזאַמלטע ווידער די ערשטע דיסקוסיעס אויף דער זעלבער טעמע מיט 40־50 יאָר צוריק, ווי איך געדענק זיי אין מײַן פריסטער קינדהייט; טראָג איך זיך אַריבער מיט די געדאַנקען אין דעמאָלדיקן ביאַליסטאָק...

* * *

...פון גאַניאָנדזשקעס מויער אויף גומיענער גאַס, וווּ מײַנע עלטערן האָבן יאָרן־לאַנג געוווינט, לויף איך אַרויס אַקעגנאַיבער, וווּ אינדיצקי האָט זײַן בוכהאַנדלונג. איך לייען דאָרט פֿינף־קאָפּיקע ביכלעך „כל אגודות ישׂראל": דערנאָך שלינג איך מאַפּון, דערנאָך נאָך איך סמאָלענסקין, דערנאָך כאַפּ איך פּעטש פון מײַן מלמד ישׂראל סעלצער, וואָס האָט בײַ מיר געפונען טריפהנע ביכלעך...

יעדן טאָג כמעט פלעגט צו אינדיצקין אין בוכהאַנדלונג קומען אַן אַלטיטשקער ווייס־באַבערדלטער ייד, וועלכער איז געווען אינגאַנצן בלינד, געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן און געפירט געוואָרן בײַ דער האַנט דורך אַ יינגעלע.

אַלע האָבן געמאַכט אַ וואָרע פאַר דעם בלינדן אַלטיטשקן, ווי נאָר ער פלעגט זיך דערנענטערן אויפן ענגן טראָטואַר. אַפילו די טרעגער, וואָס האָבן דאָרטן זייער שטיי־פּלאַץ געהאַט, פלעגן זיך אויפהערן צו זידלען צווישן זיך, ווען דער בלינדער אַלטער האָט זיך באַוויזן נעבן אינדיצקיס קראָם. אויך זיי האָבן געוווּסט, ווי איך, אַז דאָס גייט אברהם בער גאָטלאָבער, אַ גרויסער שרײַבער, וועלכער איז נישט לאַנג בלינד געוואָרן. אין דעמאָלדיקן ביאַליסטאָק זענען זיי געווען דרײַ מיט באַרימטע וועלט־נעמען: ר' שמואל מאָהילאָווער, ר' אברהם בער גאָטלאָבער און דר. יוסף כאַזאַנאָוויטש.

אַ גרויסע דיסקוסיע איז דאָן אָנגעגאַנגען אין דער גאַנצער יידישער וועלט: אַמעריקע אָדער ארץ ישׂראל? די דיסקוסיע האָט אָפּגעהילכט אין

יעדער שטוב, אין יעדן בית־מדרש, אין די סודותדיקע פאַרנאַכטן צווישן מנחה און מעריב.

אָבער די אָרעמע גאַסן, די כאַנאַיקעס און פּיאַסקעס, האָבן זיך ווייניק אינטערעסירט מיטן ויכוח — דאָרט איז געווען ענג, דאָרט איז מען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער — האָט מען זיך געלאָזן אין וויטן „גאָלדענעם לאַנד״, נאָך ברויט און פרייהייט.

זיי האָבן נישט געהערט, ווי מיין פאָטער, זכרונו לברכה, און מיט אים פיל, פיל משכילים און זיידענע יונגעמאַנטשיקעס האָבן דעקלאַמירט אברהם בער גאָטלאָבערס שיר „ציונה״:

„ציונה, ציונה, קדמה מזרחה!
שם ישראל גפן אשרך פרחה,
הארץ החדשה ארץ מבורכת —
אולם לא לך עמי שמה ללכת...
גר יקרך כל אזרח בארץ,
ומי יודע אם לא יביאך שם קץ...״

אין מיין, געווים שוואַכער איבערזעצונג, וואָלט זיך דאָס געלייענט:

„צום מזרח, צום מזרח, פאָרווערטס צו ציון!
נאָר דאָרט וועט ישראל ווי א וויינגאָרטן בליען.
אָבער לענדער, די נייע כאָטש רייצנד און שיין,
דאָרט דאַרפסטו, מיין פאָלק זיך אָפּהיטן גיין;
ווייל א גר וועסטו בלייבן, א פרעמדער ביי יענעם —
און אפשר — ווער ווייס — שפּרינגסטו ווידער אין גיהנום?״...

איך הערט אין דעם ליד דעם אָפּקלאַנג פון דער דיסקוסיע, וואָס האָט זיך געפירט מיט פופציק יאָר צוריק צווישן ר׳ שמואל מאָהילאָווערס הויז, ווו יונגע בחורים מיט צעפּאַטלטע האָר און אין רוסיש־אויסגענייטע בלוזעס, האָבן געזונגען די „מאַרסאַליעזע״ און געשריען „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!״ דער פירער צווישן זיי איז געווען דער פאַרחלומטער, שטענדיק אָנגעבלאָזענער, שטרענג־פאַרשלאָסענער מאירקע

וואָלאך — וועלכער וועט אין דער געשיכטע אַריבערגיין אלס מאַקסים ליטווינאָוו...

ווען אַברהם בער גאָטלאָבער איז געוואָרן אַלט און בלינד, האָט ער נישט געהאַט פונוואַנען אַ טאָג איבערצוקומען. פלעגט ער זיך שלעפּן איבער גבירישע הײַזער מיט זײַנע חיבורים און, פאַרשטייט זיך, פיל בזיונות אויסגעשטאַנען, איידער מען האָט בײַ אים עפּעס געקויפט.

איינמאָל האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דער מיליטערישער דאָקטאָר פון „קאַזאַנסקען" פּאָלק איז אַ געשמדטער ייִד, וואָס לייענט גאַנץ געשמאַק העברעאיש. האָט ער איבערגעשטאַרקט זײַן נאַטירלעכן ווידערווילן און אַוועק צו אים מיט אַ בינטל ביכער.

דער משומד האָט דעם אַלטן אויפגענומען מיט גרויס כבוד און געקויפט בײַ אים אַזש צוועלף חיבורים.

ווען דער בוכהענדלער אינדיצקי האָט זיך דערוווּסט פון דער מעשה און פאַרגעוואָרפן גאָטלאָבערן, פאַרוואָס ער איז געגאַנגען צו אַ משומד — האָט דער פאַרביטערטער אַלטער געענטפערט:

— מי יתן והיה כל עם ד' משומדים! (הלואי וואָלטן אַלע ייִדן געווען משומדים!) נישט איין גביר האָט אין זעלבן יאָר (1899) אויף דער לויה פון בלינדן משורר — זיך געשטיקט מיטן פּייל, וואָס עס האָט קענען זיי געצילט דער פאַרלאָזענער ביאַליסטאָקער דיכטער.

מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער איז געקומען קיין ביאַליסטאָק דער „חפץ חיים". מיר, חדר־ייִנגלעך, האָבן געננוי נישט געוווּסט פונוואַנען שטאַמט זײַן גרויסקייט, אָבער לויט דעם יראת־הכבוד, ווי מען האָט גערעדט וועגן דעם „חפץ חיים" אין אונדזערע היימען — האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז ער איז עפּעס אַ חד־בדורו (אַן איינציקער אין זײַן דור).

ער איז נאָך גרעסער ווי דער „חיי אָדם" — האָט מײַן באָבע פּראָבירט אָפּשאַצן.

איך האָב געהאַט דאָס גליק צו פאָרן אויף איין „איזוואָשטשיק" מיטן „חפץ חיים", ווען די שיינע באַלעבאַטים און גרויסע לומדים פון שטאָט האָבן אים באַגלייט צום וואָקזאַל.

מיך האָט מען אַרײַנגעקוועטשט צווישן די פעסטע קני פון מײַן פעטער ר' יעקב, אויפן „קליין בענקעלע". אקעגן מיר איז געשטאַנען אַנ־

געשפּאַרט אויף דעם זעלבן „איזוואָשטשיק״ דער קליינינקער דאַרינקער „חפץ חיים״ — שוין דאַן אַן אַלטיטשקער, מיט אומשולדיקע אויגן פון אַ קינד.

ווען די באַגלייטער האָבן אים נישט אויפגעהערט צו בעטן, ער זאָל זיך צוזעצן, האָט ער געענטפערט, אַז ער קאָן נישט, ווייל ער פילט זיך נישט גוט...

שפּעטער אָבער האָט מיין פאָטער אַנטדעקט דעם סוד: דער „חפץ חיים״ האָט זיך נישט געוואָלט זעצן אויפן טוך צוליבן חשד פון שעטנז. ער האָט דאָס אָבער נישט געוואָלט זאָגן די אַנדערע לומדים, כדי זיי נישט מבייש צו זיין...

וועגן דער אומגעווענלעכער עניוות פון ראַדינער, האָט מען מיר אין שפּעטערדיקע יאָרן דערציילט פיל געשיכטעס. איינע פון זיי וועל איך דאָ ברענגען:

דער וואַרשעווער גביר ר׳ שלמהלע לאַנדוי איז מיט זיין אייגענער קאַרעטע געפאָרן, מיט אַ יאָר זיבעציק צוריק קיין ראַדין, אַנקוקן דעם שוין דאַן באַרימטן „חפץ חיים״. ער איז גראָד אָנגעפאָרן פון ווילנער שאָסיי פאַרנאַכט פאַר מנחה, ווען דער „חפץ חיים״ פלעגט זיך נוהג זיין צו שפּאַצירן איינזאַם צווישן די ביימער אויפן שליאַך. אַזוי ווי דער „חפץ חיים״ האָט נישט געטראָגן קיין שטריימל, נאָר אַ בעל־מלאכהשן „קאַרטוז״ (היטל), האָט דער גביר, אָננעמענדיק אים פאַר אַ פּשוטן ייד, אַ פרעג געטון:

— וווּ וווינט דער צדיק?

— אין ראַדין זענען אַלע יידן צדיקים — האָט דער „חפץ חיים״ אויסמיידנדיק געענטפערט.

דעם יידישן פּורמאַן פון גביר האָט פאַרדראָסן אַזאַ תשובה און ער האָט מיטן בייטש אַ קלאַפּ געטון דעם „חפץ חיים״, אויסשרייענדיק דערביי

— גיי אַוועק, עזות פּנים!...

ווען אָבער דער גביר איז שפּעטער צוגעקומען צום חפץ חיימס בית־מדרש, אַריין דאָרט און דערזען, וועמען מען האָט צוליב אים אַזוי שווער

באַליידיקט, איז ער צוגעפאַלן בעטן ביי אים מחילה... דער חפץ חיים אָבער האָט זיך אַזש אויפגעטרייסלט:

— ניין, ניין! עס האָט מיר טאַקע געקומט דער קלאַפּ מיטן בייטש, איר האָט דאָך מיך גערופן צדיק, און אַ ייד דאַרף אַפּילו אויף זיך אַליין קיין לשון־הרע נישט רעדן...

אַגב אין שייכות מיטן זעלבן שטעטעלע ראַדין האָב איך אַמאָל געהערט אַ גוט וואָרט פון פּעטריקאָווער רב ר' מאיר שאַפּירא, דער גרינדער פון דער „ישיבת חכמי לובלין".

דאָס איז געווען אין אַ וואַגאָן פון ערשטער קלאַס, ווו דער הדרת־פּנימדיקער רב מיטן אויסזען פון אַן אָריענטאַלישן מלך איז געפאָרן פון וואַרשע קיין לאָדזש. ר' מאיר איז דאַן געווען דעפּוטאַט אין פּוילישן פּאַרלאַמענט און זיין גאַנצע באַנעמונג איז געווען פון אַ שטאָלצן אַריסטאָקראַט, וועלכער האָט שוין פון דערווייטנס דערוועקט אָפּשיי ביי יידן און קריסטן. גראָד יענעם יאָר האָט ער באַזוכט דעם חפץ חיים אין זיין שטעטעלע ראַדין און פאַרפאָרן אין דער שמוציקער, פאַרהושכטער אכסניא פון ליטווישן שטעטל, ווען דער בעל־אכסניא האָט דערזען דעם אורח מיט דער מלכותדיקער שוואַרצער לאָקן־באָרד — מיט דער גלאַנצנדיקער אַטלאַסענער קאַפּאָטע און מיטן גאָלדענעם זייגער — האָט ער באַשלאָסן צו „רייסן אַ פּאַס" פאַר די פּאָר טעג „איינשטיין". ווען ר' מאיר שאַפּירא האָט דערזען דעם חשבון, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט — האָט ער אַ שמייכל געטון און באַמערקט: מען זעט, ר' ייד, אַז איר זענט אַ מוקיר רבנן (אַ שפּיל פון ווערטער: איר ש ע צ ט רבנים; אָבער אויך — איר ב אַ ר יי ס ט רבנים...).

* * *

אין מיינע רייפע יאָרן, ווען איך האָב זיך פּערזענלעך געטראָפן מיט פיל פירנדע חסידישע רביים און רבנים און געזען מיט וואָס פאַר אַ פּיעטעט זיי ווערן אַרומגערינגלט פון זייערע אָנהענגער — פלעגט מיר פאַר די אויגן שטיין די גרופּע מתנגדישע רבנים, מגידים און גלאַט גוטע יידן, וועלכע האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון אין די פריערדיקע קינדער־יאָרן. איך האָב זיך נישט געקענט באַפרייען פון קאָנטראַסט:

די חסידישע פירער האָב איך געפונען הערשנד און באַפעלעריש — כאָטש אַמאָל איז דאָס געווען טיף פאַרשטעקט אונטער דער באַשיידנקייט פון לאַנגע אָראָפּגעלאָזטע בּרעמען. די מתנגדישע לומדים מיינע געדענק איך אָפטמאָל אַלס ביטערע אָרימע לייט אין אָפּגעטראָגענע קאַפּאָטעס און אין טוכענע אַרבעטער־היטלעך. אונדזער אויבער־שמש, למשל, ר׳ יעקב־בער, אַ ייד אַ פּערלמוטער און אַ גרויסער בקיא אין די ראשונים און אחרונים, האָט געקענט זיין אַ רב אין דער גרעסטער קהלה, אָבער ער האָט דאָס נישט געוואָלט, פלעגט ער משמש זיין תלמידי־חכמים. איך געדענק, איינמאָל האָט מען אין בית־מדרש אַרויסגענומען עפּעס אַ וויכטיקן ספר פון „שאלות ותשובות״ און געפונען, אַז צוויי זייטן, גראָד דאָרט, וווּ מען האָט געדאַרפט זוכן, זענען צעגריזשעט דורך מייז. ר׳ יעקב־בער אָבער האָט מיט זיין געוועינלעכער פאַרטראַכטער געלאַסנקייט אַרויסגערוקט דאָס בעל־מלאכהשע היטל העכער אויפן שטערן און זיך געזעצט צושרייבן פון זכרון, די פעלנדע זייטלעך... דאָס איז געווען גאונות און פשטות.

דער דאָזיקער שמש איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ מאיר־יונה שטשיסליוויצער, הנקרא דער „שטומער גאון״. דער דאָזיקער רב פלעגט נישט טראָגן קיין רבנישן קאַפּעליוש, נאָר אַ פּראָסט ריפּסן היטל. ער פלעגט אַמאָל זאָגן: „נאָר גבירים טראָגן „שליאַפּעס״...

איך געדענק ביי אונדז דעם אַלטיטשקן למדן ר׳ דניאל, וואָס פלעגט ענטפערן מיט אַ מורמל און פינקטלעך, ווו יעדער מאמר געפינט זיך. ער פלעגט אָבער קיינמאָל נישט וועלן זיצן אויפן מזרח, נאָר שטענדיק הינטערן בימה צווישן מיכעלען דעם בעקער און לייבל דעם שוסטער. ער האָט דערלעבט אפשר ביז הונדערט יאָר. מיט זיין לאַנגער ווייסער באָרד, מיטן מילך־ווייסן געזיכט און שטילע טריט פלעגט ער אונדז קינדער דערמאָנען אָן אַ גייסט פון יענער וועלט.

אָבער דער ליץ איצעלע מאַקאָווסקי, ר׳ מרדכים זון, האָט אויך דעם הייליקן אַלטיטשקן נישט געשאַנעוועט מיט זיין צינגל. האָט ער דער־ציילט נאָך קבלת שבת פאָלגנדע מעשה: ר׳ דניאל איז געגאַנגען באַשטעלן פאַר זיך תכריכים. דעם ערשטן וויזיט האָט ער געמאַכט ביי נאָסקע דעם לאַטוטניק. יענער האָט געבעטן צוויי רובל. ר׳ דניאלן האָט זיך דאָס

אויסגעוויזן פאַר צו־טייער, איז ער אוועק צו שמעון דעם יון, דעם ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט, אָבער דער „יון" האָט שוין פאַר אַ גוטן גאַר־ניטור תכריכים געבעטן גאַנצע דריי רובל. דער אַלטיטשקער דניאל האָט אַ קרעכץ געטון און מיט אַ גערעכטער טענה:

— ס׳טייטש, ר׳ שמעון נאָסקע בעט דאָך נאָר צוויי רובל?

אויף דעם האָט שמעון דער „יון" גלייך געענטפערט:

— גאָט איז מיט אייך, ר׳ דניאל! אין נאָסקעס אַ גאַרניטור תכריכים וועט איר נאָך צוויי וואָכן טראָגן, אַרומגיין אַ הוילער...

* * *

אין יענער צייט האָבן אויך נישט געפעלט מגידים, וואָס פלעגן מוסרן בעלי־מלאכות און קרעמער, וועלכע נאַרן אָפּ גויים און מיט דעם פאַרשטאַרקן זיי די רשעות קעגן יידן. לאַנג האָט מען ביי אונדז געדענקט דעם דרוש פון מאָזירער מגיד, וועלכער האָט מיט זיין מוזיקאַלישער שטימע געבעטן זיך ביים עולם:

— דער אלשיך זאָגט: מקשה אחת — איין זאַך איז שווער ביי יידן — זהב טהור, אַ ריינעם גילדן — צו פאַרדינען...

דאָס איז שוין געווען דאַן, ווען אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן בונטעווען קעגן קיסר און אויף דער „בירזשע" אַנטקעגן אינדיצקים בוכהאַנדלונג פלעגן שטיין גרופקעס „פאַראייניקטע" און זינגען „חוצפה־דיק":

„העי! העי! דאָלאָי די פאָליציי!

דאָלאָי דער סאַמאָדערזשעץ פון ראַסיי!"

יאָ! די סאָציאַלע פראַגן זענען שוין לאַנגזאַם איבערגעגאַנגען פון טאַלאַנטפולע מגידים צו די פייערדיקע מיילער פון „אָראַטאָרס". עס האָט זיך דערנענטערט דאָס „פינפטע" יאָר...

XXVI

די מוסרניקעס פון זשאסלע

אין פרילינג 1915 יאָר האָב איך זיך איינמאָל געמוזט פארהאַלטן אייניקע שעה אויף אַ פּאַרוואָרפענער באַן־סטאַנציע צווישן ווילנע און קאָוונע. זשאָסלע האָט די סטאַנציע געהייסן, לויטן נאָמען פון אַ קליין יידיש שטעטעלע זשאָסלע, וואָס איז געלעגן צוויי מייל בשכנות.

עס איז געווען דאָס צווייטע יאָר פון וועלט־קריג און אין שטאַרקער דייטשער אָפענסיווע קעגן רוסישן פראָנט, וועלכער האָט זיך געצויגן אויף דער ליניע ביאַליסטאָק־ווילנע־קאָוונע.

איך בין דעמאָלט געווען אין רוסישן מיליטער און באַקומען אַן אויפטראַג אויסצוגעפינען, אויף וועלכע באַן־סטאַנציעס עס זענען געבליבן ציסטערנעס מיט נאַפט, כדי צואיילן זייער עוואַקואַציע אין די טיפערע געגנטן פון רוסלאַנד, ווייט פון מלחמה געפאַר.

עס איז געווען שווער צו רייזן מיט פּאַסאַזשיר־באַנען; זיי פלעגן זיך פארהאַלטן שעהען־לאַנג אויף די קלענסטע סטאַנציעס — דורכלאָזנדיק טראַנספּאָרטן מיט מיליטער, וועלכע האָבן זיך געאיילט צום פראָנט.

פלעג איך האָבן צייט אַרויסצוגיין פון באַן, אַראָפּגיין אין נאָענטן שטעטל, שמועסן מיט יידן, וועלכע זענען באַהערשט געווען פון אַ פּאַניק, וואָס האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג־צו־טאָג. די סיבות זענען געווען די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון שטעטל צו שטעטל, אַז דער צורר־היהודים, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, דעם קייזערס פעטער און הויפּט־קאָמאַנדיר פון די רוסישע אַרמייען, קלייבט זיך אַרויסטרייבן אַלע יידן פון די ליטווישע שטעטלעך, האַלטנדיק אַז זיי זענען שפּיאָנען און קענען

זוערן גאָר שעדלעך און אָנבליק פון דער אָנקומענדיקער דייטשער אָפענ־סיווע. מיט צוויי וואָכן שפּעטער — דעם ערשטן טאָג שבועות — האָט זיך טאַקע דער קלאַנג באַשטעטיקט, און מען האָט אַלע יידן אָן רחמנות אַרויסגעיאָגט פון זייערע איינגעזעסענע היימען. דאָס איז געווען דער היסטאָרישער „גירוש ליטע", וועלכער איז מיט בלוט און טרערן אַריינגע־שריבן געוואָרן אין אונדזער מאַרטירער־געשיכטע פון הײַנטיקן יאָר־הונדערט.

אָבער בעת איך בין צופעליק געווען אין זשאָסלע, איז נאָך דאָס לעבן דאָרטן אָנגעגאַנגען נאָרמאַל, כאָטש די הויט האָט שוין געציטערט אויף די יידישע לייבער...

און אַזוי ווי פרילינג איז געווען, און זעקס שעה צייט האָב איך גע־האַט, האָב איך באַקומען חשק זיך דורכצושפּאַצירן די צוויי מייל אין שטעטל אַריין.

די נאַטור ווייסט נישט פון קיין מלחמה; דער יונגער וואַלד ביים שאָסיי פאַרשיכורט פשוט מיט זיין סאָסנע־ריח; פון אונטער די פיס שפּרינגען אַרויס זשאַבעס, וועלכע לויפן דערשראָקן צו דער נאָענטער „קאַנאַווע"; אין דער לופט הילכט אָפּ צאַרט אַ „טשעריקען" פון פייגע־לעך, פאַרשטעקטע אין די גרין־שטעכעדיקע צווייגן; פרילינגס־שמעטער־לינגען אויסגעטונקטע אין אַלע קאָלירן דרייען זיך אַרום אייער קאָפּ, רייצן זיך מיט אייך, כאָטש נעם אַ נעץ און יאָג זיך זיי כאַפּן...

גרין־געלע זאַנגען, ציטערדיק יונג, קוקן דרייסט אין דער זון אַריין, וואַרטנדיק און האָפנדיק, אַז אָט־אָט וועט זי זיי אָנפילן מיט רייפע קע־רנדלעך אין שטעכעדיקע שטרויעלעך באַהאַלטן. דאָס ווערט סודותדיק צייטיק אין זיי אַ שטיקל ברויט פאַרן מענטשלעכן מין, וועלכער קוילעט זיך דערווייל אויס ערגעץ ווו, כלומרשט טאַקע פאַר אַ בעסערן ביסן ברויט.

און פלוצלינג דערפיל איך, אַז איך בין נישט אַליין מיט דער נאַטור; איך פיל ווי עמיצנס אויגן שטעכן מיך פון הינטן, כאָטש איך הער קיין טריט נישט און קיין קול נישט.

גיב איך זיך אַ דריי אום און דערזע ווי הינטער מיר באַוועגן איך לאַנגזאַם צוויי יידישע בחורימלעך, פון אַ יאָר 16־17 יעדערער; פרישע גע־זיכטער מיט יונגן פוך באַוואַקסן; לוסטרינענע רעקלעך און לייוונטענע

ציקליסטן היטעלעך; די טיפּישע קליידונג פון באַלעבאַטישע קינדער אין דער ליטע. ווען איך פאַרהאַלט זיך, פאַרהאַלטן זיי זיך אויך; זיי ווייסן הפּנים נישט, ווער איז דאָס דער מיליטער־מאַן, וואָס קוקט זיי אָן: אַ שונא צי גלאַט אַ נייגעריקער.

ווײַל איך אָבער מיט זיי זיך אַוועקיאָגן מײַן איינזאַמקייט און הייב דעריבער גלייך אָן אויף יידיש:

— שלום עליכם יונגעלייט! ווי ווייט איז נאָך צו זשאָסלע?

שטעלן זיי אויס פריער זייערע דערשטוינטע אויגן, וואָס אַ מאַן אין אַ רוסישן אָפיצירן־מונדיר ווענדט זיך צו זיי אין אַ ליטווישן יידיש, אָבער איינער, דער עלטסטער, ענטפערט געלאַסן:

— ס׳איז נאָך גוטע צוויי וויאָרסט; אָט גייען מיר אויך קיין זשאָסלע.

זאָג איך:

— קומט, קינדער, צוזאַמען וועט מיר נישט זיין אזוי אומעטיק.

באַקומען זיי צוטרוי און מיר שפּאַצירן ביים ראַנד פון וואַלד, נעבן שאָסיי. דערוויס איך זיך, אַז די יונגעלייט זענען תּלמידים פון דער ישיבה כנסת־ישראל אין סלאָבאָדקע (נעבן קאָוונע); אַז צוליב די אומרואיקע קלאַנגען, וואָס פאַרשפּרייטן זיך אַלץ מער, אַז מען גייט די יידן אַרויס־טרייבן פון ליטע, זענען זיך די ישיבה־בחורים צעפאָרן אין זייערע שטעט־לעך, כדי אין אַן עת־צרה זיין נענטער צו טאַטע־מאַמע.

און ווען איך ענטפער, אַז איך האָב געלערנט גמרא, און לעגיטימיר זיך דערביי מיט אַ פּאָר פּסוקים און מאמרי חז״ל, ווערן מיר שוין גאָר היימיש און עס פאַרשווינדט דער אונטערשיד צווישן כאַקי־מונדיר און דער לוסטרינענער מאַרינאַרקע.

ווייזט זיך אַרויס, אַז די ישיבה „כנסת־ישראל״ איז געווען די באַ־קאַנטסטע פעסטונג פון דער מוסר שיטה אויפן נאָמען פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער, און אַז אָט פון דער ישיבה ווערן דאָס געלאָזן די שאַרפע פיילן קעגן דער אַלטער שיטה פון דער ישיבה, וואָס הייסט „בית יצחק״ (אויפן נאָמען פון ר׳ יצחק אלחנן).

און אין דער צייט פון יענעם זוניקן שפּאַציר אויפן וועג קיין זשאָסלע עפענען זיך פאַר מיר נייע האָריזאָנטן פון אַ מעטאָדע, פון דער מוסר־פילאָזאָפיע, וועלכע איז מיר געווען ביז דאַן באַקאַנט נאָר נעפּלדיק.

איז מיר מסביר דער יינגערער באַגלייטער מיינער, אַ דאַר בחורל מיט פאַרחלומטע אויגן, מיט אַזוי פיל כשרע תמימות אין זיי, אַז מען וואָלט געקענט מיט איר פאַרטיילן אַלע 55 דעלעגאַטן פון פעלקער בונד און עס וואָלט נאָך געבליבן אַ רעשט.

— מיר אין „כנסת ישראל" ישיבה לערנען זיך מידות פון בין אדם לחברו; מיר ווילן שאַפן אַ שטאַרקע עטישע פערזענלעכקייט. עס איז נישט געווען גענוג צו פלפולן זיך אין הלכה און שלייפן דערביי דעם מוח. אַלץ וואָס דער אויבערשטער וויל, איז אַ ריין האַרץ און אויסמיידן שלעכטס. דאָס קען דערגרייכט ווערן נאָר דאַן, ווען מען מאַכט דעם חשבון מיט זיך אַליין, ווען מען פרעגט זיך: „מה חובתי בעולם?" (וואָס איז מיין פליכט אויף דער וועלט?), מאַכט מען דערמאָלט דעם חשבון הנפש, דעם אינערלעכן באַלאַנס, מען קריטיקירט זיך זעלבסט, מען איז מפשפש במעשיו, און מען קומט לאַנגזאַם צום באַשלוס, וועלכע זענען מיינע פונקציעס אין לעבן; מען דיסציפּלינירט זיך אַליין, מען רעדט נישט קיין איבעריק וואָרט, מען היט זיך אָפּ פון לשון־הרע און רכילות, מען לערנט זיך צו מצמצם זיין די אייגענע באַדערפענישן...

איך ווער אַלץ מער דורכגעדרונגען מיט סימפּאַטיע צו דעם ליטווישן בחורל, וואָס רעדט מיט אַזאַ גוואַלדיקער הסברה, וואָס קלערט אויף, דוכט זיך, אַזעלכע פאַרוויקלטע ענינים, מיט אַן איינפאַכער פערל־שפּראַך.

— זענט איר, הייסט עס, אַסקעטן; איר באַקעמפט דעם יצר אין זיך... געהערט איר צו די, וואָס פייניקן זייער קערפער, כדי אויסצולייטערן די נשמה?

— ניין! דאָס איז אַן אַנדער שיטה מוסרניקעס, די נאָכפאָלגער פון ר' יוזל נאָוואַרעדאָקער... דאָרט האַלט מען פון סיגופים, פון מאַכן אונטערטעניק דעם חומר צו רוחניות... מיר, ווי איך האָב געזאָגט, האַלטן פון אויסבילדן אין זיך מידות בין אדם לחברו, אָבער מיט דעם זענען איך פאַרבונדן באַגרענעצונגען פון תענוגים; מען דאַרף, צום ביישפּיל, עסן צו זאַט, אָבער נישט אַלס תענוג...

— ווי אַלט זענען די יינגסטע פון אייך, וואָס לערנען אין ישיבה?

— אין אונדזער כנסת־ישראל לערנען זיך נאָר עלטערע גמרא־יינגלעך, אָבער אין דער זעלבער סלאָבאָדקע איז פאַראַן אַ מוסר־חדר

פּאַר קינדער פון זעקס יאָר אָן, א ישיבה אויפן נאָמען פון ר׳ הירשלען, א באַלעבאָס און א חוקר. מיר האַלטן, אז „חנוך לנער על פי דרכו, גם כי יזקין לא יסור ממנו״ (געוויין איין דאָס קינד אויף זיין שטייגער, אזוי, אז ווען ער וועט אַלט ווערן, וועט ער זיך פון איר נישט אָפּקערן). עס איז נישט גענוג אָנהייבן מיט א דערוואַקסענעם די חקירה פון מוסר. זי דאַרף לאַנגזאַם רייף ווערן אין פּראָצעס פון וואַקסן. צו די מידות געהערט אויך, אז צו א יינגעלע פון זעקס יאָר זאָגט שוין דער מלמד „איר״, כדי איינצוואָרצלען אין אים דאָס געפיל פון זעלבסטווירדע.

די בני ישיבה פון כנסת־ישראל גייען אין די פאַרנאַכטן שפּאַצירן צווישן די גרינע בערג פון פעסטונג הינטער סלאָבאָדקע; מען רעדט זיך דורך אויף פילאָזאָפישע טעמעס. עס פאַרברידערן זיך דערביי די קינ־דער פון דער פרעמד, פון איישישאָק ביז קיידאַן און פון ליטע ביז וויל־קאָווישקי.

און אַזוי דערנענטערן מיר זיך צום שטעטל זשאָסלע, רעדנדיק פון ר׳ משה חיים לוצאַטי דער מקובל און פון רעם, ווי נייטיק עס איז, אז דער שכל זאָל באַהערשן דער דמיון (פאַנטאַזיע) כדי צוימען דעם יצר־הרע...

און אַז איך זע פאַר זיך דאָס שטעטל מיט דער איינציקער לאַנגער גאַס, מיט די שטרויענע דעכער און מיטן באָק אין מיטן גאַס, נאָך וועלכן עס שלעפּן זיך פאַרשלעפּערטע ציגן, קלער איך דערביי:

— רבונו של עולם! ווו איז דאָ פאַראַן אַן אָרט פאַרן יצר־הרע? קעגן וואָס דאַרף מען זיך צוימען?

— דער איינציקער פאַרגעניגן איז שבת. ווען מען עסט די קליינע פישלעך, און מען גיט א זופּ דעם וואַסערדיקן וויין פון געקוועטשטע ראָזשינקעס.

סיידן אפשר אין גבירס שטוב. וואָס איז געדעקט מיט בלעך אנשטאָט שטרוי, און בייזע צינגער זאָגן, אַז דאָרט עסט מען געפּרעגלטע „קאָטלעטן״ אין דער וואָכן...

און כאָטש דאָס שטעטעלע זשאָסלע איז קליין, געפינען פונדעסט־וועגן מיינע צוויי באַגלייטער מיט וואָס זיך צו באַרימען:

— אָט פון די הייזלעך מיט שטרוי זענען אַרויסגעגאַנגען צוויי גרויסע מגידים מיט אַ וועלט־נאָמען: ר' שמשון אין ווילנע און ר' יוסף ראַבינאָוויטש אין קאָוונע...

און פון דעם פאַרחושכטן שטיבעלע נעבן גרויסן בית־מדרש איז אַוועק פריער קיין לאָנדאָן און נאָכדעם קיין ניו יאָרק, דער גרעסטער זשאַסלער ייד, דער פּראָפעסאָר בן־ציון האַלפּערן (עקספּערט פון אָריענטאַליסטיק אין דראָפּסי קאָלעדזש, פילאַדעלפיע).

באַווייז איך נאָך אויך זיך זען מיטן אַלטיטשקן רב ר' אברהם־חיים ש"ס, אַ זקן מופלג, איינגעבויגן פון יאָרן און פון דאגות פאַר כל ישראל.

נאָכהער זעץ איך מיך אויף אַ וואָגן, ווו דער יידישער בעל־עגלה פאָדערט ביי מיר 20 קאָפּיקעס, און מיינענדיק, אַז איך דערשרעק זיך פאַר דעם פּרייז, גיט ער אַ זאָג:

— אַן אַנדער פורמאַן וואָלט ביי אייך גענומען נאָר 15 קאָפּיקעס, אָבער אַלע ווייסן, אַז מיין פערד איז דאָס בעסטע און מיט מיר פאָרן שטענדיק צום באַן דער רב און די פיינערע באַלעבאַטים.

פאָר איך מיט דער יחסנדיקער פור און קלער ביי זיך: צי ווייסן זיי כאָטש, אַז אין קליינעם זשאַסלע אַליין קען מען אָנציילן מער ווי ל"ו צדיקים; צי וועט זיך זיי איינגעבן איינהיטן די וועלט פון חורבן?

ניין, עס האָט זיך נישט איינגעגעבן: שוין דעמזעלבן שבועות האָבן קאָזאַקן געטריבן אַלע זשאַסלער יידן, סיי דעם אַלטיטשקן רב, סיי די יונגע מוסרניקעס און סיי דעם „עקסקלוזיוון" פורמאַן אין גלות אַריין, קיין נאָוואָ־ווילייסק. 25 יאָר שפּעטער האָט מען זיי ווידער געטריבן, אָבער דאָס מאָל דירעקט אין כף־הקלע, אין די קאַלך־אויוונס.

* * *

מיט איינעם פון די, וואָס האָבן זיך גליקלעך געראַטעוועט פון דער מאָלסדיקן פייער, האָב איך שפּאַצירט צווישן דעם פּאַלמען־וואַלד און ים, אין ליכטיקן מאָנטעווידעאָ, אין דער הויפּט־שטאָט פון געבענטשטן אורוגוויי.

פון זשאַסלע ביז מאָנטעווידעאָ איז זייער אַ ווייטער מהלך, אָבער דער אָריגינעלער ייד, וואָס שפּאַצירט איצט מיט מיר, שטעקט נאָך

אינגאַנצן מיט פילע זיינע וואָרצלען אין יענער זאַפטיקער סביבה פון ליטווישן שטעטל, פון דער זעלבער זשאַסלע טאַקע, פון וואַנען ער האָט אויסגעוואַנדערט אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מיין באַגלייטער הייסט ר׳ ישראל איזראַעלסאָן און געהערט צו די פּאָפּולערסטע טיפּן פון אורוגוויי.

ער איז שוין דאָ איבער צוואַנציק יאָר דער פאַרשטייער פון היצעם־היאַס, און צוליב זיינע עמיגראַציע־ענינים איז ער אויך שטאַרק פאַרבונדן מיט די רעגירונגס־ספערן אין מאָנטעווידעאָ.

אָבער קוקט אים נאָר אָן, דעם זעלטן גערעזירטן ר׳ ישראלן, מיט די צעשראָקענע אומשולדיקע אויגן, מיט זיין א ביסל פאַרנאַכלעסיקטער קליידונג, וועט איר גלייך דערזען דעם ישיבה־בחור פון דער אַלטער ליטע.

יאָ! ער איז געווען פון די מוסרניקעס אין סלאָבאָדקער כנסת־ישראל. ער איז שפּעטער אריינגעצויגן געוואָרן אין די „זיסע״ אָרעמס פון דער השכלה, אָבער נאָך איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, איז ער דערזעלבער מוסר־ניק, כאָטש זיין ביכער־שראַנק פאַרמאָגט שוין חוץ לוצאַטים „מסילת שרים״ אויך דעם „גולה ונכר״ פון יחזקאל קויפמאַן און אַלע יאָרגענג פון הרב צעירים „בצרון״; אגב וויל ער ווּיסן ביי מיר מער וועגן די מיט־גלידער פון דער „חברותא״ אין ניו יאָרק. ער פילט, זאָגט ער, אַז צווישן זיי וועט ער געפינען מער חברים לדעה, ווי ער קאָן דאָרט אויסזוכן אין וויטן מאָנטעווידעאָ.

דער ים־ברעג דאָ איז פול מיט אומפאַרגלייכלעכע פאַרבן! גרינע וועל־דער, שטאָלצע פּאַלמען און זילבערנע כוואַליעס מיט ווייסע פרענזן, וואָס קען דען זיין שענער? און דערצו פאַרהאַלטן מיר זיך לעבן דעם מאַרמאָר־נעם מאָנומענט פון אַלבערט איינשטיין, וועלכער שטייט דאָ אין פּאַרק ביים ים צווישן מאָנומענט פון אנדערע גרויסקייטן. וואָס קען דען זיין ליבעראַלער?

זאָג איך צו ר׳ ישראלן, אַז אָט איך וואָלט געוואָלט מאָרגן זיין ביים נייעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק און איך האָב געהערט, אַז ער וועט אויפנעמען באַזוכער ערשט די אַנדערע וואָך, ווען איך מוז שוין פאַרלאָזן דאָס לאַנד און פאָרן ווייטער — זאָגט מיר איזראַעלסאָן:

— קומט מיט מיר צום פּרעזידענטס פּריינט, דעם אַדמיראַל כואַן מילסער, ווילן מיר מאַכן, אַז מען זאָל אייך געבן די אוידיענץ מאָרגן.

און אַז מיר גייען אַריין צום אַדמיראַל און יענער דערזעט פון דער ווייטנס ישראלן, לויפט ער אַנטקעגן און נעמט אונדז גלייך אַריין אין קאַבינעט און דערפרייט זיך מיט זיין גאַסט.

קוק איך אָן דאָס נישט גלייכע פּאָרל: דעם אַדמיראַל, דעם קאָמאַנדיר פון פּאָרט אין מאָנטעווידעאָ, און דעם נישט געראַזירטן סלאָבאָדקער ישיבה־בחור, פון שטעטעלע זשאָסלע און וויל פאַרשטיין, וואָס פאַרבינדט זיי ביידן!

און דער אַדמיראַל, אַזוי ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען מיין פראַגע, ווענדט זיך צו מיר:

— צי ווייסט איר דען, וואָס פאַר אַ רעזערוו פון נאַטירלעכער אָרנטלעכקייט און מענטשן־ליבע איזראַעלסאָן פאַרמאָגט? ער איז אַן אַסקעט, אַ פילאָזאָף, וואָס צוימט זיין תאווה. איך בין אַ פאַנטעאיסט, אָדער אפשר ריכטיקער, אַן אָנהענגער פון סאַטיר פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע אידאָן, וואָס יאָגט זיך נאָך תאוות, אָבער ביידע מיינען מיר עס ערנסט. איזראַעלסאָן קעמפט קעגן דער נאַטור, קעגן ליבע, קעגן האָבן צו פיל פרויען, אָבער די נאַטור באַפעלט אונדז דווקא פיל פאַרלאַנגען, הנאה האָבן מיט פולע הויפנס, און די נאַטור איז גאָט. און וואָס וואָלט איר געזאָגט, איזראַעלסאָן, צו דער שיינער מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן יענע וואָך ביי אונדזער בראַזיליענער שכן?

דער אַדמיראַל קוקט אָן שעלמיש דעם אַביסל צעשראָקענעם פריינט זיינעם, פאַרציט זיך מיטן רויך פון זיין ליולקע, און דערציילט די מעשה:

— אַ מלחמה איז דאָרט אויסגעבראָכן צווישן צוויי אינדישע שבטים אין דעם אַמאַזאָנער דזשאָנגל, צווישן די אויאַקאַס און פאַקינאַרים. די אויאַקאַס זענען פּאָליגאַמיסטן, דער אָרימסטער פון זיי פאַרמאָגט פינף פרויען, אָבער היינטיקס יאָר האָבן דאָרט אויסגעפעלט ווייבער, זענען די אויאַקאַס באַפאַלן זייערע שכנים, וואָס פאַרמאָגן אַן איבערפלוס אין פרויען און צוגערויבט ביי זיי דעם דאָזיקן „רעזערוו"; אַזוי פירט זיך שוין אין אונדזער וועלטל! דער וואָס פאַרמאָגט אַ סך, ווילט זיך אים נאָך מער...

זאָגט איזראַעלסאָן: „אָ, ניין, אַלמיראַנטע (אַדמיראַל)! דעם מענטשנס ראָל אין לעבן איז נישט געבויט אויף חיהשע אינסטינקטן, און צו וואָס זיך פאַרקוקן אויף מאַלפּעס מיט זייער פּילווייבעריי, — בעסער זיך לערנען פון די טייבעלעך, וועלכע די ביבל רופט: „יונתי תמתי״, מיין טייבעלע, מיין צנועה. איין טייבעלע ווערט גענומען אין נעסט — איין בשרע לעבנס־באַגלייטערין... מיר מענטשן זענען דאָך הויך געשטעלט גע־וואָרן פון בורא־עולם. מיר זענען דאָך די ביישפּיל־געבער, מוזן מיר דיסציפּלינירן אונדזערע אינסטינקטן, נישט נאָכטון די סאַטירן, די האַלב־פערד, האַלב־מענטש באַשעפענישן...״

לאַכט זיך פונאַנדער דער „אַלמיראַנטע״, דער אָנהענגער פון די סאַטירן.

איבער זיין שטול הענגט אַ גרויס קונסט־בילד פון גענעראַל כאָסע אַרטיגאַס, דער „וואַשינגטאָן״ פון אורוגוויי און איר באַפרייער פון די שפּאַניער.

דורכן פענצטער זעט זיך די באַוועגלעכע פּאַנאָראַמע פון פּאָרט, פון די שיפן, פון זילבער טייך לאַ פּלאַטאַ, אויף דער צווייטער זייט פון וועלכן עס ליגט שוין בוענאָס איירעס.

דער אַדמיראַל קלינגט צום פּאַלאַץ פון פּרעזידענט, אַז מען זאָל אונדז אויפנעמען. — מיט אונדז זאָגט ער — וועט זיין זיין פריינט איזראַעלסאָן, און דער מענטש, וואָס רעדט פון יענער זייט טעלעפאָן ווייסט, ווער איזראַעלסאָן איז און הייסט אים גריסן.

און איך דערמאָן זיך יענץ אָרימע ליטווישע שטעטעלע און די יונגע מוסרניקעס, וואָס איך האָב דאָרט געטראָפן און עס דאַכט זיך, ווי איך זע, ווי דער פּאַדים ציט זיך פון זשאַסלע ביז מאָנטעווידעאָ... אָבער, וואָס זאָג איך? צי ווייס איך דען נישט, אַז דער פּאַדים פון יענער זייט איז אָפּגעריסן, און קיינער האַלט אים דאָרט נישט צו?

וווּ זענען זיי, די יונגע מוסרניקעס פון זשאַסלע? אויף וועלכע פּלאַ־נעטן האָבן זייערע אײדעלע און ריינע נשמות פאַרבלאָנדזשעט?

XXVII

אין פינטשעוו טאָגט שוין

עס אָטעמט זיך שווער אין באָגאָטאַ, די הויפּט־שטאָט פון קאָלאָמביִע. איך האָב זיך דאָ איצט אויפגעהויבן אויף אַ הויך פון איבער אַכט טויזנט פוס פון זוניקן קאַלי, וואָס ליגט צופוסנס פון די בערג.

אין קאַלי איז שטענדיק פרילינג; גרינע פּאַלמען־וועלדער לאַשטשען די אויגן; שמעקנדיק גראָז פילט אויס די לופט און די לונגען ציען אַריין אין זיך אַזוי לייכט די פערפומירטע ריחות; אָבער באָגאָטאַ איז שוין אין די וואָלקנס און קאַפּריזנע רעגנס מאַכן פייכט די קליידער עטלעכע מאָל אַ טאָג. די לופט דאָ איז שיטער צוליב דער הויך; דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער; דער קאָפּ איז אַזוי ווי איינגעקלעמט אין אַ שטאָלענער רייף. שפּעטער גייט דאָס אַוועק און מען אַקלימאַטיזירט זיך. דעם ערשטן טאָג אָבער מוז מען גיין לאַנגזאַם, עסן ווייניק און שעהענלאַנג ליגן און רוען.

קלינגען אַזוי פרום־אומעטיק די גלאָקן פון אַלע שפּאַנישע קירכן, קוקן אַזוי גרויזאַם־פרעמד די שפּיצן פון די בערג אין פענצטער פון מיין האָטעל, אַז איך קען נישט פאַרטראָגן די איינזאַמקייט און וויל זיך געפינען וואָס שנעלער צווישן היימישע, צווישן יידן.

פירט מיך אַ פריינט צום נאָר וואָס געעפנטן כשרן רעסטאָראַן, וועלכן איניקע באַרעמהאַרציקע ברידער האָבן איינגעאָרדנט פאַר אַ וואַרשעווער ייד, וואָס איז דאָ מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אָנגעקומען פון די לאַגערן אין אייראָפּע. גייט מיר אַנטקעגן דער שוין היפּש ביסל גרויליכער רעסטאָראַן־אייגנטימער, מיט וועלכן מיר קענען זיך נאָך פון וואַרשע, הערשל שטשיגאָווסקי איז זיין נאָמען. און וועלכער וואַרשעווער ייד אָדער גאַסט

פון אויסלאַנד האָט נישט געקענט דעם רעסטאָראַן פון די קעלנער אויף דלוגע גאַס, אָדער אין די שפּעטערדיקע יאָרן „אַ לאַ פורשעט״ אויף מאַר־שאַלקאָווסקע? דאָרט האָט מען געגעסן „קליסקעלעך מיט יויך״ און „אויפּשניט מיט בייגל״, לונג און לעבערלעך, פעטן טשאָלנט מיט קישקע, אָט די אַלע „נאַציאָנאַלע״ מאכלים, וואָס האָבן געשאַפן יענע ספּעציעלע יידישע קראַנקהייטן, וועלכע מען האָט געשוואָנקט מיט אַלערליי וואַסערן אין קאַרלסבאַד און מאַריענבאַד. און דאָך ווידעראַמאָל געשמאַק געגעסן...

אָבער נישטאָ מער די יידישע רעסטאָראַנען אויף מאַרשאַלקאָווסקע און אויף דלוגע און אויך יענע יידן עסן שוין מער נישט... שטייט פאַר מיר איצט הערשל שטשיגאָווסקי אין ווייטן באָגאָטאַ און רעדט זיך אָראָפּ פון האַרצן פאַרן אַמאָליקן „שטאַם־גאַסט״ פון זיינע רעסטאָראַנען:

— אַז איך זאָג אייך, אַז צווישן יידן ווערט מען נישט פאַרפאַלן: אָט זעט איר. עס איז גלייך געוואָרן אַ פּאָר טויזנט דאָלער און — איך בין ווידער ביי מיין פאַך. דאָרט ביים בופעט שטייט מיין נ יי ווייב; זי קוקט אמת אויס ווי אַ טאָכטער, אָבער מיין ערשטע פרוי צוזאַמען מיט מיינע קינדער זענען דאָך פאַר מיינע אויגן אַוועק מיטן פייער... איז אַלץ דאָ ניי. דאָס ווייב, דאָס לאַנד, דער רעסטאָראַן.

אוי וויי! אוי וויי! איר געדענקט אַמאָל אַ באַנקעט אין רעסטאָראַן פון די קעלנער אויף דלוגע גאַס? געזעסן אויבן אָן העגריק ערליך און נח פּרילוצקי, מנחם קיפּנים און זמרה זעליגפעלד האָבן געזונגען... שפּעט אין אָוונט איז געקומען ש. י. יאַצקאַן מיט אהרן איינהאָרן און י. פּראָפּוס האָט געבראַכט אונטערן האַנט דעם „אַלטן״ פּרילוצקין מיט דער בלויער באָרד. נתן שוואַלבע האָט זיך געאַמפּערט מיט דר. יצחק שיפּער — און צום סוף האָבן אַלע געזונגען חד גדיא... צי געדענקסטו?

רוקן זיך דערוויל צו מיין טישל אַנדערע יידן, וואָס זענען געקומען הנאה האָבן פון די עסנס אין איינציקן כשרן רעסטאָראַן.

ישראל שטערענזיס איז אַרויף דאָ אויפן באָרג פון שטעטעלע פּערע־ראַנקאַל און משה שיפּמאַן איז נאָר וואָס אָנגעקומען פון לאָדזש; און פינקלשטיין, וועלכער האָט געהאָלפן שאַפן דעם רעסטאָראַן, איז דאָ אַ תושב. אָבער אַלע קוקן זיי מיט בענקשאַפט אויף די בערג אַרום און רופן פון דאָרט אַרויס די שאָטנס פון זייערע שטעטלעך אין דער אַלטער היים...

שטערענזיס האָט געלאָזן אַ כלה אין שטעטל פּינטשעוו. זי קומט אים צו חלום; ער גלייבט: זי לעבט נאָך ערגעץ און ער וואַרט אויף איר...

אויך די איבעריקע יידן שטאַמען פון יענער קייט בליענדע שטעטלעך, וועלכע האָבן זיך צעלייגט אַזוי ווי אַ קראַנץ ארום דער שטאָט קיעלץ.

דערמאָן איך זיך מיינע אייגענע רייזעס אין יענער געגנט — אַרום קיעלץ. איך פלעג אַזוי ליב האָבן, ווינטערצייט, אַריינצוזעצן זיך אין אַ ברייטן אויסגעבעטן שליטן, איינגעשפּאַנט אין אַ פּאָר פערד, וואָס האָבן געריסן אומגעדולדיק דעם שניי מיט די קאָפּיטעס.

גערונגען דעם שליטן און אַריינגעלייגט דאָרט די קישנס מיט די קאָל־דרעס האָט דער הויכער, פרייליכער ראש־הקהל אין בוסק, ר' שלמה טאָפּיאָל. איך זע אים נאָך איצט פאַר מיינע אויגן. ער האָט אויך פאַר־מאָגט אַ שיינע טענאָר שטימע, און געווען דער ערן בעל־תפילה אין בוס־קער שול.

יאָרן לאַנג האָט ער אָנגעפירט די קהילה אין יענעם קוראָרט־שטעטל, וואָס איז געווען באַרימט אין פוילן מיט די שטאַרקע בלאָטע־בעדער, צוליב וועלכע טויזנטער געסט פלעגן זיך דאָרט צונויפפאָרן יעדן זומער. טאָפּיאָל איז געווען אַ ייד אַן עושר, אָבער אַלע זיינע כוחות האָט ער געווידמעט כלל־זאַכן. גויים און יידן האָבן אָפּגעגעבן כבוד דעם שטאָט־מנהיג, וואָס האָט איינגעאָרדנט די פייערלעשער קאָמאַנדע, דעם שפּיטאָל און די פּאָלקס־באַנק. ביזן סוף האָט טאָפּיאָל אָנגעפירט מיט זיין עדה — ביז יענעם שמחת תורה אין 1942, ווען ער איז געגאַנגען פאָראויס פון זיין קהילה־קדושה אין דער ריכטונג צו פּינטשעוו, כדי פון דאָרט אַוועקצו־מאַרשירן צוזאַמען מיט די קהילות פון כמעלניק, וויסליץ, יענדזשעיאָוו אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע.

אָבער אין יענעם זוניקן ווינטער פרימאָרגן, ווען מיין שליטן מיט די גלעקלעך האָט זיך געטראָגן איבערן פוילישן ברייטן שלאַך קיין פּינטשעוו, האָב איך נישט געטראַכט וועגן מעגלעכן חורבן. אַ יונגער און אַ נייגע־ריקער בין איך געפאָרן שטענדיק אַנטקעגן נייע מקומות און נייע מענטשן, געלערנט און הנאה געהאַט פון יעדן טאָג און געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן מאָרגן, וואָס וועט מיך אַריינוואַרפן אין אַ פרישער סביבה.

איך האָב דאָן געקלערט: פון וואַנען שטאַמט דאָס שפּריכוואָרט: „אין פּינטשעוו טאָגט שוין״?

איך געדענק נישט איצט אַלע תשובות, וואָס די פּינטשעווער יידן האָבן מיר אויף דעם געגעבן. איינס איז אָבער קלאָר: די ווערטער פלעגן אַרויסגעזאָגט ווערן אין די אַרומיקע יידישע ישובים אין צוזאַמענהאַנג מיטן דאַווענען שחרית. פּינטשעוו איז געלעגן אויף אַ באַרג, די אַרומיקע שטעטלעך אין טאָלן; האָט די זון אָנגעהויבן באַגילדן די דעכער פון פּינטשעוו, האָט מען דאָס געזען ווייט אַרום און יידן האָבן געגאַרטלט די קאַפּאָטעס און זיך געשטעלט זאָגן „מה טובו״.

דער יידישער קרעטשמער, ווו מיין שליטן האָט זיך פאַרהאַלטן ביים אַריינפאָר אין שטעטל, האָט מיר דערלאַנגט אַ גלעזעלע „„ניינציקער״־ ספּירט — אַ סגולה צום פראָסט — און אַ פּאָר שטיקלעך מחיהדיקן ווייס־ געלן פאַרטרוקנטן קעז. און דערביי האָט ער מיר דערקלערט:

— מאַכט אַ „לחיים״ און פאַרבייסט מיט אונדזער קעז. דאָס איז דאָך דער וועלט־באַרימטער פּינטשעווער קעז.

נאָכהער פאָר איך ווייטער אין שטעטל און פאַרהאַלט זיך ביי דער פאָלקס־באַנק, דער אייגנטלעכער ציל פון מיין רייזע.

עס לויפט אַרויס, אַ פאַרסאָפּעטער און אַ ביסל אַ דערשראָקענער, דער בוכהאַלטער פון באַנק, דער דאַן נאָך יונגער חסידישער בחור גאָלד־ בערג (איך האָב אים נישט לאַנג געטראָפן אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע).

— אוי, וואָס מאַכט איר פּאַניע אינספּעקטאָר — האָט ער פריילעך אויסגעשריען.

איך מוז, למען האמת, דערמאָנען, אַז נישט אומעטום האָבן זיך בוכ־ האַלטערס געפרייט, ווען דער „אינספּעקטאָר״ איז געקומען קאָנטראָלירן זייער באַנק. בטבע האָבן זיי פיינט געהאַט מיין גריבלען זיך אין די ביכער און מיין ציילן דאָס געלט פון קאַסע. פיל־פיל קאָמישע און טראַגישע אינצידענטן האָב איך צו פאַרצייכענען פון מיין צוואַנציק־יעריקער קאַריערע אַלס באַנק־קאָנטראָליער. אָבער איך פלעג קיינמאָל נישט באַנוגענען זיך ביים קומען אין שטעטל נאָר מיט מיינע אָפיציעלע פליכטן. איך פלעג אין די אָוונטן האַלטן אַ רעפעראַט, זיך משמח זיין מיט דער יוגנט, דערציילן איינדריקן פון מיינע רייזעס פון ווייטע לענדער...

באַלד קומט צולויפן אין באַנק, — איר פּרעזידענט, ר׳ יצחק ראַפּאַ־פּאָרט, — אַ ייד מיט אַ ברייטער, שוואַרצער באָרד, אין אַ לאַנגער, חסידישער קאַפּאָטע און אין דעם קלאַסיש־פּויליש חסידישן היטעלע. ראַפּאַפּאָרט איז דער יחסן און גביר פון שטעטל. ער איז דער צושטעלער אין פּוילישן אולאַנער־רעגימענט; ער איז דער אייגנטימער פון אַ דרוקעריי; ער איז אויך דער תקיף אין פיל שטאָט־ענינים.

צו מיטאָג בין איך איינגעלאַדן ביי ר׳יצחק ראַפּאַפּאָרט. אַרום טיש זיצן נאָר די מענער, צוויי ייִנגלעך ישיבה־בחורים, אויסגעאיידלטע גבירישע קינדער אין קאַפּאָטקעלעך און פּאהלעך, און אַ פּאָר געלאַדענע געסט. נישט דעם באַלעבאָס פרוי, נישט די טעכטער ווערן צום טיש נישט צוגעלאָזט. דאָס איז אַן אַלטער מנהג אין יענער געגנט, ווו אַ פרוי ביים טיש וואָלט געווען אַ „פּחיתות הכבוד״ פאַר אַ חשובן אורח... פון אַ וויטן צימער צעטראָגן זיך די קלאַנגען פון שאָפּענס נאָקטיורן, געשפּילט מיט גרויס געפיל און טאַקט. ווייל איך ווילן, ווער עס שפּילט, ענטפערט דער באַלע־באָס מיט ביטול: „כ׳וויים, דאָס מאַכט זיך נאַריש מיין טאָכטער צעלינא״.

שאָפּען און דער פּוילישער נאָמען צעלינא פּאַסן זיך אפילו נישט אריין אין דער אַטמאָספערע פון פּאהלעך און גאַרטלען, אָבער איך פרעג נישט קיין קשיות.

ביים ארויסגיין פון שטוב, אויף די טרעפּ, דערהער איך פּלוצלינג אין דער פינצטער דאָס קלינגען פון אָפיצירן־שפּאָרן און באַלד דערויף באַווייזט זיך אַ פיגור פון אַ פּוילישן שלאַנקן אולאַנען־ראָטמיסטער, וועלכער איילט זיך אריינצוגיין אין הויז פון מיין חסידישן באַלעבאָס... פרעג איך מיין באַגלייטער , דעם בוכהאַלטער: „וואָס טוט אַן אָפיציר אין דעם הויז?״ ענטפערט ער:

„אָ, איר ווייסט נישט וואָס פאַר אַ מגפה עס האָט זיך לעצטנס אריינגעכאַפּט אין די גביריש־חסידישע הייזער! זייערע פּויליש־דערצויגענע טעכטער גייען אַרום מיט אָפיצירן, און אָט דער ראָטמיסטער איז דאָס טאַקע דער פריינט פון צעלינען, וואָס האָט געשפּילט שאָפּענס נאָקטיורן״...

„נו, און וואָס זאָגט דערצו דער טאַטע?״

„וואָס קען ער זאָגן? ער לעבט מיט זיינע געשעפטן, מיט זיין דרוקעריי און גויאישע הענדלער, לעבט פון „פּולק״ און מוז נעבעך שווייגן״...

ווער איך שוין שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער געשיכטע און באַ־שלים עפּעס מער זיך דערוויסן וועגן דער מגפה.

אין אָוונט עס איך „וועטשערע" אין דעם זעלבן הויז, ווידער אַמאָל אין דער געזעלשאַפט פון מענער־חסידים. פון דערווייטנס טראָגן זיך מוזיק־טענער פון טאַנגאָ און אַ געזונטער יונגער געלעכטער פון גע־מישטע פּאָרלעך, בין איך נישט קיין שעמעוודיקער און בעט דעם באַלע־באָס, ער זאָל מיך אַריינפירן אין יענעם צימער און פאָרשטעלן פאַר זיינע טעכטער.

אביסל אין אַ פאַרלעגנהייט, אָבער מען אנטזאגט מיר נישט. אין אַ מינוט אַרום געפין איך זיך צווישן בילד־שיינע דריי יידישע יונגע מייד־לעך און דריי עלעגאַנטע פּוילישע אָפיצירן, וועלכע שטעלן זיך אויף העפלעך און קלינגען מיט די שפּאָרן, ווען זיי רופן אָן זייערע נעמען...

אָט איז סאָליע, די קאָקעטישע טאָכטער פון יידישן גוט־באַזיצער רפאל בראַמער און אָט איז די בלאָנדע רייזעלע אָרבאַך, די גרושה, וואָס האָט אָוועקגעוואָרפן איר חסידישן מאַן און וואַרט אויף אַ נייעם באַשערטן...

איך האָב פאַרבראַכט אַ קורצע צייט מיט דער פרעמדער, פריילעכער כאַליאַסטרע, פאַר וועלכער איך, מיט מיין אייראָפּעאישער קליידונג און ידיעות פון אַ וועלט־רייזנדן, בין אַ שטיקל סענסאַציע. איך דערמאָן זיך, איך בין דאָן געקומען פון אַ רייזע פון צפון־אַפריקע און סיי די מיידלעך, סיי די עלעגאַנטע אָפיצירן האָבן מיך נישט געוואָלט אָפּלאָזן און אַלץ געבעטן דערציילן פון מיינע עקזאָטישע איינדריקן. אָבער איך מוז זיך איילן, ווייל אָן אַנדער „פּובליקום" וואַרט אויף מיר. דאָס זענען די קינ־דער פון די פינטשעווער פאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן זיך צונויפגע־זאַמלט אין „חלוצים־קלוב" און ווילן אויך הערן וואָס דער גאַסט האָט צו דערציילן.

דאָרט זענען שוין קיין פּוילישע אָפיצירן נישטאָ. דאָרט איז מען מיך מכבד מיט הערינג, מיטן באַרימטן קעז און מיט אַ „הוירא". וויל איך פאַרגעסן די סצענע פון פריער, קען איך נישט, מיך מאַטערט אַזוי די דיספּראָפּאָרציע צווישן די אייניקע גבירישע הייזער און אָט דער טייערער יוגנט, וואָס טאַנצט און זינגט יידישע פאָלקס־לידער.

דערציילט מיר מיין פריינט, דער בוכהאַלטער:

„אָט דאָס, וואָס איר האָט געזען ביי אונדזער גביר אין שטוב, איז אַ רעזולטאַט פון אַ פאַלשער דערציאונג, וואָס זיי גיבן זייערע קינדער, די יינגלעך אין די ישיבות, אין פאות און לאַנגע קאַפּאָטעס; די טעכטער דערצויגן אין דער גוואַישער גימנאַזיע אויף דער ראָמאַנטיק פון מיצקע־וויטשן און וויספּיאַנסקין...

* * *

שפּעטער האָב איך, צוזאַמען מיטן רב, ר' אבעלע, באַזוכט די אַלטע פּינטשעווער שול, וועלכע האָט געבלאַנקט מיט אירע היסטאָרישע מעשענע מנורות און בלעכן, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעקריצט די נעמען פון אַמאָליקע שטאָט־באַלעבאַטים. איך זע אויך דעם אַלטן גומענעם סטעמפּל פון ק"ק פּינטשעוו, אויף וועלכן עס געפינט זיך אַ בוים מיט ברייטע צווייגן. וואָס איר פאָרם קומט מיר פאַר באַקאַנט און איך זאָג דעם רב, אַז אַזעלכע ביימער וואַקסן אין רוים. זיי הייסן „פּיניעס" און אַ גאַנץ וועלדל פון זיי געפינט זיך אויפן באַרימטן היסטאָרישן באַרג פּינטשיאָ, פון וועלכן עס עפנט זיך די וווּנדערבאַרע פּאַנאָראַמע פון שטאָלצן רוים.

זאָגט מיר דער רב, אַז אויך ער האָט געהערט, אַז גאָר אַמאָל איז דער פּריץ פון פּלאַץ, ווו פּינטשעוו שטייט איצט, געקומען פון אַ רייזע קיין רוים און געבראַכט פון דאָרט אַ יונגע פּיניע, וועלכע ער האָט פאַר־פּלאַנצט אין זיין גאָרטן. פון דאַנען זאָל שטאַמען דער נאָמען פּינטשעוו, אַזוי קרוביש נאָענט צו יענעם באַרג אין רוים, פון וועלכן, לויט דער לעגענדע, דער אימפּעראַטאָר נעראָן, האָט צוגעזען און צוגעשפּילט צו דער גרויסער שרפה...

יאָ, די גרויסע שרפה... פּינטשעוו איז אַוועק אין איר פייער צוזאַמען מיט די טייערע יידן פון אַפּט און סטאַשאָוו, פון בוסק און סטאָפּניצע.

אין די טויערן פון רוים, אונטערן באַרג פּינטשיאָ, זיצט נאָך אַלץ געשמידט אין קייטן דער מלך המשיח און וואַרט אויף דער שעה פון גאולה...

אין פּינטשעוו טאָגט שוין נישט מער, אָבער די זון גייט לאַנגזאַם אויף איבער די דעכער פון ירושלים...

XXVIII

אַ שטעטל אין די פּינסקער בלאָטעס

איך האָב זיך מיט אַ צייט צוריק אויף דער אויסשטעלונג פון ארץ ישראל געטראָפן מיט אַ באַקאַנטער, וועלכע איך האָב שוין יאָרנלאַנג נישט געזען — דאָס איז די אַמאָליקע ענערגישע חלוצה ליזאַ גאָרעליק, די טאָכטער פון אַ גרויסן למדן און מופלג, אַ מרא־דאתרא פון קאָזשאַן־גאָראָדאָק, אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל צווישן פּוילן און רוסלאַנד, און ווי אַלטע גוטע פריינט האָבן מיר זיך דערפרייט מיט דער אומדערוואַרטער באַגעגעניש. זי געדענקט און איז מיר דאַנקבאַר, וואָס איך האָב איר מיטגעהאָלפן מיט צוואַנציק יאָר צוריק אַריינצוטרעטן אין דעם הכשרה־פונקט נעבן שטעטל אָפּאָטשנע און שפּעטער צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ ישראל. זי איז געווען גליקלעך מיט די אַנטוויקלונגען אין איר לעבן, מיט איר מאַן און די קינדערלעך, די „סבראַס" אין תל אביב. מיט איר פירמע פון פיינע לעדער־אויסאַרבעטונגען, תוצרת־הארץ, וואָס גאַנץ ארץ ישראל קען אונטערן נאָמען „מכון ליזאַ".

— נו, און אייער פאָטער דער רבֿ?

— מיין פאָטער, ר' הלל גאָרעליק, איז שפּעטער אַוועק קיין אַמעריקע און געוואָרן רבֿ אין בוסלינגטאָן, ווערמאָנט. אָבער איז דאָרט געשטאָרבן אין די בעסטע יאָרן...

— און אייער שוואָגער, דער רבֿ ר' יעקב דאַנישעווסקי, מיט וועמען איך האָב זיך באַקאַנט אין קאָזשאַן־גאָראָדאָק, בעת מיין זיין דאָרטן מיט אַרום צוואַנציק יאָר צוריק?

— ער איז איצט רב אין בעיאָן, ניו דזשוירזי, אויך עמיגרירט באַ־צייטנס...

און אַזוי שמועסנדיק לעבט אויף פאר מיר די פאַנאָראַמע פון יענעם פרילינגס־טאָג אין יאָר 1926, ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען אויף אַ באַזוך אין די פאַרוואָרפענע געגנטן פון פאָליעסיע, כדי צו אָרגאַניזירן קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־בענק אין די צאָלרייכע יידישע שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען געווען צעוואָרפן צווישן די וועלדער און זומפן, וואָס געפינען זיך אַרום פינסק און רוסיש־פוילישן גרענעץ.

איך האָב ליב געהאַט צו רייזן איבער יענע פרימיטיווע שטעטלעך, פאַר וועלכע פינסק איז געווען די הויפּט־שטאָט; צו פיל פון זיי האָט נאָך נישט דערגרייכט די אייזנבאַן, און איך פלעג זיך טרייסלען מיט „דראָנגאָווע" פורן אין זומער, אָדער זיך גליטשן אויף ברייטע שליטנס אין ווינטער, און דערנאָך זיך דערוואַרעמען אין דער האַרציקייט פון די האָרעפּאַשנע יידן און זיך קוויקן מיט די אייגנאַרטיקע רעדערייען און לעבנס־פאָרמען.

געדענק איך מיין דעמאָלדיקן אַריינפאָר קיין קאָזשאַן־גאָראָדאָק. עס איז נישט געווען אַזוי לייכט דאָרט צוצוקומען. פריער האָט מען אַ גאַנצן טאָג געדאַרפט פאָרן פון וואַרשע קיין פינסק, נאַכהער, נאָכן אָפּ־פאַרטיקן זיך אין די בענק דאָרטן, האָב איך זיך אָנגעהויבן „שלעפּן" מיט די פורן קיין יאַנאָוו, פון דאָרט קיין מאָטעלע, דאָס ראָמאַנטיש־שטרויענע שטעטעלע, וווּ דר. חיים ווייצמאַן איז געבוירן געוואָרן, און פון דאָרט קיין לוניניעץ, און נאַכהער פאָר איך אַריין אין קראַנץ, פון די שטעטלעך, וואָס ליגן שוין האַרט ביים סאָוועטישן גרענעץ: מאַקשעוויטש, לענין, לאַכווע, קאָזשאַן־גאָראָדאָק...

ווי אין פאַרביקן קאַליידאָסקאָפּ־בילד גייען איצט פאַר די אויגן פון מיין זכרון יענע שטעטלעך, וואָס זענען פאַרוואָרפן געווען צווישן וועלדער און זומפן, אָבער דאָך אַרויסגעלויכטן מיט זייערע רבנים, מיט זייער ענערגישער יוגנט, מיט זייערע פאָלקס־שולן און ביבליאָטעקן. וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט ס'זענען געווען דאָרט די יידן אין פאַרגלייך מיטן פינצטערן, אָבערגלויבישן ווייס־רוסישן „מוזשיק" אין די „לאַפּטיעס" מיטן קאָלטע־נעוואַטן קאָפּ האָר און תמעוואַטן קוק פון די וואַסערדיקע אויגן. אָבער,

אַז עס איז געקומען די גורל־שעה און די היטלעריסטישע חיה האָט באַ־טראָטן דעם זומפּיקן באָדן פון פּאָלעסיע, האָבן די „תמעוואַטע״ פּויערים, וועלכע האָבן הונדערטער יאָרן געלעבט בשלום, געהאַנדלט און געוואַנדלט צוזאַמען מיט זייערע שכנים, די שטעטלשע יידן, געגומען פונדעסטוועגן זייערע העק און זעגן און געשאָכטן, געממיתט און אויסגעראָטן אונדזער איינגעפונדעוועטע פּאָלעסיער גזע. עס קלינגט שוין מער נישט קיין יידיש ליד, קיין יידיש געלעכטער אין יענער געגנט. פּאַריתומט שטייען די אַלע יידישע שולן און בתי־מדרשים און יאָמערן מיט בענקשאַפט און אומעט נאָך זייערע קינדער, וואָס זענען אַוועק און אויף אייביק פאַרשניטן געוואָרן...

אָבער דאַן, אין יאָר 1926, בין איך געפאָרן מיט לייבל דעם בעל־עגלה פון לאַכווע קיין קאָזשאַן־גאָראָדאָק. פון ווייטן זעען מיר שוין די שטרויענע דעכער פון שטעטל. נאָר וואָס איז דאָס? די פור פאַרהאַלט זיך נעבן אַ צעגאָסענעם טייך; די גאַנצע שטאָט איז מיט אים אַרומגערינגלט; די הייזער שטייען אין וואַסער און אויף די גאַסן פאָרן שיפלעך. איך באַמערק ווי אַ גרופּע קי שווימט פּאַמעלעך צו אַ פּלויט, מסתמא איז דאָרט זייער שטאַל; פון הייזלעך מיט שטרויענע דעכער און הילצערנע „גאַניקלעך״ שפּרינגען אין קליינע „לאָדקעס״ יידן אין קאַפּאָטעס און ווייבער אין שייטלען...

איך רייב זיך די אויגן און פאַרשטיי נישט ווו לייב דער בעל־עגלה האָט מיך פאַרפירט: צי אין ווענעדיק, די איטאַליענישע וואַסער־שטאָט אויפן אַדריאַטיק, צי אין פאַרוואָרפענעם שטעטל אין די פּאָלעסיער זומפּן?

נאָר איך האָב נישט קיין צייט צו טראַכטן, ווייל דער בעל־עגלה שרייט עפּעס אויף אַ מאָדנער שפּראַך, וועלכע איז ענלעך צו רוסיש, אָבער מיט יידישע ווערטער, צו אַ באָרוויסן שייגעצל, וואָס שטייט אין אַ שיפל און פּליסקעט מיט אַ שטעקן אין וואַסער. דאָס שייגעצל ווערט פּלוצלינג לעבעדיק, פירט צו זיין „יאַכטע״ צו אונדזער פור און מיט דער גרעסטער עלעגאַנץ, ווי עס וואָלט געפּאַסט פאַר אַ „גאָנדאָליער״ אין סאַמע ווענעדיק, פרעגט ער מיך, וווהין ער זאָל מיך פירן. ווייס איך גאָרנישט וואָס צו ענטפערן. נאָר דאָ קומט מיר צו הילף ליזע, דעם רבס טאָכטער, וועלכע איז אויך געקומען מיט דער זעלבער פור צוריק אין איר היימיש שטעטל.

זי באַמערקט װיציק: „קיין האָטעל דאָ פאַרמאָגן מיר נישט; איר קענט נאָר נעכטיקן ביי ר׳ שעיהן דעם גביר, װעלכער פאַרמאָגט אַ באַזונדער צימער מיט אַ בעט, און פאַרװיילן קענט איר זיך אויסשליסלעך ביים רב אין שטוב, װו אין אָװנט נאָך מעריב קומען זיך צונויף די משכילים און רעדן פון פאָליטיק...״

װיים איך שוין, הייסט דאָס, געננוי, װו איך האַלט, און הייס מיך פירן צום גביר ר׳ שעיהן.

װייזט זיך שפּעטער אַרויס, אַז יאָר־יערלעך, צװישן פּסח און שבועות, גייט אַרויס דער טייך צנא פון די ברעגעס און באַדעקט מיט אַ טיפן שטראָמענדיקן װאַסער די שטעטלעך אַרום; מוזן זיך די מענטשן צו דעם צופּאַסן און באַװעגן זיך אין שיפלעך.

אפילו אין שול, אין דער קולטור־געביידע פון זיבעצנטן יאָרהונ־דערט, פאָרט מען אַריין מיט אַ שיפל גלייך אין „פּאָליש״ אַריין, און דאָס זעלבע צו דער באָד, װו די מקוה הייבט זיך שוין אָן ביים סאַמע אַריינגאַנג...

ר׳ שעיה דער גביר נעמט מיך אויף גאָר פריינטלעך, הייסט אויס־בעטן דאָס אייזערנע בעטל פאַר אורחים מיט דריי קישנס און צװיי פּערענעס, כאָטש אין דרויסן איז היפּשלעך װאַרעם; איך עס געשמאַק די שיסל זויער־מילך, געדיכט באַשאָטן מיט פעפער, און ביים צו מיטן שמעקנדיקן ראַזעװען ברויט. נאָכהער דערלאַנגט מען די שװאַרצלעכע פרישע זיס־פיש פון טייך פריפּעט, געקאָכט אין זויערן. באַלד קומט אויך „צושװוימען״ אויף זיין שפּאָגל־נייער „גאָנדאָלע״ דער אינטעליגענט פון שטעטל, מנשה דרעבסקי — דער לייטער פון אונדזער נאָר װאָס געגרינ־דעטער באַנק. ער טראָגט גאָלדענע ברילן. ער איז אויך דער איינציקער אין שטעטל, נישט רעכענענדיק דעם רבס געבילדעטע טאָכטער, װאָס רעדט רוסיש און אַ ביסל פּויליש און שרייבט אויס די װעכנטלעכע צייטונג פון פּינסק. מנשה איז זייער נישט צופרידן, װאָס דער גורל האָט אים באַשטראָפט צו װוינען דװקא דאָ, אַנשטאָט צו אַנטװיקלען זיינע פּילזייטיקע טאַלאַנטן אין אַ גרעסערער שטאָט, מעג דאָס זיין אין פּינסק, אָדער אפילו אין שכנותדיקן לונינעץ...

— וואָס קען איך דאָ דערלעבן, צווישן דער אבערגלויבערישקייט און פינצטערקייט, וועלכע באַהערשן אונדזער לעבן. אָט נעמט צום ביישפּיל די געשיכטע מיטן לערער, וועלכן מיר האָבן אַראָפּגעבראַכט דאָ נישט לאַנג פון בריסק. ער האָט זיך נעבעך געמוזט אָפּטראָגן גאָר שנעל צוריק און נאָך מיט חרפּות... מען האָט אָנגעהויבן אין שטעטל מורמלען אַלץ העכער און העכער, אַז דער לערער איז אַ משוגענער, און ווער ווייסט דאָס וועלן אָנטרויען זיינע קינדער אַ „צעדרייטן״? ארויסגעוויזן האָט זיך אָבער אָט וואָס: די יידענע, ביי וועלכער דער לערער האָט געהאַט אַ קליין צימערל, האָט ליב געהאַט יעדן פרימאָרגן אַ קוק טון אין לעכל פון דער „קליאַמ־קע״, וואָס אַ שטייגער טוט אַזוינס אַזאַ „געבילדעטער״ יונגערמאַן פון בריסק? און דערזען האָט זי אַזוינס, וואָס עס גלוסט זיך פּשוט אויס־שפּייען... דער יונגערמאַן האָט יעדן פרימאָרגן, אַנשטאָט לייגן תפילין, זיך געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, אויסגעשפּרייט די הענט און די פיס, דערנאָך זיך אויסגעדרייט, ווי אַ האַלבער ראָד, דערנאָך געמאַכט עפּעס משונהדיקע העוויות מיטן קערפּער אויף רעכטס און אויף לינקס, און זיך געקנוילט ווי אַ שלאַנג... נישט אנדערש ווי אַ קליפּה איז אין אים אריין, האָט די יידענע דערציילט שפּעטער אין דער ווייבערישער שול. פאַרשטייט זיך, אַז די באַלעבאַטים האָבן אָפּגענומען זייערע קינדער פון דעם „משוגענעם״ לע־רער, און ער האָט זיך געמוזט וואָס שנעלער אָפּטראָגן פון שטעטל... גיי דערקלער זיי, וואָס אַזוינס איז „שוועדישע״ גימנאַסטיק, און פאַרוואָס דער יונגער לערער האָט „געדרייט״ מיט די הענט און פיס יעדן פרימאָרגן.

איך לאָך זיך פונאַנדער און מאַטער דרעבסקין, ער זאָל מיר נאָך דערציילן פון זיינע שטעטלשע איבערלעבענישן, און מיין מנשה לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן.

— איר קענט — זאָגט ער — פּלאָטקינען, דער שליח פון קרן היסוד? ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט אַראָפּקומען דאָ אין פּינסק און באַ־גליקן אונדזערע יידן מיט אַ ציון־רעדע. גאַנץ פיין! ווו רעדט מען? אין יחוסדיקן בית־מדרש אויפן מאַרק. איז געקומען די גאַנצע יוגנט, אָבער אויך אַ פּאָר פרומאַקעס האָט זיך פאַרגלוסט צו הערן, וואָס דער „מגיד״, דער שליח, וועט דאָ דערציילן. אָבער אַז פּלאָטקין האָט זיך שוין גאָר־גאָר צעהיצט, דערציילנדיק וועגן די קאָלאָניעס און וועגן ירושלים, עיר־הקודש,

האָט זיך פלוצלינג דערהערט אַן אויסגעשריי: „זעט נאָר ווי דער „שליח" האָט זיך דאָס צעלאָזן! און אַן „ארבע־כנפות טראָגסטו כאָטש?"

פלאָטקין האָט זיך אַ צעמישטער פאַרהאַלטן אין מיטן פון דער רעדע, און פּרובירט עפּעס שטאַמלען, אָבער נאָך אַ פּאָר יידן האָבן אָנגעהויבן מאָנען שטאַרקער:

— הער נאָר דו, מגיד איינער! פּאָנפּע נישט, רעד קלאָרע דיבורים! צי טראָגסטו אַן ארבע־כנפות צי נישט?

פלאָטקין פּרובירט פאַררעדן די „ציין" מיט געשיכטעס פון שיבת־ציון, אָבער אייניקע פּאָר געזונטע הענט ציען אים אַראָפּ פון דער בימה, שפּילן אָפּ זיין רעקל און הויזן און געפינען טאַקע נישט קיין ציצית. וואָס זאָל איך לאַנג דריידן, קיינער האָט זיך פאַרן אָרימען פלאַטקינען נישט אָנגענומען, און לייבל דער בעל־עגלה האָט אים באַלד אויף קהלס חשבון אָפּגעפירט צו דער באַן־סטאַנציע... די לעצטע ווערטער זיינע זענען געווען: „דאָס שטעטל איז פינצטער, ווי סוף חודש די נאַכט"...

אָבער ווען איך האָב אין אָוונט געמאַכט אַ וויזיט ביים יונגן בלאָנדן רב ר' יעקב דאַנישעווסקי, האָט ער קלוג געשמייכלט אין זיין קורץ בלאָנד בערדל, ווען איך האָב אים דערציילט מנשה דרעבסקעס „אָנקלאַגע" קעגן די יידן אין שטעטל און געזאָגט:

— עס איז נישט אַזוי שרעקלעך. מיר האָבן דאָ אייניקע הונדערט פאַמיליעס טייערע פאַרהאָרעוועטע יידן, וואָס לעבן אָרענטלעך און פאַר־שטייען זיך נאָך נישט אויף די שווינדלערייען פון לעבן. די באַלעבאַטים עקספּאָרטירן אָקסן קיין וואַרשע, אָדער שיקן דאָרטן אונדזערע מחיהדיקע פיש. די בעלי־מלאכות, די שוסטערס מיט די שניידערס, גייען אַ גאַנצע וואָך איבער די דערפער, לייגן לאַטעס אויף די גראָבע פּויערישע „סער־מיגעס" אָדער קלאַפּן פלעקלעך אין די מיט סמאָלע געשמירטע „שטי־וואַליעס". אויף שבת קומען זיי זיך אַלע צונויף אין זייערע הייזלעך אויפן „זאַמד", ווו מען דאַוונט מיט תמימות, מען זאָגט תהילים און מען הערט אַפילו אַ שיעור „עין יעקב". האָט איר דען געוואָלט, אַז זיי זאָלן פאַר־שטיין, פאַרוואָס דער נייער לערער שטעלט זיך יעדן אין דער פרי צען מאָל אויפן קאָפּ און פינף מאָל קריכט ער אויף אַלע פיר? פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן בעסער געגלויבט דער יידענע, וואָס האָט אַליין

געזען דורכן לעבל. אַ משוגענער איז ער פאַר זיי, וואָס דען?... מיר מוזן האָבן אַ ביסל מער ליכט אין שטעטל, און דאָס קומט שנעלער ווי איר קענט זיך פאָרשטעלן.

אויף מאָרגן שיף איך זיך דורך די וואסערדיקע געסלעך, דורך די בעל־מלאכהשע הייזער, געדעקט מיט שטרוי, און דורך די באַלעבאטישע שטיבלעך געדעקט מיט הילצערנע שינדלען. אָט פאַרט אונדז אַנטקעגן אין אַ שיפל פול מיט „קאָזשוכן״ (פויערשע שעפסענע פעלצן), מלך, דער הויכער, דער „אַטלעט״ פון פינסק. ער גרייט זיך צו צום גרויסן יאריד, וואָס קומט דאָ פאָר גלייך נאָך שבועות, ווען דאָס וואסער לאָזט זיך אָפּ, און אין דעם איזאָלירטן שטעטל הויבן אָן זיך אָנצופאָרן די פויערים איינקויפן שטאָטישע זאכן. דאַן לייגט זיך מלך דער גרויסער, אַ ייד אַ גביר, פונאנדער מיט זיין „סטראַגאַן״ סחורה. ביי אים קען מען נישט גנבענען, ווי ביי אַנדערע יאריד־הענדלער. פויערים האָבן מורא פאַר זיין בליק און פאַר זיינע שטאַלענע לאַנגע הענט. ווען זיי כאַפּן אַ גנב פאַרן קאַרק.

און אָט טרעפן מיר דעם בחור פון לונינייץ. ער איז דאָ געקומען אַ חתן ווערן פאַר אַ באַלעבאטישער טאָכטער. קלאָגט ער זיך, אַז מען לאָזט אים אויף אַ מינוט נישט אַליין מיט זיין כלה. אפילו שבת נאָך מיטאָג, ווען ער קלייבט זיך אוים מיט איר אויף אַ שפּאַציר אין סאָסנאַוועץ וועלדל, ביים מינסקער שליאַך, שלעפּט זיך נאָך פון וויטן, ווי נאָך אַ לויה, חלילה, אַ כאָפּטע קינדער. זיי מיינען גאַרנישט, זיי ווילן נאָר זען וואָס טוען חתן־כלה, ווען זיי שפּאַצירן צוזאַמען אין וועלדל ביים זומפּ...

דער רב האָט גראַד יענעם טאָג געהאַט אַ שווערע דין־תורה צו פּסקענען, און ער דערציילט מיר וועגן דעם מיט זיין קלוג־באַהאַלטענעם שמייכל. זאַנוול דער ישובניק האָט צוגעזאָגט זיין טאָכטער אין נדן אַ פיינע, מילך־רייכע קו, אָבער ערב דער חתונה האָט זיך די קו גראַד „געקעלבט״ און געבוירן אַ געזונטן אָקסל. טענהט דער ישובניק, אַז דער רך־הנולד, דער בכור פון דער קו, געהערט אים און גייט נישט אַריין אין נדן... שרייט אָבער דער חתן, אַז דאָס האָט זיין „נדן״ געבוירן דאָס קעלבל, און אַז צו אים געהערט עם צוזאַמען מיט דער חשובער מאַמען — די קו...

בקיצור, דער רב האָט צוגעפּסקנט דאָס קעלבל צום „נדן" און מען וועט היינט פירן מיט מזל חתן־כלה צו דער חופּה...

חול־המועד פּסח איז געקומען די אמאַטאָרן־טרופּע פון לוניניעץ; מען האָט געשפּילט „הערצעלע מיוחס", צום ערשטן מאָל אַ טעאַטער אין שטעטל.

וויפל ביטערע טרערן קינדער האָבן פאַרגאָסן אין די הייזער פון זייערע פרומע טאַטעס, וועלכע האָבן זיי נישט געוואָלט דערלויבן זען „טריאַטער", קען מען גאָרנישט באַשרייבן... אָבער דער לעבעדיקער שפּייכלער, פון דער פייערלעשער קאָמאַנדע, איז געווען פול געפּאַקט, בעת דער פאָרשטעלונג. עס וואָלט אַלץ געווען גוט, ווען נישט אַ טרויעריקע געשעעניש. יינגלעך־לאָבוסעס זענען אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך פון שפּייכלער, כדי דורך די לעכער דאָרטן כאַפּן אַ „אומזיסטן" קוק אויף דער פאָרשטעלונג. זענען זיי אָבער געווען אומפאָרזיכטיק און איבערגעקערט די גאַנצע „קאַטקע" וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אָנגעגרייט אויפן דאַך אין פאַל פון אַ שרפה... דאָס וואַסער האָט פאַרגאָסן דעם לוניניעצער ליבהאָבער „הערצקען" גראָד אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך דראַמאַטיש צעהיצט אין זיין מאָנאָלאָג. איז, פרעגט שוין נישט, וואָס פאַר אַ ווערטער דער דורכגעווייקטער „אַקטיאָר" האָט דאָרט גערעדט צום עולם. יעקב גאָרדין האָט זיי געוויס נישט געשריבן, און די צניעותדיקע יידישע טעכטער האָבן זיך געררויטלט פאַר בושה, ווען זיי האָבן דערהערט די צונעמעניש, מיט וועלכע „הערצעלע מיוחס" האָט זיי אַלעמען באַשאָנקען...

אָט דאָ אין דער רויטער „הייזקע" געפינט זיך די אַפּטייק פון שטעטל. דער פאַרמאַצעווט, וואָס קען אייגנטלעך די חכמה פון מאַכן די רפואות, איז גראָד געוואָרן מאָביליזירט צום מיליטער, אָבער כדי אַ יידישע פאַמיליע זאָל נישט פאַרלירן איר פּרנסה, האָט ער איבערגעלאָזט זיין ברודער אַלס שטעלפאַרטרעטער.

אייגענטלעך איז דער ברודער אַ סטאָליער גאָר, און מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ גאָר גוטער בעל־מלאכה, אָבער אויף מישן מעדיצינען פאַרשטייט ער זיך ווייניק. איז וואָס טוט ער? אזוי ווי קיין דאָקטאָר איז דאָך סיי ווי סיי נישטאָ אין שטעטל און דער „שערערל", דער פעלדשער שרייבט נישט קיין לאַטיינישע רעצעפּטן, איז דעריבער די אַפּטייק טע־

טיקייט זייער באַגרענעצט. אַ ביסל ריצן־אייל צום „מעגעלע״, אַ פּלאַס־טער אָדער „סקיפּידאר״ צום איינרייבן, דאָס קען אַ סטאָליער אויך פּאַרקויפן. אָבער אַז אַ גוי קומט מיט אַ רעצעפּט פון דאָרפישן פעלדשער, גיט מען זיך אויך אַן עצה. מען רייבט אריין אַ ציקאָריע אין געקאָכטן וואַסער און מען שיט נאָך צו אַ ביסל „קמינעק״ צום ריח. אַזאַ פלעשעלע „רפואה״ איז אי געפאַרבט און עס קען נישט שאַדטן. אַ ראיה, דערוויייל איז נאָך פון דעם קיין גוי נישט געשטאָרבן...

* * *

עס איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. דאָרט אין דער איטאַליענישער ווענעציע שפּרודלט איצט פון סעניאָרעס און סערענאַדעס, פון עלעקט־רישע לאַמפּיאָנען און קלינגענדיקע מאַנדאַלינעס, און דאָ, אין „ווענעציע״ ביי פינסק, איז עטוואָס אומעטיקער. עס שטייען צוויי בערדיקע יידן און האַלטן אין דער הויך בליץ־לאָמפּן, כדי איך זאָל קענען אריינשטייגן אין שיפל, וואָס דאַרף מיך אָפּפירן צו מיין אַכסניא. ארום איז די אמתע מצרים פינסטערניש, וואָס דרינגט אַזש אריין הינטערן קאָלנער. אויף אַ נאָענטן הויף קוויטשען חזירים אָדער מען קוילעט זיי, אָדער זיי טרינקען זיך. אין אַ שמאָל וואַסער־געסל קומט אונדז אַנטקעגן די קריסטלעכע „אינטעליגענץ״ פון שטעטל, דער שרייבער, דער לערער און פּאָליציי־קאָמאַנדאַנט. ביי זיי איז שוין נאָך „קידוש״, און דעריבער זינגט מען גאַנץ פיין אַ כאָבאַליש זמרל. און אַז מען דערזעט אונדזער „יידיש״ שיפעלע, באַגריסט מען אונדז גאַנץ „פריינטלעך״ מיט אַ רוסישן „מי שברך״ ביזן... טאַטן אריין איינשליסלעך...

ווער מיר דערשווימען ביז ר׳ שעיהס גאַניקל, הייסט זיך אונדזער „גאָנדאָליער״ דער שגצל, באַצאָלן פופציק גראָשן, און איך גיב אים אַ גאַנצן „זלאָטע״ (20 סענט). כאַפּט ער די מטבע אין די ציין, כדי זיך איבערצייגן, אַז זי איז נישט קיין פאַלשע, און שווימט שנעל אַוועק אָן אַ „זיי געזונט״. אַ קשיא אויף אַ מעשה — אפשר האָב איך חרטה?

* * *

אויף מאָרגן פאַרטאָג פירט מיך ווידער לייבל דער בעל־עגלה איבערן האַרטן וועג, אין דער ריכטונג צו דער באַן־סטאַנציע אין שטעטל לאַכווע.

איך האָב טענות צו מיין פורמאַן לייבל, וואָס וועקט אויף זיינע פּאַסאַ־זשירן אין מיטן דער נאַכט און ברענגט זיי צו דער באַן מיט שעהען פריער, איידער דער צוג קומט אָן.

— אין אַמעריקע — זאָג איך צום בעל־עגלה — גייט אָפּ יעדע צען מינוט אַ באַן און אַלע קומען צו דער צייט...

— נישט מעגלעך — דרייט לייבל סקעפּטיש מיטן קאָפּ — יעדע צען מינוט אַ צוג? ווי אַזוי פאַרשפּעטיקן זיי נישט די באַן?

* * *

דאָס איידעלע אויפגעראַמטע שטעטל לאַכווע באַגעגנט מיך מיט אַ שמייכעלדיק־אויסגעצוואָגענער פרילינגס־זון. דאָ האַלט זיך דער טייך אין די ראַמען פון זיינע ברעגעס, און נוצט אויס זיין ענערגיע אויף דרייען די רעדער פון וואַסער־מילן. ביים ברעג, צווישן די פונאַנדערגעבליטעביימער, שטייען ווייס־רוסישע פויערטעס מיט פּלאַטשיקע נעזער, אָנגע־טון אין משונהדיקע בגדים, די פויערטעס כאַפּן פיש אין פאַרצוויגענע נעצן, צאַפּלדיקע, לעבעדיקע פיש פאַר פופציק גראָשן אַ פונט. נעבן באַנק וואַרט שוין אויף מיר דעם רבס זון, דער בוכהאַלטער און לערער. פון דער נאָר־וואָס געענדיקטער געביידע פון דער נייער פאָלקס־שולע דער־טראָגן זיך פריילעכע יונג־יידישע לידער.

טייערע יידעלעך, זילבערנע קולכעלעך, פאַרוואָס זענט איר פאַר־שטומט געוואָרן, נאָך איידער איר האָט צייט געהאַט צו געניסן פון לעבן? פאַרוואָס?.. .

XXIX

די נאָוואָראַדאָמסקער דינאַסטיע

דאָס איז געווען אין יאָר 1925, אויף אַ פֿאַרווייַלונג פֿון וואַרשעווער ליטעראַטן־פֿאַראיין, אין זיין באַרימטן לאָקאַל אויף טלאָמאַצקע דרייצן.

הונדערטער שרייבער, זשורנאַליסטן און געסט האָבן אָנגעפֿילט די פֿאַרהעלטניסמעסיק נישט גרויסע זאַלן, ווו עס איז געווען דער יידישער ליטעראַרישער אַדרעס אין פּוילן און אויך אַ צוציאונגס־קראַפֿט פֿאַר דער קליינשטעטלדיקער יוגנט, וואָס האָט געוואָלט בעת אַ וואַרשעווער וויזיט כאָטש אָן אָטעם טון מיט דער לופֿט פֿון זייערע באַליבטע דיכטער און פּובליציסטן, וועלכע מען האָט דאָ געקענט זען היימיש און אינטים. אָט עסט דער עסטעט יוסף העפּטמאַן געמאַרענירטן הערינג און דער עסייאיסט י. מ. ניימאַן טרינקט טיי מיט בוימל־חלה... עס קומט אַריין דער פּויליש־רעדנדער נתן שוואַלבע, אָנגעשטאָפּט מיט נייעס פֿון אויסערן־מיניסטעריום, און שיט עס אויס פֿאַר אַ גרופּע קאָלעגן.

דער דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש זיצט אין ווינקל מיט אַ „ליטעראַרישער ביילאַגע”, אַזוי האָט מען גערופֿן די מיידלעך, וועלכע האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו די שרייבער, און דערציילט איר מיט אַ בייראָניש־ליידנדיקן אויסדרוק אויפֿן פּנים די געשיכטע פֿון זיינער אַ לעצטער ליבע.

דער אצילותדיקער סעקרעטאַר פֿון פֿאַראיין, מלך ראַוויטש, דאַן נאָך יונג, אָבער מיט נישט קיין קלענערער אַטאַקירנדיקער וויזיע ווי היינט, דיסקוטירט מיט אַ גרופּע יונגע דיכטער די טעזן פֿון זיין דאַן פּאָפּולערן פֿאָרטראָג איבער „פֿרייער ליבע”, וועלכער האָט פֿאַרכאַפּט די פּראָגרע־

סיווע עלעמענטן פון יידישן שטעטל אין די דעמאָלסטדיקע פרימאָרגן־יאָרן פון אויפוואכונג.

אויף דער עסטראַדע, אונטער דעם גרויסן אויל־בילד פון י. ל. פּרץ, שפּילן יידישע כּלי־זמר אַן ארגענטינישן טאַנגאָ, און דאַן הויבן זיך אויף פון טישל דער קליינינקער, בלאָנד־בלאָסער הערש־דוד נאָמבערג, און לאַדט איין צום טאַנץ אַ יונג מיידל.

דאָס פּאָרל בילדעט אַ היבשן קאָנטראַסט: ה. ד. נאָמבערג טאַנצט מיט אַן אָנגעשטרענגטן אומעטיק געזיכט, אַזוי ווי אימיצער זאָל אים נויטן. ער שטעלט די פיס ווי אַ מתמיד, וועלכן דער טאַנץ־רבי האָט אָנגעזאָגט, ווען מען דאַרף אַ דריי טון רעכטס, אַ טופּע טון לינקס, און שטעלן זיך אויף די שפּיץ פינגער. און דאָס מיידל, מיטן קאָפּ בלאָנדע לאָקן באַוועגט זיך נאַטירלעך, שוועבנדיק, אַ ביסל גישט זיכער אין די אָרעמס פון איר טאַלאַנטפולן קאַוואַליר...

צוזאַמען מיט מיר זיצן ביים טישל און אָבסערווירן נאָמבערגס באַלעטישע באַמיאונגען צוויי לאַנדסלייט זיינע: דער ווי אַ שפּרינגפעדער רירעוודיקער וויינבערג, דער פאָטאָגראַפיסט פון שטאָט נאָוואָ־ראַדאָמסק און זיין יונגע עקסצענטרישע טאָכטער זוליאַ. און ווען דער טאַנגאָ איז געענדיקט, זעצט זיך אַוועק ביי אונדזער טישל דער פאַרשוויצטער נאָמבערג. ער אָטעמט שווער; ער איז קענטיק אָנגעשטרענגט; אָבער ער פרייט זיך צו זען מיינע געסט, וועלכע איך האָב געבראַכט אין ליטעראַטן פאַראיין, כדי זיי זאָלן האָבן וואָס שפּעטער צו דערציילן אין שטעטל.

ה. ד. נאָמבערג האָט יאָרן לאַנג פאַרבראַכט אין נאָוואָראַדאָמסק, ווו זיין מוטער, די אַלמנה, האָט חתונה געהאַט מיטן „שאַרפן" גערער חסיד און נגיד ר' איטשע שטערנפעלד.

ער צערעדט זיך מיט וויינבערגן וואָרעם וועגן יענער שטאָט, אויף וועלכער עס הערשט שוין כּמעט הונדערט יאָר דער גייסט פון גרינדער פון דער ראַבייאישער דינאַסטיע פון „תפארת שלמה" (ר' שלמה ראַדאָמסקער). ער וויל וויסן, וואָס הערט זיך אין רבינס הויף, ווו עס ציט נאָך איצט דעם גאָלדענעם פאָדים פון חסידות דאָס אייניקל פון „תפארת שלמה", ר' שלמה חנוך הכּהן.

די טאָנגאַ אַטמאָספערע אַרום אונדז ווערט פּלוצלינג אָנגעזאַפּט מיט רירנדיקע זכרונות פון נאָמבערגס קינדהייט, מיט אַ וועלט פון חסידישע שאַטנס, פון וועלכע דער שרייבער איז אַזוי ראַדיקאַל אַוועק.

דערציילט דערביי נאָמבערג אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד פון זיין קינדהייט, ווען ער האָט געלערנט גמרא ביים אַמסטעוווער רב און מען האָט דאָן פאָראויסגעזאָגט, אַז דער עילוי נאָמבערג וואַקסט אַ גדול בישראל, אַ גרויסער רב, פאַרשטייט זיך. אָבער — זאָגט נאָמבערג — די קליפּה, לא עליכם, האָט זיך אַריינגעכאַפּט צווישן די תלמידים, און מיר פלעגן שפּילן אין די אָוונטן אין קאָרטן. מען האָט דאָס שנעל דער־טראָגן צום אַמסטעוווער רב און איינמאָל אַ שבת־צו־נאַכט, ווען מיר האָבן געהאַלטן אין מיטן אין „אָקע" אין צימערל פון מיין חבר אלימלך שוואַרץ, קלאַפּט מען אין טיר און איך דערהער דאָס הוסטעלע פון מיין רבין. ענטפער איך דורך דער טיר מיט אַ שטימע פון אַ מת, וואָס קומט צו חלום: „אויב דער וואָס קלאַפּט קומט מיט גוטע כוונות, זאָל ער אַריינ־קומען, אויב אָבער ער מיינט אונדז שלעכטס צו טון, זאָל ער בלייבן אינ׳ דרויסן"...

„דער רב איז קיין נאָר נישט געווען און איז שווייגנדיק אַוועק. אָבער מיט אייניקע טעג שפּעטער, ווען איך האָב איבערגעזאָגט דעם בלאַט גמרא אויסנווייניק און מיט היץ, האָט מיך דער רבי פּלוצלינג אָפּגעשטעלט מיט די ווערטער: „דו זעסט, הערש־דוד, אויב דו וועסט אין צען יאָר אַרום זיין אַ פרומער ייד און אַ לערנער, וועט דאָ אויף מיין גלאַטער האַנט אויסוואַקסן האָר"... מיר האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז די נבואה ׳יינע איז אַ רעזולטאַט פון מיין קאָרטן־שפּילן.

„אגב, ווי איר ווייסט, איז די פאָראויסזאָגונג פון אַמסטעוווער רב מקוים געוואָרן נאָך פריער ווי אין צען יאָר אַרום. ווען איך בין שוין נאָך דער חתונה מיט דער ראַדאָמסקער שיינהייט מאַשעלע געפאָרן אויף ימים־נוראים קיין גער צום רבין, האָט מיך דאָ אין וואַרשע אין מיטן וועג פאַרהאַלטן אן אַנדער „רבי", און מיט אים בין איך שוין געבליבן"...

נאָמבערג ווייזט אָן מיטן פינגער אויפן פאַרביקן פּאָרטרעט פון י. ל. פּרץ, וועלכער קוקט אויף אונדז אַלעמען אַראָפּ פון וואַנט, און ער זעצט פאָר ווייטער:

„אָבער ווען אין נאָוואָראַדאָמסק זענען אין גיכן אָנגעקומען די „הצפירה"־נומערן מיט מיינע אַרטיקלען און דערמיט איז שוין באַשטעמפּעלט געוואָרן דער פּריערדיקער קלאַנג, אַז איך בין געוואָרן אַן אַפּיקורס, איז דאַן געקומען קיין וואַרשע מיין נגידישער שווער ר׳ מרדכי שאַפּיראָ מיט מיין יונג ווייבל מאַשעלע, און מען האָט מיך געגנויט, איך זאָל זי אָפּגטן. און כך־הוה, כאָטש זי, מאַשעלע, האָט נישט געוואָלט און האָט ביים גטן ביטער געוויינט"...

דער אָרקעסטער הויבט אָן צו שפּילן עפּעס אַ לעבעדיקן שימי־מאָטיוו און ה. ד. נאָמבערג, אַ ביסל אַן אויסגעטרוקנטער פֿון פּריערדיקן שוויצן, לאַדט איין זוליען צום טאַנצן. דער פֿאָטאָגראַפּיסט וויינבערג גיט מיר אַ זאָג: „אַזוי איז ער שוין, מיין גרויסער לאַנדסמאַן, אַמאָל געשפּילט אין קאָרטן און פּלעגט פֿאַרשפּילן, שפּעטער זיך אַריינגעצויגן אין ביליאַרד און זעלטן אַריינגעיאָגט די קויל אין נעץ, און איצטער וויל ער טאַנצן, טרעט ער אויף די פֿיס פֿון מיין טאָכטערל. איך קען אָפּטמאָל נישט פֿאַרשטיין די דאָזיקע גרויסע גייסטער, דאַכט זיך, אַזאַ פּקח, אַזאַ טיפֿער מענטשן־קענער, און אַזוי אָפֿט אַ קרבן פֿון קליינלעכע מענטשלעכע שוואַכקייטן"...

* * *

נאָך אין דעם זעלבן יאָר האָב איך באַזוכט נאָוואָראַדאָמסק, אָדער ווי די פּאָליאַקן האָבן די שטאָט גערופֿן, ראַדאָמסקאָ.

זי איז שוין נישט געווען די זעלבע חסידישע פֿעסטונג, ווי אין די צייטן פֿון נאָמבערגס קינדהייט. ווען איך האָב אַ פֿרעג געטון דעם פּרעזידענט פֿון אונדזער קאָאָפּעראַטיווער באַנק, ר׳ יצחק שאַפּיראָ, וויפֿל אַפּיקורסים זענען געווען אין שטאָט פֿאַרן „פֿינפֿטן" רעוואָלוציאָנערן יאָר, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון ציילן די פֿינגער פֿון זיין לינקער האַנט... ער האָט פֿאַרבויגן אַ פֿינגער מיטן „בונדיסט" אַליבאַרדע, נאָכהער מיט איינעם ז. שרייבער, נאָכהער האָט ער אַ זאָג געטון דעם נאָמען ווייס, דערמאָנט נאָך אַ נאָמען און ביי דעם געבליבן, אַלע, הייסט עס, אַפּיקורסים האָט מען דאַן געקענט אָנציילן אויף די פֿינגער פֿון איין האַנט.

און די אַנדערע צען טויזנט ייִדן? זיי זענען יעדן פֿרימאָרגן געלאָפֿן דאַווענען אין גרויסן בית־מדרש, אין נייעם בית־מדרש, אין שול ביים

רבינס הויף, אין גערער שטיבל, אין קאָצקער, אין אמשינאָווער און נאָך אין צענדליקער בתי־תפילה. נאָכהער האָבן זיי אָנגעפילט דעם מאַרק, געטאַפּט אין די פורן ביי די פויערים און אין די קליטן זענען געזעסן די בריהדיקע יידענעס און געזאָרגט פאַר פרנסה פון די לומדישע מענער.

און טאָמער, חס־וחלילה, איז דער רבי שלאָף געוואָרן, האָט זיך דאָס לעבן כמעט אָפּגעשטעלט אין שטעטל. מען האָט געוואַרט אויף אַ וואָרט, אויף אַ ווונק פון רבינס הויף, ווי גייט עס אים דאָרטן, צי די היץ איז שוין אַראָפּגעפאַלן. עפּעס אַ קלייניקייט — הונדערט יאָר רבישע די־נאַסטיע פון „תפארת שלמה״.

דער לעצטער רבי, ר׳ שלמה העניך הכהן, האָט געירשנט פון זיין גרויסן עלטער־זיידן נישט נאָר די גאונישע לומדות, נאָר אויך זיין וועלט־לעבן שכל־הישר. ער האָט דאָס באַנוצט צום מסחר און עס האָט אים שטאַרק אָפּגעגליקט. ער איז רייך געוואָרן, געקויפט פאַר קליינגעלט גאַנ־צע גאַסן מיט הייזער אין בערלין, און שפּעטער געצויגן פון זיי אַ גוואַלדיקע הכנסה. אָבער מיט דעם ריזיקן איינקונפט האָט ער געגרינדעט אַ רייע ישיבות אונטער דעם נאָמען „כתר תורה״. ער האָט פון זיינע אייגענע מיטלען אויסגעהאַלטן די פיל הונדערטער לערנער דאָרטן מיט עסן און קליידונג. דער לעצטער ראַדאָמסקער רבי איז נאָך ביי זיין לעבן געוואָרן אַ לעגענדע. איך האָב זיך אייניקע מאָל געטראָפן מיט זיין איי־דעם, דעם יונגן רב ר׳ משה ראַבינאָוויטש, וועלכער איז צוזאַמען מיט זיין שווער דעם רבין געווען פאַרטון אין אָרגאַניזירן די „כתר תורה״־ישיבות. עס איז געווען צו באַוווּנדערן די פאַנאַטישע מסירת־נפש, מיט וועלכער דער דאָזיקער אויך וועלטלעך זייער געבילדעטער יונגערמאַן האָט דורכגעפירט דאָס אויפבויען און פלאַנצן פון די „הייזער פון דער תורה״.

און זאָל שוין דערביי דערמאָנט ווערן, אַז אויך זייער טויט, דער טויט פון לעצטן ראַדאָמסקער רבין, פון זיין איידעם און פון זייער משפחה איז געווען אַזוי העלדיש און הייליק, ווי גרויס עס איז געווען זייער לעבן.

אין וואַרשעווער געטאָ, אין יאָר 1942, אין דעם הויז פון זייער טרייען חסיד ר׳ נתן־פּנחס (נאַסקע) ערליך, אין טאָג פון זיבעצנטן אב, איז געקומען דער טראַגישער סוף פון דער ראַדאָמסקער דינאַסטיע.

ווען אין ווױנונג פון רבין האָבן זיך אַרײנגעריסן די געשטאַפּאָ־רוצחים און געפאָדערט, ער זאָל אַראָפּגײן אויפן הויף „צו דער אויס־זידלונג" און מיט דעם װײזן אַ בײשפּיל די הונדערטער אַנדערע אײנ־װױנער פון זעלביקן הויז, האָט זיך ר' שלמה־העניך אַנטזאָגט. ער האָט נישט געוואָלט פאַרפירן זײנע שכנים, ער האָט געוווּסט, אַז „אויסזידלונג" מײנט טויט... אָנגעטאָן אין טלית און תפילין האָט ער אַלײן פאַר־אָרדנט, מען זאָל אים דעם ערשטן שיסן, כדי נישט איבערלעבן די בזיונות, און ווען די קוילן זענען געפאַלן, האָבן זײ אײנער נאָך דעם אַנדערן פאַרשניטן דעם לעצטן ראַדאָמסקער רבין, זײן אײדעם, זײערע פרויען, זײערע קינדער און אײניקלעך, צוזאַמען 34 נפשות... דער הײ־סעסטער ווונטש פון רבין איז דאָך מקוים געוואָרן. אַ מנין ייִדן האָט זײ אַלע־מען געבראַכט צו קבר־ישראל אויפן גענשער בית־עלמין נעבן אוהל פון נאָ־וואָמינסקער רבין. דער רבי מיט זײן אײדעם ליגן צוזאַמען; די רביצין אסתרל מיט איר טאָכטער רײזעלע ליגן בשכנות — הנהאבים והנעימים...

* * *

אָט דאָ, אין דער הײזקע, איז געווען באַהאַלטן דער דיכטער לײוויק, ווען ער איז אין „פּינפטן" יאָר אַנטלאָפן פון סיביר און זיך געקליבן „שוואַרצן" די גרענעץ..." אַזוי דערצײלט מיר דער בוכהאַלטער פון אונדזער באַנק.

קוק איך אָן דאָס געסל, דאָס הײזל, רעד איך אויך שפּעטער מיט אלי אַליבאַרדע, וועלכער האָט נישט אײן ייִדישן רעוואָלוציאָנער גע־האָלפן אַנטלויפן קײן אויסלאַנד דורך דער דײטשער גרענעץ, וואָס גע־פינט זיך אַ צען מײל פון שטאָט. ווײס איך אויך, אַז בײם דיכטער ה. לײוויק איז נאָך עד היום געבליבן אַ געפיל פון הײסער דאַנקבאַרקײט צו יענע ייִדישע יונגעלײט אין נאָוואָראַדאָמסק, וואָס האָבן אים אַרוּם־געוויזן אַזאַ האַרציקע גאַסטפרײנטלעכקײט, בעת ער האָט זיך געשלעפּט אומלעגאַל אַזש פון סיביר אין זײן לאַנגן וועג קײן אַמעריקע. און דאָרטן אין שטעטל איז אויך געבליבן אַ געפיל פון שטאָלץ, אַז דאָס האָבן זײ מיטגעווירקט, אַז אין ווײטן אַמעריקע זאָל זיך פונאַנדערבליען אַ גרוי־סער ייִדישער דיכטער.

שפּעטער שוין, האַרט פאַר דער וועלט־מלחמה, ווען איך בין דורכ־געפאָרן מיט אַן אויטאָ פון פּיאָטראָקאָוו קיין טשענסטאָכאָוו און זיך פאַרהאַלטן אויף אַ פּאָר שעה אין נאָוואָראַדאָמסק, האָבן מיר פריינט אָנגעוויזן דאָס הויז, וווּ עס האָט געוווינט זונדל גרינשפּאַן, וואָס האָט אין פּאַריז דערשאָסן דעם דייטשן דיפּלאָמאַט פאָן־ראַט. די וועלט איז דאַן אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דעם שאָס. אָבער די יידן אין נאָוואָ־ראַדאָמסק זענען שטאָלץ געווען, וואָס פון זייער סביבה איז דער נקמה־נעמער אַרויסגעקומען. אגב, האָט מען די משפחה גרינשפּאַן נאָך מיט פיל יאָרן צוריק גערופן אין שטאָט „די קאָזאַקן״, אַן אָנדייטונג, אַז אין די אַלטע צייטן האָבן זיי זיך אויך נישט געלאָזן „שפּייען אין דער קאַשע״.

* * *

מיט אַ יאָר צען צוריק, ווען איך פלעג קומען קיין ניו יאָרק נישט אַלס עמיגראַנט, נאָר אַלס „חשובער״ שליח פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין פּוילן, האָט מיך אימיצער אָפּגערופן אין מיין האָטעל דורכן טעלעפאָן און אַ זאָג געטון:

„מיין ליבער דר. שאַשקעס, איך האָב אייך נעכטן געזען אויף דער פאַרלעזונג אין האָטעל בילטמאָר און באַמערקט, אַז איר טראָגט נאָך ברילן פון דער קאַפּיטאַן דרייפוס־עפּאָכע. דורך אַזעלכע גלעזער קענט איר די מאָדערנע וועלט נישט אָנקוקן. איצט מוזט איר אָנהויבן זען דורך אַמעריקאַנער ברילן. איך האָב שוין די פּריווילעגיע פון געבן אַזעל־כע ברילן, אַלס מתנה, צו אַלע שרייבער און פּאָליטיקער, וואָס קומען דאָ פון אייראָפּע, און דעריבער מוזט איר אויך מיין מתנה אָננעמען. איך וואַרט אויף אייך אונטן אין האָטעל. מיין נאָמען איז משה, אָדער מאָריס שוואַרץ״...

איז מיר געפעלן געוואָרן דער היימיש־חדרישער „ברוך־הבא״, און איך בין מיטן אָפּטיקער מאָריס שוואַרץ געוואָרן שנעל באַפריינדעט. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב מיט דאַנקבאַרקייט אויסגעביטן מיינע אַלט־פרענקישע „פענסנע״ אויף די סאָלידע און דיקע אַמעריקאַנער „גלעזער״. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָט דער משה שוואַרץ איז דער ליטעראַרישער „ספּיריטוס־מאָווענס״ — באַוועגונגס־גייסט — פון דער

דינאַמישער נאָוואָראַדאָמסקער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו יאָרק און אַז ער האָט אפילו די אמביציע געהאַט צו פאַראייניקן זיינע לאַנדסלייט אויפן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

ווען איך האָב שפּעטער באַזוכט און גערעדט פאַר די נאָוואָראַדאָמסקער לאַנדסלייט, האָט געצויגן מיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט די צוגעבונדנקייט פון אַט די אַלע, מערסטנטיילס פרייגעזאָנענע לאַנדסלייט צום זכרון דער ראַדאָמסקער רבישער דינאַסטיע.

איך האָב זיי געהערט דערציילן וועגן דער גרויסקייט פון ר' שלמה־לען, דעם „תפארת שלמה", וואָס איז שוין אייגנטלעך געשטאָרבן מיט אַ יאָר זיבעציק צוריק, און די מעשיות וועגן אים האָבן זיי געקענט הערן נאָר פון זיידעס און טאַטעס. אָבער דאָך ווייסן פיל נאָוואָראַדאָמסקער אין ניו יאָרק, אַז דעם אַלטן רבינס „קידוש לבנה" האָט געמאַכט טאַנצן די יידישע פאָלקס־מענטשן אין גאַס, אַז ווען ר' שלמהלע האָט געדאַוונט שבועות, האָט מען בפירוש געזען די גאַנצע געשיכטע פון „קבלת התורה" און כמעט געהערט די „קולות וברקים" פון באַרג סיני...

עס געפינט זיך אויך צווישן פיל פון דער לאַנדסמאַנשאַפט דאָס העברעאישע ספרל „אוהל שלמה", ווו אַן אייניקל פון „תפארת שלמה", דער פּלאָונער רב ר' יצחק מרדכי, דערציילט, וואָס ער געדענקט פון די מופתים פון זיין גרויסן זיידן.

איר דערוויסט זיך דאָרט, למשל, אַז ווען איינער אַ יידישער מסור האָט פּרובירט אַריינשרייבן אַן אות אין דער ספר־תורה, וואָס די חסידים האָבן פאַרענדיקט פאַרן רבין, האָט די פעדער זיך נישט געוואָלט באַוועגן און אַז דער מסור האָט זי פּרובירט שטאַרק אַ קוועטש טון, האָט די פעדער אים אַ שפּריץ געטון אין אויג און ער איז בלינד געוואָרן...

איך דערוויס זיך אויך וועגן דער גרויסער היפּנאָטישער קראַפט, וואָס דער „תפארת שלמה" האָט באַנוצט מיט קנאַפּע הונדערט יאָר צוריק, איידער די מעדיציינישע וועלט האָט פון דעם געוווּסט. קראַנקע זענען אויסגעהיילט געוואָרן פון קליפּות און דיבוקים און שדים און רוחות פלעגן שנעל פאַרלאָזן די הייזער, ווען דער רבי האָט זיי ענערגיש געיאָגט...

דאָס פאָלק האָט נישט פאַרגעסן די האַרציקייט, די ניגונים און די ליבשאַפט פון זייער אַלטן רבין. ווי אַ גאָלדענער פאָדים ציט זיך דאָס פון

דור צו דור און איז געבליבן שטעקן אין די נאָוואָראַדמסקער משפּחות פון, בראָנקס, פון ברוקלין, פון טשיקאַגאָ, פון קאַנאַדע און פון ווייטן לאָס אַנדזשעלאָס. ווי אַ שטיל געזאַנג שלענגלען זיך די דאָזיקע זכרונות אין די צאַרטע באַשרייבונגען פון שרה האַמער־דזשאַקלין, די ראַדאָמסקער דיכטערין.

קוק איך אָן דעם מאָדערנעם אַמעריקאַנער ייד, מיין פריינט משה שוואַרץ, וועלכער איז פּראָגרעסיוו, ווייט נישט רעליגיעז און זוכט נייע וועגן אין לעבן, ווי ער זוכט זיי אין דעם אָפּטיקער־פאַך, און וועלכער איז באַקאַנט אין גאַנץ אַמעריקע אַלס דער דערפינדער אין דער ברילן־בראַנזשע, און איך פרעג זיך אַליין: ווו נעמט דער מענטש אַזוי פיל פּיעטעט, ווען ער רעדט וועגן „אונדזער קדוש דעם לעצטן רבין", ווען עס בליצן אים די אויגן, דערמאָנענדיק די ישיבות „כתר תורה", ווען ער באַזינגט פּשוט דעם אַלטן לעבנס־שטייגער פון זיין היים־שטאָט, איינע פון די הונדערטער, מיט אירע בתי־מדרשים, שטיבלעך, חזנים, ימים־טובים, מיט אָט דעם רירנדיקן גלאַנץ און פּראַכט פון אונדזער פּוילישער עפּאָכע, וואָס איז אַוועק מיטן רויך פון די בלוטיקע פייערן?!

פאַראַן, ווייזט אויס, ברילן, וואָס קוקן מיט דורות צוריק, וואָס זעען בילדער דורכן געוועב פון זכרונות, און אַזעלכע ברילן קען מען אין ערגעץ נישט געפינען; זיי זענען ערגעץ ווו אין די שוואַרצאַפּלען, וואָס קוקן טיף, צוריק און ווייט.

די פארוואלטונג און פערסאנאל פון דער יידישער פאלקס-באנק אין בריסק-דליטא

[illegible]

XXX

מעזריטשער געשטאַלטן

אין לאַ פּאַז, די הויפּט־שטאָט פון באָליוויע, האָב איך זיך באַגעגנט מיטן ציוניסטישן טוער און שרייבער מ. עדעלבוים, וועלכער איז דאָרט נאָר וואָס אָנגעקומען פון ניו יאָרק. וועגן וואָס רעדן מיר? ער קומט פון א רייזע אין פּוילן, ווו מען האָט געמייסטערעוועט יענע מיסטעריעזע קאַנאַלן, וועלכע פירן קיין ארץ ישראל און אפשר אויף דערוויילע — קיין ציפּערן...

אַרום אונדז שטייט אַ גרופּע יידן, פאַרוואָרפן דאָ אין דער ווילדקייט פון די העכסטע בערג אין אַמעריקע, באַדעקט מיט בלענדנדע שנייען, ווו קיין מענטשלעכער פוס קען נישט צוטרעטן. מיר געפינען זיך אין דער העכסטער הויפּט־שטאָט פון דער וועלט, מיט פינף טויזנט פוס נענטער צום הימל, ווי דער „יונגפרוי"־שפּיץ אין דער שווייץ.

וואָס טוט דאָ ר' שלמה צימערמאַן פון קאָנסק, פּוילן, און דר. הערמאַן הירש פון האַמבורג און דער אַמאָליקער חבר מיינער הערש לעדערמאַן פון וואַרשע און דר. מיללער פון פּרעשבורג, סלאָוואַקיע? איין געמיינזאַמער שונא האָט זיי אַלעמען אַרויסגעבלאָזן פון די אָנגעוואַרעמטע נעסטן אין דער אַלטער היים. דער שטורעם ווינט האָט זיי אויפגעהויבן, ווי עלנטע שטרויעלעך און פאַרזייט העט־העט אין באָליוויע, צווישן דריי מיליאָן פאַרחלומטע אינדיאַנער און אַ ביסל געמישטע, פון שפּאַנישער אָפּשטאַם, רעגירער און סוחרים.

גאָט האָט דאָ מיט אַ ברייטער האַנט געפורעמט די גרויזאַמע לאַנדשאַפט פון דער צעקנייטשטער ערד און אין די פאַלדן פון די בערג

פאַרשטעקט דעם ווערטפולן מעטאַל צין מיט זיין גרעסטער פּראָדוקציע אין דער וועלט.

יאָ... כאַפּן מיר מיט ערדעלבוימען דעם שמועס איבער דעם, וואָס ער האָט געזען אין פּוילן, וועגן דער פּוסטקייט און עלנט אויפן יאַמערדיקן בית־הקברות, ווו מיר ביידע געדענקען דאָס בליִענדיקע לעבן פון אונדזערע אומגעקומענע מיליאָנען.

ערדעלבוים זאָגט, אַז ער האָט נאָר וואָס געענדיקט שרייבן דעם ערשטן טייל פון אַ בוך איבער זיין געבורטס־שטאָט מעזריטש, אין וועלכן ער רופט אַרויס נאָך אַמאָל צום לעבן די מענטשן און יאָרן, וואָס זענען אויף שטענדיק דערטרונקען געוואָרן אין דער נירוואַנע פון אייביקייט...

און אויך איך בין אַזוי פול מיט סענטימענטן צו מעזריטש, די שטאָט צווישן בריסק און וואַרשע, וועלכע איז געווען אַזוי אַנדערש פון אַ דורכשניטלעך יידישן ישוב, האָט פאַרמאָגט פיל דינאַמיק, אַמביציע און געווען הונדערט פּראָצענט פאָלקסטימלעך און יידיש.

און ווען איך פּלי שפּעטער אַלץ נידעריקער. און נידעריקער אין דער ריכטונג צו דער פּערואַנער שטאָט אַרעקיפּאַ, ווו די לופט איז שוין נאָר־מאָל און מען פאַרשפּאָרט אָטעמען מיט די „זשעבערעס״, ווי דאָס געשעט אין באָליוויע אויף דער הויך פון צוועלף טויזנט פוס. טראַכט איך מיט ליבע און פּיעטעט פון יענע צייטן, ווען איך פלעג קומען אַלס גאַסט אָדער געשעפטלעך אין מעזריטש און זיך צונויפגעמישט אויף אירע טומלדיקע גאַסן מיט די קרוב צען טויזנט ברידער און שוועסטער מיינע.

מיט לאַנגע יאָרן צוריק, נאָך אין ערשטן וועלט־קריג, האָב איך זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין מעזריטש כלומרשט צוליב דינסט־ענינים. אין דער אמתן האָט מיך דאָרט געצויגן די יונגיטשקע בלוי־אויגיקע נאַדיע, וואָס איז געקומען פאַרברענגען איר זומער מיט איר שוועסטער פאַניע, וועלכע האָט נאָר וואָס חתונה געהאַט מיטן עלטסטן זון פון חשובן באַלע־באָס ר׳ זלמן קאַזעס. צו די קאַזעסעס האָט געהערט דער איינציקער האָטעל אין שטאָט. אין דעם ווייסן הויז אין מיטן מאַרק איז געווען זייער רייך בשמים־געשעפט מיט כל־טוב; הינטן, אויפן הויף, האָט מען גע־פּאָמפּעט נאַפט פון פעסער פאַר די קרעמער פון דער אומגעגנט. אַ זון פון אַזאַ „שמאַלץ־גרוב״ האָט זיך דעריבער געקענט דערלויבן דעם לוק־

סום אראָפּפאָרן קיין סאמע ביאַליסטאָק, ווו, ווי באקאנט, אללא האָט פארפלאַנצט זיין בלומען־גאָרטן מיט שיינע פרויען און דאָרט זיך אויס־קלייבן די בליענדיקע ברונעטין פאניע, מיטן מאטן פּנים און לאַכנדיקע אויגן, פאר אַ ווייב.

פאניען האָט אימפּאָנירט, וואָס זי וועט ווינען אין דעם בלוילעכן צוויי שטאָקיקן הויז אויף לובלינער גאס בשכנות מיטן קליינינקן, ריי־רעוודיקן דאָקטאָר קאפּלאַן און זיין פּויליש־רעדנדיקער פרוי, וועלכע האָט ביז דאַן געהאַלטן דעם טיטל פון דער „שיינהייטס־קעניגין״ אין מעזריטש. אָבער אַז העשל קאָזעס איז אראָפּגעקומען מיט זיין ניי־דערוואָרבענער ביאַליסטאָקער יפת־תואר און דערצו נאָך זיך באַזעצט אין איין הויז מיטן דאָקטאָר קאפּלאַן, האָט זיך דער פונק פון אייפערזוכט אָנגעצונדן ביי דער שיינער „פּאַליאַטשקע״ צו דער רייצנדיקער „ליטוואַטשקע״... און אַזוי האָט זיך די שנאה געצויגן גאַנצע 25 יאָר, זיך צעפלאַקערט אַלץ שטאַרקער, ווען אַ צווייטער זון פון די קאָזעסעס איז אַ דאָקטאָר געוואָרן — אַ קאָנקורענט, הייסט עס, צו קאפּלאַנען — און געברענט האָט די שנאה אַזוי לאַנג, ביז די שוין מיטליאָריקע פרויען מיט זייערע מענער און קינדער האָבן צוזאַמען אויסגעהויכט די נשמות אין די אויוונס פון גאָר נאָענטן מאַידאַנעק.

אָבער אין יענער ווייטער צייט, ווען איך בין צום ערשטן מאָל גע־קומען קיין מעזריטש, האָט דאָך קיינער נישט געקענט פאָראויסזען אַזאַ סוף. אַלע זענען מיר יונג געווען און אויך מעזריטש האָט מיט יונגן אימפּעט אָנגעהויבן אַלץ העכער און העכער אַנטוויקלען די אינדוסטריע פון חזיר־האָר, וועלכע האָט זי געמאַכט באַרימט אין דער וועלט. געוועזענע אַרבעטער מיט דיקע פאַרקריפּלטע פינגער, אָבער מיט אַ ביסל „אייל אין קאָפּ״ האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט און שוין געפאָרן קיין לייפּציג אויף ירידים. אַנדערע האָבן אָנגעשפּאַרט מיט זייערע סחורות אַזש קיין אַמעריקע. אויף די בלאָטעס צווישן טומלדיקן מאַרק און לובלינער גאַס האָבן אָנגעהויבן אויסוואַקסן צוויי־שטאָקיקע מויערלעך „מיט וואַסער און באַקוועמלעכקייטן״.

אין שיינעם גאָרטן, נעבן גראַף פּאָטאָצקיס הויף, האָט שפּאַצירט דער אַריסטאָקראַטישער באַנקיר מינץ מיטן בלאָנדן בערדל און גאָלדענע

ברילן. ביי אים האָט מען פאַרקויפט אויך די אַקציעס אויפן נאַציאָנאַל־פאָנד, וואָס איז געווען אַ נייעס פאַר די אויפגעקומענע גבירים, וועלכע זענען פון „בונד" אַריבער צו דער שפּעטערדיקער „פאָלקס־פּאַרטיי". מעזוריטש איז די דעמאָלסדיקע יאָרן געווען סקעפּטיש צום ציוניזם; מעז־ריטש איז געווען „רעאַל" און האָט שוין דאַן געוווסט, ווי מען מאַכט אַ דאָלאַר, ווען די מטבע איז נאָך געווען פרעמד אין די אָרומיקע שטעטלעך.

נישט ווייט פון מאַרק האָט געוווינט דער גביר און משכיל ר' שמואל שיימאַן מיט דער געפּוצטער באָרד און גאָלדענע שפּאַקולן. מינץ און שיימאַן זענען געפאָרן אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן. אָבער די מערהייט פון שטאָט האָט נאָך לאַנג־לאַנג געזונגען די „בונדישע" שבועה.

דאַן טאַקע איז צו פּאַניען געקומען איר יינגער שוועסטערל פון ביאַליסטאָק אין עלטער אויף דער גרענעץ צווישן זעכצן און זיבעצן יאָר.

אָט דער נאַדיען בין איך נאָכגעלאָפן אַזש קיין מעזריטש, כאָטש איך האָב זיך געשעמט מודה זיין, אַז זי האָט מיך אין מיטן פון אַ פּאַראַנט־וואָרטלעכער מלחמה־אַרבעט פאַרשלעפּט אין דער מעטראָפּאָליע פון חזיר־האָר.

איך וואָלט אפשר געדולדיק געוואַרט אויף איר צוריקקומען נאָך דער זומער־וואַקאַציע, האָב איך אָבער באַקומען פון איר בריוו, אין וועלכע זי האָט מיטן אויפוואַכנדיקן אינסטינקט פון אַ פרוי באַשריבן, ווי דער לובלינער גובערנאַטאָר האָט בשעת זיין דורכרייזע דורך מעזריטש, פאַר־האַלטן זיין קאַרעטע אויפן מאַרק, כדי אַראָפּגיין און באַגריסן די פאַר־רויטלטע נאַדיען, וועלכע איז געווען אין ערשטן פרילינג פון איר שיינהייטס־טריאומף... און נאָכהער האָב איך באַקומען אַ בריוול, אַז באַריאַ גאָלדבערג, דער הויפּט־וואָיאַזשאָר פון וויסאָצקיס טיי, וועלכער איז געקומען מיט זיין קאָלעקציע נאָר אויף אַ פּאָר טעג, זיצט שוין דאָ מער ווי אַ וואָך און טרעט נישט אָפּ פון איר, נישט אויפהערנדיק מאַכן קאָמפּלימענטן און ברענגען בלומען און „באָמבאָניערקעס"...

מיט וויסאָצקיס אַ וואָיאַזשאָר, וואָס געלט איז ביי אים בלאָטע און אַ צינגל האָט ער אויף שרויפן, איז מיר געווען שווער צו קאָנקורירן. איך האָב זיך דערשראָקן, אַז אָט כאַפּט מען מיר פון אונטער דער נאָז

אױס מײַן בלױ־אױגיק אױסגעחלומט מײדל, און געקומען ראַטעװען די לאַגע, װעלכע איז געװאָרן געפֿערלעך.

אָבער עס איז גענוג געװען די ערשטע באַגעגעניש מיט דער בױגזאַמער יונגער פּאַלמע, װעלכע האָט מיט פֿרײד און ליבע אַ בליץ געטון אױף מיר מיטן באַהאַלטענעם פֿײַער פֿון אירע שאַפּירן, אַז אַ שטײן זאָל אַראָפּפֿאַלן פֿון מײַן האַרץ...

מער האָב איך נישט געװאָלט ריזיקירן: אַ סך „װאָיאַזשאָרן״ דרײען זיך אױף אונדזער װעלטל, אָבער נאַדיע איז נאָר אײנע....

* * *

יאָרן זענען אַריבער... איך קום אָפֿט קײן מעזריטש אַלס רײַפֿער מענטש, װאָס העלפֿט בױען די בענק און די קאָאָפּעראַטיװן פֿון חזיר־האָר־עקספּאָרט. שױן נישטאָ מער די מינצעס און שײמאַנס. נײַע באַלעבאַטים פֿאַרנעמען זײער אָרט. שלמה קאַמיען, דער אַמאָליקער בוכהאַלטער פֿון מינצן, איז איצט בירגערמײסטער; ער איז זיך מפקיר, כּדי אַ ײד אַ טובֿה צו טון. אין זײַן צײַט װערט געגרינדעט די פֿײַערלעשער קאָמאַנדע, װעלכע באַשטײט אױסשליסלעך פֿון ײדן מיט אליהו קאָזעס אַלס קאָמענדאַנט. און װען די ײדישע פֿײַערלעשער מיט זײער יונגן שעף געװינען דעם ערשטן פּלאַץ אין אַ צװישן־שטאָטישן קאָנקורס, צעפּלאַקערט זיך די קנאה בײַ דעם הײפּל פּאָליאַקן אין מעזריטש און זײ גרינדן אַ קריסטלעכע פֿײַערלעשער קאָמאַנדע, די אײנציקע פֿון דעם מין אין דער גאַנצער װעלט. צינדט זיך ערגעץ אָן אַ הױז, לעשט מען עס מיט װאַסער פֿון ײדישע און פּױלישע „קישקעס״... אָבער װען דער פֿלאַם האָט אַרומגעכאַפּט אַלע ײדישע הײזער פֿון מעזריטש, װען אליהו קאָזעס איז שױן געװאָרן דער קאָמענדאַנט פֿון דער געטאָ־פּאָליצײ און צוזאַמען מיט כּל־ישׂראל געפֿירט געװאָרן אין די קאַלך־אױװנס, איז קײנער נישט געװען, װער עס זאָל קומען לעשן... „עס ברענט, ײדן, עס ברענט, אונדזער שטעטעלע ברענט!...״ און פֿאַרברענט געװאָרן.

* * *

אָ! די ײדן פֿון מעזריטש האָבן פֿאַרמאָגט אַמביציע. פּױלישע כוליגאַנעס האָבן מיט יאָרן צוריק אונטערגעצונדן די פֿאָלקס־שולע, איז אין

משך פון א קורצער צייט אויפגעבויט געוואָרן א פּרעכטיקער נייער בנין אנשטאָט דעם פאַרברענטן, דעם הילצערנעם.

צוזאַמען מיטן ליבן יוסף העפטמאַן, דעם איצטיקן פאָרזיצער פון זשורנאַליסטן פאַראיין אין ארץ ישראל, איז אויף מיר אויסגעפאַלן דער כבוד פונאַנדערוויקלען די בלוי־ווייסע פאָן פון דער נייער מעזריטשער „תרבות״־שולע. עס איז געווען א שמחה, וועגן וועלכער מירביידע וועלן זיך מסתם דערמאָנען דורך טרערן...

איך דערמאָן זיך אויך, אז נישט אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי אידיליש בעת די שטורמישע צייטן, ווען אין מעזריטש זענען פאָרגעקומען שטאָ־טישע אָדער פאַרלאַמענט וואַלן.

נח פרילוצקי, דער פירער פון די פאָלקיסטן, האָט מעזריטש געהאַלטן פאַר זיין פעסטונג, און ער האָט דאָרטן געצויגן די גרעסטע צאָל שטימען... אין 1928 יאָר, בעת די שטורמישע סיים־וואַלן, האָט מיך דער „נאַציאָ־נאַלער בלאָק״ דעלעגירט קיין מעזריטש באַקעמפן די פאָלקיסטן. מען האָט געהאַלטן, אז צוליב מיינע פאַרדינסטן ביים אויפבויען די ארבעטער־קאָאָפּעראַטיוון וועט זיך מיר אפשר איינגעבן אָפּרייסן שטימען פון פרילוצקין לטובת הארטגלאַסן, דעם ציוניסטישן קאַנדידאַט.

דער גרויסער מאַרק איז אין יענעם טאָג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א קאָכיקן „דיסקוסיע־קלוב״ מיט געשרייען און קלעפּ. שטעקנס האָבן געפאָכעט אין דער לופטן; גוטע ברידער האָבן זיך נישט דערקענט, אויב נאָר זיי האָבן געהאַלטן פאַר די קאָנקורירנדיקע קאַנדידאַטן, ווי אין פּסוק שטייט: „ואומר לאחיו לא הכיר ואת בניו לא ידע״... (און ער זאָגט צום ברודער: איך קען דיך נישט, און פון זיינע זין וויל ער נישט וויסן...).

אין אָוונט, בעת דעם מיטינג, איז דאָס געשלעג אריבערגעטראָגן געוואָרן אין רויט־ציגלדיקן פייערלעשער הויז. פון דער טריבונע אויבן האָב איך געזען א מאַסן־סצענע מיט קעגנזייטיקע פלאַסטישע באַוועגונ־גען, וועלכע וואָלט אָנגעטון א כבוד מאָרים שוואַרצס קונסט־טעאַטער, אויב נאָר עס וואָלט זיך אים איינגעגעבן באַקומען אַזעלכע טעמפּעראַ־מענטפולע סטאַטיסטן, ווי די מעזריטשער יוגנט בעת די וואַלן.

נאָכהער, שוין אין די לעצטע יאָרן פאַר דער קאַטאַסטראָפע, איז צוגעקומען די פרישע מחלוקת איבערן נייעם רב: „עמך״ איז פאַרליבט

געווען אין דער מאַיעסטעטישער געשטאַלט פון הויכן ייד מיט דער לאַנגער „הערצל־באָרד" און יום־טובדיקער אַטלאַסענער קאַפּאָטע אין דער וואָכן. אָבער די יוסטע באַלעבאַטים און ציוניסטן האָבן דאָך גע־האַלטן מיטן אַלטן רב, האָט זיך אַנטוויקלט אַ העפטיקע קריגעריי, און ווידער זענען שטעקנס געפלויגן אויפן מאַרק צווישן דער גאַזאַלין־סטאַנ־ציע און דעם „פּלומפּ"...

אין יאָר 1942, ווען יידן זענען פאַרשפּאַרט געווען אין די ענגע, שמוציקע הייזלעך פון געטאָ, עק פון שטאָט, איז עטוואָס אַזעלכעס געשען, וואָס וועט נאָך לאַנגע יאָרן שיינען ליכטיק אין זכרון פון די מעזריטשער יידן: אין יענעם יאָר זענען ערב־שבועות אַריינגעקומען אין געטאָ עטלעכע טויזנט אַרויסגעטריבענע קראָקעווער יידן. זיי זענען געקומען פאַרחושכטע, הונגעריקע, נאַקעט און באָרוועס. אָבער די מעזריטשער יידן, אַליין אין ענגשאַפט און נויט, האָבן מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען די אָנגעקו־מענע.

אַן אויפרוף איז דאַן פּובליקירט געוואָרן פון קהילה־ראַט, אין וועלכן עס איז צווישן אַנדערעס געזאָגט געוואָרן:

„ברידער טייערע, נעמט אויף די קראָקעווער יידן, אונדזער בלוט און פלייש, ווי חשובע אורחים... ווו מ י ר נעכטיקן, וועלן ז יי נעכטיקן, ווו מ י ר וועלן גיין, וועלן ז יי גיין. איין פאָלק זענען מיר, איין גאָט אין הימל וועט אונדז אַלעמען העלפן..."

קלינגט דאָס נישט, ווי יענער פּאַטעטישער רוף פון רות צו נעמי אויף די פעלדער פון מואב אין אויפוואַכנדיקן פרילינג פון דער ליבע, וואָס האָט געבראַכט צום געבורט פון דוד המלך?

* * *

ניין, זיי האָבן זיך נישט געראַטעוועט... מיט אַן אומעטיק שמייכל איז איבער די ניו יאָרקער גאַסן אַרומגעגאַנגען דער אַמאָליקער ליבהאַרציקער בירגערמייסטער פון מעזריטש, ר' שלמה קאַמיען. ער איז דאָ געקומען פאַרן קריג און זיך אַלץ געריכט, אַז אויך זיין פאַמיליע וועט ער אַרי־בערנעמען. ער האָט געוואַרט און געהאָפט, אַז זיין שטאָט איז אין גאַנצן נאָך נישט אונטערגעגאַנגען און אַז ער וועט זיין פון די ערשטע, וועלכע וועלן איר טראָגן הילף...

מעזריטשער אין אַמעריקע, אין אַרגענטינע, אין בראַזיל און קובאַ, אומעטום, ווו זיי אַנטוויקלען נאָך איצט זייער חזיר־האָר מסחר, פלעגן שרייבן צו שלמה קאַמיען, פרעגן, זוכן ביי אים אַ טרייסט־וואָרט. ער פלעגט אויך צו מיר אין שטוב אַרויפקומען און מיר האָבן אָפּט דערמאָנט די צייטן, ווען די דאָקטאָרשע קאַפּלאַן האָט זיך גענומען צום האַרץ, וואָס שענערע פרויען קומען אָן אין שטאָט, און ווען עס האָט זיך געטון „חושך״, ווען דער יחסן אברהם קאַזעס האָט חתונה געהאַט מיט אַ בלעכערס אַ טאָכטער...

אָבער אַז שלמה קאַמיען האָט זיך דערוווסט דעם ביטערן אמת: נישטאָ קיין ווייב, נישטאָ קיין קינדער, נישטאָ די גאַנצע שטאָט, האָט אים זיין ליבער שמייכל פאַרלאָזט, איז ער אַוועק אין שטוב, זיך געזעצט „שבעה״ און — געשטאָרבן. אונטערגעגאַנגען מעזריטש, נישטאָ מער קיין פּלאַץ פאַר איר יידישן בירגערמייסטער — אַזוי האָב איך גערעדט צו אַ פאַרזאַמלטן עולם מעזריטשער אין קבורה־הויז אויף איסט בראָדוויי, ווו די שאַטנס פון עבר האָבן זיך באַוויזן אין קאַמיענס מיטה.

XXXI

יום־כפור אונטער באָמבעס

דאָס איז געווען יום־כפור 1939 און כאָטש ס'איז אריבער נישט מער ווי עטלעכע יאָר, דוכט זיך מיר, אַז שוין מיט הונדערט יאָר צוריק האָב איך פאַרלאָזן וואַרשע, מיין היים־שטאָט, און געוואָנדערט איבער געפערלעכע פּלעצער, און דורכגעמאַכט בזיונות, און געפלויגן איבער ימים — פול מיט וואַסער און מיט ליידן...

שוין דעם צוואַנציקסטן טאָג דויערט דאָס באָמבאַרדירן וואַרשע, פון אָנהייב זענען די באָמבעס געפאַלן שפּילעוודיק, שאַדנדיק מייסטנס די הייזער אין די פאַרשטעט.

מיר זענען זעלטן אַרונטער אין קעלער, פון וועלכן מען האָט אויס־געראַמט די צעשאָטענע קאַרטאָפל און די אַלטע שמאַטעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעקליבן פון דורות.

עס איז געקומען ראש־השנה, און פונקט צו מעריב האָבן די נאַציס אַראָפּגעוואָרפן צינדר־באָמבעס אויף דער יידישער אָרימקייט פון וואַרשע — אויף מילע, אויף דזשיקע, אויף מוראַנאָוו און נאַלעווקעס.

אָנשטאָט ק י ד ו ש אויף וויין האָבן שוין געברענט אויף ק י ד ו ש ה ש ם צענדליקער אומשולדיקע אַלטיטשקע, פרויען און קינדער...

אויף מאָרגן האָט די דייטשע ראַדיאָ אָנגעזאָגט דער וועלט וועגן „ניי־יאָר מתנות", וועלכע די באַרבאַרן האָבן געשענקט דעם „אויסדער־ווײלטן פאָלק" אין טאָג פון זיין יום־טוב.

אָבער די נערוון האָבן זיך נאָך געהאַלטן. אין די הייזער האָט מען געלעבט פון דעם ביסל אָנגעגרייטן עסנוואַרג. אין די קעלערס האָט מען זיך געטיילט מיט די אָרימע שכנים, וועלכע מ׳האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען און דערקענט, נאָך א צען יאָר אָפּלעבן צוזאַמען אין איין גרויסן הויף.

איך פלעג יעדן טאָג לויפן אין דער יידישער קהלה אויף גזשיבאָווסקע אויספילן די פליכטן, וועלכע איך האָב געהאַט אלס מיטגליד פון יידישן בירגער־קאָמיטעט.

באַמבעס פלעגן פאַלן און איך פלעג לויפן פון טויער צו טויער איבערוואַרטנדיק די אַלאַרמען. איך געדענק, ווי אין טויער נומער 71 אויף גזשיבאָווסקע, איז געפאַלן א באָמבע און אָנגעמאַכט א חורבן; געוועזן געהרגעטע און פאַרוואונדעטע. פון אייניקע פענצטער האָט זיך געקייקלט א רויך, און יידן, דוכט זיך אַזוי פאַרשריענע אלס שוואַכינקע, אלס „טרוסן״, האָבן זיך גענומען ראַטעווען די אַנדערע אונטערן פייער פון ווייטערדיקע באָמבעס. דאָס האָבן געטון אפילו מיידלעך און עלטערע באַלעבאַטים.

איך קום אין קהלה... אויפן דאַך זענען געשטאַנען אַנטי־לופט־האַרמאַטן מיט אייניקע פּוילישע זעלנער. די דייטשן האָבן אַלץ געזוכט צו טרעפן אין דער געביידע, אָבער די באָמבעס האָבן חרוב געמאַכט די הייזער אַרום.

מיר מוזן אָפּהאַלטן א קורצע באַראַטונג. צוזאַמען מיטן אינזשיניער טשערניאַקאָוו און סענאַטאָר קערנער זעצן מיר זיך אַוועק אין א ווינקל פון שטיינערנעם קאָרידאָר, אויסרעכענענדיק, אַז טאָמער וועט אַריינפאַלן א באָמבע אין דער געביידע, וועט אונדזער אייזן־בעטאָנענער ווינקל אויסהאַלטן. די ווענט ציטערן, די שויבן פאַלן אַרויס, און מיר באַראַטן זיך ווי אַזוי צו שיקן קברנים אויפן גענשער בית־עולם, וווּ עס וואַרטן שוין פון ראש־השנה 690 יידישע מתים, צעריסענע פון באָמבעס, געטראָפענע דורך קוילן.

ענדלעך דינגט מען פאַר גרויס־געלט, צו 25 זלאָטעס א טאָג, א גרופּע יידישע און קריסטלעכע אַרבעטער, וועלכע שטעלן איין זייער לעבן,

און אונטער דער אָנפירונג פון איבערגעגעבענעם „קעניג פון די מתים", ר' משולם קאַמינער, לויפט מען גראָבן ברידער־קברים.

אָבער צו די ערראָפּלאַנען־אַטאַקעס פּאַראַיִיניקט זיך די דײַטשע מעכטיקע אַרטילעריע, וועלכע דערגענטערט זיך צו דער שטאָט. קיין פּוילישע עראָפּלאַנען, וועלכע זאָלן פאַרטיידיקן די הימלען, זענען שוין מער נישטאָ. אויף די דעכער פון אביסל הייזער שטייען נאָך איבערגעבליבענע האַרמאַטן, וועמענס פאַרטיידיקער זעען אויס ווי העלדישע זעלבסטמערדער; זיי ווילן נישט פאַרלאָזן זייערע פּאָסטנס כל־זמן אַלע קוילן זענען נישט אויסגעשאָסן.

פון מײַנע פענצטער זעט מען דעם זאַקסישן גאָרטן, ווו פאַרבאָרגן צווישן די ביימער שיסט פײַער צום הימל אַ באַטעריע שווערע אַרטילעריע. די שויבן פון מײַן דירה זענען שוין לאַנג אַרויסגעפאַלן. דאָס שלאָף־צימער פון מײַנע קינדער איז דורכגעלעכערט מיט קוילן פון די עראָפּלאַנען. די בילדער אַראָפּגעפאַלן פון די ווענט. אויף דער קאַנאַפּע, אַ טויט־בלאַסער פון ווייטיק, ליגט דער ציוניסטישער פירער און גימנאַזיע־דירעקטאָר דר. ז. עלענבערג. ער איז געקומען צו מיר צו לויפן פון לאָדזש צופוס מיט אַ פאַרוווּנדעטן פוס. מײַן שוועסטער, אַ מעדיצין־דאָקטאָר, מאַכט אים אַ באַנדאַזש. און דאָ פאַלט פּלוצלינג אַראָפּ אויפן זאַקסישן גאָרטן אַ רעגן פון באָמבעס. עס צינדט זיך אָן דער זומער־טעאַטער; עס ברענט ווי אַ ליכט גאַנץ זשאַביע גאַס מיטן פּאַלאַץ פון פירשט זאַמאָיסקי. מיר לויפן אַלע אַראָפּ אויפן הויף און נעמען מיט זיך אויף די אַקסלען דעם ליידנדן דר. עלענבערג. מיר האַקן־אויס אַ לאָך אין שטיינערנעם פּאַרקן פון הויז, כדי שכנים פון זשאַביע גאַס זאָלן קאָנען אַריבערקומען אויף אונדזער זײַט. פּלוצלינג פאַלן צינד־באָמבעס שוין אויף אונדזער דאַך. ער צינדט זיך אָן. מיט קיין וואַסער טאָר מען דידאָזיקע אויל־באָמבעס נישט לעשן, ווײַל דאָס צעשפּרייט נאָך פונאַנדער דאָס פײַער.

אַ גרופּע יידישע יונגעלײַט און פרויען רײַסן זיך אַרויף אויפן דאַך, שיטן אויף די באָמבעס זאַמד, וואָס שטייט אָנגעגרייט אין פעסער. די באָמבעס, גרויס ווי קעפּלעך קרויט, וואַרפט מען אַרײַן אין די זאַמדיקע פעסער פשוט מיט די הענט. ווער קאָן זיי פאַרגעסן די דאָזיקע אַנאָנימע

העלדן צווישן די וואַרשעווער יונגעלייט, וועלכע האָבן אַנטדעקט אין זיך אַ קוואַל פון פאַרבאָרגענע העלדישקייט אַט אין יענע שרעקלעכע טעג.

און נאָכדעם זענען געקומען טעג, ווען קיין וואַסער איז שוין מער נישט געווען און קיין עלעקטריש־ליכט האָט נישט געלויכטן און קיין גאַז האָט נישט געברענט.

באַמבעס און האַרמאַטן האָבן פאַרגעזעצט די צעשטערונג.

עס זענען אָנגעקומען טעג, וועלכע מען האָט פאַרבראַכט זיצנדיק אין טיפן קעלער; נעכט באַלויכטענע פון ברענענדיקע גאַסן; נעכט און טעג, ווען דאָס לעבן האָט פאַרלוירן יעדן טעם און יעדן פּרייז.

עס איז געקומען ערב יום־כפור. ביי מיר אין שטוב פלעג איך זיך שטענדיק דעם טאָג פירן ווי אין הויז פון מיינע עלטערן: מיר פלעגן דורכמאַכן די אַלע רירנדע צערעמאָניעס, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך אַזויפיל אונטערטעניקע חרטה פאַר אַ יאָר זינדיקן: אַזאַ מין אויסלייטערונג און מיסטישע הכנעה פאַרן גרויסן אומפאַרשטענדלעכן.

דאָס מאָל אָבער האָב איך געהאַט אַ טאָפּלט צעבראָכן געמיט: דער עלטערער זון מיינער איז ערגעץ אין ענגלאַנד, דאָס יינגערע יינגל האָבן מיר מיט אייניקע וואָכן צוריק אַוועקגעשיקט צו זיין לערער אין זשאַליבאָזש, אונטער וואַרשע, וויל עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָרטן וועט ער זיין אין אַ קלענערער געפאַר. אָבער מיר זענען פון אים אָפּגעריסן און שוין צען טעג האָבן מיר פון אים קיין ידיעות נישט. יעדן אָוונט קוקן מיר אויף די ווייטע הימלען, וואָס אין צפון פון וואַרשע — די הימלען פון זשאַליבאָזש — און מיר זעען, אַז זיי גליהען פון פייער, אַ סימן, אַז אויך דאָרטן פאַלן באָמבעס. וואָס איז דאָרט מיט אים, מיט אונדזער טייערן קליינעם זון?

די ערב־יום־כפור שטימונג פילט זיך אויך ביי אונדזערע געסט, וועלכע האָבן זיך אָנגעזאַמלט ביי מיר אין שטוב פון פאַרשידענע שטעט. דער באַקאַנטער פאַרטיידיקער פון די פּאָגראָם קרבנות, דער אַדוואָקאַט גרויבאַרט, שיילט קאַרטאָפל צוזאַמען מיט מיין פרוי אין קיך.

דר. עלענבערג שלעפּט זיך אַרום איבער דער שטוב, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. די גאַס קנאַלט פון באָמבעס, אָבער מיר זענען שוין מיד צו לויפן פון פינפטן שטאָק אין קעלער אַריין.

מיר עסן שנעל אויף דאָס לעצטע מאָלצייט פאַרן תענית. ווי אַ בלוטיקע פאַרגייט די זון איבער אַ שטאָט אָנגעפילט מיט פייער און רויך.

אויף אַ ווײַלע גיי איך אַריין מיט מיין פרוי אין שלאָף־צימער. מיר בלייבן אַליין. איך פלעג יעדעס יאָר בענטשן מיינע קינדער. מיר שטאַרקן אונדזערע הערצער און לאָזן נישט אַ טרער, ווען איך שיק־איבער מיין ברכה מיינע טייערע זין — דאָרטן ווו זיי זענען פאַראַן...

כל־נדרי זאָגט מען אין קעלער ביי אַ חלבן־ליכט. עס איז אַ בילד פול מיט אויסגעצויגענע שאָטנס אויף נאַסע ווענט, וועלכע שאָקלען זיך ווי פאַנטאַסטישע מתים. יידן מיט בערד און פאות און יידן וועלטלעכע, שוין יאָרן־לאַנג וויַיטע פון יעדער רעליגיע, שרייען אויס מיט ענטוזיאַזם דעם „אָבינו מלכנו".

אָט אין אַזאַ קעלער פלעגן דאָך גאָר אַמאָל אונדזערע ווייטערע עלטערן, אין שפּאַניע אָדער רוים אויסוויינען זייערע הערצער באַהאַל־טענערהייט פאַרן יידישן „טאַטע אין הימל"...

אָבער איצט איז עפּעס אַנדערש: אין אַ צווייטן ווינקל פון דעמזעלבן קעלער, אויך ביי אַ חלבן־ליכטל, שטייען אויף די קני און וויינען און בעטן אַ גרופּע קריסטלעכע שכנים פון הויף. עס רייסן דאָס האַרץ די ספּאַז־מאַטישע געוויינען פון דער יונגער מוטער, וועמעס מיידעלע איז היינט אַרויס קויפן שפּייז און איז מער נישט צוריקגעקומען. איר יונג קערפּערל איז געלעגן צעריסן אַנטקעגן אונדז אין טויער נומער 1. מען האָט זי דערקענט לויט די נייע שיכעלעך, וועלכע זי האָט געטראָגן אויף די פיס.

אויך די שאָטנס פון די קריסטלעכע דאַווענער ציען זיך פינצטער אויף די ווענט, און די פאַרדעמפטע געבעטן צו דער „הייליקער מוטער פון טשענסטאָכאָוו" מישן זיך צונויף מיט די אָריענטאַלישע טענער פון נישט־פאַרגעסלעכן „כל־נדרי"...

דורך די פאַרשטאָפּטע מיט זאַמד־זעק פענצטער־לעכער פון קעלער דערטראָגן זיך קנאַלן פון אויפרייסן. מיר ווייסן, אַז די גאַסן אַרום זענען שוין אַ ים פייער. מיר דערוואַרטן יעדע מינוט, עס זאָל אַריינלויפן די וואַך, וואָס בייט זיך שטענדיק אין טויער, און אַ געשריי טון: „ראַטעוועט זיך!" דאַן וועלן מיר אַלע לויפן זוכן אַן אַנדער שוץ־קעלער, אויב מיר וועלן

דאָס דערוויזן; אויב די שטוב וועט נישט איינפאַלן און אַלע וועלן באַ־גראָבן ווערן, דאַווענענדיק יעדער צו זיין גאָט...

דערווייל צעליגן זיך שוין די קינדער אויף די ברעטער און שלאָפן. שפּעטער טוליען זיך צו צו זיי די גרויסע, האַלב־וואַכעדיקע, האַלב־שלאָפנדיקע, צוהערנדיק זיך צו דער אַרטילעריע־שיסעריי, וועלכע טאַפּט אָן סיסטעמאַטיש אַלע שטאָט־געגנטן און דערנענטערט זיך מיט דערזעלבער מאַטעמאַטישער אויסגערעכנטקייט יעדע 12 מינוט צו אונדזער גאַס. מיר קאָנטראָלירן דאָס מיטן קליינעם עלעקטרישן לעמפּלביים זייגער און מיט אַ שטאַרקן האַרץ־קלאַפּן, ווען די מינוט דערנענטערט זיך.

פון יעדן גרויסן טרייסל גיבן זיך, פריער פאַר אַלע, די קינדערלעך אויפן דיל אַ זעץ־אַוועק און נאָכדעם פאַלן זיי אַנידער און שלאָפן ווייטער.

פאַרטאָג איז געוואָרן שטיל. באַשלים איך, צוזאַמען מיט אַ גרופּע פריינט, אַריינצוכאַפּן זיך אויפן יום־כפור דאַווענען אין נאָענטן בית־מדרש, וואָס אויף דער פּטאַשע גאַס, נעבן דעם „אייזערנעם טויער". עס איז געווען אַ שיינער פרימאָרגן, און די פּשוטע יידן, פּרוכט־הענדלער, טרעגער און בעלי־עגלות פון יענעם געגנט, צוזאַמען מיט זייערע מאַמעס און ווייבער, האָבן אָנגעפּילט די שול.

דר. עלענבערג, אַדוואָקאַט גרויבאַרד און איך באַקומען פּלעצער אין מזרח־וואַנט. דער אַרבעטער־עולם קען אונדז און מ׳איז צופרידן, וואָס מען איז היינט צוזאַמען.

דער בית־מדרש האָט זיך געפונען אייניקע מינוטן־גאַנג פון מיין שטוב, אָבער ווען מיר זענען אַהין אַריינגעגאַנגען אַ זייגער צען אינדערפרי, האָבן מיר דעם גאַנצן טאָג נישט געקענט אַרויסגיין אפילו אויף אַ מינוט אין גאַס: עס האָט באַלד אָנגעהויבן צו האָגלען מיט אַרטילעריע־באָמבעס אינעם גאַנצן געגנט, און מיר האָבן געהאַט נאָר איין ברירה: שטיין און דאַווענען, ביז עס וועט זיך אַביסל באַרואיקן און מיר וועלן קאָנען לויפן אַהיים.

איז דאָס געווען אַ דאַווענען — אַ יום־כפור־טאָג איינציק און אַליין! די ווייבער, אויבן אויף דער גאַלעריע, האָבן אַזוי געליאַרעמט און געש־ריען, אַז דער אַלטער גבאי ר׳ שלמה האָט געמוזט גאָר שטאַרק פּאַטשן

אויפן טיש פון דער בימה, כדי זיי צו באַרואיקן. נאָכדעם אַ טראַגישער „יזכור" און נאָכדעם אַ דראַמאַטישער „ונתנה תוקף". וועלכער איז אילוסטרירט געוואָרן פון אַזאַ שיסעריי, גלייך ווי דער בית־דין של מעלה וואָלט אַראָפּגענידערט אויף דער ערד און שוין אָנגעהויבן זיין גרויסן משפט...

און ווען דער חזן האָט מיט אַ צעבראָכענער שטימע, וויינענדיק, געזאָגט די „עבודה" און דערמאָנט ווי דער כהן גדול פלעגט מתפלל זיין, אַז גאָט זאָל געבן, אַז דאָס הויז וווּ ער גייט אַריין זאָל זיין קבר נישט ווערן, האָבן מיר אַלע פאַרשטאַנען און געפילט דעם ציטער אין די ווערטער: „גאָט זאָל געבן,אַז אָט דער בית־מדרש אויף פּטאַשע גאַס זאָל אונדזער קבר נישט ווערן"...

דערוויילע זעען מיר, אַז עס ברענען שוין די גרויסע קראָמען פון „וויעלאָפּאָליע" אויפן פּלאַץ פון „אייזערנעם טויער". זיי זענען געשטאַנען הונדערט יאָר און געגעבן ברויט צו טויזנטער, טויזנטער יידן.

און פון באָמבעס צינדט זיך אָן די גאַנצע זשימנע גאַס, דער מאַרק פון יידישע פּרוכט־הענדלער. פלאַמען באַלויכטן די צעבראָכענע פענצטער־לעכער פון אונדזער בית־מדרש. אָן עדה יידן רייסט איין די הימלען מיט זייער יום־כפּור־תפילה; דער וועג אויף אַנטלויפן איז איבערגעשניטן דורך פייער...

דער גבאי ר' שלמה איז מיך מכבד מיט „פּתיחת נעילה". מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ שטיי איך ביים אָפענעם ארון־קודש די גאַנצע שעה, וואָס די תפילה האָט געדויערט. אין דער לופטן טראָגט זיך דער אַזוי אומעטיק־אָפּטימיסטישער נעילה־ניגון, וואָס איז איינגעזאַפּט אין אונדזער בלוט פון די קינדער־יאָרן.

די אָרימע יידן הינטער מיר וויינען ביטער: „עפן אויף די טויערן פון רחמים, בעת עס פאַרמאַכן זיך אַנדערע טויערן, ווייל דער טאָג גייט אוועק". איך זע פאַר זיך אין אָפענעם ארון־קודש נאָר די ספרי־תורות אין די פאַרביקע מענטעלעך, מיט גאָלד און זילבער אויסגעשטיקט מיט די נעמען פון די מנדבים: אַ זון אין אָנדענק פון אַ פאַרשטאָרבענעם פאָטער; אַ כלה אין גרויסן טאָג פון איר חופּה... איך טוליע מיין נאָס פּנים אין די ספרי־תורות און פיל א י ן זיך און א ר ו ם זיך דעם גאַנצן דרוק

פון טויזנטער יאָרן וועג און קאַמף, וואָס אונדזער פאָלק האָט געפירט פאַר איינהאַלטן דעם דאָזיקן סימבאָל פון קיום...

די באָמבאַרדירונג שטאַרקט זיך אַלץ מער. מען לויפט ארויס פון בית־מדרש, ווען עס איז נאָך ליכטיק, און שטיקנדיק זיך פון רויך רייבט מען זיך ביי די ווענט פון די איבערגעבליבענע מויערן. אויפן ראָג פשע־כאָדניע גאַס טרעטן אריין מיינע פיס אין אַ טונקל־רויטער בלוט־קאַליוזשע ארום אַ מענטשלעכן קערפּער, איבערגעדעקט מיט אַ זאַק. איך גיב זיך אינסטינקטיוו אַ קער־אָפּ און דערזע פון הינטן ווי אונדזער אָרימער בית־מדרש ברענט. דאכט זיך נאָר וואָס דאָרט געדאַווענט און שוין האָט אַ פייער צוגענומען אונדזערע תפילות, אונדזערע ספרי־תורות און אוועקגעטראָגן דאָס הויך, גאַנץ הויך — עס דוכט זיך דירעקט צום כסא־הכבוד, ווו עס קומט איצט פאָר דאָס חתמענען די צעטלעך: ווער צום לעבן און ווער צום טויט...

אַזויפיל יאָרן איז געשטאַנען דער דאָזיקער בית־מדרש פון די פשוטע אָרימע הענדלער, טרעגער און פורמאַנעס פון דער פטאַשיע גאַס.

באַשערט געווען מיר, אַ צופעליקן דאַווענער זייערן, שרייבן זיין הספד...

* * *

צוויי טעג און צוויי נעכט האָט נאָך געדויערט די וואַקכאַנאַליע פון פייער און — וואַרשע איז געפאַלן אין די הענט פון די באַרבאַרן.

XXXII

סוכות אונטער די נאַציס

עס ווילט זיך נישט באַנוצן דעם אויסדרוק אַ מ אָ ל י ק ע יידן אין באַצוג צו מיינע שכנים פון גרויסן הויז, ווו איך האָב געלעבט אין וואַרשע.

זיי האָבן נישט געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט נאָר צו דער צאַפּל־דיקער קעגנוואַרט, זיי זענען געווען אַ לעבעדיקער, געזונטער באַשטאַנד־טייל פון יידישן קאָלאָריט, פון וואַרשעווער לעבנס־שטייגער, וועלכער האָט געהאַט אין זיך אַזאַ נאַטירלעכקייט און אויפריכטיקייט. עס האָט זיך געדוכט, אַז נאָך פיל דורות וועלן אוועקגיין און די אָריגינעלע פאַר־ביקייט פון יידישן מיליאָניקן קבוץ ביים ווייסל וועט נאָך אַלץ נישט פאַרלירן איר פרישקייט...

און דאָך... די לעצטע פינף יאָר האָבן דעם טויזנט יאָר אַלטן דעמב — דעם ייד אין פּוילן — אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען. עס ווילט זיך נישט אָפּנאַרן זיך אַליין, נישטאָ שוין מער די באַוועגלעכע, נערוועזע, דינאַמישע יידישע מאַסע, וועלכע האָט באַלעבט די קרוב זיבן הונדערט שטעט, שטעטלעך, דערפער...

ווען עמיצער פון אונדז וועט זיך דאָרט אומקערן, וועט ער מוזן האָבן גאַנץ שטאַרקע נערוון, כדי איבערקומען דעם פייפנדן אומעט פון די פוסטע גאַסן און געסלעך, פוסטע, אַפילו אויב זיי זענען באַזעצט געוואָרן מיט פרעמדע. וואָס גייען זיי מיך אָן, אַט די אַלע קריסטלעכע שכנים אַרום די קראָמען און אויפן מאַרק, אויב מיינע יידן זענען מער נישטאָ!

ווען איך האָב אין א ווינטערדיקער נאַכט ענדע 1939 פאַרלאָזט וואַרשע, כדי זיך ראַטעווען פון היטלערן, וועלכער האָט שוין דאַן געלויערט אויף אונדזערע קעפּ, האָב איך זיך אין דער פינצטערקייט פון די טרעפּ געזעגנט מיט מיין שכן ר׳ שמואל שאַפּירא, וועלכער האָט געווינטשט מיר יאָרן לאַנג א טיר לעבן א טיר.

כאָטש מיר זענען געווען גאַנץ ווייט איינער פון אַנדערן לויטן לעבנס־ארט, אָבער דאָך האָב איך שטענדיק געפילט א וואַרימקייט צו אים און צו זיין פאַמיליע. איך פלעג אַפילו אָפטמאָל מקנא זיין די ג אַ נ צ ק יי ט, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט זיין הויז, די נישט־קאָמפּראָמיסקייט אין רעליגיעזע ענינים, די סאָלידקייט פון זיין געשעפטס־פירונג, דער יידישער סטיל, וועלכער איז געווען דער קאָדעקס פון דער דאָזיקער איינגעפונדע־וועטער וואַרשעווער משפחה. עס האָט געשמעקט מיט די הייזער פון מיינע זיידעס, כאָטש יענע זענען געווען קאַלטע מתנגדים און ר׳ שמואל שאַפּירא — א פייערדיקער גערער חסיד.

ביים „אייזערנעם טויער״, אין די געמויערטע קראָמען פון וויעלאָ־פּאָליע, איז געווען זיין רייך שניט־געשעפט, ווו עס האָט געווימלט פון קונים, ווו א צענדליק „משרתים״ צוזאַמען מיט אייגענע קינדער האָבן פאַרקויפט פאַרביקע פּערקאַלן און סאַטינען אונטער דער הויפּט־קאָמאַנדע פון זיין בריהשע וויב ציפּע, א קליינע דיקלעכע יידענע מיט א גרויסן שייטל אויפן קאָפּ. ר׳ שמואל אַליין פלעגט קומען אין געשעפט, אָבער מיט קיין קונים האָט ער נישט געהאַט צו טון... ער איז געווען א ייד א שווייגער, גערעדט געציילטע ווערטער, א תלמיד־חכם, וואָס איז געווינט צו אַנטוויקלען א געדאַנק מיטן ווונק און מיט א באַוועגונג פון די הענט.

ר׳ שמואל איז געווען א הויכער ייד מיט א בלאָנדער באָרד, שוין שטאַרק דורכגעפּאָדעמט מיט זילבער. אָט פון דער באָרד, ווי א גוטער מוזיקאַנט פון א פידל, פלעגט ר׳ שמואל ארויסנעמען יענע לאָגישע קלוגע עצות, נאָך וועלכע איך פלעג אָמאָל צו אים קומען. ער פלעגט גלעטן די באָרד מיט זיינע איידעלע פינגער, אויסהערן זיין גאַסט מיט קלוגע, קאָנצענטרירטע אויגן און נאָכהער ארויסזאָגן א קורצע מיינונג, וועלכע איך

פֿלעג שוין אַנטוויקלען, ווי מען אַנטוויקלט אַ מאַטעמאַטישע פֿאָרמולע לויט אירע באַשטאַנד־טיילן.

און כאָטש איך בין נישט געווען „מאנשי שלומנו", און נישט אַלעמאָל מסתם וואָלט זיך ר' שמואל אונטערגעשריבן אויף אַלץ וואָס איך טו אָדער זאָג, אָבער עס האָט זיך איינגעשטעלט צווישן אונדז אַ קעגנזייטיקע אַכטונג און פֿריינטשאַפֿט, כאָטש אונדזערע וועלטן זענען געווען ווייט פֿון זיך און דאָס איינציקע מאָל, ווען איך פֿלעג דאַרפֿן צו אים אָנקומען, איז געווען אַ פֿאָרציע חרוסת צו די סדרים.

אָבער אַז עס איז געקומען די מלחמה, מיט די באָמבעס, מיט די שריפֿות און מיט די טויט־שרעקן אין גאַס און אין שטוב, האָבן מיר זיך מיט אונדזערע פֿאַמיליעס באַזעצט צוזאַמען אין קעלער, ווו נאָך מיט צענדליקער פֿאַמיליעס פֿון אונדזער גרויסן הויז האָבן מיר געזוכט שוץ פֿון די דייטשע עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן באַהערשט די לופֿט איבער וואַרשע.

אַ טאָג פֿאַר ערב־סוכות איז וואַרשע געפֿאַלן. די באָמבאַרדירונג האָט אויפֿגעהערט, כאָטש די פֿייערן פֿון די פֿריער אָנגעצונדענע שרפֿות האָבן פֿאַמעלעך נאָך געפֿרעסן גאַנצע גאַסן, קיין וואַסער מיט וואָס צו לעשן איז נישט געווען. דאָס ביסל פֿון פֿריער אָנגעגרייטע שפּייז איז שוין אויסגעגאַנגען און דער הונגער איז אַריין אין דער גרעסטער טייל הייזער.

די נאַציס האָבן נאָך דערוויייל נישט אַריינגעמאַרשירט קיין וואַרשע, אָפּוואַרטנדיק ביז די גאַסן וועלן אָפּגערייניקט ווערן פֿון באַריקאַדן, פֿון מתים און פֿון פֿערדישע פּגרים. היטלערס חילות האָבן זיך אין די לאַגערן הינטערן שטאָט געפּוצט אין נייע מונדירן און שטיוול, כדי צו איבערראַשן די פֿאַרניכטעטע, אומגליקלעכע שטאָט מיטן גלאַנץ־פּאַראַד פֿון זיגער.

איך פֿלעג דאַן יעדן טאָג לויפֿן אין דער יידישער קהילה אויף גזשיבאָווסקאַ אויסצופֿילן די פֿליכטן, וועלכע איך האָב געהאַט אַלס מיטגליד פֿון קהילה־ראַט. און איינמאָל אויף די טרעפּ בין איך פֿאַרהאַלטן געוואָרן פֿון מיין שכן ר' שמואל שאַפּירא. ער האָט צו מיר אַ ביטע: היות, ווי אין קהילה־ראַט קומען דאָך פֿאַרשידענע מענטשן, וואָלט איך זיך אפֿשר פֿאַראינטערעסירט, טאָמער געפֿינט זיך ערגעץ אַ פֿרישער אתרוג; אַ לולב

וועט ער אָפּפרישן פון פאַראַיאָרן; אויך מיט אַנדערע מינים וועט ער זיך אַן עצה געבן. אָבער אַן אתרוג! „איר פאַרשטייט, אַז איך וועל דאָך האָבן אַ פאַרשטערטן יום־טוב, איך זאָל נישט מקיים זיין די מצוה מדאוריתא״... איך בין געווען גערירט: ער, וועלכער איז בדיל־הדל, געבי־ ליבן אָן אַ העמד, נעמט דאָס אַלץ אָן פאַר ליב. אָבער אָן אַן אתרוג וועט זיין יום־טוב זיין פאַרשטערט...

איך האָב געמאַכט געוויסע אָנשטרענגונגען און זיך דערוווּסט, אַז אויף טוואַרדע זעקס, דאָרט, ווו דער גערער רבי האָט זיך צייטווייליק באַזעצט נאָכן אַנטלויפן פון זיין רעזידענץ־שטאָט גער, וועט זיין אַ מנין און אַ פרישער ארץ ישראלדיקער אתרוג.

אין יענעם סוכות, אין זמן שמחתנו, האָט ווייניק שמחה געהערשט ביי יידן אין וואַרשע און איבערהויפּט אין שטוב פון אַלטן גערער רבין: אַ באָמבע האָט געטויט זיין זון און אייניקע פון זיינע מקורבים; דער רבי אַליין איז געווען קראַנק און קוים געהאַט כח אויפנעמען זיינע נאָענטסטע פריינט, וועלכע האָבן זיך פון פיל עקן שטאָט אַ לאָז געטון צו זיין צוזאַמען מיט זייער באַליבטן גייסטיקן פירער. נישט אַלע האָבן געוווּסט, ווו דער רבי געפינט זיך און וואָס מיט אים האָט געטראָפן.

ווען איך האָב געזאָגט ר׳ שמואלן דעם אַדרעס פון רבין און אַז זיין משפּחה, מיט וועלכער איך בין דאַן געווען אין נאָענטן קאָנטאַקט, ווינטשט זיך, ער זאָל דאַוונען מיט זיי סוכות, איז דער מענטש געוואָרן אויפגע־ לעבט, און כאָטש עס איז דאַן געווען געפערלעך פאַר אַ ייד מיט אַ באָרד צו באַווייזן זיך אין גאַס, ווייל די נאַציס האָבן די בערד געשניטן אָדער פּשוט מיט די הענט געריסן, האָט אָבער קיין זאַך ר׳ שמואלן נישט געקענט אָפּהאַלטן. פלעגט ער לויפן פון באַנק־פּלאַץ, ווו מיר האָבן געוווינט דורך די רואינירטע און פאַרברענטע גאַסן אַרום „אייזערנעם טויער״ און גזשיבאָוו, ביז עס האָט זיך אים איינגעגעבן אַריינכאַפּן אין יענעם לאַנגן געבענטשטן הויף, ווו עס זענען פאַראַן אַזויפיל גוטע און ליכטיקע זאַכן פון אַמאָל: זיין גרויסער רבי, אַ כשרע סוכה און אַן ארץ ישראלדיקער אתרוג.

און אַזוי איז אויך געשען דעם צווייטן טאָג סוכות. אַזוי ווי אָבער איך האָב געהאַט אַ לעגיטימאַציע פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וועלכע

האָט מיר געגעבן אַלס קהילה־מיטגליד אַ געוויסע פּראָטעקציע, האָב איך באַשלאָסן דאָס מאָל באַגלייטן מיין שכן ר׳ שמואל שאַפּירא. נאָך מער, אַז אונדזערע וועגן זענען געווען אין דער זעלבער ריכטונג. אָבער אַז מיר זענען צוגעקומען צו דער טווארדע גאַס, זענען מיר פּלוצלינג אַריינגעפאַלן אין מיטן פון אַן „אָבלאַווע". דייטשע זעלנער, ווילדע פון פרייד, האָבן געשלעפּט פון די הייף און פון די הייזער יידן אויף אַרבעט. צו זייער גרויסער שמחה האָט זיך זיי איינגעגעבן צו „אַנטדעקן" אַ גאַנצע חסידים־שטיבל מיט דאַווענענדע יידן, און זיי האָבן אַלע דאַוונערס מיט בייטשן אַרויסגעיאָגט אויף דער גאַס. יידן מיט קלאַסישע בערד, אָפטמאָל אַזוי ענלעך צו רעמבראַנדטס טיפּן, אַן אוצר מיט בערד, ווייסע, שוואַרצע, גרויע, געלע...

די יונגע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן ביי זיך אין דער היים אַזעלכע יידן קיינמאָל נישט געזען, האָבן אַזש געהירזשעט פאַר פרייד: אָט זענען זיי דאָך די שונאים פון דייטשלאַנד, פון דער מענטשהייט! אָט וועט מען זיך מיט זיי אָפּרעכענען פאַר אַלע צרות פון ווערסאַלער טראַקטאַט, פון אַ דייטשלאַנד אָן „לעבנס־רוים", פּונקט ווי מען האָט געלערנט אין דער נאַצי־שולע.

און ווען איך בין אַריינגעפאַלן אינמיטן פון דער כאַפּעניש צוזאַמען מיט ר׳ שמואלן, איז שוין אַלץ געווען פאַרפאַלן. צוליב מיין לעגיטימאַציע האָט מען מיך צו דער אַרבעט נישט גענומען, אָבער מיינע תחנונים, מען זאָל באַפרייען ר׳ שמואלן, האָבן נישט געהאָלפן.

אַ גראָבער „יעפרעיטאָר" האָט זיך נאָך פאַרמאַכעוועט אויף מיר מיטן בייטש און געדראָעט: „טראָג זיך אָפּ פון דאַנען, אַז נישט וועלן מיר דיר די ביינער צעברעכן!"

מען האָט די אַלע יידן אַריינגעיאָגט אין דעם גרויסן גרוב, וואָס איז געבליבן פון די דורך די באָמבעס פאַרניכטעטע הייזער אויף דער רעכטער זייט פון טווארדע גאַס און באַפוילן אָפּראַמען די ציגל מיט די גלאָזוניעס. אַלץ אַרום האָט זיך געררויכערט.

די יידן אין די לאַנגע קאַפּאָטעס זענען געשפּרונגען אין די גרובנס. פון צייט צו צייט האָט זיך דערהערט אַ געשריי: דאָס האָט מען אָפּגע־שניטן אַ האַלבע באָרד ביי איינעם פון די געכאַפּטע.

ד״ר ח. שאַשקעס

איך בין שוין נישט אָפּגעטרעטן פון טויער נעבן טוואַרדע זעקס, וועלנדיק אָפּוואַרטן, אפשר וועט אָנקומען אַן עלטסטער, וועלכער וועט די ווילדע סצענעס אָפּשטעלן.

אָבער אָט דערהערט זיך אַ באַפעל פון נאַציישן „יעפרעיטאָר״:

„זינגט עפּעס, פאַרפלוכטע יידן, זינגט, וועט די אַרבעט גיין פריי־לעכער!״

און דער ערשטער האָט אָנגעהויבן זינגען ר׳ שמואל שאַפּירא. זיין שיינע באָרד איז שוין געווען אויף אַ העלפט אָפּגעשניטן, זיין איידל געזיכט פאַרשמירט מיט קויל, אָבער ער האָט אָנגעשטרענגט זיין שטימע און אויף דער טוואַרדע גאַס האָט אָפּגעהילכט אַ צאָרנדיקער „שפוך חמתך״, דורכגעדרונגען מיט ווייטיק און טרערן.

אויך אַנדערע שטימען האָבן זיך אָנגערופן מיטן פּ ס ח ד י ק ן ליד אין ס ו כ ו ת 1939. דאָס איז געווען אַן אויסטערלישער כאָר, וועלכן מען האָט ווען עס איז געהערט.

די דייטשע סאָלדאַטן האָט שנעל דערעסן די שפּיל מיט די געפּייניקטע יידן. עס איז נאָך דאַן געווען יענע ערשטע צייט פון דער אָקופּאַציע, ווען מען האָט קיין מענטשן נישט געהרגעט, נאָר גלאַט זיך איזדיעקעוועט איבער זיי. מען האָט אויך אין דעם פאַל אין אַ שעה אַרום אָפּגעלאָזט די געכאַפּטע חסידים, באַגלייטנדיק זיי מיט „שטור־באַנצעס״.

איך האָב גענומען אונטערן האַנט ר׳ שמואלן און געפירט אים אַהיים. ער האָט פון דער הינטערשטער קעשענע פון דער קאַפּאָטע אַרויס־גענומען זיין רויט טיכל און איבערגעבונדן דאָס פּנים, כדי צו פאַרשטעלן זיין געשענדעטע באָרד. האַלב וואַרשעווער יידן זענען דעמאָלסט אַזוי געגאַנגען פאַרבונדן די געזיכטער, אַזוי ווי די ציין וואָלטן זיי וויי־געטון...

נישט געווען קיין פּערזענלעכע קלאָגערייען אין ר׳ שמואלס ווער־טער, נאָר אַ זיכערקייט, אַז דער אויבערשטער וועט יידן העלפן און פון די שונאים נקמה נעמען.

* * *

קלער איך איצט, ווען איך ווייס שוין גענוי, אַז ער איז מער נישט צווישן די לעבעדיקע, ווי אַזוי ר׳ שמואל איז געגאַנגען צום טויט און ווו?

אַ וועלט וואָס איז פאַרבײַ...

אין די גאַז־קאַמערן פון מאַידאַנעק, פון סאָביבור, צי פון טרעבלינקע, צי האָט ער דעם טויט געפונען אין אַן אַנדער וועג...

איך בענק נאָך זיי, נאָך די אַ מ אָ ל י ק ע שטאַרקע יידן, וועלכע האָבן געטראָגן אין זיך אַ שלל פון אינערלעכער גבורה, וועלכע האָבן געקאָנט באַזאָרגן מיט יניקה נאָך פיל דורות נאָך זיי.

און ווי שוין פיל מאָל אין אונדזער געשיכטע, דאַרף מען הייסט דאָס איצטער אָנהויבן בויען פון אָנפאַנג...

XXXIII

די באַפרייאונג פון גערער רבין

איך האָב זיך שוין נישט איינמאָל פאַרטראַכט אויף די קאַפּריזנע וועגן פון מיין לעבן, וואָס ברענגען מיך אין סיטואַציעס, אויף וועלכע איך אַליין ריכט זיך אַמווייניקסטנס.

איינע פון זיי איז, אַז זייענדיק אַ מתנגד בן מתנגד פון דער טרוקן־ראַציאָנעלער ליטע, זייענדיק געבוירן און דערצויגן אין אַ שטאָט פון זעכציק טויזנט יידן, צווישן וועלכע עס זענען געווען נאָר אייניקע הונ־דערט חסידים — האָב איך דאָך אין משך פון מיינע וואַנדער־יאָרן זיך באַגעגנט מיט די וויכטיקסטע חסידישע אדמורי"ם, געגעסן ביי זייערע טישן און טאַקע געזופּט, דרך אגב, פון זייער תורה.

איך דערמאָן זיך, אַז שוין מיט 30 יאָר צוריק האָב איך אין רוסישן רו־אָרט סלאַוויאַנסק געלעבט אַ זומער בשכנות מיטן היינטיקן ליובאַווי־טשער רבין, וועלכער האָט זיך געהיילט דאָרט אין די געבענטשטע מינעראַל־וואַסער קוואַלן פון יענער שטאָט אין אוקראַינע.

איך פלעג דעם רבין באַגעגענען, אַ הויכן, אַ פריילעכן, מיט זיין פאַטריאַרכאַלער געלער באָרד, זינגענדיק שטילערהייט אַ ניגון בעת די שפּאַצירן אין סלאַוויאַנסקער פאַרק.

איך פלעג אויך ליב האָבן די פאַרחלומטע שלש־סעודותן אין זיין ווילע, ווו אַביסל חסידים האָבן אין יענער אומרואיקער צייט פּרובירט איינהאַלטן די ליובאַוויטשער ניגונים־טראַדיציע, אָנגעשטעלט אויף דעם אומעטיק, נישט דערזאָגטן מאָטיוו פון מנחהדיקן „אתה אחד ושמך אחד".

און אין מיינע פּוילישע יאָרן, ווען אַלס באַנק־אינספּעקטאָר האָב איך יאָר־איין יאָר־אויס באַרייזט די הונדערטער שטעט און שטעטלעך פון

קרוין־פּוילן, גאַליציע, אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, בין איך שוין אָפטמאָל געווען אין אָנגעלייגטער גאַס אין די רביישע הייף, וועלכע האָבן צוליב זייער מאַטעריעלער לאַגע און איבערהויפּט צוליב דעם איינפלוס אויפן שטעטלשן יידנטום געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין די עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס. אין וועלכע איך בין צוליב מיין אַמט געווען פּאַראינטע־רעסירט.

דאָס איז געווען דאַן, מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק, ווען דער גערער רבי האָט מיך אויפגענומען אין אַ לענגערער אוידיענץ (אַ גרויסע פּריווילעגיע פאַר אַ „גלות), צוגעזאָגט געבן אַ באַדייטנדיקע סומע געלט פאַר דער יידישער באַנק אין שטעטל, אָבער געהאַלטן, אַז עס וואָלט געווען יושרדיק, ווען די באַנק זאָל נישט נעמען קיין פּראָצענט פאַר הלוואות... איך דערמאָן זיך מיין תשובה, אַז פאָדערן פון אַ באַנק, אפילו אַ געזעלשאַפטלעכער, זי זאָל נישט נעמען קיין ציינזן, איז אַלץ איינס, ווי פאַרלאַנגען פון אַ טיגער, אַז ער זאָל ווערן אַ וועגעטעריאַנער... מען האָט געמוזט דורכקומען אויפן באַקאַנטן „היתר־עסקא־צעטל”, וואָס הענגט רואיק אויפן וואַנט איבער דער קאַסע, און מישט זיך נישט אין די געלט־געשעפטן.

שפּעטער, אין אָטוואָצק, בין איך געווען אַ גאַסט אין דער ברוינער ווילע צווישן די סאָסנע־ביימער, וווּ דער מאָדזשיצער רבי האָט געבישופט פאַר טויזנטער פאַרהאַרעוועטע יידן זיינע יום־טובדיקע אימפּראָוויזאַ־ציעס פון עקזאַלטירטן מוזיק־רעפּערטואַר. מיר זענען שוין געבליבן פריינט דורך זיינע יאָרן אין אַמעריקע און דער גורל האָט אויך געוואָלט, אַז בעת דער רבי איז נפטר געוואָרן אין ארץ ישראל, בין איך געווען צווישן די מלוים אויף זיין לויה...

עס איז מיר אויך פיינלעך־אַנגענעם זיך צו דערמאָנען די טעג, וועלכע איך האָב פאַרבראַכט אין דער וואַלדיק־בערגיקער קריניצע, אויפן טשע־בישן גרענעץ־פּאַס מיטן קדוש, דעם מלכותדיקן שיינעם באָבעווער רבין. אונדזערע געשפּרעכן איבער די טעמעס פון לעבן און ליידן זענען מיר איינגעקריצט געוואָרן אין זכרון. איך האָב וועגן דעם דערציילט זיין זון אין ניו יאָרק, דעם העלדישן פּאַסטוך פון דער פאַרצוקטער עדה אין באָבעווער גטאָ און איצט דער ממלא־מקום פון זיין גרויסן טאַטן.

און נאָך פיל אַנדערע באַגעגענישן מיט די אַמאָליקע און היינטיקע חסידישע גדולי־הדור האָב איך צו פאַרדאַנקען יענער שטילער אומוואַנד־לונג אין מיין נשמה, ווען עס זענען מיר אַזוי נאָענט געוואָרן די חסידישע פאָלקס־ריקודים ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפּענעם קלויז, ווי עס זענען מיר טייער די געפלאַכטענע הענט אויף די העלדזער פון אַ קראַנץ הויראַ־טאַנצנדיקע חלוצים.

* * *

מיט אַזאַ פרייד האָט אַ צאַפּל געטון מיין האַרץ, ווען אויף דעם לודער פלי־פּאַרט אין ארץ ישראל האָב איך זיך צופעליק באַגעגנט מיט אַן אַלטן פריינט פון די וואַרשעווער צייטן, מיט איינעם פון די פירער פון אגודת ישראל, הרב יצחק מאיר לעווין. מיר האָבן ביידע געדאַרפט פליען מיט דעם זעלבן אעראָפּלאַן קיין אַמעריקע. דאָס איז שוין געווען אין די טעג, ווען די יידן אין ארץ ישראל זענען קעגן זייער ווילן אַריינ־געוואָרפן געוואָרן אין בלוטיקן קאַמף מיטן אַראַבישן אונטערגעהעצטן מדבר. עס איז געווען אַ לעבנסגעפאַר צו פאָרן די פאָר צענדליק מייל פון ירושלים קיין לוד, אָדער פון תל אביב צום זעלבן פלי־פּלאַץ.

מיר האָבן געוווּסט, אַז עס פאַלן דאָרט כמעט יעדן טאָג קרבנות אויף יענעם געפערלעכן וועג, אָבער עס איז קיין ברירה נישט געווען, מיר האָבן אים געמוזט דורכמאַכן. איצט איז שוין אַנדערש: מען פליט פון תל אביב צו לוד אין אַ קליינעם אעראָפּלאַן, כדי אויסצומיידן די קוילן פון די באַנדיטן. אָבער מיט אַ צייט צוריק האָט דער העלדישער קאָפּל ראָזען, דער אייגנטימער פון די אויטאָמאָבילן, וועלכע פאָרן קיין לוד, געמוזט פשוט זיך דורכרייסן מיט אונדזער גרופּע פּאַסאַזשירן דורך דער פּאַסטקע פון אַראַבישע דערפער, פון וועלכע עס לויערן טויט־געפאַרן. אמת, פון דעם לעצטן ווייסן הויז אין פתח תקוה איז מיט אונדז מיט־געפאָרן אייניקע מייל אַ גוט באַוואָפנטע גרופּע פון הגנה־העלדן, אָבער אַז דאָס וועט געשען האָבן נישט מיר, אפילו קאָפּל נישט געוווּסט. מסתמא איז אומדערוואַרט באַקומען געוואָרן אַ ידיעה, אַז מערדער וואַרטן אויף אונדז אין מיטן וועג... און אַז מיר זענען בשלום אָנגעקומען

אין די גערוימע און ליכטיקע זאַלן פון פלי־פּאַרט, האָב איך דאָרט גע־טראָפן ר׳ יצחק מאיר לעווין, וועלכער האָט אונטער אַן ענגלישן קאָנוואָי דורכגעמאַכט דעם זייער־געפערלעכן וועג פון ירושלים. ער דערציילט מיר, אַז זײַן באָרד, די כאַראַקטעריסטישע גרוי־שוואַרצע לאַנגע לאָקן, האָט ער געמוזט פאַרבינדן מיט אַ טיכל, כדי די ענגלישע אויגן זאָלן פלוצלינג נישט באַקומען אַ נישט געזונטן אַפּעטיט...

— איך פלי קיין אַמעריקע, ווײַל נאָר פון דאָרטן קאָן אָנקומען די אַזוי נויטיקע מאָביליזירונג פון די מאַטעריעלע רעזערוון פאַרן ישוב, פון אַלערליי רעזערוון; די לאַגע פאָדערט בײַדע זאַכן: רחמים און כוח...

בעת מיר זענען געפלויגן איבערן ים און איבער דער יבשה און עס האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט מיט אומגלויבלעכער שנעלקייט דער פילם, וואָס הייסט אייראָפּע, האָבן מיר צײַט געהאַט ווידער אַמאָל אויפצולעבן אין זכרון די אומפאַרגעסלעכע יאָרן אין פּוילן, די יידן דאָרטן אין זייער טאָג־טעגלעכער מלחמה פאַרן שטיקל ברויט אין שלום צײַטן; אין דער צײַט פון פּאַטעטישן גערנגל אין די ערשטע בלוטיקע חדשים פון דער נאַציסטער הערשאַפט, ווען מיר זענען געווען מיטגלידער פון וואַרשעווער קהילה־ראַט.

דער עראָפּלאַן פליט איבער אַטען, איבערן באַרג אָלימפּ, ווו לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע האָבן אין די אור־אַלטע צײַטן געוווינט אפשר אַ טוץ געטער מיט יופּיטערן אין דער שפּיץ, געטער, וואָס האָבן געזאָלט אָנפירן מיט דעם שיקזאַל פון מענטשן־מין. אַז איר קוקט דורכן פענצטער פון אויבן אַראָפּ אויפן געטלעכן „אָלימפּ”, זעט איר באַשיינפערלעך, אַז ער איז פּוסט, אַז די געטער האָבן מסתמא זיך אַריינגעקליבן אין די נייע קאַזאַרמעס, וואָס זענען אויסגעבויט געוואָרן פאַר אַמעריקאַנער געלט, כדי צו באַשיצן דאָס אייביקע אַטען פון די לינקע שונאים, וואָס זאַמלען זיך ערגעץ־ווו אין די בערג אַרום סאַלאָניק.

אָבער ר׳ יצחק מאיר שאָקלט זיך נעבן דעם פליערס קאַבינע אין דעם שטילן שמונה־עשרה געבעט צום גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב מיט דעם זעלבן אייפער, ווי ער האָט דאָס געטון אין אַלטן בית־מדרש אין ווייטן שטעטל גער.

פאָרן מיר איבער די זיבן בערג פון רוים, איבער די רואינען פון

אַמאָל אזוי שטאָלצן „פּאָרום ראָמאַנום״, ווו עס רייצט מיט פּרעכקייט דער טויער, וועלכער איז אויפגעשטעלט געוואָרן פאַרן זיגרייכן טיטוס וועספּאַסיאַנוס נאָך זיין נצחון איבער יהודה. א שיין ביסל אָפּגעבליאַ־קעוועט איז די גלאָררייכע געשיכטע פון יענע צייטן אין אַנבליק פון דער זיך דינאַמיש־בויענדיקער און יונג־אויפוואַכנדיקער יידישער מדינה, וועלכע מיר האָבן נאָר מיט אייניקע שעה צוריק פאַרלאָזט.

זאָגט צו מיר ר׳ יצחק מאיר בעתן פלי איבער איטאַליע:

— איר געדענקט יענעם רעגנדיקן טאָג אין וואַרשע, ווען איר האָט מיר בסוד־סודות געזאָגט, אַז אייערע געפעלשטע „פּאַפּירן״, אויסגעפּאַר־טיקט דורכן קינסטלער צ. זענען שוין ברוך השם דורכגעגאַנגען דורך דער געשטאַפּאָ־מאַכט אַלס אמתע און איר רעכנט נאָך די זעלבע נאַכט אַנטלויפן. איך האָב אייך דעמאָלט איבערגעגעבן א צעטעלע צו דעם גערער רבינס מקורבים אין ניו יאָרק, אַז זיי זאָלן עפּעס טון, כּדי אונדז צו ראַטעווען פון די נאַצישע הענט... איך מוז דאָ פעסטשטעלן, אַז איר האָט אייער שליחות דערפילט מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט... צי איך געדענק?

די געשיכטע, ווי אַזוי דער גערער רבי, זיין איידעם, ר׳ יצחק מאיר לעווין, זיין זון ר׳ בונים אַלטער, זיינע נאָענטע ר׳ שלמה דוד מאָס־קאָוויטש, אַלע מיט זייערע ווייבער און קינדער, דער אָרטאָדאָקסישער זשורנאַליסט מ. מאַרק, דער באַקאַנטער נערוון־דאָקטאָר סימכאָוויטש און נאָך אייניקע אָנגעזעענע יידישע פּערזענלעכקייטן האָבן זיך אַרויסבאַ־קומען פון וואַרשע אין גאַנצן אייניקע טעג איידער איטאַליע איז אַריין אין קריג, איז נאָך קיינמאָל אינגאַנצן נישט באַשריבן געוואָרן. איך אַליין האָב דאָס נישט געוואָלט טון אָן דער דערלויבעניש פון הרב יצחק מאיר לעווין; אגב, האָב איך נישט קלאָר געוווסט, ווי אַזוי די פּאַרבאַרייטונגען זענען דאָן צוגעגאַנגען אין וואַרשע. די באַשרייבונגען פון דער געשעעניש, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין אַלע אויסלענדישע צייטונגען גלייך נאָכדעם, ווי דער רבי מיט זיינע באַגלייטער זענען אַנטלאָפן, האָבן געקלונגען נישט וואַרשיינלעך און סענסאַציאָנעל („היט־לער אַליין זאָל האָבן פאַראָרדנט שיסן די וואַרשעווער געשטאַפּאָ־אָנ־פירער פאַר נעמען שוחד״ א. ד. גל.).

איצטער, ביי דער אומדערוואַרטעטער באַגעגעניש אין עראָפּלאַן, האָב איך די מעגלעכקייט געהאַט צו קאָנטראָלירן די דראַמאַטישע געשיכטע פֿון ביידע זייטן. זי זעט נאָך איצטער אויס ווי אַ שפּאַנענדער דעטעקטיוו־פֿילם.

ווי נאָר איך בין אין יאָר 1940 אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, האָב איך איבערגעגעבן דאָס צעטעלע פֿון ר׳ יצחק מאיר לעווין צו דער גרופּע מקורבים אין אַמעריקע, פֿון וועלכע דער ראש איז געווען דער גרויסער למדן און רב ר׳ אברהם יצחק זאַלמאַנאָוויטש. צום ענגן רעטונגס קאָמיטעט האָבן געהערט דער תלמוד ענציקלאָפּעדיסט און מקורב פֿון רבין ר׳ שלמה גאָלדמאַן, ר׳ בנימין וואָלף הענדלעס און ר׳ חיים יששכר פֿיש. נאָך פֿיל באַראַטונגען, ווי אַזוי צו דערגרייכן דעם רבין און זיין פֿאַמיליע אין וואַרשע, איז באַשלאָסן געוואָרן, מיר זאָלן זיך ווענדן צום פּוילישן גראַף קאַזשימיעזש ביעניעווסקי, וועלכער האָט אין אָנפֿאַנג פֿון דער אָקופּאַציע געדינט, אַלס סעקרעטאַר אין דעם אַמעריקאַנער קאָנסולאַט אין וואַרשע און שפּעטער איז ער צוזאַמען מיט מיר אָנגעקומען קיין אַמעריקע. נאָך זייענדיק אין וואַרשע, האָט ער מיר געהאָלפֿן אַרויסבאַקומען די אַרויספֿאַר־דערלויבעניש פֿון דער פּאָליציי, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז מיינע דאָקומענטן זענען געפֿעלשטע.

איך האָב געפֿילט, אַז אָט דעם גראַף מעג מען אָנטרויען די אָרגאַניזאַציע פֿון רבינס רעטונג.

אָבער פֿריער פֿאַר אַלץ האָבן מיר געמוזט פֿאַרזיכערן ארץ ישראל־וויזעס און דער עיקר איטאַליענישע דורכרייז־וויזעס פֿאַר דער גאַנצער גרופּע. די ארץ ישראל וויזעס זענען שנעל צוגעשטעלט געוואָרן צום פּאַלעסטינע־אַמט אין טריעסט, איטאַליע. אָבער די איטאַליענישע דורכרייז־וויזעס האָט שווין באַקומען דער קאָנגרעסמאַן סאָל בלום, דער דעמאָלסדיקער פּרעזיצער פֿון דער אויסלענדישער קאָמיסיע אין דעם רעפּרעזענטאַנטן־הויז. נישט איין פֿלי־וויזיט קיין וואַשינגטאָן האָט הרב כשר געמוזט מאַכן ביז דער איטאַליענישער אַמבאַסאַדאָר האָט געפּועלט ביים גראַף טשיאַנאָ פּערזענלעך, אַז ער זאָל פֿון רוים פֿאַראָרדענען זיין קאָנסול אין וואַרשע די־סטעפּאַנאָ די וויזעס אַרויסגעבן.

אָבער ווי אַזוי פֿאָרט מען דאָך אַרויס פֿון פּוילן, וווּ אַ ייד האָט

שוין דאַן אפילו מיט א פור נישט געהאַט קיין רעכט זיך צו רירן פון שטאָט צו שטאָט?

האָט דער קאָמיטעט דעלעגירט קיין רוים דעם שוין דערמאָנטן גראַף ביעניעוווסקי, וועלכער האָט דאָרט געפונען אַ יונגן איטאַליענישן אינזשיניער טאָרעטטי, וואָס האָט מסכים געווען צו פאָרן, אונטערקויפן די געשטאַפּאָ חברה־לייט און פערזענלעך ארויספירן דעם רבין מיט אַלע זיינע באַגלייטער.

דערציילט מיר איצט ר׳ יצחק מאיר, אַז תחילת, ווען דער איטאַל־יענישער שליח האָט זיך פאַר זיי באַוויזן אין וואַרשע, האָבן זיך אַלע שטאַרק דערשראָקן: די מורא פאַר אַ פּראָוואָקאַציע איז געווען צו גרויס. אָבער ווען טאָרעטטי האָט אַלס סימן אַרויסגענומען דאָס זעלבע העברעאישע צעטעלע, וואָס ר׳ יצחק מאיר האָט מיר איבערגעגעבן פאַר זיינע חסידים אין ניו יאָרק דעם טאָג, ווען איך האָב זיך מיט אים געזעגנט, האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז דאָס מיינט טאַקע די רעטונג...

און נאָכהער האָט טאָרעטטי אָנגעהויבן האַנדלען מיט דער געשטאַפּאָ, מיט דיביידע טיילן פון איר, דער אדמיניסטראַטיווער, כדי צו באַקומען די אויסרייזע־דערלויבעניש און די טראַנספּאָרט־אָפיצירן, כדי צו באַקומען אַ וואַגאָן און אַ וואַך ביז צו דער איטאַליענישער גרענעץ.

צי דער פּרייז, וואָס די געשטאַפּאָ־אָפיצירן האָבן דאַן געבעטן האָט זיך אַרויסגעוויזן צו הויך, צי טאָרעטטי האָט זיך אַרומגעזען, אַז מען באַצאָלט אים צו ווייניק פאַר דער טרחה, נאָר ער האָט פּלוצלינג פאַר־לאָזט וואַרשע און זיך צוריקגעקערט קיין רוים, כדי זיך פון דאָרט קאָמוניקירן מיטן רעטונגס־קאָמיטעט אין ניו יאָרק.

יענע נאַכט, ווען טאָרעטטי האָט אונדז אַלעמען באַשטעלט צום געשפּרעך אין הויז פון הרב זאַלמאַנאָוויטש אין ברוקלין, איז נישט לייכט צו פאַרגעסן.

מיר אַלע האָבן נערוועז דערוואַרט דעם קלונג פון רוים און דעם ערשטן גרוס פון רבין אין וואַרשע.

צוויי אַזייגער ביינאַכט האָט דער טעלעפאָן געקלונגען. גראַף ביעניעוווסקי שטעלט פאַר דעם שליח טאָרעטטי. איך האַלט מיט ציטער־

דיקע הענט דאָס טעלעפאָן־טרייבל און הער, ווי טאָרעטטי דערציילט, אַז דער רבי איז קראַנק און ווער ווייסט, צי ער וועט קענען פאָרן; אַז מען מוז זיך צוויילן מיט דער רעטונג, ווייל איטאַליע קען אריינשפּרינגען אין קריג און די גרענעצן וועלן ווערן פאַרמאַכט. און דער עיקר: די געשטאַפּאָ פאָדערט אַ סך געלט, און אויב מען וועט אים נישט פאַר־טאָפּלען זיין האָנאָראַר, פאָרט ער נישט צוריק קיין וואַרשע...

אין צימער פון הרב זאַלמאַנאָוויטש זענען אַלע טויט־בלאַס, ווען איך גיב זיי איבער דעם אולטימאַטום. אָבער מיין פּערזענלעכע רעאַק־ציע איז געווען, מען זאָל דעם איטאַליענער נישט נאָכגעבן. עפּעס צו פיל גויאישע קאַלטקייט האָט געקלונגען אין זיין שטימע פון ווייטן רוים און דער גייסט פון ווידערשפּעניקייט האָט אין מיר דעריבער דערוואַכט.

— ניין — זאָג איך — מיר אַלע האַלטן דאָ, אַז אָדער איר אַרבעט אויף די באַדינגונגען, וועלכע געפינען זיך אין אונטערגעשריבענעם קאָנ־טראַקט, אָדער מיר מוזן זיך אָפּזאָגן פון אייער הילף.

הרב זאַלמאַנאָוויטש גיט זיך אַזש אַ הויב פון אָרט און מאַכט מיר אַ צייכן, איך זאָל אַזוי שטאַרק נישט אָנציען די סטרונע...

דער נערוון־קריג צווישן רוים און ניו יאָרק האָט געדויערט צוואַנציק מינוט, ביז טאָרעטטי איז איינגעגאַנגען אויף אַ פּיל קלענערע פאַרגיטיקונג, ווי ער האָט תחילת געפאָדערט. ער איז מיט מזל צוריק געפאָרן קיין וואַרשע.

דאָרט האָט דער איטאַליענער פאַרבלענדט מיט אַמעריקאַנער דאָ־לאַרן די אויגן פון די אַלע געשטאַפּאָ־לייט, פון וועלכע די באַפרייאונג און דער טראַנספּאָרט ביז צום גרענעץ איז געווען אָפּהענגיק.

אַ ספּעציעלע וואָך האָט דעם וואַגאָן באַגלייט ביז איטאַליע. און אַזוי איז האַרט פאַר פסח 1940 דער גערער רבי מיט זיינע קינדער, איידעמס און זייערע פאַמיליעס אָנגעקומען קיין טריעסט און פון דאָרט גלייך אָפּגעפלויגן קיין ארץ ישראל.

נאָך זייער אָפּפאָרן האָבן זיך ביידע גרופּעס געשטאַפּאָ־אָפיצירן אין וואַרשע צעקריגט איבער די דאָלאַרן; עס האָט זיך געפונען איינער, וועלכער האָט גאָרנישט באַקומען און געמסרט די איבעריקע חברה־לייט. פון די דייטשע צייטונגען פון יענע חדשים האָבן מיר זיך דערוווּסט,

אַז צוויי העכערע אָפיצירן פון דער געשטאַפּאָ זענען איבערגעגעבן גע־וואָרן צו אַ פעלד־געריכט פאַר העלפן יידן אַרויספאָרן פון פוילן. וועגן אורטייל איבער זיי זענען קיין שפּעטערדיקע ידיעות נישט געווען.

* * *

איז דען נישט די גאַנצע געשיכטע פון דער וווּנדערלעכער רעטונג אַ טעמע פאַר אַ שפּאַנענדן פילם? בעת מיין זיין אין ירושלים, האָב איך באַזוכט דעם אַלטיטשקן גערער רבין. דער זון זיינער, ר׳ בונים אַלטער, מיט די געל־געלאָקטע פּיאות האָט ספּעציעל געהאָלפן דעם רבין זיך אָנטון (דער אַלטער רבי ליגט צו בעט), כדי דער אורח, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון זיין רעטונג, זאָל באַקומען אַ ברכה פון רבין. אַרום מיר אין הויף האָבן שפּאַצירט די בחורים פון דער גערער ישיבה, וואָס גייען דאָ געקליידט אין זעלבן טראַכט, ווי אין דער אַלטער היים: לאַנגע קאַפּאָטעס, קורצע הויזן און טוכענע קאַפּעליושן, פון וועל־כע עס קרייזלען זיך שוואַרצע אָדער בלאָנדע פּיאות.

די בחורים קוקן פאַרוווּנדערט אָן דעם „דײַטש"־געקליידטן גאַסט, צוליב וועלכן דער קראַנקער רבי איז אַראָפּ פון בעט, כדי אים צו בענטשן. דאָס איז געווען אַ דראַמאַטישער עפּילאָג פון אַווירקלעך אומגעוועגלעכער געשעעניש.

* * *

אָבער נישט אַלע פון רבינס נאָענטער משפּחה האָבן זיך דאַן גע־קענט ראַטעווען. וועגן איינעם פון זיי דערציילט מיר איצט ר׳ יצחק מאיר לעווין, וועגן זיין ברודער דעם קדוש ר׳ אליהו:

ער איז געווען פאַרשטעקט טיף אין אַ קעלער, כדי נישט אַריינצו־פאַלן אין די נאַצישע הענט. אָבער ווען ער איז איינמאָל אַרוים אויף אַ ווייל פון זיין באַהעלטעניש, האָבן די מערדער אים געכאַפּט, געריסן די פּיאות, געצופּט די האָר פון באָרד, געהייסן אים טאַנצן און נאָכן אָפּ־מאַטערן אַזוי אַ גאַנצן טאָג, האָבן זיי אים אָפּגעלאָזן אַ היים.

ווען ר׳ יצחק מאיר לעווין האָט דערזען, ווי ר׳ אליהו זעט אויס, האָט ער אַ טיפן קרעכץ געטון, אויף דעם אָבער האָט ער באַקומען פאָלגנדיקע תשובה:

דער גערער רבי אין דער באַגלייטונג פון זיינע קרובים און חסידים
בעת א שפּאַציר אין אָטוואָצק, ביי ווארשע.

(פאָטאָגראַפירט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה)

„די גמרא זאָגט (אין ברכות), אַז „בזמן שאדם שרוי בצער שכינה מה אומרת? קלני מראשי, קלני מזרועי" (ווען אַ מענטש איז איינגעהילט אין צער זאָגט די שכינה: עס טוט מיר ווי מיין קאָפּ, עס טוט ווי מיין אָרעם), און דאָס וויינט דער רבש"ע אויף אַלע ליידנדיקע, אפילו אויף רשעים. קום איך אָבער און זאָג: רבש"ע, צוליב מיר קרעכץ נישט! מיך נעם אַרויס פון דיין צער; דו האָסט אַזוי פיל קרעכצן פאַר דיין פאָלק, אַז איך וויל דיך נישט באַשווערן מיט נאָך אַ דאגה."

אָט אַזוי האָט גלעטנדיק זיינע וווּנדן געזאָגט אַ גאַנצער ייד, אַן איש תמים, איינער פון די מיליאָנען, וועלכע זענען אויסגעפּורעמט געוואָרן צו זייער מיסיע אין משך פון אַ צענדליקער דורות און ווי אַ קרבן עולה אַרויף אין די הויכן צו די הימלען.

XXXIV

חבר ברוך פאַלט אין קאַמף

דריי זענען מיר געזעסן אין אַ קאַנפיטעריע נישט ווייט פון ניו יאָרקער יוניאָן סקוועער. ארום אונדז דער געוועגלעכער ארבעטער עולם אין העמדער און „שלייקעס", וואָס כאַפּט אָפּ אויף שנעל זיין קאַווע מיט עפּל־קוכן, כדי וואָס גיכער ווידער צו כאַפּן זיך צו דער פאַרעדיקער פרעס־מאַשין אין נאָענטן שאַפּ. די געשפּרעכן אין ענגליש־יידישן „סלענג" דרייען זיך ארום דעם ביטערן „באָס", ארום דעם סעקרעטאַר פון „יוניאָן", ארום אַ מעגלעכן „רעיז".

אַלץ אזוי וואָכעדיק, פאַרהאָרעוועט, פאַרשוויצט; מען זעט באַשיינ־פערלעך, אַז מיטן „שוויים אויף זייערע פּנימער עסן זיי זייער ברויט"...

געדענקען נאָך אַט די אַלע פאַרהאָרעוועטע יידן זייערע שטעט און שטעטלעך אין דער אַלטער היים, דאָס „שייטל" עברי, וואָס זיי האָבן דאָרט געלערנט, די געסלעך, די פעלצער, די דורות פריער, פון וואַנען זיי האָבן זייער יניקה געצויגן?

אַט וועגן דעם טאַקע רעדן מיר, די דריי, ביי אונדזער טישל. מיט מיר צוזאַמען זיצט מיין אַלטער פריינט דר. הערמאַן פראַנק (רעדאַקטאָר פון דער „פרייער ארבעטער שטימע"). אַ חלום האָבן מיר געחלומט מיט עטלעכע יאָר צוריק צו שאַפן אין ניו־יאָרק אַ קאָאָפּעראַטיוון אינטערנאַ־ציאָנאַל. גלויבן מיר ביידע צוזאַמען מיט צענדליקער מיליאָנען אנדערע מענטשן אין אַלע טיילן פון דער וועלט, אַז נאָר די קאָאָפּעראַטיווע עקאָ־נאָמיע סיסטעם קאָן ראַטעווען די מענטשהייט פון אונטערגאַנג און נישט

דיקטאַטור אָדער קלאַסן־קאַמף... מילא, האָבן מיר געחלומט און זיך שנעל אויפגעכאַפּט אין דער ווירקלעכקייט פון „קאָאָפּעראַציע"...

און דער צווייטער איז דער באַקאַנטער אין אייראָפּע „אָרט"־טוער, אינזשיניער דוד קלעמענטאָווסקי, וועלכער איז לעצטנס באַשעפטיקט צו־זאַמען מיט דר. פּראַנק און פּראָפעסאָר אליעזר ליפּא סוקעניק פון ירו־שלים ביים שאַפן אַ מאָנומענטאַל ווערק: „די פּולקאָמענע געשיכטע פון יידישן ביאַליסטאָק און פון די ביאַליסטאָקער אין דער וועלט".

און אַלע דריי זענען מיר דאָך ביאַליסטאָקער, און איינגעבאַקן אין אונדזערע הערצער זענען נישט נאָר די גאַסן, די פּלעצער, די הייזער, וועלכע זענען אָפּגעווישט געוואָרן, נאָר אויך די פילע פּערזאָנען, די גע־זעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, דאָס יידישע קולטורעלע ביאַליסטאָק מיט איר שעפערישן, שפּרודלדיקן, דינאַמישן לעבן.

און כאָטש מיר אַלע דריי האָבן אין דער פּריסטער יוגנט גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין אונדזערע הענט און פאַרלאָזט די היימאַטס־שטאָט און געפלויגן אין די ווייטע אוניווערסיטעטן און שפּעטער זיך אויסגעלעבט אין אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער צענטערן, זענען מיר דאָך מיט אַזוי פיל אומזעבאַרע פעדים פאַרבונדן מיט דער וווּנדערבאַרער שטאָט, וועלכע האָט געלייגט איר צייכן אויף אונדזער שפּראַך, מענטאַ־ליטעט און אויף די מעטאָדן, ווי אַזוי מיר אַטאַקירן די לעבנס־פּאָזיציעס.

וואָס עלטער מיר ווערן, אַלץ נענטער גייען מיר צוריק צו יענע ליבע דעראינערונגען און זיסע חלומות, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט די קינדער־יאָרן...

שוועבן אַרום אין דער הייסער לופט פון דער אַרבעטער „קאָנפיטע־ריע" געשטאַלטן פון אונדזער עבר, שיינענדיקע פּערזענלעכקייטן פון גרוי־סע יידן און פון ליבע חברים, וועלכע זענען אַוועק אין דער אייביקייט. ווילן מיר זיך מיט כח פאַרהאַלטן, בונטעווען מיר זיך קעגן געדאַנק, אַז אָט די עפּאָכע וועט חלילה אָפּגעווישט ווערן, ווילן מיר זי אויפהאַלטן דורך פאַרצייכענען יענע צייט אויפן פּאַפּיר, פאַר קינפטיקע דורות צו וויסן און שטאָלצירן.

מיר האָבן געהאַט צוזאַמען מיט דר. פראַנקן אַ געמיינזאַמען נאָענטן חבר, ברוך ראָזענטאַל איז זיין נאָמען. זיין פּערזענלעכקייט פאַרטונקלט

אַנדערע נעמען און מיר רעדן מיט ווייטיק און ליבשאַפט פונם חבר אונדזערן, וועלכער האָט געענדיקט דאָס לעבן צוזאַמען מיט זיינע ליב־טיקע קינדער, אַנטלויפנדיק פון פראַנקרייך קיין איטאַליע שוין צום ענדע פון יאָר 1943.

ווען דער בלוטיקער פאַרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן איבער אייראָפּע נאָכן קריג, האָב איך געזוכט די שפּורן פון מיין ערשטן און נאָענטסטן יוגנט־חבר ברוך און זיי ענדלעך געפונען אין די העלע זאַמדן פון דער פראַנצויזישער ריוויערא.

נאָך אין יאָר 1944, ווען קיין ניו־יאָרק האָבן אָנגעהויבן אָנקומען דעלעגאַטן פון פראַנצויזישן יידנטום, האָב איך געפרעגט איינעם פון זיי, פריינט טאָפּיאַל, אַ פירער פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג, צי וויים ער עפּעס וועגן דעם גורל פון ברוך ראָזענטאַל. ער האָט זיך באַמיט צו דער־מאָנען און פּלוצלינג האָט זיין געזיכט אויפגעלויכטן:

„אָט דער ראָזענטאַל, דאָס איז דאָך געווען א וווּנדערבאַרע געש־טאַלט! שטעלט זיך פאָר, אַז אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז צו אונדז אויף דער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר אין שטאָט ליאָן געקומען אַ הויכער דיקער מאַן מיט אַ פראַנצויזיש בערדל, וועלכע האָט גאַרנישט געזאָגט וועגן זיין יידישקייט. אַזוי ווי אָבער ער האָט געוווּסט דעם סימן, האָבן מיר אים אויפגענומען. ער איז געקומען אַלס שליח מיט ידיעות פון מאַרסעילער אונטערגרונט. ווייסט איר, וואָס זענען געווען זיינע ערשטע ווערטער אין יענעם נעפּלדיקן פאַרטאָג: „צי האָט איר, חברים, טלית און תפילין, איך האָב נאָך היינט נישט געדאַוונט".

אָט דאָס איז געווען ברוך! יעדעס יאָר כמעט פאַר דער מלחמה, ווען איך פלעג דורכפאָרן פּאַריז, האָב איך באַזוכט זיין באַשיידענע וווינונג אויף פעטער מישעל גאַס נעבן לאַטיינישן קוואַרטאַל. דאָרט, האָב איך געוווּסט, וועל איך ווידער אַמאָל געפינען זיך אַליין, די טראַדיציע פון מיין פאָטערס שטוב, די אַטמאָספערע פון נישט געקינסטלטער יידישקייט.

ברוך ראָזענטאַל איז געווען אַ וויכטיקער באַאַמטער אין דער פּיק"א, אין באַראָן ראָטשילדס ארץ ישראל אונטערנעמונגען. זיין פראַנצויזיש רעדן איז געווען אָן דעם מינדעסטן אַקצענט און אַזוי פּערפעקט איז אויך געווען זיין העברעאיש, ענגליש און רוסיש. ווער רעדט נאָך קערנדיקער

ליטווישער יידיש? ברוך איז געווען טראַדיציאָנעל פרום, אָבער מיט אַ סיסטעם און מיט אַ פאַנאַטישער איבערצייגונג, אַז נאָר אין דער יידישער תורה זענען באַהאַלטן אַלע אמתן און אַלע תשובות פון וועלט־קיום. פאַר אים איז גאָר קיין פראַגע נישט געווען פון „יהרג ואל יעבור", ער איז גרייט געווען צוליב אַ קוצו של־יוד מקריב צו זיין זיין פּרנסה און אפילו זיין לעבן.

אין ערשטן יאָר פון זיין אַרבעט מיטן „נדיב הידוע", באַראָן ראָט־שילד, איז ער ביי־געשטאַנען אַ נסיון, צוליב וועלכן ער האָט געקענט פאַר־לירן זיין חיונה. איינמאָל אַ שבת גאַנץ פרי טעלעפאָנירט פון ראָטשילדס פּאַלאַץ דער פאַרוואַלטער מסיע וואָלף מיט אַ דרינגנדער פאָדערונג, אַז ברוך זאָל זאָפאָרט קומען אין פּאַלאַץ, ווייל דער אַלטער באַראָן ווינטשט איבערצוקוקן אַ רייע פּאַפּירן, וועלכע זענען גראַד פאַרשלאָסן געוואָרן אין ראָזענטאַלס שופלאָד. שבת האָט ברוך אויפן טעלעפאָן נישט גערעדט, אָבער ער הייסט ענטפערן דורך זיין טעכטערל, אַז פון זיין וווינונג ביז די „עליזעאישע פעלדער", וווּ ראָטשילד וווינט, איז אַ מהלך פון אייניקע שטונדן און ווייל ער פאָרט נישט שבת, קען ער קומען נאָר צו פוס... אָבער וואָס איז די פּעולה? ער טראָגט נישט שבת אין פּאַריז; וועט ער דאָך דעם שליסל נישט קענען מיט זיך ברענגען...

פון יענער זייט טעלעפאָן קאָכט זיך מסיע וואָלף אויף אַזאַ „חוצפּה". סטייטש, דער באַראָן אַליין וויל זיך באַקענען מיט די פּאַפּירן און אויך אויסהערן ראָזענטאַלס אויפקלערונגען, אָבער ברוך הייסט ענטפערן, אַז היינט איז דער הייליקער שבת, און ער איז זיכער, אַז ווען דער באַראָן אַליין וועט אויסהערן די סיבה, פאַרוואָס ער קען באַלד נישט קומען, וועט ער אים פאַרשטיין און מוחל זיין. און אַזוי איז טאַקע געשען: ווען מען האָט דעם באַראָן ראַפּאָרטירט די געשיכטע, האָט ער מיט אַנטציקונג געבעטן, מען זאָל אים מאָנטיק ברענגען דעם דאָזיקן מערקווירדיקן ברוך... זיי האָבן זיך געטראָפן און ער האָט אים גלייך פאַרזענלעך באַשטימט פאַר איינעם פון די פּיק"אַ סעקרעטאַרן מיט אַ העכערן געהאַלט... „וגם ברוך תהיה" — האָט דער אַלטער באַראָן צוגעגעבן...

ברוך האָט יעדן טאָג אַריינגעקוקט אין אַ ספר. דער שבת איז געווען געווידמעט גמרא־לערנען (צוזאַמען מיטן פּאַריזער רב ליבערמאַן).

ווען איך פלעג אים בעת אונדזערע אינטימע געשפּרעכן אַ פרעג טון:

— „זאָג מיר, ברוך, דעם אמת, מיר האָבן זיך דאָך ביידע דערצויגן, זיך געלערנט, פאַרבראַכט טאָג־טעגלעך נישט צעשיידטערהייט אונדזערע קינדערישע יאָרן אין ביאַליסטאָק, איך געדענק, אַז דו ביסט דאַן גאָרנישט געווען פרום. אַט אַזוי ווי יעדער באַלעבאַטישער ייִנגל האָבן מיר אויסגע־טראָגן אַ געוויסן יאָך פון מצוות, אָבער נאָך מער צוגעזינדיקט מיט אַריינגנבענען אַ דאַוונען, מיט פלייִשיקס און כדומה אַזעלכע פּריסטע יוגנט־חטאים... וואָס האָט דיך געבראַכט צום איבערברוך אין דיין לעבנס־אָנשויאונג״.

ברוך האָט אַזוי ווי אומגערן געענטפערט:

— מיין באַקענען זיך און אומקערן זיך צום גאָט פון ישׂראל און זיינע מצוות איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען דו ביסט געווען אין רוסלאַנד. אַ שווערע האַלדז־קראַנקהייט האָט מיך צוגעשמידט צום בעט. איך האָב מער ווי אַ יאָר נישט געקענט רעדן... בין איך געלעגן דאַן אין סאָסנאָוון וואַלד נעבן ביאַליסטאָק און צייט געהאַט צו קוקן לאַנג־לאַנג מיט אָפענע אויגן אויף גאָטס נאַטור. איך האָב געשלונגען דאַן די פילאָזאָפישע בי־כער פון העגעל און בערגסאָן און אויך זיך נישט געשיידט מיט די ביכער פון אונדזער אַלטן קוואַל... די גרעסטע ווירקונג האָט גראָד געהאַט אויף מיר בערגסאָן, כאָטש אין אָנהויב האָב איך איבערהויפּט ווייניק פאַר־שטאַנען פון די פילאָזאָפישע סיסטעמען. אָבער פּלוצלינג האָט זיך עפּעס אַזוי ווי אַ ליכט פאַר מיינע אויגן געעפנט. איך האָב געפונען די שליס־לען צו דער אייביקייט; זיי זענען געווען באַהאַלטן אין ערב־פרילינג פון אויפוואַכנדיקן וואַלד. ווען קיינער איז נישט געווען אַרום מיר, נאָר קוואַקענדיקע, טאַנצנדיקע זשאַבעס און פייגעלעך, וועלכע זענען צוריקגע־קומען צו זייערע נעסטן פון די וואַרעמע לענדער. איך האָב דערזען און דערפילט די גרויסקייט און מעכטיקייט פון בורא־עולם, וואָס האָט אַריינ־געגעבן פאַרשטאַנד און געזונטן אינסטינקט די קלענסטע ווערימלעך... איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אין די דרייעקיקע טויזנט־פייגלדיקע הימל־קאַראַוואַנען, וואָס קומען צוריק פון ווייטן מצרים צו זייער׳ע היימען אין ביאַליסטאָקער וואַלד, רוט די שכינה, וואָס פירט זיי מיט שכל. ווערטער

פון תהילים פלעגן זיך אַרױסרײַסן פון מײַן מױל: „װי גרױס זענען דײַנע מעשׂים, אָ גאָט!״ „װי קלײן איז אונדזער מענטשלעכער מאַרך צו פאַרשטײן אָט די גראַנדיעזע פּראָצעסן, װאָס קומען פאָר אין װעלט־רױם, אין קאָסמאָס! װי קלײן און נישטיק זענען מיר אַלײן, דער מענטשן־מין! איך האָב דאָן באַשלאָסן קאַפּיטולירן, ס׳הײסט, זיך אונטערגעבן דעם רבונו של עולם און זײַנע געזעצן. ע ר װײס מער, ע ר װעט מיך פירן אין גלײַכן װעג... און אַז איך האָב אָנגענומען דעם באַשלוס, האָב איך געפילט, אַז איך האָב פאַרשטאַנען דעם זין פון ייִדיש לעבן: גײן אין דרכים פון מײַן טאַטן און פון מײַנע זײדעס... נישט אָפּקערן זיך רעכטס אָדער לינקס... איך האָב געפילט, אַז עס קומען צו מיר װידער צוריק די לעבנס־זאַפטן, מײַן לעבנס־לוסט. איך האָב אָנגעהױבן צו רעדן אַלץ בעסער און קלאָרער. איך בין צוזאַמען מיט סאָניען, מײַן װײַב, אַװעק צוריק קײן פּאַריז, װו, װי דו װײסט, איך האָב נאָך פריער געענדיקט די סאָרבאָנע אױף אַדװאָקאַט און זיך פאַרנומען צו לעבן אױף מײַן נײַעם שטײגער. װי דו זעסט, העלפט מיר דער השם יתברך, איך האָב אַ פײַנע הײם, פײַנע קינדער״...

נו, יאָ! ברוך, דער גרױסער בעל־בטחון איז אָבער דאָך אומגעקומען אױפן בלוטיקן מזבח פון דריטן חורבן... װער קען באַגרײַפן די װעגן פון דער השגחה?

* * *

װען איך האָב נאָר װאָס געעפנט די אױגן אױף גאָטס װעלט, כּדי עפּעס צו פאַרשטײן, מן הסתם בין איך דאַן אַלט געװען אַ יאָר פיר־פינף, האָב איך נעבן מײַן זײַט דערזען אַ ייִנגעלע. ברוך האָט מען אים גערופן.

דאָס איז געװען אױפן „מזרח שני״ פון לומדישן יחיאל נעכעס בית־המדרש. זײַט בײַ זײַט זענען אױך געשטאַנען אונדזערע טאַטעס, ר׳ אברהם הלוי און שלמה הלוי, צװײ פײערדיקע ברונעטן, יונגע משׂכּילים, װעלכע זענען אײדעמס געװאָרן אין נגידישע הײזער. די זײדעס אונדזערע זענען געשטאַנען אױפן סאַמע מזרח און מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, נאָך זײער טױט, זענען אונדזערע טאַטעס געװאָרן דאָס „שײנדל״ פון יחוסדיקן בית־מדרש. דעמאָלסט זענען זײ שױן מער נישט געװען קײן ברונעטן

און די ייִנגלעך בײַ זייער זײַט — ברוכקע און חיימקע — זענען אויך דעמאָלסט געווען העט־העט ווײַט, אין די אוניווערסיטעטן פֿון פֿראַנקרייך און בעלגיע.

אָבער אַזוי פֿאַרביק־לעבעדיק שײַלט זיך אויס אין מײַן זכרון יענע קינדהייט צווישן בית־מדרש און חדר, וועלכע האָט אונדז פֿאַרבונדן שפּעטער אין אַ חבֿרשן קנופּ אויפֿן גאַנצן לעבן.

מיר זענען געווען זייער שטאָלץ, וואָס מיר שטעלן זיך אַוועק פֿאַרן דוכענען נעבן האַנט־פֿאַס און באַגיסן די הענט פֿון די כּהנים מיט דער קופּערנער קוואָרט, וואָס האָט פֿאַרמאָגט צוויי „אויערן". אָט דערנענטערן זיך צו אונדז די קליינע כּהנים, די „פּרחי כּהונה", אונדזערע חבֿרים. דאָ זענען מיר זיך, ווי געהעריק נוקם פֿאַר דעם כּבֿוד, וואָס איז זיי צוגעטיילט געוואָרן, מיטן בענטשן דאָס פֿאָלק ישׂראל... ווען די יחסנדיקע קינדער פֿון ר׳ זלמן ראַפּאָפּאָרט, חיים־הערש און שיקע שטרעקן אויס זייערע הענטלעך, מען זאָל זיי באַגיסן, גיב איך און ברוך אַ שטופּ די קוואָרט, פֿאַרגיס זייערע אַרבל און שקאַרפּעטקעס און אָנשטאָט דעם מילדן „יבֿרכך" שיסן די ייִנגלעך אַרויס גאָר אַ פֿאַרקערטע ברכה... צי געדענקט דאָס מײַן אייגענער חבֿר, דער שרײַבער און קריטיקער יהושע (שיקע) ראַפּאָפּאָרט, איצטער אין מעלבורן, אויסטראַליע?...

אָבער אין אַ געוויסן זין בין איך געווען אַ גרעסערער „יחסן", ווי ברוך. איך בין געבוירן געוואָרן אַ בּכור און באַנוצט זיך דאַן מיט די אַלע „הויכע" פּריווילעגיעס, וועלכע זענען מיר דורך דעם געגעבן געוואָרן. ערשטנס, האָט מען מיר געמאַכט ערבֿ פּסח אַ סיום פֿון אַ מסכתא, געגעסן דערבײַ לעקעך מיט בראַנפֿן און אַלע ייִנגלעך האָבן מיך מקנא געווען. און מײַן באָבע מאַשע, ע״ה, האָט אויך געגלייבט, ווי אַלע כּשרע ייִדענעס פֿון יענער צײַט, אַז איך אַלס בּכור פֿאַרמאָג אײַנגעבוירענע מעדיצינישע אייגנשאַפֿטן. איך קען, צום בײַשפּיל, „אָפּשפּרעכן אַ בייז אויג"... און אַזוי ווי די ערשטע טעג פֿון יעדער קראַנקהייט בײַ ייִדן האָט מען דאַן געהאַלטן אַלס אַ רעזולטאַט אַן „עין־הרע", האָט מען מיך באַנוצט אַלס דעם אוניווערסאַלן מיטל קעגן דעם: מען האָט מיך געפֿירט פֿאַרן הענטל צום שכּנס קינד, וואָס איז שלאַף געוואָרן, און געלערנט, איך זאָל דרײַ מאָל אַ בלאָז טון אין פּנים, און דרײַ מאָל אַ שפּײַ טון אויף דער ערד,

און אויב איך זאָג דערבײַ דרײַ מאָל דעם פּסוק „לישועתך קויתי", נעמט דאָס אָוועק די „בייז אויג".

מילא, האָב איך ווידער געהאַט אַ געלעגנהייט פֿאַר שקאָצערייַ: פּלעגט מען מיך, צום בײַשפּיל, שלעפּן „אָפּשפּרעכן די עין הרע" ביי מיין חבֿרל יוספּקע זאַבלודאָווסקי, מיט וועלכן מיר האָבן זיך שטענדיק געריסן, האָב איך ליב געהאַט פֿאַרבײַטן די יוצרות, און אָנשטאָט בלאָזן אין פּנים און שפּייען אויף דער ערד, פּלעג איך דאָס מאַכן פֿאַרקערט... יוספּקע פּלעגט מיך קנייפּן פֿאַר דעם, אָבער זײַן מאַמע האָט מיך געבענטשט מיט לאַנגע יאָרן...

כמעט אין אַלע חדרים זענען מיר מיט ברוכן געגאַנגען צוזאַמען. די מלמדים אין דעמאָלסטדיקן ביאַליסטאָק האָבן זיך אין אונדזערע ייִנגלשע אויגן פֿונאַנדערגעטיילט אויף פֿאַלגנדיקע קאַטעגאָריעס: ביים רעפֿאָר־מירטן רוויזאַקן שלאָגט מען די קינדער נאָר מיט די הילצערנע „לינייקעס" איבער די הענט; ישׂראל סעלצער שמייסט צוזאַמען מיטן באַהעלפֿער, דערבײַ לאָזט מען אַראָפּ די תּחתּונים... ר' לייזער שמייסט נישט אויפֿן נאַקעטן קערפּער, נאָר אויף די הויזן; ר' יעקבֿ רובינשטיין גיט ווייטיק־דיקע „פּעטשלעך" מיט דער לינקער האַנט; און ר' שמואל ראַדאַק שלאָגט מיט די קולאַקעס אין קאַרק און שילט דערבײַ מיט טויטע קללות...

מיר האָבן אויך דעם ערשטן מאָל אין לעבן דערזען, ווי אונדזער מלמד ישׂראל שלאָגט מערדעריש זײַן ווײַב די „רביצין" און יעדן טאָג שלעפּט ער זי צו אַ גט, אָבער זי וויל נישט גיין... פּלעגן מיר קומען אין שטוב, זיך שפּילן אין אַ „גט" און דערבײַ רייסן פֿאַר די צעפּ אונדזערע אומשולדיקע שוועסטערלעך, שילטנדיק זיי מיט אַזעלכע קללות, אַז מ'האָט זיך אין שטוב פֿאַרן קאָפּ געכאַפּט, פֿון וואַנען קענען מיר אַזעלכע אויס־דריקן פֿון אַ מאַן־און־ווײַב ווערטער־בוך.

נאָכהער האָבן מיר געלייענט העברעאיש, אָבער ווען איך האָב געבראַכט מיין „מרחב הספרות", אַן אַנטאָלאָגיע אַזאַ, אין חדר און דער מלמד האָט דאָרט געפֿונען שטיקער אויסצוגן פֿון „אהבת ציון" און סמאָלענסקינס „עיט צבֿוע", האָט ער געכאַפּט דאָס בוך מיט די גאָלדענע אותיות אויף די ברוינע טאָוולען און דאָס אַלץ אַרײַנגעוואָרפֿן אין ברע־נענדיקן אויוון... איך האָב ביטער געוויינט. אין שטוב האָט מיין פֿאָטער

פאַרביסן די ליפּן, אָבער קיין שלעכטס אויף קיין מלמד נישט גערעדט. איך האָב אָבער געהערט, ווי ער האָט געזאָגט דעם זיידן, אַז נאָכן זמן וועט מען מיך אָפּנעמען פון דעם חדר און אַריינגעבן צו ר׳ שמואלן... אָבער וואָס איז די פּעולה? איך האָב דאָך געוווסט, אַז ר׳ שמואל שלאָגט אין קאַרק פון הינטן... עפּעס אַ בונט האָט זיך דאַן פונאַנדערגעפלאַקערט ביי מיר און ביי ברוכן. מיר האָבן גערעדט „על השם ועל משיחו״... „ניין! — האָבן מיר באַשלאָסן — מען ברענט נישט יידישע שרייבערס. דאָס קענען טון אַפריקאַנער „זולוסן״, אָבער נישט קיין ייד מיט אַ באָרד און פאות״...

ברוך האָט פאָרגעלייגט: „ווייסט, לאָמיר ווערן אפּיקורסים! סיי ווי סיי וועלן די טאַטעס אונדזערע טראָגן אונדזערע עבירות (מיר זענען אַלט געווען צוועלף יאָר), אויף זייער חשבון קען מען דערווייל לעבן אַ טאָג״...

און מיר האָבן אָנגעהויבן זינדיקן. שבת, נאָכן פעטן מאָלצייט, זענען מיר גלייך געלאָפן אויפן וועג צום וואַלד, ווו גויאישע משרתים ביי יידישע קרעמערקעס האָבן פאַרקויפט דעם אויסגעבענקטן אייז־קרעם „סאַכאַר־מאָראָזש״, מילכיקע און שאָקאָלאַדנע... אַ טאָפּלטע עבירה פאַרדינט, אַי געהאַלטן געלט אום שבת (פאַרשטעקט אַ זילבערנעם צענערל אין אַרבע־כנפות קעשענע...) אַי געפרעסן מילכיקס באַלד נאָך פליישיקס.

מיר האָבן אפּיקורסישע ביכלעך געלייענט, ווו מען לאַכט אָפּ פון שדים, פון לצים, פון נישט־גוטע, וועלכע האָבן, לויט דער רייכער פאַנ־טאַזיע פון די יידענעס אַרום אונדז פּשוט אָנגעפילט אַלע פינצטערע טרעפּן, הייף און דעם פּאָליש פון בית־מדרש יעדן שבת־צו־נאַכט נאָך הבדלה...

די באָבע אַליין האָט זיך נישט געקענט דערשטופּן דורך דעם עולם אויפן הויף און פערזענלעך אָנקוקן די שדים, אָבער אַנדערע יידענעס האָבן דאָס געזען. זיי האָבן אפילו זיך געשוווירן דערביי, אַז זיי זאָלן אַזוי דערלעבן דערזען אַלדאָס גוטס אויף יידן, ווי זיי האָבן אָנגעקוקט די שדים אין דעם וואַפנע־קאַסטן.

איז אָבער איינמאָל געקומען ברוכס באָבע פון יאַטקע־געסל און דערציילט, אַז ביי ר׳ אליה־מלכן אויפן הויף, ווו מען בויט אַ נייעם מויער, האָט מען היינט געפונען אין אַ קאַסטן מיט געלאָשענע וואַפנע צוויי

טויטע שדים... אָנגעטון אין ווייסן, מיט צילינדערלעך אויף די הערנערישע קעפּ און מיט פערדישע קאָפּיטעס.

לויף איך מיט ברוכן צו ר׳ אליה־מלכס הויף, כדי זיך צו „איבער־ציינגן״. קעגן אונדזערע דערוואַרטונגען איז דער הויף כמעט פּוסט. נאָר אין ווינקל שטייען אַ פּאָר מוליאַרעס און מישן קאַלך מיט וואַסער. דער־נענטערן מיר זיך נישט דרייסט צו זיי און ווילן אַריינקוקן אין די קאַסטנס. ווענדט זיך אויפפאַלנד־העפלעך צו אונדז דער ייִנגערער ייִדישער מוליאַר: „ברוך־הבא, יונגע לייטלעך, געקומען אוודאי אָנקוקן די שדים? אדרבא, מיר וועלן זיי אייך ווייזן מיטן „שענסטן בזיון״. קומט צו נענטער, אָט אַזוי, קונדסים״...

און ווי מיר בייגן זיך אַזוי איבער דעם קאַסטן, גיט אונדז דער יונג אַ גאָס אָפּ מיט אַ קעלניע נאַסן קאַלך... מיר לויפן, און ער שרייט נאָך הינטער אונדז: „זאָגט אָן אייערע חדר־ייִנגלעך, זיי זאָלן קומען צו פּיניע לץ נאָך פאַרקאַלכטע שדים״...

ווייסן מיר שוין, הייסט דאָס, אויף געוויס, אַז קיין שדים זענען נישטאָ און אויך ווי עס זעט אויס אַ ביאַליסטאָקער לץ...

* * *

און אָט בייטן זיך שנעל די בילדער פון לעבן: נאָך בר־מצוה לערנען מיר ביידע גמרא מיט מפרשים ביי מלמדים, וואָס קומען צו אונדז אין שטוב. עס קומען אויך רוסישע לערער און איך פאַרבאַרייט זיך אַריינ־טרעטן אין רעאַל־שולע. ברוך אָבער לערנט וועלטלעכע למודים אַליין אויפן בוידעם־שטיבל פון זיין זיידנס הויז. חברה ייִנגלעך וואַנדערן זיך מיט וואָס פאַר אַ שנעלקייט ער זאַפּט אין זיך איין דעם שווערן גימנאַזיע־קורס און נאָך שפּראַכן דערצו. אָט לערנט ער ענגליש דורכן תנ״ך און פאַר־שטייט דעריבער יעדן פּסוק. פראַנצויזיש שלינגט ער איין דורך די לייכט־זיניקע ביכער פון די דומאַס און דורכן רעאַליסטישן עמיל זאָלאַ.

אַנדערע ייִנגלעך טרעפן זיך מיט מיידלעך פון זייער גלייכן און עס אַנטוויקלען זיך קינדערשע ראָמאַנען. אין די אָוונטן אין שטאָט־גאָרטן לויפן מיר נאָך די „גימנאַזיסטקעס״. דעמאָלט זענען געווען „אין דער

מאָדע״ די וואָלאָברינקעס, די ניעוויאַדאָוועס. ברוך אָבער גייט נישט מיט קיין מיידלעך, ער פאַרטיפט זיך אַלץ מער אין לערנען און באַטראַכט אונדזערע שטיפעריייען מיט אַ שמייכל פון מיטגעפיל.

דעם זעלבן יאָר, ווען איך ענדיק די רעאַל־שולע, גייט ברוך אָפּ גלענצנד זיין עקזאַמען אַלס „עקסטערן״ פון אַכט קלאַסן אין גראָדנער גימ־נאַזיע. מיר באַשטימען ביידע צו פאָרן קיין פראַנקרייך פאָרזעצן אונדזער בילדונג. אָבער דערצו פאָדערט זיך אַן אויסלענדישער פּאַס, און ברוך גייט אַוועק אין ביוראָ פון די פּרייַלינס קאַראַפּיאָל, וועלכע האָבן פאַר־בינדונגען מיט דער מאַכט, כדי צו פאַרשנעלערן דאָס אַרויסגעבן פון פּאַס. ער גייט דאָרטן איין מאָל, צוויי מאָל... איך באַמערק עפּעס אַן ענדערונג אין זיין גאַנצער האַלטונג. ער לאַכט, ער דערציילט וויצן.

„ברוך — זאָג איך צו אים איינמאָל, ווען זיינע אויגן האָבן באַזונ־דערס געלויכטן — וואָס גייסטו עפּעס יעדן טאָג צו די קאַראַפּיאָלס? נישט שוין זשע איינע פון די טעכטער?״

ברוך ענטפערט מיטן פילאָזאָף קאַטאָס ווערטער: „איך בין אַ מענטש, און אַלץ וואָס איז מענטשלעך, איז מיר נישט פרעמד.״

הייב איך שוין אָן עפּעס חושד צו זיין און פרעג ווייטער: „ווו ווער־סטו פאַרפאַלן די אָוונטן, מיט וועמען?״

ענטפערט ברוך מיט ביאַליקס „הכניסיני״:

— ועוד רז אחד לך אתודה: נפשי נשרפה באהבה״... (און נאָך אַ סוד וועל איך דיר אַנטדעקן: מיין נשמה ווערט פאַרברענט אין ליבע...).

— „אַזוי גאָר, מזל־טוב, חבר! באַקומסטו כאָטש נדן אויך? די קאַ־ראַפּיאָלס פאַרמאָגן דאָך אַ פיינעם מויער?״

שמייכלט ברוך און זעצט ווידער פאָר זיינע תשובות מיט אַ פערז פון „ביז נהר־פרת״:

— „לא במהר ולא במתן, כי אם באהבה לך אתחתן״... (נישט מיט נדן און נישט מיט מתנות, נאָר דורך ליבע וועל איך זיך מתחתן זיין).

און אַזוי איז טאַקע געשען. קיין פּאַריז זענען מיר שוין געפאָרן נישט מיט ברוכן אַליין: אונדז האָט אויך באַגלייט די שוואַרצאויגיקע סאָניע, זיין שפּעטערדיקע טרייע לעבנס־באַגלייטערין ביזן טויט, ביזן סוף...

אונדז פאַרשלינגט די נייע וועלט, וועגן וועלכער מיר האָבן אַזוי

ליידנשאפטלעך געחלומט, ווען מיר זענען נאָך קינדער געווען. אָט זענען מיר אויף אַ באנקעט לכבוד דעם פּראָפעסאָר וויקטאָר באַש, און מאקס נאָרדוי אליין מיט זיין לייבן־קאָפּ איז טאָסטמייסטער. מיר הערן זיין רעדע צו באַשן אויף „דו". ער הייבט זי אָן מיט די הארציקע ווערטער: „מאָן שער ע גראנד אמי" (מיין טייערער און גרויסער פריינט).

מיר ווערן נתפּעל, ווען מיר קומען אין דער רוסישער ביבליאָטעק אויף אווענו דע גאָבלען 63 און מיר טרעפן דאָרטן רעוואָלוציאָנערן מיט וועלט־נעמען, וועלכע מען האָט אפילו נישט געטאָרט דערמאָנען אין אלטן רוס־לאנד.

„ווער זענען דאָס אָט די ביידע קאָכעדיקע יונגע לייט מיט די ציגן־בערדלעך, וועלכע האלטן זיך ביי די לאצן און דיספּוטירן אַזוי היים?"

איינער, דער הויכער, איז לעוו טראָצקי, דער צווייטער, אין די ברילן, איז אנאטאָלי לונאטשארסקי.

„און ווער זענען דאָס די ביידע ערלים מיט די קיילעכדיקע בערדלעך, וואָס זעען אוים ווי פּראָפעסאָרן און שמועסן דאָרטן שטיל אין אַ ווינקל?"

זיי זענען די פירער פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן וויקטאָר טשער־נאָוו און אקסענטיעוו...

מיר ווערן אלץ נתפּעל פון די מענטשן ארום און פון זיך אליין, וואָס עס איז אונדז באשערט געווען אזוי פיל נייעס צו זען. פון דעם קאַסטן מיט די „שדים" ביז דעם לאַטיין־קווארטאל אין פּאַריז איז ווירק־לעך אַ מהלך־רב.

נאכהער דערמאָן איך זיך אַ קליין בילדל אין „סאָרבאָנע", ווען מען האָט דאָרט באשטימט לעקציעס פון העברעאיש פאר גויים. מיר לויפן אָנקוקן ווי גויים לערנען עברי.

שטייט אויף דער טריבונע אַ יונגערמאנטשיק מיט אַ שפּיציק שווארץ בערדל און מאלעוועט מיט קרייד אויפן טאָוול אונדזער היימישן „אלף־בית". יונגע פראנצויזישע סטודענטן פרעגן קשיות. ווער איז דאָס דער מאָדערנער דרדקי מלמד אין „סאָרבאָנע"? דאָס איז פּראָפעסאָר נחום סלושץ, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין דעמאָלט געהערט. ער האָט דאָך אנטדעקט די שווארצע אביסיניער יידן, די פאלאשן... צוזאמען מיט אונדז זיצט אויף אַ באנק און „באראבאנעוועט" אומגעדולדיק מיט די פינגער אַ

יונגערמאן מיט ברענענדיק־שווארצע אויגן און א פעך־שווארצער באָרד. דאָס איז נישט קיין פראנצויז, וואָס איז געקומען לערנען עברי, נאָר דאָס איז פשוט זלמן שניאור, וועלכער וואַרט, אז נחום סלושץ זאָל ענדיקן די לעקציע, וועט מען צוזאמען ארויסגיין.

און אזוי גייען מיר מיט ברוכן דורך די אייראָפעאישע לענדער: דורך דער וועלט־אויסשטעלונג אין גענט, דורך די שניי־בערג אין דער שווייץ, דורך די ציכטיקע אָפּערעטן „יארמארקן״ אין האָלאנד...

מיר ווערן מיטגלידער אין די נאציאָנאל־סטודענטישע פאראיינען, מיר דעבאטירן ציוניזם און סאָציאליזם, ווייט־ווייט הינטער אונדז איז דער בית־המדרש מיט די טאטעס, מיט די לומדים און מיט משה־כאצקלען דעם תמעוואטן גלעזער, וועלכן מיר פלעגן מאכן א „פאָנפע״, ווען ער איז איינגעשלאָפן ביים תהילים: א פאפירל שארפן שמעק־טאבאק ארייני־געדרוקט אין נאָז האָט משה־כאצקלען שנעל וואך געמאכט...

קיין זאך האָט נישט געקענט פאָראויסזאָגן, אז אין ברוכן וועט פאָר־קומען דער גרויסער רעליגיעזער איבערברוך, און אז מער ווי 25 יאָר פון זיין באוווסטזיניק לעבן אין פראנקרייך, וועט ער ווידמען דאָס אויפ־האלטן דעם פלאם פון דער יידישער אמונה אין זינדיקן פאריז.

און אז עס איז געקומען דער לאַוואַל־היטלער־רעזשים, איז געווען נאָר נאַטירלעך, וואָס ברוך האָט מיטגעאַרבעט מיטן פראנצויזישן אונטער־גרונט. אָבער א טלית־קטן און תפילין האָט ער דאָך געברויכט יעדן טאָג ביזן סאמע לעצטן פרימאָרגן, ווען בוגדים האָבן אים און זיין פאמיליע דערשאָסן אויף דער גרענעץ פון פראנקרייך און איטאליע.

XXXV

מיינע זשורנאַליסטישע גלגולים

ווען איך באַמי זיך איצט אָנקוקן רעטראָספּעקטיוו די קרוב פופציק יאָר לעבן, וואָס איך געדענק, ווער איך איבערראַשט נישט נאָר פון די גרויזאַמע אויפטרייסלונגען און איבערלעבענישן, וועלכע זענען אויסגעפאַלן אויפן גורל פון די מענטשן פון אונדזער דור, נישט נאָר פון די וואַנדערונגען, פון די פּאָגראָמען, פון די מלחמות, פון די רעוואָלוציעס, דורך וועלכע מיר זענען דורכגעגאַנגען, נאָר אויך פון די אינערלעכע ענדערונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין לעבן פון דער יידישער משפחה, אין די באַגריפן אפילו פון יידישן קאָנסערוואַטיוון יחיד.

אָפטמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך לעב שוין הונדערטער יאָרן, אַז עס איז גאָר אומוואַרשיינלעך, אַז אין מער פון איין דור זאָלן מעגלעך זיין אַזויפיל בליצנדיקע געשעענישן, אַז אפשר בין איך שוין דערגאַנגען צו דער מדרגה פון רעאינקאַרנאַציע, ד. ה. פון אַ נשמה־איבערוואַנדערונג פון איינעם, וועלכער האָט געלעבט מיט דורות צוריק און דאָס צי איך אומבאַוווּסטזיניק דעם פאָדעם פון אַ לעבן, וועלכעס אַן אַנדערער האָט ערגעץ־ווו אָנגעפאַנגען... אויף וויפל איך האָב געקאָנט אויפקלייבן ידיעות פון מיינע עלטערנס־עלטערן ביז מיט פינף דורות צוריק, אָדער ביז דער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט, האָבן זיי זיך בשלום דורכגעגליטשט דורך די צעטיילונגען פון פוילן און ליטע, דורך די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, דורך ביידע „מיאַטעזשן” (אויפשטאַנדן); געמאַכט אפילו אַביסל געלט אין רוסיש־טערקישן קריג און די גרעסטע געשעעניש ביי זיי איז געווען די איבערוואַנדערונג פון אַלט־יחוסדיקן שטעטל זאַבלודאָווע, אָדער פון די פריצישע הייף, אין יונגן דאַן און דינאַמישן ביאַליסטאָק. גאַנץ קליינע

ענדערונגען זענען פאָרגעקומען אין זייער לעבנס־שטייגער, אין זייער פּסיכיק, אין זייער דערציִען קינדער...

דערמאָן איך זיך אָבער די שטוב, ווו איך בין געבוירן געוואָרן, זע איך זי סימבאָליש, ווי א ווינט פון דער צייט רייסט שטורמיש אירע פענצטער און טירן, ווי דער זיידע און די באָבע, דער טאַטע און די מאַמע פּרובירן איינהאַלטן די פענצטער, אָבער עס גיט זיך זיי נישט איין! דער ווינט רייסט זיך אריין, קערט אַלץ איבער אינעווייניק, נו, און שפּעטער, דאָס ווייסט איר שוין אַלע: אויך די הייזער זענען איבערגעקערט געוואָרן, צעשמעטערט און אָפּגעווישט פון אויבערפלאַך דורך די אומברחמנותדיקע יאָרן, וועלכע אונדז איז באשערט געווען איבערצולעבן.

* * *

אין אונדזער באַלעבאַטישער משפחה איז די שפּראַכן־פראגע געגאַנגען לויט אַן אָנגענומענער אין יענער צייט און ספּערע טראַדיציע: גערעדט האָט מען צווישן זיך און מיט די קינדער יידיש; געלערנט האָט מען תורה און גמרא אין אָריגינאַל, פּאַרטייטשנדיק אויף יידיש; געלייענט האָט מען העברעאיש, רוסיש, דייטש. לייענען אָבער יידישע ביכער, אָדער מעשיות, און ווער רעדט נאָך, אז מאַנסבילן זאָלן זיך איבערשרייבן אין דער יידישער שפּראַך, אָדער אין „זשאַרגאָן", ווי מיר אַליין האָבן גערופן אונדזער מוטער־שפּראַך, איז געהאַלטן געוואָרן פאַר עם־הארציש, אָדער אומווירדיק אפילו.

מיין באָבע מאַשע, וואָס איז געווען אַ זינגערין, האָט יאָ געקאָנט אויף אויסנווייניק אפילו לידער פון אליקום צונזער אָדער פון אונדזער היימישן „סאָניע בדחן"; און מיין מאַמע פלעגט אפילו גיין אין „האַר־מאָניע"־טעאַטער זען מישא פישזאָן אָדער ספּיוואַקאָווסקין, ווען זיי האָבן געשפּילט די באַוווּסטע „דייטשע" אָפּערעטן „בר כוכבא", „שולמית" און „באָבע יאכנע" (טעאַטער אויף יידיש איז דאַן נישט דערלויבט געווען). אָבער אַז אַ מאַנסביל פון אונדזער פאַמיליע זאָל גיין אָנקוקן אָט די אַלע „האָפּקעס", דאָס וואָלט שוין מיין פרומער און בכבודיקער טאַטע געהאַלטן פאַר אַ סקאַנדאַל. עס איז אַ נס נאָר, וואָס איך בין אַלט געווען זעקס־

אין אָטוואָצקער פּענסיאָנאַט „עוונעניא"



אויפן בילד צוו. אנד. זרובבל, נ. שוואלבע, פרוי שאַשקעס, ד"ר ה. שאַשקעס
און דער דיכטער א. בארוכין פון לאָדזש.

זיבן יאָר און נישט געווען דעריבער פאַרעכנט פאַר א גאַנצן מאַנסביל, האָב איך אין דעם זכות אָנגעקוקט גאַנץ גאָלדפאַדנס רעפּערטואַר, און אַזאַ יאָר אויף מיר, עס האָט מיר דאָס שפּעטער גאָרנישט געשאַדט.

זייענדיק אַ קינד און „ראָיענדיק" זיך אין אונדזערע ביכער־שאַפעס, האָב איך אַמאָל געפונען דינעזאָנס „יאָסעלע" און דעם וואונדערבאַרן זאַמלבוך „הויז־פריינט", וועלכע איך האָב דורשטיק דורכגעלייענט און עד היום זענען זיי געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון. אָבער ווען מיין זיידע האָט באַמערקט, אַז איך לייען דאָס, האָט ער מיר פאַרזאָגט, איך זאָל וועגן דעם מיין טאַטן נישט דערציילן. שפּעטער האָב איך זיך דער־וווּסט, אַז מיין זיידע ר' לייזער ליפשיץ האָט אַמאָל אַליין געקויפט און געלייענט יידישע ביכער און געשמאַק באַזוכט דאָס יידישע טעאַטער, אָבער נאָכדעם ווי מיין טאַטע ר' אברהם איז „אָנגעקומען" אַלס איידעם פון זיין בת־יחידה, מיין מאַמען, האָט זיך דער שטאַט אין שטוב געענ־דערט: דער זיידע האָט שוין געלערנט, אָבער נישט געלייענט און „זשאַר־גאָן" האָט מען איבערגעלאָזן פאַר די ווייבער.

מיין טאַטע האָט געהאַלטן בשותפות מיט אונדזער שכן ר' נח זאב־לודאָווסקי (דער אַמאָל באַקאַנטער שריפטשטעלער בר־נש) צוויי צייטונ־גען: דעם „המליץ" און די רוסישע פּעטערבורגער צייטונג „נאָוואָסטי" נאָכהער, אַז מען האָט זיך דערוווּסט, אַז דער רעדאַקטאָר נאָטאָוויטש איז אַ משומד, האָבן זיי באַשלאָסן בייטן די רוסישע צייטונג אויף „ביר־זשעוויאַ וויעדאָמאָסטי", אָבער אַז אויך איר רעדאַקטאָר פּראָפּפּער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר אַ משומד, האָט מען שוין גאָרנישט גע־קענט העלפן: די דריטע צייטונג אין פּעטערבורג איז דאָך געווען די אַנטי־סעמיטישע „נאָוואָיע ווּרעמיאַ"...

פלעג איך גיין צו נח זאַבלודאָווסקין אָפּנעמען פאַר מיין טאַטן די צייטונגען און דערוויל לייענען די דעמאָלטדיקע ברענענדיקע טאָג־נייעס: דעם דרייפוס־פּראָצעס און די ענגליש־בורישע מלחמה. רוסיש לייענען האָב איך זיך טאַקע אויסגעלערנט פון דער פּעטערבורגער צייטונג, אָבער העברעאיש האָב איך שוין אַלס קינד געקאָנט נאַטירלעך און פליסיק און זיך געקוויקט מיט מאמרים און נייעסן, וואָס דער „המליץ" פלעגט ברענ־גען.

אגב, געדענק איך, אז מיר האָבן דאן אַלע פיינט געהאט ענגלאַנד, וועלכע איז אַנגעפאלן אויף די שוואכע און טיכטיקע בורן־רעפּובליקן טראַנסוואל און אַראַנזש און זיי מיט געוואַלט באַהערשט. מיין טאַטע פלעגט מיט צופרידנהייט דערציילן די נצחונות פון די בורישע גענעראַלן סמוטס און באָטע איבער דעם ענגלענדער קיטשנער.

דער יידישער פאָלקס־מענטש, וועלכער איז נישט ווייניקער אויפ־געברויזט געווען פון דער דרייפוס־אפערע, ווי די משכילים, וואָס האָבן געקאָנט לייענען ציימונגען, האָבן זיך געמוזט שפּייזן מיט די ברעקלעך נייעס, וועלכע מען האָט זיי דערציילט אין בית־המדרש אָדער אין גאַס. זיי פלעגן זיך צונויפזאמלען אין רעדלעך ארום די באַלעבאַטישע יידן מיט דעם „המליץ״, „הצפירה״ אָדער דער רוסישער ציימונג און שעלטנ־דיק אָדער בענטשנדיק אויסהערן די ידיעות וועגן שפּיאָן עסטערהאזי, וועגן די גרויסמוטיקע זאָלאַ און פּיקאַר און וועגן דרייפוסן, דעם אומ־גליקלעכן קרבן אויפן „טייוול אינדזל״.

כדי אָבער צו באַפרידיקן אָט די דורשטיקע נאָך נייעס פּשוטע יידן, האָבן זיך דאן באַוויזן מעשיות וועגן דרייפוסן אויף יידיש, געשיכטעס אויסגעטראַכטע און פאַנטאַסטישע, וועלכע זענען דערשינען יעדן פרייטיק אין דער פאָרעם פון בראָשורן אָן אַ סוף און אין פאָרזעצונגען און פלעגן פּשוט צעכאַפּט ווערן פון עולם פאַר פינף קאָפּיקעס אַ שטיק...

ערשט שפּעטער, בעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, האָט אָנגע־הויבן דערשיינען די ערשטע ציימונג אויף יידיש, דער הויך־קולטורעלער. אינטעליגענטישער „פריינט״.

תחילת האָבן זיך די משכילים, די באַלעבאַטישע לייענער, נישט געוואָלט אומקוקן אויף דער „זשאַרגאָנישער״ ציימונג.

דער ערשטער פאַרשפּרייטער אירער אין ביאַליסטאָק איז געווען בישקע דער עסיק־טרעגער, דער שפּעטער אזוי פּאָפּולערער ציימונגס־פאַרקויפער, וועלכער איז אומגעקומען אין געטאָ.

איך געדענק דעם קליינגעוויקסיקן, דאַריקנקן יידל מיט דעם שוואַרצן בערדל, וועלכער פלעגט קומען צו אונדז דורך דער קיך־איינגאַנג מיט אַ „געשנער״ עסיק, איינגעוויקלט אין אַ שטרויענעם שיידל.

נאָכן אָנגיסן דאָס קװערטל עסיק, פּלעגט ער אַרױסנעמען פֿון בוזים־קעשענע די „זשאַרגאָנישע" צײַטונג „פֿרײַנט" און בעטן זיך רחמים, מען זאָל זי קױפֿן אײַנגאַנצן פֿאַר דרײַ קאָפּיקעס. אָביסל האָט מען זיך געקרומט אָבער דאָך געקױפֿט, און דער רעזולטאַט איז געװען, אַז פֿרײַטיק־צו־נאַכטס בײַם טיש האָט שױן מײַן באָבע מאַשע געקאָנט דערגענצן זאָכ־לעך און לאָגיש די נײַעס, װעלכע מײַן טאַטע האָט דערצײלט פֿון זײַנע העבּרעאישע און רוסישע צײַטונגען. דער „מאָנאָפּאָל" איז געבראָכן גע־װאָרן: די צײַטונג מיט אירע װעלט־נײַעס איז אַרײַן אין „שוסטער־גאַס" און אין „װײַבער־שול"...

לױט מײַן מײנונג איז דאָן אין ייִדישן לעבן אין דער אַלטער הײם פֿאָרגעקומען אַ רעװאָלוציע נישט קלענער װי די, װאָס די דאַמף־מאַשין האָט אַרײַנגעטראָגן אין עקאָנאָמישן לעבן...

* * *

מײַנע אײגענע זשורנאַליסטישע עקספּערימענטן האָב איך אָנגעהױבן אין גמרא־חדר. דאָס איז געװען דער נאַטירלעכער קינדערשער דראַנג פֿון נאָכמאַכן די גרױסע. אונדזער „צײַטונג" האָט געהײסן „הקול" און, פֿאַרשטײט זיך, אַז איך האָב דאָן אָנגעשריבן אַ שאַרף אַרטיקעלע קעגן דעם „קעלבערן פּיסל", דאָס איז געװען דער דרײַ־לאָקשנדיקער קאַנטשיק, װעמענס הענטל איז באַצירט געװען מיט אַ געלער קעלבערנער קאָפּיטע, יעדער פּאָכע מיט די „לאָקשן" און יעדער שמיץ איבער דער פּלײצע האָט אי באַלײדיקט, אי װײ געטון. איך האָב זיך דאָן אױסגעדריקט, אַז די „װילדע" האָבן באַהאַנדלט „ראָבינזאָן קרוזאָ" מער אײדל, װי דער מלמד באַנעמט זיך מיט זײַנע גמרא־תּלמידים, בני־תּורה... זײדל, דעם רבינס ייִנגל, װאָס האָט אױך צוזאַמען געלערנט בײַ זײַן טאַטן דעם מלמד, האָט דערטראָגן זײַן מאַמען, װ אָ ס מען האָט געשריבן װעגן רבין, װעגן זײַן קאַנטשיק און װ ע ר האָט דאָס געטון...

פֿרײַטיק אין דער פֿרי איז פֿאָרגעקומען די „עקזעקוציע" איבערן יונגן, צװעלף־יעריקן „זשורנאַליסט". מען האָט אָפּגעלײדיקט דעם טיש פֿון די ספֿרים און בסדר און בהדרגה, אונטערברומענדיק דעם ניגון פֿון דער־

„עבודה": אחת, אחת ואחת, אחת ושתים"... האָט דער מלמד זיך דער־נענטערט צו מיר און פּרובירט מיך אויפהייבן און אָוועקלייגן... איך האָב זיך געווערט מיט אַלע כחות, געביסן די הענט פון מלמד, די אַנדערע יינגלעך האָבן דערווייל איבערגעקערט דעם אָנגעגרייטן טיש... בקיצור, דער צערייצטער און צעביסענער רבי האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט געבן מיר אַ פּאָר שמיץ מיטן „קאַנטשיק" איבער דער פּלייצע, נישט באַנוצנדיק די אַזוי גענאַרטע „לייב־שטראָף"...

ווען מיין פאָטער האָט זיך שפּעטער דערוווּסט פון דער מעשה, האָט ער מיך אָפּגענומען פון דעם חדר אין מיטן „זמן". אָבער מיין רע־פּוטאַציע אַלס „זשורנאַליסט", וועלכער האָט שוין געליטן פאַר זיינע אידעען", האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די חדר־יינגלעך אויף גומיענער גאַס.

יענעם ווינטער האָבן יינגלעך, גייענדיק אין די ווינטער־נעכט אַהיים, באַלייכטנדיק זייער וועג מיט בלעכערנע לאַמטערנעס, געזונגען אין אַ כאָר:

דער רבי איז געגאַנגען צווישן די זאַנגען
האָט ער די קילע אָנגעהאַנגען
דער רבי איז געפאָרן
צווישן די קאָרן
האָט ער די קילע אָנגעוואָרן...

פרילינג 1906 האָט נחום סאָקאָלאָוו אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין וואַרשע אַ צייטונג אויף יידיש אונטערן נאָמען „דער טעלעגראַף". מצד די העבראַיסטן האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל: סטייטש, נחום סאָ־קאָלאָוו אַליין, דער „כהן גדול" פון „הצפירה", דער מייסטער פון העב־רעאיש, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו „דינסטן" און שרייבט פאַר זיי אַ תחינה להבדיל. אַ שיין ביסל רדיפות איז דאַן סאָקאָלאָוו אויסגעשטאַנען, אָבער דער „טעלעגראַף" האָט דאָך דורכגעבראָכן אַ וועג פאַר דער צעבלי־טער, אין איניקע יאָרן אַרום, פּאָלקס־פּרעסע אין יידיש.

איך האָב דאַן פּרובירט שטעלן מיינע ערשטע שריט אין אַ צייטונג און אָנגעשריבן אַ רעפּאָרטאַזש, ווי אַזוי שכורע רוסישע סאָלדאַטן האָבן זיך געשלאָגן אויפן מאַרק מיט יידישע פרייוויליקע פייערלעשער, און די

לעצטע האָבן זיי געגייט אנטלויפן מיט חרפה. איך האָב זיך אונטערגע־שריבן „ש־קעס״, אָנגעקלעפּט אַ מאַרקע פאַר זיבן קאָפּיקעס און אָוועק־געשיקט דאָס אַרטיקעלע קיין וואַרשע. נאָר איך און מיין חבר ברוך ראָ־זענטאַל האָבן געוווסט וועגן דאָזיקן „געוואגטן״ שריט און ביידע האָבן מיר געוואַרט מיט קלאָפּנדיקע הערצער, וואָס וועלן די נעקסטע טעג ברענ־גען... און אָט האָב איך דערהערט איינמאָל אין אַ פרימאָרגן די האַסטיקע טריט פון מיין ליבן ברוך. ער איז אַריינגעלאָפן אין שטוב האַלטנדיק אין האַנט אַ נומער „טעלעגראַף״, וווּ אויף אַן אָנגעזען אָרט איז געדרוקט געווען מיין אַרטיקל אונטערן קעפּל: „יידישע פייערלעשער צעשלאָגן שיכורע יונים״...

„מזל־טוב דיר — האָט ברוך צוגעווינטשעוועט — אַ נייער זשור־נאַליסט צוגעקומען אין דער משפחה...״

איך בין געווען דאַן ווי אויפן „עולם־התוהו״, געלאָפן צום טאַטן אין געשעפט, געוויזן, אַז איך בין „געדרוקט״, אָבער קיין שום איינדרוק האָט דאָס אויף אים נישט געמאַכט: „ווייס איך עפּעס אַ מעשה וועגן אַ געשלעג אויף „זשאַרגאָן״; מאַי־קאָ־משמע לן?״

איך בין אָבער געבליבן ביי מיין באַשלוס: ווייטער שרייבן, דרוקן, פּאָרפּולקאָמען זיך; איך האָב פּלוצלינג דערפילט דעם „זיסן סם״ פון ווערן „פּאָפּולער״, פון אָרויפשווימען אויבל העכער אויפן צוגעגעסענעם זוויער־מילך פון מאָנאָטאָנעם לעבן...

איך קען זיך נישט איינהאַלטן צו דערציילן וועגן אַ כאַראַקטעריס־טישער מחלוקת, וועלכע איז פּאָרגעקומען צווישן מיר און מיין פאָטער מיט אַ יאָר צוויי פריער, איידער איך האָב געדרוקט מיין ערשטן רעפּאָר־טאַזש. דער העלד פון סכסוך איז געווען מיין אַמאָליקער חדר־חבר יעקב פּאָט.יאַנקעלע פּאָט, ווי מיר האָבן אים דעמאָלט גערופן, איז געווען אַ יינגל אַ בראַנד. זיין דאַווענען, זיין פרומקייט, זיין תורה־לערנען האָט נישט געהאַט צו זיך קיין גלייכן צווישן דער צעשטיפטער חבֿרה „שקצים״ פון ר׳ לייזערס חדר אויף דער יאַטקע גאַס.

זיין טאַטע, אַ פּשוטער אָרנטלעכער ייד, וועלכער האָט געהאַט אַ בלעכער־וואַרשטאַט און פון דעם געצויגן די שווערע יידישע חיונה, האָט זיך געמוטשעט שטאַרק אָנשטרענגען, כדי צו צאָלן דעם געגוג הויכן שכר־

לימוד אין באַלעבאַטישן חדר. אָבער יאַנקעלע איז ווערט געווען דאָס געלט; ער האָט זיך געשניטן אויף אַ למדן און אפשר גאָר אויף אַ רב. האָט מען אים דעריבער שנעל אַוועקגעשיקט אין קלעצקער ישיבה, ווו ער וועט קאָנען אַנטוויקלען אַלע זיינע פעאיקייטן און ווערן אַ „גדול בישראל״.

דאָס איז גראָד געווען דאַן, ווען מיר, זיינע חברים פון די פּאַרי־מעגלעכע פאַמיליעס האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן אַריינצוטרעטן אין די גימנאַזיעס; רוסישע און דייטשע לערערס זענען געקומען אין אונדזערע הייזער און מיר האָבן געלערנט די וועלטלעכע לימודים אָן היטלען... איינמאָל זיץ איך אַזוי אין שטוב און שטודיר אויף אויסנווייניק די טיפע חכמה פון פּושקינס ליד „דער דערטרונקענער״, גייט אַריין אין צימער מיין פאָטער, מיט אַ פּנים פינצטער פון אַ פאַרבאָרגענעם צער, ער הערט זיך צו ווי איך ווידערהאָל ווי אַ באַנומענער:

„טיאַטיאַ, טיאַטיאַ, נאַשי סיעטי
פּריטאַשטשילי מערטוועצאַ...״

(„טאַטע טאַטע, אונדזערע נעצן האָבן געכאַפּט אַ טויטן...״)

מיין טאַטע רייסט מיר איבער און גיט דערביי אַ זאָג: „איך האָב מורא, מיין זון, אַז דו ביסט גאָר דער געכאַפּטער אין זייערע נעצן... איך מוז דיר זאָגן, אַז איך האָב נאָר וואָס איבערגעלעבט אַ גרויסן „שבר לב״. דו געדענקסט דאָך געוויס דיין אַמאָליקן חבר יאַנקל פאַט. אָט האָב איך נאָר וואָס באַגעגנט זיין פאָטער. ער האָט מיך געבעטן איבערלייענען אַ העברעאישן בריוו, וועלכן ער האָט דערהאַלטן פון זיין געראָטענעם זון פון דער קלעצקער ישיבה. איך האָב געלייענט דעם פיינעם העברעאיש, דורכגעוועבט מיט מאמרי חז״ל, אַזוי פיל אמונה און בטחון אין רבש״ע באַגעגנט מען היינט גאָרנישט ביי יונגעלייט. און דער לשון, די האַנט־שריפט... איך האָב מקנא געווען יאַנקלס פאָטער, אָט דעם תמימותדיקן יידישן בעל מלאכה, וואָס האָט זיך געגלעט זיין גלע באָרד מיט נחת און געדאַנקט גאָט, וואָס זיין זון וואַקסט אַ רב, אַ גדול בישראל, נו, און וואָס האָב איך געדאַרפט זאָגן, מיט וואָס זיך באַרימען געקאָנט? אפשר מיט פּושקינס נעצן, וואָס האָבן געכאַפּט אַ טויטן?״

איך האָב דעמאָלט באמת מיטגעפילט מיין דערשלאָגענעם טאַטן,

וואָס גיט אוים אויף מיין דערציאונג אזוי פיל געלט און זעט נישט קיין תכלית, בעת אַט לערנט זיך פאר גראָשנס יאנקל פאט און וואקסט א גאון...

* * *

די כוואַליעס פון דער מעכטיקער רוסישער קולטור פארפלייצן מיך אויך: איך הייב אָן שרייבן אין רוסיש; א פּאָר לידלעך מיינע דרוקט שוין די צייטונג „גאָלאָס ביעלאָסטאָקסקי", איך ווער גאָר האָפערדיק ביי זיך און שיק צו אין דער זעלביקער צייטונג אַ קאָרעספּאָנדענץ פון סלאָנים, ווו איך האָב זיך דאָן געלערנט אין רעאַל־גימנאַזיע, וועגן דער לבנה, וואָס באַלייכט די בלאָטיקע גאסן, אנשטאט לאמטערנעס; וועגן שיכורים, וואָס ליגן אין די רינשטאָקן און „פארוויילן" די באפעלקערונג אנשטאָט א קולטורעלן טעאטער... כדי אָבער זיין לאָיאַל און נישט אלץ קריטיקירן, דערמאָן איך מיט לויב מיין שול־דירעקטאָר דעם „ווירקלעכן שטאטס־ראט" קאָזאקין, וועלכער טראָגט די שטראלן פון ליכטיקייט אין סלאָנימער פינצטערע נעכט..." וואָס טוט אָבער „הבחור הזעצער"? מען דרוקט אָפּ די פאמיליע פון זיין עקסעלענץ נישט קאָזאקין, נאָר קאקאקין... און אַז די צייטונג איז אָנגעקומען קיין סלאָנים מיט מיין אונטערשריפט אונטער דער „געפערלעכער" קריטיק און מיטן איבערגעדרייטן דירעקטאָרס נאָמען, וואָס האָט אויך אויסגעזען ווי חוזק, האָט מען מיך גענומען אויפן „צימבל".

„א יינגעלע, א יינגעלע, וואָס לערנט אין א רוסישער שולע, שרייבט נישט אין קיין צייטונגען, דארף נישט אָפּלאכן פון די „שטאָט־טאטעס"... מען האָט פאָראויסגעזאָגט, מען וועט מיך ארויסווארפן פון שולע, אָבער מיין דירעקטאָר קאָזאקין, א ליכטיקן גן עדן זאָל ער האָבן, האָט די זאך נישט גענומען צו ערנסט, האָט געשמייכלט אין זיין גרויער באָרד און געפסקנט, אז כל זמן איך טראָג דעם שילער־מונדיר, טאָר איך נישט שרייבן אין קיין צייטונגען. און מיט דעם האָט זיך דאָס געענדיקט.

מיט צוויי יאָר שפּעטער אלס סטודענט אין דער בעלגישער שטאָט גענט, בין איך געוואָרן סעקרעטאר פון ערשטן סטודענטישן זשורנאל אין

יידיש „דער יידישער סטודענט". איך וויל דערביי באמערקן די וווּנדער־באַרע דערשיינונג פון צוריקקערן זיך צו יידישקייט פון די טויזנטער אַסימילירטע יונגעלייט, וועלכע זענען געוואָרן סטודענטן אין די אויס־לענדישע אוניווערזיטעטן. מיר זענען געקומען אין פראנקרייך, בעלגיע, איטאַליע אָדער דייטשלאַנד אַסימילירטע מיט דער רוסישער שפּראַך, פאַרפרעמדטע פון אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן געווען מיט דער קינדהייט אין טאַטנס הויז. און דווקא דאָ, אין די סטודענטישע קאָלאָניעס, האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריקקער צום קוואַל, דער רענעסאַנס. עס האָט אויפ־געבליט דער „החבר", עס האָבן זיך פאַרמערט די סטודענטישע פאַראיי־נען פון אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען. מיר האָבן געהאַלטן פאַר א כבוד רעדן יידיש אויף פאַרזאַמלונגען, שרייבן אין יידיש אונדזערע אויפ־רופן.

דאָן, אין יאָר 1913, איז אויך דערשינען „דער יידישער סטודענט" אונטער דער רעדאַקציע פון י. ליפשיץ און פּאָדרוזשניק (ווו זענען זיי איצט ביידע?). דאָס איז געווען א באַדייטנדיקע קולטורעלע דערשיינונג און „בעל מחשבות" (דר. עליאשעוו) האָט דאַן געשריבן אין „פריינד": „איך באַגריס אייך, קאָלעגן, וואָס איר האָט דערלעבט צו אן אייגענער צייטשריפט; מיין דור סטודענטן האָט אַזא זכיה נישט געהאַט".

איך האָב דאַן פאַרעפנטלעכט אין „יידישן סטודענט" א שאַרפן אַרטיקל קעגן דער פּוילישער אינטעליגענץ און קעגן זייער בּאָיקאָט אויף יידן; צווישן אַנדערעס האָב איך זיך אויסגעדריקט: „מילא, ראָמאַן דמאָוו־סקי איז כאָטש א נאַקעטער כוליגאַן, אָבער דער פּראָפעסאָר יאַן קו־באַרזשעווסקי (א שפּעטערדיקער פּרעמיער־מיניסטער אין פּוילן) איז דאָך א כוליגאַן אין א פראַק און ווייסע הענטשקעס"...

א וואַרשעווער פּוילישע צייטונג האָט דאַן געבראַכט דעם ציטאַט מיט דער בייסנדיקער באַמערקונג: „יידישע סטודענטישע כוליגאַנעס זידלען פּוילישע שטאַטסלייט"...

איך דערצייל וועגן דעם אויך צוליב א מאָדנעם פינאַל, וועלכן די געשיכטע האָט געהאַט שוין מיט פיל, פיל יאָרן שפּעטער אין זאַל פון „קופּער יוניאָן" אין ניו יאָרק. עס איז געווען אין סעפּטעמבער 1940, אין ערשטן יאָרצייט־טאָג, ווען וואַרשע איז געפאַלן. פּוילישע און יידישע

רעדנער האָבן געלויבט די גבורה פון אַלע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג בײם פאַרטײדיקן וואַרשע. אויך איך בין דאָן געזעסן אויף דער טריבונע און זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון נאָר וואָס אַנטלאָפענעם פון וואַרשע פּראָפעסאָר יאַן קוכאַרזשעווסקי, וועלכער האָט אין זײַן רעדע ספּעציעל אונטערגעשטראָכן דעם אַנטײל פון ייִדן אין קאַמף פאַר וואַרשע. ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער זיך געזעצט נעבן מיר און שטיל אַ זאָג געטון: „איר האָט געזען, ווי הײם אַלע ייִדן אין זאַל האָבן אַפּלאָדירט מײַנע ווערטער? צי ווייסט איר, אַז מיט אַ יאָר פינף און דרײַסיק צוריק האָבן מיך ייִדישע סטודענטן גערופן „כוליגאַן אין אַ פראַק"?..

איך האַלט זיך קוים אײַן פון דערציילן, אַז איך ווייס נאָך מער, אַז איך קאָן אַפילו דעם מחבר פון דאָזיקן צונאָמען...

* * *

ווי אַ מעכטיקער שטורעם־ווינט האָט זיך דאָס געדרוקטע ייִדיש וואָרט אין אונדזער דור אַרײַנגעריסן דורך די קיכן אין די סאַלאָנען, געוואָרן דאָס אײַנערלעכע און אויסערלעכע געזאַנג פון הערצער און נשמות: מען האָט געוויינט ייִדיש, געלאַכט ייִדיש, גערעדט ייִדיש און געשטאָרבן ייִדיש... ווי ווייט דאַכט זיך מיר אוים יענע צײַט, ווען בישקע דער עסיק־טרעגער האָט זיך געבעטן בײַ מײַן באָבען, זי זאָל בײַ אים קויפן אַ צײַטונג דער „פרײַנד".

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספארקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אַלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספארקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספארקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספארקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן-שטאָט לובלין (אויספארקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן (אויספארקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספארקויפט)
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספארקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער-מאַרטירלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן ־ נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט.
40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פּאָלקס־לידער
44) ז. סעגאלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד״ר חיים שאָשקעס: א וועלט וואָס איז פארביי...

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
שלום אש: פּעטערבורג; ווארשע; מאָסקווע.
ש. איזבאן: פאמיליע קארפּ (ראָמאַן)
ר. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאמען (טאָג־בוך)
י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן
אברהם זאק: יאָרן אין וואנדער
ד״ר א. מוקדוני: מיינע באגעגענישן
יאָנאַס טורקאָוו: אין קאמף פארן לעבן
דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן)
בעלכאטאָוו (זאמל־בוך)

עס גרייט זיך צום דרוק:

פּנחס ביזבערג: שבת-יום-טובדיקע יידן
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאזאוויע
נח גריס: קינדער אינעם קאמף (דאָקומענטן)
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
קאַדיע מאלאדאָווסקי: אמאָל איז געווען...
ד״ר יצחק שיפּער: קאפּיטלען געשיכטע
יוסף אקרוטני: אין קלעם

פּרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

מרדכי שטריגלער שרייבט וועגן דעם בוך פון יאָנאס טור־קאָוו „אַזוי איז עס געווען" („אונדזער וואָרט", פּאַריז, דעם 29סטן אַפּריל 1948):

●

עס איז נישט מעגלעך צו שרייבן וועגן דעם בוך און נישט ווידמען א פּאָר ווערטער דעם פאַרלאַג, וועל־כער האָט דאָס בוך ארויסגעגעבן. דער שרייבער פון די שורות טוט עס ט ר אָ ץ ד ע ם, וואָס צוויי פון זיינע אייגענע ביכער זענען דערשינען אין זעלבן פאַרלאַג און עס קענען דאָ גענומען ווערן אין אכט סוביעקטיווע וואַרעמע געפילן. די איניציאַטיווע פון דאָזיקן פאַר־לאַג האָט אָבער באַוויזן אַזויפיל אויפצוטון אין משך פון א קורצער צייט, אז עס וואָלט געווען אַן עוולה פאַרבייצוגיין איבער דעם — הגם מען האָט שוין אַליין אויך א שטיקל „וויטן" שייכות צום ענין...

»«

א פּעאיקער, ענערגישער זשורנאַ־ליסט און שריפטשטעלער פון פוילן, מארק טורקאָוו, ווערט פאַרן קריג פאַרוואָגלט קיין ארגענטינע און עס

קומט אים אויס צו הערן אין די מלחמה־יאָרן די אַלע איוב־בשורות פון זיין היים. קאָכט אין אים דאָס האַרץ, ווייטיקט... אָבער העלפן דער־צו קען ער נישט. באַשליסט ער נאָר דאָס איינע, וואָס ער האַלט אַז מען קען: שטעלן דעם אומגעקומענעם פּוילישן יידנטום אַ שריפט־לעכע מצבה. זוכט ער זיך אויס נאָך אַ געטרייען מיטהעלפער און ענטוזיאַסט, אברהם מיטלבערג, און עס ווערט געבוירן אַ פאַרלאַג. נישט קיין אַנאָנימער, פיקטיווער פאַרלאַג, נאָר אַן ענין וואָס צעוואַקסט זיך אַלץ גרעסער און גרעסער און גיט אַרויס אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט אַ גאַנצע ביבליאָטעק. מיט וועלכע נסים? מיט דער עקשנות פון יחידים. מיט אומגעהויערע אָנשטרענגונגען האָבן די צוויי מענטשן, טורקאָוו און מיטלבערג, עס אָנגעהויבן און זעצן פאָר זייער טעטיקייט אָן דער ברייטער מיטהילף, סיי מאָראַליש און סיי מאַטעריעל פון דער — טראָץ אַלעם — גרויסער יידישער קולטור־וועלט. אַמאָל דערשיינט דאָ און דאָרט אַ וואַרעם אַרטיקל, אַ גינסטיקער אָפּרוף — אָבער די מאַטעריעלע הוצאות — און זיי זענען קאָלאָסאַלע — טראָגן אויף זיך די געציילטע יחידים. און דער שווער־אויסגעאַרבעטער נס פון אַ סטאַבילן יידישן פאַרלאַג אין אַרגענטינע — וועלכער שטייגט איבער מיט זיינע דערגרייכונגען אַ סך אַנדערע מיט אַ לענגערער עקזיסטענץ און מער מעגלעכקייטן — לעבט ווייטער. אין משך פון העכער צוויי יאָר זענען שוין דערשינען 30 בענדער! דאָס איז אַ פאַקט, וואָס רעדט מיט זיין רעאַליטעט מער ווי הונדערטער צוזאַמענפאָרן און רעדעס אָן אַ שיעור און אָן אַ מאָס. האָפנטלעך וועט מען דאָך אין דער יידישער וועלט געפינען דעם וועג פון קאָנקרעטער הילף פאַר די, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען אַזאַ שווערע קולטור־אויפגאַבע.

* *

דאָס 27סטע בוך פון דער סעריע ביים פּוילישן יידנטום אין אַרגענטינע איז פון יאָנאַס טורקאָוו אונטערן פילזאַגנדיקן נאָמען: „א ז וי איז עס געווען"... אַ פריש בוך וועגן חורבן וואַרשע.

נאַטירלעך זענען שוין דערשינען נישט ווייניק דאָקומענטאַרישע ווערק און אַרטיקלען איבער דער מוראדיקער תקופה און דעם אמת זאָגנדיק ווערט מען מיד פון די פאַרשידענע אויפפאַסונגען און באַלייכטונגען — אָפט אפילו — פון איינזייטיקן כאַראַקטער. נישט איינמאָל קומט אויס צו טראַכטן ביים לייענען געשריבענע זכרונות פון יענע צייטן:

— וועט דער לייענער, וואָס האָט

„עס״ נישט איבערגעלעבט, נישט
געזען — וועט ער קענען דערפון
האָבן אַ קלאָר, ערלעך בילד ווי־
אַ ז ו י און וואָס עס איז געשען?
עס האנדלט זיך נישט דערין אויב
איינער קען מער אַרויסברענגען
ק י נ ס ט ל ע ר י ש, מער
ק י נ ס ט ל ע ן אָדער נישט, נאָר
פשוט: א קלאָר בילד ו ו י אַ ז ו י
עס האָט אויסגעזען... און גאנץ אָפט
פ י ל ס ט ו אז — נ י ש ט. איז
דעריבער כדאי צו פארצייכענען ווע־
גן בוך פון יאָנאַס טורקאָוו: וועט
דער לייענער עס אדורכלייענען פון
אָנהויב ביזן סוף דאן וועט ער האָבן
אַ קלאָר בילד, וויסן אז — אַ ז ו י
איז עס געוועו!

» «

יאָנאַס טורקאָוו האָט זיך פאר־
מאָסטן צו שרייבן אַ גאנצע ריי מיט
א מ ת ן, ביטערע אמתן. שוין דער
נאָמען וויל עס זאָגן: אַ ז ו י איז
עס געוועו און — נישט אנדערש.
און דאָס בוך איז געשריבן אזויווי
איינער זעצט זיך אוועק דערציילן
אין א פשוטן טאָן פאר זיינע נאָענט־
סטע אַלץ וואָס מיט אים האָט פּאַ־
סירט אין שווערע טעג. ער זוכט
נישט צו „באַפּאַרבן״ צופיל די גע־
שעענישן, זיי אידעאיש צו פּריזירן
אין קינסטלעכע לאָקן. ס׳איז סתם
אזוי אַ קלאָר און רואיק איבערגעבן
זאכן ווי זיי זענען געוועו. עס איז
נישט אַרויסגעכאַפּט דאָ אַ ברעקל
און דאָרט אַ שפּליטער פון א גרופּן־
טעטיקייט; איר האָט ביי אים אן
אָנהויב און אַ סוף, מיט קלאָרע אָנ־
ווייזונגען: ד אָ ס איז געשען
דאָרט, ד ע ר האָט פארנומען יע־
נעם אמט און געטון דאָס און יענץ...
די טיפן־גאַלעריע, סיי פון דער נע־
גאַטיווער און סיי פון דער פּאָזיטי־
ווער זייט קומען אַרויס בולט, אומ־
געפעלשט און פארשטענדלעך־מענ־
טשלעך. ווען איר לייענט דערקענט
איר זיי און קענט זיך שאפן פון זיי
אַ קלאָר בילד און ווען איך האָב
אַדורכגעלייענט דאָס גאנצע בוך
האָט זיך ביי מיר געשאפן דער אויפ־
ריכטיקער איינדרוק, אז דאָ איז
ג אָ ר נ י ש ט א י ב ע רג ע־
ט ר י ב ן. און דאָס איז א גע־
פיל וואָס מ׳לעבט נישט אַזוי אָפט
איבער ביים שווימען און אריינגע־
זונקען זיין אינעם שריפטלעכן חורבן
תהום פון היינט.

» «

כמעט אַלע פון די ביז־איצט דער־
שינענע ביכער וועגן וואַרשע האָבן
דעם הויפּט־טראָפּ געלייגט אויף די
וויכטיקסטע עטאַפּן פון וואַרשעווער
געטאָ: די אויסזידלונגען, דעם אויפ־
שטאַנד און דער „אַרישער״ זייט.
אין „אַזוי איז עס געוועו״ ווערט
אָבער מיט גענויאיקייט איבערגעגע־
בן דאָס לעבן פון די „רואיקע״, אומ־

באמערקטע און אומבאשריבענע צייטן, פונעם געטאָ־בראשית.

עס קומען שילדערונגען פון דער צייט, ווען ס'איז אויפגעקומען דאָס טרויעריק־בארימטע „13טל" (יידישע געסטאַפּאָ־דינער) און יידישע פּאָליציי. עס מישן זיך אויס אונטערוועלט־לייט, אנאלפאבעטן מיט אינטעליגענץ — און טורקאָוו האָט מוט אָנצורופן אפילו די נעמען פון א סך, וועלכע זענען אונדז אמאָל באקאנט געווען פון א מענטשלעכער זייט — וואָס טראָגן זייער נשמה צו פארקויפן די גאנצווייכס און אנדערע פארעטער פאר א ביסן ברויט און פאר א קרישקע צווייפלהאפטע „זיכערקייט" און „רואיקער" לעבן... אוודאי טוט וויי, ווען ער דערציילט אונדז וועגן אזעלכע דינער פון „דרייצנטל" ווי די משפחה סיראָטא, דר. לייפונער, יהודה ווארשאוויאק... טורקאָוו שרייבט נישט וועגן קיינעם מיט קיין פארביסענעם „קרענקלעכן" האס (און דאָס איז דאָך אויך נאָך מער ווי בארעכטיקט!) נאָר מיט אַ רואיקן טאָן. ער דערלויבט זיך אפילו נישט צו פארהוילן די איינצלנע מ ע נ ט ש ל ע כ ע האנדלונגען פון אזא טיפּ ווי א „רעדאקטאָר" גאנצווייך אָדער זיין אנטיפּאָד: דער רויער יאָסל קאָפּיטא. ער וויל זיי זען פון אלע זייטן — דערפאר טאקע קומט אַרויס זיין דערציילן עכטער און פולער. אפשר דערפאר זעט מיר אויס טורקאָווס בוך ווי איינס פון די דאָקומענטן וואָס רופט אַרויס צוטרוי צו זיך און מען קען אַרויסנעמען די שטיקער אמת פון דאָרט, ווי גליענדיקע קוילן פון א פלאקערדיק פייער.

» «

מיר שטעלן זיך בכיוון נישט אָפּ אויף די געשעענישן גופא, וואָס ווערן באהאנדלט אין דאָזיקן איבער 500 זייטיקן בוך; די קאמפן צווישן די פארשידענע גרופּן פון פאררעטער, וואָס האָבן „קאָנקורירט" צווישן זיך אין „ליבע" און „געטריישאפט" צום הענקער, וועגן זייערע „נייגונגען" צו טון אויך גוטס, צדקה און ראטעווען מענטשן... די אומוואנדלונגען און דערנידערונגען פון אלערליי מענטשן ביים זוכן א מעגלעכקייט זיך צו ראטעווען... דאָס אלץ זענען דערשיינונגען, וועלכע מען מוז פאָרשן, דערגרונטעווען. מען מוז זיי אויך קענען זען אין טעקסט, ווי אזוי זיי ווערן געשילדערט און דאָס איז שוין די אויפגאבע פון לייענער ביים פארטראכטן זיך איבערן געלייענטן.

עס איז נאָר אינטערעסאנט אונטערצושטרייכן די שטארקע באהאווונטקייט פון מחבר אין דעם גאנצן פלאָנטער, דאָס גענויע געדענקען די הונדערטער און הונדערטער מענטשן,

אלץ וואָס זיי האָבן געטון און וועלכע פּאָזיציעס זיי האָבן פאַרנומען. דאָס בוך איז נישט געשריבן געוואָרן מיט דער שטרענגקייט פון א דאָקומענט, דערפאַר איז עס אָבער אַזוי אַרומנעמענדיק, אַז עס האָט אויף זיך דעם חותם פון א לעבעדיקן פּראָטאָקאָל, פון איינעם וואָס האָט אלץ צוגעזען און צוגעהערט פאַר שפּעטערדיקע צייטן.

„«

געשריבן אין אַן אינטים־פּערזענלעכן טאָן, וואַקסט אָבער דאָס גאַנצע בוך אַרויס צו א דאָקומענט פון אזא באַדייט, אַז וועלכן קיין היסטאָריקער און געשיכטע־פאָרשער וועט זיך נישט קענען באַגיין. אין דעם הינזיכט האָט טורקאָוו באמת איבערראַשט. ער האָט באַוויזן אַזויפיל פּרטים און דערקלערונגען אַנצוזאַמלען און זיי אַרויסברענגען, אַז נישט איינמאָל, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, וועט אונדז נאָך אויסקומען זיך אומצוקערן צו די פאַקטן, וואָס יאָנאַס טורקאָוו פאַראייביקט.

עס איז זיכער, אַז מיט דער צייט וועט די געשיכטע־פאָרשונג סעלעקציאָנירן דעם אומגעהויערן (אָבער דאָך נאָך אלץ אַזוי ווייניק) מאַטעריאַל וועגן דעם אונטערגאַנג פון א פאָלק, צווישן טויטן און גרויל. עס וועלן אויסגעקליבן ווערן זיילן פאַר יענעם היסטאָרישן בנין, וואָס הייסט: די געשיכטע — ווי זי איז געווען... און דאַן וועט זיכער דאָס בוך זיין איינס פון די וויכטיקסטע, פון וועלכן מ׳וועט קענען שעפּן דאָס מאַטעריאַל דערצו.

„«

כדאי אויך אונטערצושטרייכן די צאָלרייכע, אויטענטישע און געצייכנטע בילדער, וואָס גיבן צו דעם בוך זיין אימפּאָנירנדיקן כאַראַקטער. דער מאָראַלישער פאַרדינסט פון דעם פאַרלאַג ביי די פּוילישע יידן אין אַרגענטינע איז זיכער גרעסער געוואָרן מיטן אַרויסגעבן אין זיין סעריע נאָך א בוך, פון וועלכן מ׳קען א סך לערנען און דערוויסן זיך ווי אַזוי „עס" איז טאַקע אויף אַן אמת געווען...